STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10728

SHMAYE GAZLEN

Hirsh Polyanker

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

3-25

הערשל פּאָליאנקער

שמײַע גאולעב

(ראָמאן)

אָגיז
מעלוכע־פאַרלאג „דער עמעס"
1948

ערשטער טייל

שמײַע גאזלענ קערט ווערטנ

האָט איר עפּשער אמאָל געזענ א גאזלענ? א לעבעדיקנ גאזלענ? אויב יאָ, האָב איכ צו אײַכ א באקאָשע: זאָגט מיר, ווי זעט ער אויס? אויב איר האָט כאָטש אפּ צוויי גראָשנ דרעכ-ערעצ פאר א סאָלדאט, וואָס איז עט־לעכע יאָר אָפּגעלעגנ אינ די אָקאָפּעס, פארדינט צוויי „געאָרגיעס” מיט א מעדאל, געהאָלפנ אראָפּווארפנ דעמ „צאר־באטיושקא” אונ זיכ בעשאָלעמ אומגעקערט אהיימ, איז זאָגט מיר אויס דעמ סאָד: ווי זעט אויס א גאזלענ? איכ שווער אײַכ בא ווײַב־אונ־קינד, אז זינט איכ לעב אפּ דער וועלט, האָב איכ נאָכ ניט געזענ קיינ עמעסנ, קיינ לעבעדיקנ גאזלענ, כאָטש מיכ אליינ רופּט די גאנצע וועלט שמײַע גאזלענ.

שמײַע גאזלענ!.. מענטשנ האָבנ ליב צו לאכנ, נאָר בעעמעסנ, איכ וויס ניט, וואָס איז אזוי דער געלעכטער.

ווענ אלע גאזלאָנימ זאָלנ זײַנ אינ מיר געראָטנ, וואָלט געווענ א סאכ גרינגער צו לעבנ אפּ דער וועלט. מע וואָלט געקאָנט אָפּלעבנ רויִק מיט ווײַב־אונ־קינד, האנאָע האָבנ פונעמ לעבנ. דעמ גלאָווגע גאזלענ, דעמ קייסער. האָט מענ שוינ אראָפּגעמאָרדעוועט, איצט האָט זיכ די גאנצע קאָמפּאניע גאזלאָנימ א לאָז געטאָנ איבער ראסיי, ווי די פּאר־סאמטע מײַז, אונ מע רײַסט שטיקער לעבעדיקע פליישׂ!.. טוט אָבער א פרעג בא אונדז אינ שטעטל — איז גאָר ניטאָ קיינ אנדער גאזלענ אפּ דער וועלט, כוץ שמײַע גאזלענ. מע האָט זיכ אָנגעכאפּט אָנ א מענשטנ, אונ ניט אָנ קיינ פּאָשעטנ מענטשנ — א באלמעלאָכע, א בלעכער, א מענטש, וואָס איז אויסגעווענ, ווו די וועלט האָט אנ עק, ווו ערגעצ א פראָנט, אינ די קארפּאטנ, אינ די פּינסקער בלאָטעס — אונ מע לאכט, מע רײַסט זיכ די קישקעס... מע מיינט, אז ס'איז העפקער א וועלט!

פארוואָס אָבער קומט דאָס מיר, אז בעסאכאקל הייס איכ גאָר שײַע ספּיוואק אונ זינט איכ לעב אפּ דער וועלט, האָב איכ אומזיסט קיינעמ ניט אָנגערירט מיט קיינ פינגער, קיינעמ גלאט אזוי ניט אָנגעטאָנ קיינ

אומקאָוועד. הײַנט פֿרעג איך אײַך, וואָס פֿאַר אַ גאַזלען בין איך? ווי איז סאָוועסט?

מיט יאָרן צוריק האָבן אונדזערע נעגידים מיר צוגעקלעפּט דאָס שיינע צונעמעניש. וואָס איז? איך קאָן ניט פֿאַרטראָגן קיין אוולעס, איך האָב פֿײַנט אַ קרומע זאַך, איך זאָג דעם עמעס גלײַך אין די אויגן. זע איך אַ פֿאַלשקייט—בונטעווע איך. איך האָב ליב, עס זאָל זײַן יוישער אַף דער וועלט. איז וואָס, בין איך אַ גאַזלען?..

מיט די ווערטער האָט איינמאָל זיך געווענדט שמײַע גאַזלען צו אַ בעקאָוועדיקן גאַסט, וואָס איז אַראָפּגעקומען אין שטעטל, און אונדזער בלעכער, אַז ער באַגעגנט אַ מענטשן, וואָס קאָן מיט אים ריידן וועגן וועלט־זאַכן, ווערט ער גרעבער ווי לענגער. דערמאָנט ער זיך גאָר אין דער מילכאָמע, צעשפּילט זיך אין אים דער סאָלדאַט, זײַנע שוואַרצע אויגן צעשײַנען זיך, דאָס לענגלעכע ברוינע פּאָנעם צעשמעלצט זיך פֿון פֿאַרגעניגן, ער פֿאַרדרייט אַ גראָבן ציגאַר טוטין, שלאָגט אויס פֿון דער קרעסילע אַ ביסל פֿײַער, פֿאַרייכערט, פֿאַרוקט אַ ביסל אַף דער זײַט דאָס סאָלדאַטישע היטל, וואָס איז אין אָרט דורכגעשאָסן, צעשפּיליעט די אָפּגעבליאַקעוועטע כאַקענע סאָלדאַטישע גימנאַסטיאָרקע, שפּאַרט זיך צו אַף אַ שוועל, אַף אַ שטיין, ווו סע מאַכט זיך, און סע גייט אַוועק אַ סעדרע — מילכאָמע.

שמײַע גאַזלען פֿאַרקוקט זיך אין אַ זײַט, ווי ער זאָל זיך אין עפּעס וועלן דערמאָנען, מעסט אָפּ דעם מענטשן מיט אַן אויפֿמערקזאַמען בליק און טוט אַ ווײַז אָפּן עמער מיטן געצײַג, ווי אײַנער רעדט: דערציילן וועגן דער מילכאָמע דאַרף מען זיצן גאַנצע כאָדאָשים, און איצט האָב איך גראָד קיין צײַט ניט, ס'איז שוין האַלבער טאָג, און איך האָב נאָך הײַנט קיין צעבראָכענעם גילדן ניט פֿאַרדינט, און אין שטוב וואַרט אַ ווײַב מיט צוויי פּיקערס.

ער שמייכלט גוטמוטיק אונטער, פֿאַרציט זיך מיטן ציגאַר, און פֿאַר זײַן פּאָנעם וויקלט זיך אַ גאַנצער וואָלקן ווײַסער רויך.

— ווי איצט געדענק איך, — זאָגט שמײַע גאַזלען, — דאָס איז געווען אין די ערשטע טעג, ווען אונדזער „האַרציקער“ קייסער, דער צאַר־באַטיושקאַ, סע זאָל אים נאָר פֿונעם קיווער אַרויסמאַרדעווען, האָט אונדז געשיקט אַף דער מילכאָמע. ס'איז זומער־לעבן. די היץ איז גרויס, דער וועג איז אַ ווײַטער. דער שווייס רינט, און דו גייסט. מע פֿאַלט פֿון די פֿיס, די ביקס און די לאָפּעטע, די קאַסקע און די סקאַטקע, דאָס זעקל אַף די פּלייצעס מוליען אַף מעשוגע צו ווערן, נאָר מע גייט. דער צאַר האָט געהייסן, גייט מען. מע שלאָגט זיך אַרויס פֿון די קויכעס, מע איז

טויט-הונגעריק, שלעפעריק, אויסגעמאטערט, מע גייט אונ מע ווייסט ניט, פאר וועמענס זינד מע דארפ דאָס אָפקומענ.

אונ ס'איז אזא שיינער אונ טײַערער זומער — א מעכײַע! אינ פעלד זשומענ די זאנגענ, אונ די פייגעלעכ צוויטשענ, די רייכעס פונ די גראָזנ פארשיקערנ מאמעש, דער הימל איז לויטער, בלאָוו, דו קוקסט זיכ ארומ אפ דער שיינער וועלט, אונ דו דערמאָנסט זיכ, אז דו דארפסט גיינ אינ פײַער דעמ טויט אנטקעגנ, אונ סע גלוסט זיכ דיר אזוי ניט שטארבנ — איינמאָל נײַנ!

מע ברענגט אונדז צו פירנ אינ א וואלד, אונ מיר וואלגערנ זיכ אוועק אפ דער ערד, ווי די אונטערגעשניטענע ביימער, אונ עסנ ווילט זיכ, די קישקעס שפילנ א מאריש. אנ אפעטיט איז אזא, גלײַכ ווי עס וואָלט גאָר קיינ מילכאָמע ניט געווענ אפ דער וועלט. נאָר קיינ עסנ איז נאָכ ניטאָ. מע דארפ ווארטנ, ביז עס וועלנ אָנפאָרנ די קיכנ, ליגט מענ דער-ווײַל אינ געהאקטע וואונדנ, מע טריקנט די נאסע אָנעטשעס, מע ווערטלט זיכ, מע רייכערט קאָרעשקעס אונ מע מאכט זיכ הארצ. איינ סאָלדאט דערציילט עפעס א באָבע-מײַסע, וויאזוי זײַנ בעהיימע האָט זיכ געקעלבט, א צווייטער דערציילט, וויאזוי מע האָט אימ כאסענע געמאכט, א דריטער האָט זיכ צערעדט וועגנ פעלדפעבעל, נאָר בא אלעמענ אינ קאָפ איז איינ געדאנק — עסנ. די קישקע איז א בלינדע כײַע, זי ווייסט ניט פונ קיינ כאָכמעס — א מילכאָמע צי א כאסענע, — איר איז אלציינס, איר גיב עסנ!

מער פונ אלעמענ האָט גערעדט פונ דער אכילע וואסיע רודענקאָ, א קליינוווקסיק דאר פארשוינדל מיט א טרוקנ ביינערדיק פאָנעמ, ווי א קולעק די גרייס. וויאזוי האָט מענ אָט דעמ זאמאָרעק אָפגעגעבנ פאר א סאָלדאט — אָסער, אויב איכ ווייס. אנ אויסגעמוטשעטער, א פארשווארצ-טער — א ראכמאָנעס געווענ אפ אימ צו קוקנ, ס'איז ניט געווענ צו וויסנ, צי ער טראָגט די ביקס, צי די ביקס טראָגט אימ, אונ דאפקע אָט דער באָכער האָט זיכ קיינמאָל ניט געקענט אָנעסנ. איכ געדענק ניט, ער זאָל זײַנ אמאָל זאט. יעדער פלעגט זיכ מיט אימ טײַלנ, אבי ער זאָל זיכ אמאָל אָנעסנ. אזא אויסגעהונגערטער איז ער געקומענ פונ זײַנ פאָרעצ, בא וועמענ ער האָט געארבעט ארומ די פערד. ער האָט זיכ געשווירנ, אז ער האָט בא דעמ שיינעמ פאָרעצ קיינמאָל קיינ זאטנ טאָג ניט גע-האט. בעשאס-מײַסע, ווענ וואסיע דערציילט וועגנ דעמ גוטהארציקנ פאָ-רעצ זײַנעמ מיט דער דימענטענער פריצע, וואָס האָט געוויגנ צוועלפ פוד ריינע וואָג, שטייט דער פעלדפעבעל, אויכ א גילדענע בעשאָמע, ווערט אויסער זיכ פונ יענעמס רייד אונ רופט זיכ אָנ:

— עס ליגט דיר אינ קאָפּ נאָר עסנ... וועגנ צאַר־באַטיושקאַ טראַכט בעסער...

רודענקאָ טוט זיכ א הייב אופ א דערשראָקענער, ווערט ווײַס אונ רויט, — א ראַכמאָנעס אפ אימ צו קוקנ.

— זאָג מיר נאָר, אָבושאַרא, — מאַכט צו אימ דער פעלדפעבעל, — וויפל קעסעלעכ באָרשט וואָלסטו, אשטייגער, ארײַנגעפערעט?

באַמ באָכער צעשײַנענ זיכ די אויגנ, ער באַלעקט די איבערגעטריקנטע ליפּנ אונ שרײַט אויס אפ א קאָל:

— א גאַנצנ עמער, וואַשע בלאַהאָראָדיע!..

— א גאַנצנ עמער? המ־המ, — צעלאַכט זיכ דער פעלדפעבעל, — אונ טאָמער ניט? אז ניט, באַקומסטו צענ שמיצ, אונ אז יאָ, שטעל איכ א פערטל בראָנפנ...

א וואָרט פאַר א וואָרט. מע האָט זיכ אויסגעגלײַכט. עס זײַנענ געקומענ צו פאָרנ די קיכנ, מע האָט אָנגעגאָסנ וואַסיענ אנ עמער באָרשט, אונ דער באָכער, ניט לאַנג געטראַכט, האָט זיכ גענומענ צו דער ארבעט. די יונגערע סאָלדאַטנ זײַנענ געשטאַנענ אונ געריסנ זיכ די קישקעס, זעענדיק, ווי וואַסיע האָרעוועט, נעבעכ, אונ די עלטערע סאָלדאַטנ האָבנ זיכ געבייזערט אפנ פעלדפעבעל, לעמײַ ער מאַכט כויזעק פונ א מענטשנ.

איינ זאַכ האָט אָבער געפרייט אונדזערע סאָלדאַטנ, וואָס דער טרייפענער פעלדפעבעל, אָט דער קאַרגער הונט, וואָס האָט א טעווע צו געבנ א יונגנ סאָלדאַט א פערציקער, אימ שיקנ אינ באַקאַלייקע, הייסנ קויפנ א פלאַש בראָנפנ, א רעדל קאָלבאַס מיט א בולקע אונ ברענגענ צוריק א האַלב קערבל אויסגאָב, — ער וועט פאַרשפּילנ דעמ געוועט אונ וועט אַלײנ מוזנ שטעלנ בראָנפנ.

בעקיצער, אונדזער וואַסיע האָט מיט גרויסע צאָרעס אײַנגעשלונגענ דעמ באָרשט. עס האָט זיכ געטאָנ כוישעכ, די סאָלדאַטנ האָבנ געלאַכט פונעמ פעלדפעבעל, מע איז שיר ניט צעשמאָלצנ געוואָרנ. דאַרפ דער רועכ אָנטאָנ דעמ פּאָדפּאָלקאָווניק. געוווירע געוואָרנ, וואָס ס'איז זיכ דאָ פאַרלאָפנ, האָט ער אופגעהויבנ א גוואַלד ביזנ הימל אונ האָט באַפוילנ צו פאַרשיקנ רודענקאָנ אינ א דיסציפּלינאַרנע ראָטע, סטײַטש, קאַליע מאַכנ, הייסט עס, וואָיענע פּראָדוקטנ אינ אזא צײַט, ווענ מע דאַרפ איינ זינענ האָבנ דעמ צאַר-באַטיושקאַ אונ מע דאַרפ ראַטעווענ די אימ-פעריע!.. ביז וואָס־ווענ האָט ער באַפוילנ אוועקזעצנ רודענקאָנ אפ דער האַופּטוואַכטע. אָבער ס'איז דערצו ניט דערגאַנגענ. מע האָט דעמ באָכער געמוזט אָפּגיכ אָפּפירנ צומ דאָקטער. אפנ אַנדערנ טאָג האָט זיכ וואַסיע

רודענקאָ אריבערגעפּעקלט אהינ, ווו מע דאַרפֿ שוינ, באָרעכ־האשעם, ניט עסנ, זאָל ער דאָרטנ האָבנ א ליכטיקנ גאַנ־עדנ...

געענדיקט דערציילנ די געשיכטע, האָט שמיַע גאזלענ איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, א שאָקל געטאָנ מיטנ קאָפּ אונ ארויסגעשפּיגנ פֿונ מויל דאָס פֿאַרלאָשענע שטיקל ציגאַר.

דערזענ, ווי דער בלעכער האָט זיכ צוגעזעצט אינמיטנ גאס ריידנ מיט א ווילד־פֿרעמדנ מענטשנ, זיַנענ אונטערגעקומענ עטלעכע פֿאַרבײַ־גייער אונ אויכ צוגעלייגט אנ אויער. ווי מע זאָל ניט זיַנ פֿאַרנומענ, נאָר דערהערט מענ, אז שמיַע דערציילט עפּעס, מוז מענ אריַנ אינ רעדל.

דער סאָלדאט — מער דאַרפֿ ער ניט, ער טוט א גלעט אינ ביידע זיַיטנ זיַינע לאַנגע שווארצע וואָנצעלעכ, וואָס זיַינענ קונציק פֿאַרדרייט א ביסל ארופֿ, אונ פֿאָרט וויַטער. ארום אונדזער בלעכער שטייט שוינ א גאַנצ פֿיַינ רעדל מענטשנ — אלט אונ יונג — אונ מע הערט זיַינע מיַיסעס, ווי פֿאַרקישעפֿטע. ער האָט שוינ איבערגעכאַפּט דעם אָטעם אונ געוואָלט אָנהייבנ דערציילנ א נײַע מיַיסע, איז פּלוצלינג אָנגעלאָפֿנ פֿונ א זיַיטיק געסל כאַצקל באַלעגאָלע, א ברייטפּלייציקער אונ פֿעסטגעבויטער מענטש, מיט העלע האָר אונ א קיַילעכדיק פּאָנעם, באַזעצט מיט קליַיענ. דאָס לאַנגע שווארצע סאַטינענע העמדל זײַנס איז געווענ צעכראַסטעט, די גרינע קוטאַסנ פֿונעם גאַרטל האָבנ זיכ געפּלאָנטערט איבער דער ערד, ניט אַנ־דערש, אז דער באַלעגאָלע איז געקומענ פֿונ א שווערער יאַזדע, אָ דישל האָט געפּלאַצט, צי מע האָט בא אים א פֿערד צוגעגאַנוועט, וואָרעמ ער איז געווענ מאָלע־רעציכע. צוגעלאָפֿנ אונ מיט גרימצאָרנ באַטראַכט דאָס רעדל מענטשנ, וואָס איז געשטאַנענ ארום דעם בלעכער, האָט ער אָפּ־געשטעלט דעם בליק אפֿ שמיַענ אונ אויסגעשאָסנ אפֿ אים דעם גאַנצנ צעטל קלאָלעס אונ זידלערײַענ, וואָס קאָנענ זיכ אָנקליַיבנ בא א באַלעגאָלע פֿאַר אלע יאָרנ זיצנ אפֿ דער קעלניע.

— נו־ו, ווי געפֿעלט איַיכ, א בא־א־למעלאָכ־כע... — האָט כאַצקל א זאָג געטאָנ, עסנדיק העם בלעכער מיט די אויגנ, אונ זיכ אָנגעהויבנ פֿאַרהיקענ מער ווי געוויינלעכ, — אזא באַלמעלאָכע קאָנ טאַקע געבנ א וויַב מיט קינדער וואַסער צו קאַשע, אי דר־דאָס, זאָלנ זיי אים דאָס וואַ־סער אליינ טראָגנ פֿונ דער קרענעצע. דער טאָג איז שוינ באַלד ניט קיינ היגער... איכ בינ שוינ היַינט אויסגעפֿאָרנ א וועלט, געווענ אינ זשאַשקעוו אונ אינ אָכרימעווע, א וויסטע כוואָראָבע אפֿ אונדזערע סאָנימס קעפּ, שמיַעניו, אבי דו האָסט בא מיר געכאַפּט אנ אדערופֿ, האָסטו שוינ ציַיט. אז ס׳איז היַינט געווענ א פֿאַרנע טאָג, וועגנ דעם טראַכסטו ניט. אָט וועט באַנאַכט א גאָס טאָג א רעגנ, וועל איכ אָוועקשווימענ מיט מיַינ

גאַנצער כאַטע, מיט אַלע בעבעכעס.... אַ פֿאַהיבעל... אין דײַן טאַטנס טאַטן אַרײַן!..

— פֿע, כאַצקל, וואָס האָסטו צו מײַן טאַטן? — האָט שמײַע זיך אָנגערופֿן מיט אַ רויִקער, נאָר עסעריקער שטים, — זעסט דאָך, מע רעדט מיט אַ מענטשן, קאָן מען דען יענעם אָנשפּײַען אין פּנים? — מער האָט דער בלעכער קיין וואָרט ניט אויסגערעדט, גענומען דעם עמער מיטן קלאַפּער־געצײַג, זיך געלאָזט שפּאַנען צום געסל, ווּ סע שטייט אונטערן באַרג דעם באַלעגאָלעס נאַכלע.

צוגעקומען צו כאַצקלס הײַזל, וואָס איז געווען אַזוי נידעריק, אַז די ציגן פֿלעגן, אַראָפּלאָזנדיק זיך פֿונעם בערגל, בראַנק־און־פֿרײַ אַריבער־שפּאַנען איבער דעם, איז אונדזער בלעכער אָן אַ לייטער אַרויף אויפֿן דעכל, געגעבן אַ פּאָר טראַסקע מיטן הילצערנעם האַמער איבערן בלעך, דער באַלעגאָלע זאָל הערן, אַז ער אַרבעט שוין, און זאָל ער דאָרט אײַנע־מען די שטומעניש.

— אַ באַלעגאָלע אויף מײַן קאָפּ! — האָט שמײַע זיך אָנגערופֿן נאָך אַ לאַנגן שטילשווײַגן צו די ווײַבער, וואָס האָבן נאָכגעקוקט, וויאַזוי ער אַר־בעט פֿלינק מיטן האַמער, און האָבן שוין געגאַרט צו הערן פֿון אים אַ נײַע מײַסע. אויף זײַן פּנים האָט געשמייכלט די פֿאַרגייענדיקע זון. ער קאָן זיי, די היגע ווײַבער די סאָלדאַטקעס. זיי ווילן, ער זאָל זיי איצט דערציילן עפּעס אַ שרעקלעכע געשיכטע, אַזאַ, פֿון וועלכער מע קאָן זיך אַ ביסל אויסוויינען, נאָר ווי אַפּצולאָכעס, איז אים אין דער רעגע קיין איין שרעקלעכע געשיכטע אויפֿן זינען ניט געקומען, האָט ער ביטערע אַ שמייכל געטאָן אין די וואָנצעס און זיך אָנגערופֿן:

— נאָר אַלץ, טײַערע ווײַבער, וואָס איר האָט די גאַנצע צײַט גע־הערט פֿון מײַן מויל, איז אַ הונט אַנטקעגן דעם, וואָס האָט פּאַסירט מיט מיר אַליין. איך קאָן אײַך דערציילן פֿון זיך אַליין טאַקע אַ גאַנצע גע־שיכטע... יאָ, אַנומלטן האָט מען אונדזער פּאָלק אַריבערגעוואָרפֿן אין די קאַרפּאַטן, אין די שיינע, גרינע בערג. שיין זײַנען זיי אָבער פֿאַר די בורזשויען, וואָס פֿאָרן זיך אַהין צונויף אויף די דאַטשעס, ניט פֿאַר קיין סאָלדאַטן, וואָס גייען אָנגעלאָדן מיט מאַסע, ווי די אייזלען, און שלאָגן זיך אַרויס פֿון די קויכעס, פֿאַלן פֿון די פֿיס, ווערן אָפּגעגאָסן מיט שווייס... מיר פֿאַרנעמען אַ פּאָזיציע, גראָבן זיך אײַן אין דער ערד, און ניט ווײַט פֿון אונדז ליגן אײַנגעגראָבן די דײַטשישע סאָלדאַטן. איינמאָל דערזע איך, עס שטייט פֿונווײַטן אויפֿן באַרג אַ גראָבער פּעמפּיק, אַ דײַטש, און קוקט אין אַ בינאָקל, זעט אויס, זייערער אַ גענעראַל, וואָס פֿירט די גאַנצע כאַסענע. דער באָכער האַלט אין דער האַנט אַ פֿענדל און גיט אַ אָפּ

א באַפֿעל זײַנע סאָלדאַטנ, די דײַטשנ, מע זאָל זיכ צוגרייטנ: ווי נאָר ער וועט א מאַכ טאָנ, הייסט עס, מיטנ פֿענדל, זאָלנ זיי אָנהייבנ שיסנ אַפֿ אונדז פֿונ די האַרמאַטנ אונ זיכ לאָזנ איִנ אַטאַקע... אָנ זײַנ קאָמאַנדע זאָל מענ זיכ לעמאַנ־האַשעמ ניט רירנ פֿונעמ אָרט. רוק איכ זיכ צו צו אונדזער פּאָרוטשיק אונ זאָג צו אים:

— וואַשע בלאַהאָראָדיע, די סוואָלאָטשעס האָבנ עפּעס פֿאַרטראַכט, מיר וואָלטנ זיי גענדאַרפֿט איבערכיטרעווענ...

טוט אַפֿ מיר א קוק דער אָפֿיצער, ווי ראַבטשיק אַפֿנ טאַטנ, אונ רופֿט זיכ צו מיר אָנ:

— זאָג נאָר, שײַע, איכ בינ דאָ דער גלאַוונער צי דו? — אונ ער ווײַזט אַפֿ זײַנ ברוסט דעמ געאָרגיע. ווער איכ איִנ קאַס אונ ווײַז אים, אַז אַפֿ מײַנ ברוסט הענגט פּונקט אַזאַ געאָרגיע, וואָס איכ האָב מיט מײַנ בלוט פֿאַרדינט, אונ זאָל דאָס גימנאַזיסטל, וואָס דער מאַמעס מילכ איז נאָכ אַפֿ זײַנע ליפּנ ניט אויסגעטריקנט, זאָל ער זיכ ניט מאַכנ גרויס, וואָ־רעמ אָנ איִיזל איז אויכ אַנ אָקשנ. נאָר וואָס פֿאַר א נוצ האָט ער פֿונ זײַנ אָקשאָנעס?..

— מאָלטשאַט! איכ פֿרעג נאָ קיינעמ קיינ אייצעס ניט! — שרײַט אויס דער פּאָרוטשיק מאָלע־רעציכע, אונ איכ זע, ווי ער נעמט אויכ אַרויס דעמ בינאָקל, שטעלט אים אָנ אַפֿנ גראָבנ דײַטש.

פֿונדעסטוועגנ האָב איכ זיכ באַ אים דערשלאָגנ מײַנס. ער האָט מיר געגעבנ נאָכ צוויי כעוורע, מיר זאָלנ זיכ אונטערגאַנווענענ צומ פֿעמפּיק, צומ גענעראַל, אונ זאָלנ מיט אים אָפּלערנענ באַלאָק...

אונ מיר לאָזנ זיכ מיטנ יאַר, קיינער זאָל אונדז ניט באַמערקנ, מיר זײַנענ שוינ גאָר נאָענט, מיר זעענ אים שוינ גוט, דעמ פֿעמפּיק, נאָר ער אונדז — א מאַקע. האָב איכ זיכ אַפֿנ בויכ צוגעראַטשקעוועט צו דעמ הונט מיט אויערנ אונ א זעצ געטאָנ אים מיטנ פּריקלאַד איבער די פּיס, איז ער האָט זיכ איבערגעקערט. דאָ זײַנענ אונטערגעקומענ מײַנע צוויי כאַווײרימ, אונ מיר האָבנ אים אַוועקגעשלעפּט, דעמ לעצ, צו אונדז איִנ פּאָלק...

וועט איר דאָכ, מיסטאַמע, פֿרעגנ, פֿאַרוואָס האָבנ די דײַטשנ ניט אָנגעהויבנ שיסנ? — איז דאָס בעפּיִרעש א שײַלע פֿונ א מעלאָמעד! דאָס דײַטשישע סאָלדאַטל איז אַזאַ מעכאַניזמע, וואָס ווייסט נאָר פֿונ באַ־פֿעל. באַפֿוילט מענ, טוט עס, שיסט עס, האַרגעט עס. באַפֿוילט מענ ניט, שטייט עס, ווי א ליימענער גוילעמ, כאָטש מעלק עס אויס. דער גענעראַל

זייערער האָט געהייסנ ניט שיסנ, ביז ער וועט ניט א פאָכע טאָנ מיטנ פענדל, — שיסט מענ ניט. איי, מע האָט דעמ גענעראל אוועקגעגאנוועט בא זיי אונטער דער נאָז, איז דאָס ניט זייער אייזעק...

אונ ווי נאָר אונדזער פאָלק האָט זיכ אונגעהויבנ פונ די אָקאָפּעס אונ מיט א „הורא” זיכ געלאָזט אינ אטאקע, האָבנ די דײַטשנ גענומענ לויפנ, ווי די האָזנ.

איי, האָט זיכ דעמלט אָפּגעטאָנ! מע האָט מיר אָפּגעגעבנ קאָוועד, ווי א קייסער, געשענקט פײַנע מאטאָנעס, געפּויעט מיט בראָנפנ, געהאָדעוועט מיט געשמאקע זאכנ אונ געגעבנ צוויי טעג אָפּ אָפּרוענ... אונ דער דײַטש האָט שיר ניט באקומענ די פּאָפּלעקציע, אלײנ דער קייסער ווילהעלמ, זאָגט מענ, האָט געבעטנ בא אונדזער ניקאָלקענ, געפאלנ צו זײַנע פיס, ער זאָל אימ באווײַזנ דעמ סאָלדאט, וואָס האָט אזוי קונציק גענומענ אינ פּלענ א גענעראל...

שמײַע גאזלענ האָט איבערגעכאפּט דעמ אָטעמ, פארדרייט א ציגאַר, פארייכערט, אָפּגעווישט מיטנ היטל דעמ שווייס פונעמ פּאָנעמ, עטלעכע רעגעס געשוויגנ אונ דערנאָכ, ניט אויפהערנדיק ארבעטנ, גענומענ דער-ציילנ ווײַטער:

— אָבער וואָס וועל איכ אײַכ דאָ, מײַנע טײַערע שכיינים, לאַנג ברײַענ אינ אזא היץ?.. נעכײַ וואָלטנ זיכ בעסער פונדעסטוועגנ אויסגע-בראָכנ הענט אונ פיס יענע, וואָס טראכטנ אויס מילכאָמעס. א מילכאָמע איז ערגער פונ אנ אָנשיקעניש, פונ אנ ערד־ציטערניש. בא אנ ערד־צי-טערניש קאָנסטו כאָטש צו קיינעמ קיינ טײַנעס ניט האָבנ. א מילכאָמע טראכטנ דאָכ אָבער אויס מענטשנ. מענטשנ? לייצימ, באנדיטנ, סוואָ-לאָטשעס! וואָס ארט זיי, אז דער נאראָד וועט אָפּגיינ מיט בלוט? אבי זיי וועלנ אָנשטאָפּנ די טײַסטערס מיט געלט... סאָט ווײַזט זיכ ארויס, אז די פּאטראָנעס, וואָס מע האָט צוגעשיקט, ווילנ ניט שיסנ, די סנאריאדנ, וואָס מע האָט געבראכט צו פירנ, טויגנ אָפּ קאפּאָרעס, מע האָט פארגעסנ די קאפּסוליעס... די קאשע, וואָס דער קעכער האָט אָפּגעקאָכט, איז מיט זאמד, דאָס פלייש איז מיט ווערעמ, אונ די פיש שטינקענ אָפּ א מײַל — די אינטענדאנטסטווע ארבעט! עס קומענ אָנ די פרעסט, אונ באטשאל-סטווע פארגעסט, אז אינ סוקע בא אונדז, אינ די אָקאָפּעס, קאָנ מענ מעשוגע ווערנ פונ קעלט, קיינ ווארעמ גרעט איז ניטאָ, קיינ אָנעטשעס גיט מענ ניט, קיינ קאָרעשקעס אויכ ניטאָ, קיינ פּאָדקרעפּלעניע זעט מענ ניט, דער אוילעמ הייבט אָנ הוסטנ, באקומט אינ די אָקאָפּעס די טשא-כאָטקע. אונ דאָס ווײַב מיט די קינדער באקומענ דאָרט אינ דער היימ די טשאכאָטקע, האקלאל, ס'איז פריילעכ... אונ דו ליגסט טעג אונ נעכט

אינ דיינ לעבעדיקנ קיווער, איינעמ אָקאָפ, אונ ווערסט אויסגעריסנ, ביזט פארוואקסנ, ווי א בער, קויטיק ווי א רוער, אונ דאָ ווערסטו גאָר א גאַנ־צער פילאָסאָפ, א כאָכעמ, אונ הייבסט אָנ טראַכטנ, צוליב וואָס האָט מענ עמ ביכלאל פארפירט אָט די גאַנצע כאַסענע? פאר וואָס, פאר ועמענ?.. די קייסעריניע אונ גרישקע ראַספּוטינ טרינקענ דאָרט אונ זויפנ, שפּייענ אָפ דער וועלט אונ פאָרנ אָפ דער קאָנקע, אונ דו ליג דאָ אינ געהאַקטע וואונדנ. אונ די סאָלדאַטיקלעכ, די גוטע ברידער מיינע — טייערע מענ־טשנ מיט גאָלדענע הענט, גוטע באַלמעלאָכעס — זיי וואָלטנ דאָכ געקאָנט באַקליידנ, באַשוכנ, אונ אָנהאָדעווענ די גאַנצע מעדינע! ליגט מענ דאָ גאָר אינ די אָקאָפּעס אונ מע מאַכט זיכ נאָכ האַרצ, מע כאָכמעט זיכ, וויילַ אַניט, וואָלט מענ אינגאַנצנ אַראָפ פונעמ זינענ.

כעוורע סאָלדאַטנ האָבנ גאָרוואָס אָפגעהאָרעוועט איבער דער סאָל־דאַטסקע וועטשערע, אָפגעגעסנ דאָס ביסל זופ, פארייכערט, אונ מע רופט זיכ אָנ צו מיר:

— שמיַיע גאָזלענ, ווענ וועט שוינ נעמענ א סאָפ צו דער מילכאָמע? (איכ האָב זיכ איינמאָל ארויסגעכאפּט, אז מע האָט מיכ אינ שטעטל גערופנ שמיַיע גאָזלענ, איז שוינ דאָ, אָפ דער פּאָזיציע, אוועק א גאַנג).

— פונוואַנענ, זאָג איכ, זאָל איכ וויסנ, ווענ די מילכאָמע וועט זיכ ענדיקנ? וואָס בינ איכ א נאָווי?

— דו, שמיַיע, — זאָגנ זיי, — ביסט שולדיק אינ דעמ, וואָס די מילכאָמע האָט זיכ אַזוי לאַנג פארצויגנ, טו עפּעס אופ, — זאָגנ זיי, — שמיַיע, אונ זאָל נעמענ אָנ עק צו אונדזערע ליידנ. דריַי יאָר ווי מיר שלאָגנ זיכ, אונ עפּעס זעט מענ נאָכ ניט קיינ סאָפ.

— וואָס, אַשטייגער, קינדער, קאָנ איכ טאָנ, איכ בינ איינ א קייסער צי וואָס?..

לאַכנ די סאָלדאַטנ, אונ דער רעגנ גיסט אונ גיסט, אונ אינ אָקאָפ איז פול מיט וואַסער, אַז מע קאָנ מעשוגע ווערנ, אונ פונ אַלע זיַיטנ הערט זיכ די דולע שיסעריַי, אונ איבער דיינ קאָפ הענגט דער טויט אונ טרעט ניט אָפ אָפ קיינ רעגע.

— שמיַיע, — מאַכנ צו מיר מיינע כעוורע, — דו ביסט שוינ ניט קיינ פּאָשעטער מענטש באַמ צאַר־באַטיושקא, דו האָסט זיכ דערדינט ביז א יעפרייטער, ווילסטו, וויַיזט אויס, זיכ דערדינענ ביז א גענעראַל... איבער דיר טאַקע וועט זיכ די מילכאָמע נאָכ ציִענ אונ ציִענ... דו מוזט עפּעס צוטראַכטנ, — זאָגנ זיי, — שמיַיע, אָדער ווער שוינ גיכער א גענעראַל, אָדער זאָג זיכ אָפ פונ דער גאַנצער מיַיסע אונ שיק זי צו אַלדי רוכעס, די מילכאָמע... געננוג!

אָט אזוי זיצנ מיר, באַגראָבענע אינ די אָקאָפּעס, אונ כאַכמענענ זיינ, אונ איבערנ קאָפּ גיסט דער רעגנ אפּ אומצוקומענ, אלע זײַנענ מיר דורכ־גענעצט, פּיטש־נאַס, א שיסערײַ, סע דונערט אונ סע בליצט, ווי די ערד וואָלט געהאַלטנ באַלד בא איבערקערנ זיכ. ערגעצ נאָר נאָענט רײַסנ זיכ סנאַריאַדנ, אונ מיר רוענ זיכ נאָכ טיפער אײַנ אינ דער דורכגעווייקטער, פּוילער ערד.

— נו, שמײַע, א שיינ לעבנ? אפּ גרישקע ראַספּוטינענ מיטנ קייסער געזאָגט געוואָרנ...

אזוי ווי מיר ליגנ, רופט מענ מיכ מיטאמאָל ארויס אונ מע גיט מיר א פּאַקעט, איכ זאָל אימ אָפּטראָגנ אינ שטאַב דיוויזיע. לאָז איכ זיכ גיינ, איכ גיי א שאָ, אונ צוויי, אונ פיר, אונ קומ אָנ אפּ א וואָקזאַל. דאָ איז גאַנצ לעבעדיק. אומעטומ וואַלגערנ זיכ סאָלדאַטנ — קאַליקעס, אָפּגע־ריסענע, אָפּגעשליסענע, אונ אפּ דער עקסטער קאָלייע שטייט א פּאָיעזד. איכ האָב נאָכ אזא שיינקייט ניט געזענ, וואַגאָנעס — ווי די פּאַלאַצנ. אינ אַלע וואַגאָנעס מעג זיכ פאַרגינענ פּאָרנ דער קייסער אַליינ. אינ מיטלסטנ וואַגאָנ איז ליכטיק, פריילעכ. עס שפּילט א וואָיענער אָרקעסטער. אינווייניק טאַנצט מענ אונ מע הוליעט, גלײַכ ווי קיינ מילכאָמע וואָלט גאָר אפּ דער וועלט ניט געווענ. ווער קאָנ עס דאָ פּאָרנ? — טראַכט איכ מיר, — מע מוז זיכ דערוויסנ, ווער פּאָרט עס דאָ? איכ וועל קומענ צוריק צו מײַנע כעווירע אונ וועל דערציילנ, אז איכ האָב געזענ אזא פּאָיעזד אונ האָב זיכ ניט דערוווּסט, וואָס דאָ איז אזוינס, וועלנ זיי מיר דערגיינ די יאָרנ. גיי איכ פּאַוואָליע צו אונ דערזע א בלעכל מיט גאָלדענע אוי־סיעס: „פּאָיעזד יעגאָ וועליטשעסטווא צאַריא אימפּעראַטאָרא, סאָלדאַטאַמ ניע וכאָדיט...” געהערט א מײַסע: מיר ווערנ אויסגעריסנ אפּ די פּאָ־זיציעס, מיר פאַרגיסנ בלוט, אונ יענער שרײַבט: „סאָלדאַטאַמ ניע וכאָדיט”, דאָס הייסט: כאַזער, אהער גיי ניט, רוק ניט דײַנ פּיסל אינ טשאָלנט. איכ שטיי, אונ עס גיסט זיכ פונ מיר בלוט. עס האָט מיכ אָנ-געכאַפּט א פּאַרדראָס, כאָטש נעמ אונ צעוויינ זיכ, צעשרײַ זיכ, רײַס אפּ זיכ די האָר פונ קאָפּ. רײַס איכ אראָפּ דאָס בלעכל אונ צעטרעט עס מיט די פּיס. נישקאָשע, סע מעג דאָ פּאָרנ אפילע דער קייסער אַליינ, גיי איכ צו אימ באַלד ארײַנ, אונ איכ וועל האָבנ מיט דעמ בורמילע א דינ־טוירע, איכ מוז זיכ מיט אימ דורכשמועסנ, איכ מוז בא אימ א פרעג טאָנ, צי וועט ער גיכ אײַנעמענ א מיסע־מעשונע מיט זײַנ גרישקע ראַס־פּוטינ אינאיינעמ מיט דער גאַנצער כאַליאַסטרע.

ניט לאַנג געטראַכט, טו איכ א שפּרונג אפּנ טרעפּל פונ וואַגאָנ, גיב א ריס אופ די טיר, ערשט מיטאמאָל טוט מיכ עמעצער א כאַפּ אָנ

באַמ קאָלנער. איכ קוק זיכ אומ — עפּעס אַנ אָפּיצערל, וואָס האַלט זיכ קיימ אַפ די פיס, שטייט אונ שרײַט אַפ מיר מיט א באַנומענעמ קאָל, ווי איכ זאָל זײַנ זײַנ טאַטנס מעשאָרעס. ער זידלט זיכ אונ בענטשט מיכ מיט אַזעלכע שיינע ווערטלעכ, אַז כאַצקל דער באַלעגאָלע איז א הונט אַנטקעגנ אימ. אָט־אָט וואַרפט ער מיכ אַראָפּ פונ די טרעפּ. איכ הייב אָנ אײַנטײַנענ מיטנ באָכער, אַז דאָס בינ איכ יענער זעלבער סאָלדאַט, וואָס האָט גענומענ א דײַטשישנ גענעראַל אינ פלענ, דער זעלבער, וואָס ליגט שוינ דרײַ יאָר אינ די אָקאָפּעס, וואָס איז שוינ צוויי מאָל אָפּגעגאָסנ געוואָרנ מיט בלוט, פאַרוווּנדעט געוואָרנ אינ די אַטאַקעס, פאַרדינט פאַר זײַנ ערלעכער דינסט צוויי געאָרגיעווסקע צלאָמימ מיט א מעדאַל... נאָר — צו דער וואַנט! דער צאַר־באַטיושקאַ, זאָגט דאָס אָפּיצערל, האָט אַפ דער מילכאָמע עטלעכע מיליאָנ אַזעלכע שלעפּערס, ווי דו, וועט ער זיי אַלעמענ אַרײַנלאָזנ צו זיכ אינ פּאַיעזד?.. אונ סע גייט אַוועק א סעדרע: הונט, אונ פאַרלעצ, אונ סוואָלעטש, אונ וואָס אינ דער קאָרט. איכ זע, ווי דער באָכער נעמט אַרויסציִענ פונ שיידל די שווערד, עס לויפנ אָנ נאָכ צוויי שיקערע אָפּיצערלעכ, דער פּאַיעזד רירט זיכ, אָט באַלד וועל איכ אַראָפּפליִענ פונ די טרעפּ, ווי א האַלעשקע. מיט גוטנ, זע איכ, וועט דאָ גאָרניט זײַנ, עס האָט זיכ אינ מיר צעברענט דער קאַס, איכ ווייס ניט, פונוואַנענ עס האָט זיכ צו מיר גענומענ שימשנ־האַגיבערס קויעכ, איכ האָב א הייב געטאָנ דעמ פּריקלאַד, אַראָפּגעשלײַדערט אינ אָפּיצערל פונ די טרעפּ, אונ יענע צוויי האָבנ באַלד ניט געסטײַעט.

איכ קומ אַרײַנ אינ וואַגאָנ. פונ אַלע זײַטנ וואַרפט מענ אַפ מיר מיט די אויגנ, ווי אַפ א מעשוגענעמ — ווי קומט אַהער א פּראָסטער סאָלדאַט? איכ קוק זיכ אַרומ — מאַמע געטרײַע, וואָס טוט זיכ דאָ? אַנ עמעסער גאַניידנ!.. אונטער די פיס ליגנ גרויסאַרטיקע טעפּיכער, עס ברענענ העלע לאָמפּנ. אַפ די טישנ זײַנענ אויסגעשטעלט די בעסטע מײַכאָלימ. אַלע זײַנענ פאַרפּוצט אינ גאָלד, זילבער אונ בריליאַנטנ... סע הייבט מיכ אָנ קיצלנ אינוויייניק. ווּהינ ביסטו עס פאַרקראָכנ, בלעכערוצ, יעפרייטער? באַ די געדעקטע טישנ זיצנ מינ־סטאָרנ מיט גענערײַלימ, מיט דער רועכ ווייסט דעמ טאַטנ זייערנ, אונ ווײַנ גיסט זיכ אינ אַלע זײַטנ, אונ מע טרינקט סעלצער־וואַסער, מיט סיראָפּ, מיט קוואַס, אונ מע פאַרבײַסט מיט הערינג, מיט פעטשאַ, מיט אײַנגעמאַכטס, מיט פעטנ באָרשטש, מיט וואָס א מויל קאָנ נאָר אויסרײדנ... די קלעזמער שפּילנ, אַפ וואָס די וועלט שטייט, אונ ווער סע קאָנ זיכ נאָכ האַלטנ אַפ די פיס, דער טאַנצט א מינ בעכבע־טאַנצ, הוליע, קאַפּצנ! הייב די פּאָלקעס!

— קטאָ טאַקאָי בודיעש, סאָלדאַטיק? — איכ טו זיכ א קער אונ

דערזע, עפּעס אנ אלטער מיניסטער מיט א שיקערער נאָז שטופּט מיר אינ האַנט ארײַנ א גלאָז בראָנפֿנ. — ווייפּעי, דוראַק, — זאָגט ער, — זא צאַריא אי אָטעטשעסטוואָ... ווסיאָ ראַוונאָ, מיר ליגנ אלע אינ דר'ערד...

איכ קוק אפ דעם פֿארשוינדל אונ קאָנ שוועריג, אז דאָס דארפֿ זײַנ, אויב ניט פֿורישקעוויטש, איז עפּעס אנ אנדערער סוואָלעטש... אונ איכ בינ ניט קיינ הינקעדיקער שנײַדער, איכ קער איבער דאָס גלעזל אונ פֿארבײַם מיט א שטיק פּעטשא... ערשט איכ דערזע: סע שטייענ שוינ ארום מיר נאָכ עטלעכע נורניקעס פֿונ די גרויסע רעדלפֿירערס. איכ באַוויַז זיי, פֿארשטייט זיכ, מײַנע צלאָמימ מיט מעדאל, דערצייל, ווי אזוי איכ האָב גענומענ אינ פּלענ א דײַטשישנ גענעראל, אונ שעמ זיכ ניט, ליגנ זיי אויס, ווי אזוי די סאָלדאטנ ווערנ, נעבעכ, אויסגעריסנ אינ די אָקאָפּעס, אונ זיי, די הינט, הוליענ ווי אפ א שוואַרצער כופּע... לאָזט זיכ אויס, אז מע האָט וועגנ מיר געהערט, מע קאָנ מיכ, אונ וואָלט איכ ניט געווענ קיינ ייד, זאָגנ זיי, וואָלט איכ שוינ פֿאר מײַנ העלדישקײַט לאַנג געוואָרנ א פּעלדפֿעבעל, דאָס אויבערשטע פֿונ שטייסל. דער אלטער רוקט מיר נאָכ א גלאָז בראָנפֿנ:

— ווייפּעי, דוראַק, זא צאַריא-באַטיושקו, זא גרישקו ראַספּוטינא...

נאָר איכ דריי זיכ אויס, גיי אוועק פֿונ דער כאַליאַסטרע, איכ גיב אנ עפּנ א צווייט טירל אונ דערזע אינ ווינקל — וועמענ מיינט איר? דעמ קייסערס טעכטערל, טאַטיאַנע... טאַטיאַנע ניקאָלײַעוונע... אַנגעטאָנ איז זי, די טאַטיאַנע, ווי אנ עמעסע קייסערינע, אונ ארום איר טוט זיכ — כוישעכ!.. מיניסטערלעכ אונ אָפֿיצערלעכ האָבנ זי ארומגערינגלט, ווי די בינענ, אונ דער טשיפּעט זי אונטערנ לעפּעלע, אונ יענער אינ דער פּלייצע, אונ מע רײַבט פֿונ איר שטיקער פֿליישׁ, ווי הינט פֿונ א פּאַדלע. איכ שטיי אזוי בא דער טיר אונ באַטראַכט די שיינע קאָמפּאַניע. אָט איז זי, די צאַרסקע אימפּעריע! אינ אירע הענט איז שמײַעס גוירל!..

נו, שמײַע־לעבנ, טראַכט איכ מיר, מיט דער כאַליאַסטרע וועסטו הײַנט וועגנ קיינ ערנסטע זאכנ ניט ריידנ. סע קריכט זיי איצט אזוי אינ קאָפּ די מילכאָמע מיט דער פּאָליטיקע, מיט וועלט־זאכנ, אזוי ווי מיר א טאַנצ אָט דאָ אפ כאַנקל דעמ באַלעגאָלעס דאַכ. איכ שטיי אונ באַטראַכט די שיינע וועלט. בעקיצער, מײַנע טײַערע שכיינימ, איכ זאָל אײַכ לאַנג ניט מוטשענ, טאַטיאַנע ניקאָלײַעוונע, דעמ קייסערס טעכטערל, הייבט אָפּ מיר אופֿ די מאלפּישע אייגעלעכ, דערזעט א סאָלדאַט אונ רופֿט זיכ צו מיר אָנ:

— סאָלדאַטיק, פּאַדכאָדי סיודא... קטאָ טאַקאָי בודיעש?

— וואשע פרעוואָסכאָדיטעלסטווא, איכ בינ יעפרייטער שנײַע ספיוואק פונ דעמ אונ דעמ גווארדייסקע פאָלק...

— ביסטו עפשער יענער יעפרייטער, וואָס האָט גענומענ אינ פלענ א דײַטשישנ גענעראַל?..

— טאַק טאָטשנאָ...

— וויבאַלד אזוי, סאָלדאַטיק, זעצ זיכ צומ טיש אונ נעמ עפעס אינ מויל ארײַנ... וויפעי, דוראַק, זא צאַריאַ־באַטיושקו...

טרינק איכ גלײַכ אויס א פאָר קעלישקעס שאמפאנסקע אונ כאַפ א טרוקענעמ טאַראַנ מיט א פאָר הייסע קאַרטאָפליעס אונ הייב אָנ פאַרבײַסנ. נאָכדעמ הייס איכ דער קראַסאַוויצע אָנגיסנ מיר א גלעזל טיי מיט צוויי פאָרציעס צוקער. גיב צו איר א ווונק, זי זאָל ספראָוואַדיענ פונדאַנענ אלע לייצימ, מיר זאָלנ בלײַבנ זאַלבעצווייט, איכ דאַרפ זיכ מיט דער מאַלפע דורכשמועסנ אויג־אפ־אויג...

ווענ מיר זײַנענ געבליבנ אליינ, רופ איכ זיכ צו איר אָנ:

— זאָג מיר נאָר, טײַער שפילפיגעלע, וואָס איז דאָס פאר א שטיק? דײַנ גילדענער פאַפאַשע כאַפט, נעבעכ, קלעפ אפ אלע פראָנטנ. די אימפעריע ליגט שוינ באַלד בײַנ איילנ אינ דר'ערד, אונ דו, קראַסאַוויצע, הוליעסט, אפ וואָס די וועלט שטייט, א?

די קליפע האָט זיכ פאַרטראַכט, ווי אײנער זאָגט, א פראָסטער סאָלדאַט אונ פאַרשטייט א געשעפט...

— טעכטערל, — זאָג איכ איר, — ווענ מע לייגט דיכ מיטנ פאַפאַשע, מיט גרישקע ראַספּוטינענ ארײַנ אינ אָקאָפע כאָטש אפ איינ טאָג, וואָלט איר, עפשער, עפעס אָנגעהויבנ צו טראַכטנ אונ פאַרשטיינ...

— סאָלדאַטיק, ניע בוד גרוביאַנאָמ, זײַ ניט, הייסט עס, קיינ גראָבער יונג, — ענטפערט זי אָפ.

— זאָג מיר, נאָר, טאַטיאַנע ניקאָלײַעוונע, — האָק איכ איר ווײַטער, — וואָס טראַכט זיכ דאָרטנ אפנ שטול זײַנ אימפעראַטאָרסקע וועליטשעסטווע?.. דער פאַפאַשע דײַנער? ווי לאַנג וועט זיכ נאָכ ציִענ די מילכאָמע, פרעג איכ, אונדזערע סאָלדאַטנ וועלנ זיכ א הייב טאָנ, איז אַז אָכ אונ וויי צו אײַער גאַנצער כאַליאַסטרע... גיב עס טאַקע איבער דײַנ פאַפאַשע, א ווייטעק אימ אינ די לעבער...

— וואָס זשע איז דײַנ אייצע? — רופט זיכ אָנ דעמ קייסערס טעכטערל.

— קיינ אייצע האָב איכ ניט, — ענטפער איכ, — נאָר גיב איבער דעמ פאַפאַשע, אז ער וועט איבעריכנ באַקומענ א וויסטנ סאָפ...

— סאָלדאַטיק, — זאָגט טאַטיאַנע, — מײַנ טאַטע איז א גרויסער אקשנ. אז איכ וועל אימ עס זאָגנ, וועט ער מיכ ניט הערנ, וואָלט עפשער

געווענ א געדאנק, אז דו, שמיע, זאָלסט צופאָרנ מיט מיר צומ טאַטנ, צומ קייסער אינ פּאַלאַצ... וועסט אימ אַלצ אויסלייגנ.

— פּאָזשאַלעסטע, — ענטפער איכ טאַטיאַנענ, — איכ פאָר! איכ פאָר אַלײנ צומ קייסער... — אונ דערווײַל שלעפּ איכ אַראָפּ פונ די פיס מײַנע שטיוול אונ קריכ אַרויפ אַפּ דער אייבערשטער פּאָליצע. דאָס אײַנזערנע הרובקעלע אינ וואַגאָנ הייצט זיכ, די אָנגעטשעס אַפּ די טרוינע טריקענענ זיכ, ס'איז וואַרעמ, ווי אינ א שוויצבאָד. עטלעכע אָפּיצערנ וואַרפנ אונטער אינ הרובקעלע קוילנ, אונ איכ ליג מיר, ווי אינ אַנ עמעסנ גאַנײדנ, אונטערגעשפּרייט אונטער דער זײַט מײַנ שינעל, די שטיוול צוקאָפּנס, עמעצער זאָל זיי ניט צושלעפּנ. איכ ליג, אונ איכ טראַכט, וואָס וועל איכ אימ דאָרט אַרײַנזאָגנ, דעמ גלאַוונעמ פּאָרעצ, ווענ איכ וועל קומענ צו אימ אינ זײַנ קייסערלעכנ פּאַלאַצ, אַפּ א וויזיט. ערשט איצט, ליגנדיק אַפּ דער פּאָלקע, אינ דער וואַרעמ, האָב איכ דערפילט דעמ טאַמ, וואָס הייסט לעבנ אַפּ דער וועלט. דער פּאָיעזד פליט, ווי אַפּ פליגלענ, ער פּאַרוויגט מיכ, אונ איכ כאַפּ דעמ געשמאַקנ דרימל אונ כראָפּע דער וועלט אַפּצולאָכעס, אונ קײנער דערוועגט זיכ ניט מיר צו זאָגנ א שלעכט וואָרט... איכ זאָל אײַנ דערציילנ דאָס גאַנצע פּאָרעכצ, וועט דער טאָג מיט דער נאַכט ניט סטײַענ. עס זײַנענ איבערגעלאָפּנ א פּאָר מעסלעס, האָט זיכ דער פּאָיעזד געגעבנ א שטעל אָפּ אינ א גרויסנ שיינעמ סאָד מיט עפּל אונ בארנ אונ פלוימענ די גרייס ווי די קאַווענעס. איכ קאָנ שווערנ, אז ערגעצ אָט דאָ האָט עס כאַווע אָפּגעטאָנ איר שפּיצל דעמ אַלטנ אָדאָמענ, ערגעצ אָט דאָ איז עס דער אַלטער אָדאָמ ארומגעגאַנגענ נאַקעט, ווי די מאַמע האָט אימ געהאַט...

— העי, סלעזײַ, פּרינעכאַלי, סלעזײַ, כלאָפּצי! — האָב איכ דערהערט א גראָבע געמבע אונ דערזענ גרישקע ראַספּוטינענ — א לאַנגער נעפּעש, מיט לאַנגע האָר, ווי בײַ א גאַלעכ, מיט א פּאָר לאַנגע פיס ביז דער ערד, מיט לאַנגע העמד, מיט א לאַנגנ האַלדז, א לאַנגע נאָז... איכ האָב א קוק געטאָנ אַפּ דעמ פּאַרשוינ, איז אינ מיר פּאַרקילט געוואָרנ דער מאַמעס מילכ — אַנ עמעסער גאַזלענ! גוואַלד, טראַכט איכ מיר, אָט די באַשעפּעניש פירט עס די גאַנצע אימפּעריע בײַ דער נאָז? נו, א שיינע מעלוכע!..

אונדזער שמײַע גאַזלענ האָט זיכ אַזוי פּאַרטאָנ אינ זײַנ געשיכטע, אז ער האָט ניט באַמערקט, ווי פונעמ הײַזל איז ארויסגעגאַנגענ כאַצקל דער באַלעגאָלע, ער איז א היפּשע ווײַלע געשטאַנענ מיט א שמייכלענדיק פּאָנעמ אונ געהערט דעמ בלעכערס רייד, סאָפּקאָלסאָפּ האָט ער ניט אויסגעהאַלטנ אונ אויסגעשאָסנ א געלעכטער.

— זע נאָר, שמײַע־לעבנ, — האָט ער זיכ אָנגערופנ, — זע נאָר, מײַנ טײַערער, מיט טאַטיאַנענ אונ מיט דער אימפּעריע האָסטו זיכ דאַפקע גיכ אונ גוט אויסגעבעריעט, אונ דאָס דעכל קאָנסטו נאָכ אַלץ ניט צורעכט מאַכנ... נו, ברויטגעבער, עפּשער וועט שוינ זײַנ גענוג? זעסט, די ווײַבער שטייענ שוינ פאַרכאַלעשטע, האָב אָפּ זיי ראַכמאָנעס... געהערט א צאָרע אָפּ מײַנ קאָפּ... ווײַבער, מענטשנ, צעגייט זיכ ווי זאַלצ אינ וואַסער, — האָט געשריענ דער באַלעגאָלע, — אַנ עק זאָל דאָס געמענ! גענוג! טאָמער גיט באַנאַכט א גאָס א רעגנ, בינ איכ אויסגעשטעלט! גוואַלד, שמײַע גאַזלענ, נעמ זיכ נאָר פרייַלעכער צו דער אַרבעט. אז דו ווילסט, קאָנסטו דאָכ!

פונ טויט לעבעדיק

אציגד זיצט שוינ אונדזער בלעכער אָפּנ דאַכ, קיינער שטייט ניט לעבנ אימ. ער אַרבעט, נאָר ס'איז שוינ ניט די אַרבעט. עס פעלט אימ דער אינסטרומענט פונ די הענט, אונ ער איז אינ קאָס, ער עסט זיכ אופּ לעבעדיקערהייט.

באַצקל דער באַלעגאָלע גייט צו נעענטער, זעצט זיכ אַנידער אָפּ א גראָבנ קלאָצ, וואָס ליגט אינמיטנ הויפ, אונ נעמט אָנשטאָפּנ זײַנ פאַרייכערטע ליולקע מיט טאַבאַק:

— שמײַע־לעבנ, ביסט אָפּ מיר בערויגעז? — רופט זיכ אָנ דער באַלעגאָלע אונ שמייכלט אונטער אינ זײַנע לאַנגע גוסאַרישע העלע וואָנצעס.

— ברענ אָפּנ פײַער!..

— ווּעסט עפּשער אַראָפּקריכנ פאַרייכערנ א ציגאַר טוטינ?

— זאָל מיט דיר רייכערנ דער מאַלעכ־האַמאָוועס! א שיינעמ דאַנק דיר, באַצקל, פאַר דײַנ לאַסקע...

— ווילסט ניט, איז ניט געטאַנצט מיטנ בער, — אונ דער באַלעגאָלע שלעפּט אַרויס פונ דער קעשענע א שטיק דאַרע קישקע מיט א האַלב פלעשל בראָנפנ אונ רופט זיכ אָנ:

— שמײַע, דו האָסט נאָכ, דאַכט זיכ, הײַנט אינ מויל ניט געהאַט. קריכ אַראָפּ אונ מאַכ זיכ ניט גרויס. ביסט טאַקע א יעפּרייטער מיט דרײַ בליאַכעס, נאָר סע מעג דיר אָנשטיינ אויסטרינקענ מיט מיר א ביסל שנאַפּס...

שמײַע גאַזלענ קאָנ שוינ ניט בײַשטיינ דעמ יעיצער־האָרע, ווישט ער אויס די הענט אינ די הויזנ, קריכט אַראָפּ פונעמ דאַכ אונ זעצט זיכ צו לעבנ באַצקלענ אָפּנ קלאָצ. דער באַלעגאָלע האָט מיט דער דלאָניע

מײַסטעריש ארויסגעזעצט דעמ קאָרעק פונעמ פלעשל, אָפּגעמאָסטנ מיטנ גראָבנ פינגער האלב:

— לאָמיר זײַנ געזונט, לעכאַימ! — האָט כאַצקל א זאָג געטאָנ אונ איבערגעקערט די פלאַש אינ האלדז אַרײַנ, אַרײַנגעבולקעט ביזנ פינ־גער־צייכנ, איבערגעגעבנ העלפט בראָנפנ שמײַען אונ אַלײן א שמעק געטאָנ אונ דערנאָכ אָפּגעביסנ א שטיק קאָלבאַס, — הא, א מעכײַע!

— מעכעטייסע, לאָמיר זײַנ געזונט, אונ סע זאָל ווערנ א פּאָראַדעק אפ דער וועלט... — האָט נאָכ אימ א זאָג געטאָנ דער בלעכער אונ אויס־געטרונקענ ביזנ דנאָ.

— הערסטו, כאַצקל, וואָס איכ וועל דיר זאָגנ, — האָט זיכ אָנגע־רופנ דער בלעכער, ווענ ער האָט צוגעביסנ אונ די בלוטנ האָבנ אינ אימ אָנגעהויבנ שפּילנ, — הערסטו, כאַצקל ברודער, מיקאָלקע מעג זיכ טאַקע איבערקערנ אינ קייווער, נאָר וואָס זשע, אײנ זאַכ א קלוגע האָט ער יאָ צוגעטראַכט — דאָס ביסל מאַשקע...

— גוילעמ, ווי קומט דאָס גאָר אַזויגס צו ניקאָלקעס קאָפּ? דעמ ביטערנ טראָפּנ האָבנ נאָכ צוגעטראַכט די יידנ, ווענ זיי זײַנענ ארויס פונ מיצראַימ. האָסט שוינ פארגעסנ, וואָס אינ דער טוירע שטייט געשריבנ וועגנ נויעכ-אָווינו?

— מילע, ווער סע האָט עס שוינ ניט צוגעטראַכט, נאָר ס'א פײַנ געטראַנק, א שאָד, וואָס ווייניק...

— יאָ, ווייניק... דו דארפסט פארשטיינ, שמײַע גאזלענ, אז כאָטש איכ בינ א גראָבער יונג, א באַלעגאָלע, נאָר איכ ווייס א סאַכ מער פונ אנדערע דאָקטוירימ... איכ בינ אנ אייביקער פּאַסאַזשיר, איכ קוק אפ דער וועלט פונ מײַנ קעלביע אונ זע אלצדינג, וואָס סע טוט זיכ...

— וואָס, א דאָקטער, זאָגסטו? איכ בינ העכער פונ א דאָקטער, העכער פונ דיר אפילע. איכ זיצ שטענדיק אפנ דאַכ, אונ זע אויכ זייער ווייניק... א דאָקטער זאָלסטו ניט גלייבנ, — האָט זיכ שמײַע גאזלענ אָנגערופנ, אונ זײַנע אויגנ האָבנ זיכ צעשײַנט, — טאָמער ווילסטו, קאָנ איכ דיר דערציילנ וועגנ אונדזערנ א דאָקטער א נאָכעמ-בענ־כאָכעמ. ער האָט מיכ שיר־שיר ניט אוועקגעשיקט לעבעדיקערהייט אפ יענער וועלט. ס'איז א גרויסער נעס, וואָס איכ זיצ נאָכ מיט דיר אונ נעמ איצט א קאָפּ בראָנפנ... אוי, די דאָקטוירימ דײַנע!

— וואָס האָסטו צו די דאָקטוירימ?

— פרעג בעסער ניט, כאַצקל, — האָט געענטפערט שמײַע גאזלענ אונ זיכ אויסגעצויגנ אפנ גראָז, מיטנ פּאָנעמ צומ הימל, די הענט אונ־

טערנ קאָפּ... זאָל מענ אונדזער בלעכער אינ דער מיגוט געווענ אָנשיטנ פולע קעשענעס מיט גאָלד, וואָלט עס בא אימ ניט געווענ אזוי אָנגעלייגט, ווי דאָס, וואָס דער באַלעגאָלע האָט זיכ אוועקגעלייגט באַנאַנד מיט אימ, אפנ גראָז, אונ האָט מיט קאָפּ געהערט, וואָס שמיִע האָט אָנגעהויבנ דערציילנ:

— דאָס איז געווענ אינ א זומער־טאָג, ווענ עס האָט שוינ גענומענ פארגייג די זונ. דריי מאָל זײַנענ מיר דעמ טאָג געגאנגענ אינ אַטאַקע, געדאַרפט פארנעמענ א גרויסנ בארג. דו, כאַצקל, ביסט טאַקע געווענ אפ דער מילכאָמע, נאָר, דאַכט מיר, אז דו ביסט געווענ אינ אָבאָז...

— נו, אונ אז אינ אָבאָז, האָבנ מיר קאַרג געבידעוועט? — האָט זיכ כאַצקל א בייזער געטאָנ, — אינ אָבאָז איז מיר נאָכ געווענ שווערער, ווי דיר אינ פעכאָטע. אינ פעכאָטע האָסטו א ביקס, אונ פאַרטיק. אונ איכ האָב געהאַט א ביקס אונ צוויי פערד מיט א וואָגנ אפ מײַנ קאָפּ. דו האָסט געקאָנט נאָכ דער אַטאַקע אָפּעסנ אונ זיכ לייגנ שלאָפנ, אונ איכ האָב נאָכ געמוזט אויסרייניקנ, אָנהאָדעווענ אונ אָנפּויענ די לאָשעקעס, אויסשמירנ די רעדער. דו גראָבסט זיכ אויס אנ אָקאָפּ אונ ביסט פּאָטער, אונ איכ האָב געמוזט אויסגראָבנ אנ אָקאָפּ פאַר זיכ אונ דערצו נאָכ אויסגראָבנ א גרוב פאַר מײַנע לאָשעקעס...

— נײַנ, כאַצקל, איכ האָב צו דיר גאָרניט, איכ וויים, אז אונדז אַלעמענ איז אפ דער מילכאָמע געווענ ביטער אונ פינצטער... יאָ, איז נאָכ דער אַטאַקע דאָס גאַנצע פעלד געווענ פארוואַלגערט מיט געהאַרגעטע אונ מיט פארוואונדעטע. אינמיטנ געשלעג, ווענ איכ בינ שוינ געווענ נאָענט צומ בארג, האָט מיר א קויל דורכגעשאָסנ דעמ אקסל. איכ פאַל אַנידער אפ דער ערד אונ ווער אָפּגעגאָסנ מיט בלוט. די הענט זײַנענ מיר אָפּגעשוואַכט געוואָרנ, אונ די ביקס איז ארויסגעפאַלנ. די קויכעס, פיל איכ, פארלאָזנ מיכ. לעבנ מיר ליגנ נאָכ סאָלדאַטנ — ווער ס'איז שוינ טויט, ווער סע מוטשעט זיכ נאָכ. סאָפ טאָג איז געוואָרנ שטיל. מע האָט אָביאַוועט א פּערעמיריע, ביז מע וועט צונעמענ די געהאַרגעטע אונ פארוואונדעטע פונ פעלד, אונ דערנאָכ — באַנײַס א קאָנ... איכ ליג אינ געהאַקטע ווונדנ אונ קוק ארויס, עפּשער וועט גאָט ראַכמאָנעס האָבנ אונ כ'וועל דערלעבנ זענ דעמ דאָקטער מיט די סאַניטאַרנ. אזוי ווי איכ ליג, דערזע איכ, ווי עס לויפט ארומ א לאַנגער פּאַרשוינ אינ א ווײַסנ כאַלאַט מיט א רויטנ ציילעמ. דאַנקענ גאָט, ער גייט, אונדזער רעטער, נאָכ אימ לויפנ עטלעכע סאַניטאַרנ, פעלדשערס מיט טראָג־בעטלעכ אונ גרויסע טאָרבעס אפ די זײַטנ. דער לאַנגער דאָקטער לויפט, ווי ניט קיינ היגער, איבערנ פעלד, ווי דער טויט אַליינ זאָל זיכ נאָכ אימ נאָכיאָגנ, ער שטעלט

זיכ אפ לעבנ די ליגנדיקע, טוט א טאפ דעמ דויפעק אונ לויפט אוועק, ווי אנ אפגעבריטער, ווייטער. זעט ער, אז דו זשיפעסט נאכ, גיט ער א וואונק, אונ די סאניטארנ טראגנ דיכ אוועק צו די סאניטארנע וועגע־לעכ. זעט ער, אז דו ביסט שוינ פארטיק, שטעלט ער דיר אוועק מיט א שטיק קרייד א ציילעמ אפ דער ברוסט, אנ אטעסטאט זרעלאסטי, הייסט עס, אז מע מעג דיכ שוינ אוועקטראגנ אפנ צווינטער. ניקאלקע גאנעוו דארפ דיכ שוינ מער ניט האבנ פאר קיינ סאלדאט, אונ מע באפרייט דיכ פונ דער סלוזשבע. אויסגעדינט זיכ...

די זונ איז שוינ פארגאנגענ אונ איבערגעלאזט אפ דער ערד א שיינעמ שטיק הימל. דער ווייצ איז נאכ גרינ, אונ נאטש ער איז צעטאפ־טשעט פונ אונדזערע שווערע שטיוול אונ באגאסנ מיט בלוט, דאכ איז א מעכייע צו עטעמענ מיט די רייכעס פונ די פעלדער... „זאל דיר נאר דאס לעבנ געשענקט ווערנ, — טראכסטו זיכ, — זאל זיינ אפילע אנ א פוס, אנ א האנט, אבי לעבנ בלייבנ!..״ אונ דא פיל איכ — עס לאזנ זיכ מיר שוינ אויס די קויכעס, איכ קאנ ניט שרייענ, דאס בלוט רינט, די וואונד ברענט ווי א פייער. איכ ליג אונ ווארט, אונ אט האב איכ דער־לעבט די מינוט — דער לאנגער דאקטער איז אנגעגאנגענ. ער האט א כאפ געטאנ מיינ האנט, אונ אלייג קוקט ער שוינ ווייטער. ערגעצ האט זיכ דערהערט א שאס, אונ סע האט מיט אימ א מארדעווע געטאנ, אונ ער כאפט ארויס פונ קעשענע א שטיק קרייד אונ גיט מיר א שטעל אוועק א ציילעמ, נאר יענעמ ציילעמ!.. איכ הייב אופ דעמ קאפ אונ זע, ווי זיינע פיס טראגנ אימ שוינ ווייטער.

— דאקטער, גאספאדינ דאקטער! — שריי איכ מיט די לעצטע קויכעס, נאר ער הערט מיכ שוינ ווי דעמ קאטער, ער טאפט שוינ אנ אנדער דויפעק, ער שטעלט צלאמימ. מעגסט שוינ ווארטנ, שייע, ביז מע וועט דיר אויסגראבנ א קייווער, אונ דער קאזיאנע ראבינער וועט נאכ דיר אפזאגנ א מאלע...

מיינ גליק, וואס עס זיינענ אונטערגעלאפנ צוויי סאניטארנ מיט א לייטישער דאקטערשע, האט מענ אפגעווישט פונ מיר דעמ ציילעמ אונ מע האט מיכ איבערגעבונדנ אונ אוועקגעפירט אינ לאזארעט, אנדערש, ווער ווייסט, וואס סע וואלט שוינ געווענ מיט מיר...

— שמייע גאזלענ, וואס זשע שווייגסטו? — האט זיכ אופגעכאפט פונעמ ארט דער באלעגאלע, — ביסטו, הייסט עס, פונ טויט לעבעדיק...

— נו געוויס, אוואדע...

— הערט א מייסע! קומט דאכ פונ דיר מאהאריטש!

— יא, אוואדע קומט מאהאריטש!

— שטעל זשע אוועק א האלבע פלאש!

— ס'איז גוט צו שטעלנ, כאצקל, אז סע שטעלט זיכ, איכ האָב ניט קיינ לעבעדיקנ גראָשנ.

— נישקאָשע, שמייע־לעבנ, איכ וועל קויפנ אונ ס'וועט זייַנ אפ דייַנ כעשבנ... — האָט כאצקל זיכ ניט פארלוירנ, — עס וועט נאָכ דיר עפּעס ארויסקומענ פארנ דאָכ...

דער באלעגאָלע איז גלייַכ נעלעמ געוואָרנ אונ האָט זיכ אײַנגיכנ אומגעקערט מיט א פלאש בראָנפנ, קאָלבאס, ציבעלעס אונ א בולקע...

שמייע איז געשטאנענ א ביסל צעמישט. ווענ ער ווייסט, אז עס וועט זיכ אויסלאָזנ מיט אזא אומגעריכטער הויצאָע, וואָלט ער אימ ניט גענומענ דערציילנ קיינ געשיכטעס, דעמ באלעגאָלע. אויב יעדער געשיכטע, וואָס ער וועט דערציילנ, וועט אימ קאָסטנ א פלאש בראָנפנ מיט קאָלבאס, וועלנ אימ דערופ זייַנע גאָלדענע געשעפטנ ניט טראָגנ. כאצקל האָט שוינ ווידער מיטנ נאָגל פונעמ גראָבנ פינגער אָפּגעמאָסטנ א העלפט פונ דער פלאש, אונ צווינטשעוועדיק א גוט לעבנ, די פלאש זאָל ניט זייַנ די לעצטע, ארייַנגעבולקעט די מאשקע אינ גאָרגל ארייַנ אונ איבערגעגעבנ די פלאש שמייענ.

— טרינק געזונט אונ לאָמיר זיכ צעקושנ, שמייע, מע זאָל טאָמיד לעבנ בעשאָלעמ, פאָרט בײדע נעדינט, געוועננ אזא לאנגע צייַט אינ פײַער, אונ אז מיר האָבנ זיכ אומגעקערט אהיימ לעבעדיקע, איז דאָכ מאקע א נעס. זייַ געזונט!..

אונדזער בלעכער, געריר‌ט פונעמ באלעגאָלעס הארציקע רייד, האָט אינ איינ אָטעמ אויסגעטרונקענ דעמ בראָנפנ, אונ ס'איז אימ גלייַכ פרייַלעכ געוואָרנ אפנ הארצנ.

זיי זייַנענ נאָכ א ביסל געזעסנ, גערעדט, אונ שמייע האָט דערפילט, אז די ערד הייבט זיכ אָנ צו דרייענ אונטער זייַנע פיס. האָט ער זיכ שוינ אָפּגעזעגנט מיטנ באלעגאָלע, גענומענ דאָס געצייַג אונ זיכ געלאָזט גייַנ. זייַנע שווארצע אויגנ האָבנ געגלאנצט, ווי די שטערנ, דאָס סאָלדאטישע היטל איז געזעסנ אפ דער זייַט, אונ דאָס כאקענע העמדל איז געווענ צעכראסטעט. דער עמער מיטנ געצייַג האָט זיכ געפּלאָנטערט בא די פיס, אופגעהויבנ א שטויב, געטראסקעט איבער די שטיינער פונ שליאכ. ס'איז שוינ געווענ נאכט. טיר־אונ־טויער צוגעשלאָסנ. דאָס שטעטל ווי אויסגעשטאָרבנ. קיינער ווייסט דאָכ ניט, וואָס עס וועט זייַנ מאָרגנ. דער אפּטייקער באקומט שוינ ניט א צייַט קיינ בלעטער, קיינ נייַעס דערציילט ער ניט.

אפ דער וועלט איז פריילעכ, נאָר אהער קומענ די נייַעס אָנ מיט גרויס

פארשפעטיקונג. מע זאָגט, אז עס דארפנ אהער אראָפּקומענ עמעצע מענטשנ פונ צענטער — באָלשעוויקעס— איינשטעלנ א וולאסט אינ שטעטל, וועט זײַנ גרינגער צו לעבנ. דערווײַל ליגט מענ זיכ דאָ שלאָפנ מיט אײנ וולאסט, אונ מע שטײט אופ מיט א צווײטער. אינ די ארומיקע וועלדער דרײענ זיכ ארומ באנדעס, אונ א ליאדע גאָרנישט וויל איצט ווערנ א גאנצער מעכוטנ. ס'איז נאָכ א נעס, וואָס שטעטלדיקע כעוורע האָבנ גענומענ ביקסנ אונ מע לאָזט ניט צו נאָענט צומ שטעטל סטעציורענ, מיט באנדורענ, מיט אלע איבעריקע שלעק.

שפאנט זיכ אזוי שמײַע גאזלענ איבער די פוסטע, שטילע גאסנ אונ זינגט פאר זיכ א סאָלדאטסקע לידל וועגנ א קאָזאק מיט א מײדל. וואָס אמאָל זינגט ער שטארקער אונ שטארקער. עס ארט אימ אפילע ניט, וואָס עס מאראקעט שוינ א רעגנ אונ ער איז פארגאנגענ ווײַט פונ זײַנ שטוב.

א צעבראָכענער, מיט א טעמפנ ווײטעק אינ די שלײפנ, איז שמײַע ארײַנגעפאלנ שפעט באנאכט צו זיכ אהײמ. ער האָט אוועקגעשטעלט שטילערהײט דעמ עמער געצײַג לעבנ אויוונ, אראָפּגעוואָרפנ פונ זיכ דאָס כאקענע העמדל, די שווערע סאָלדאטסקע שטיוול אונ זיכ א וואל־גער געטאָנ אפ דער הילצערנער סאָפע. דער קאָפּ האָט זיכ אימ געשפאָלטנ פאר ווײטעק, אונ עס האָט זיכ אימ נאָכ אלץ געפלאָנטערט אונ גענאָגט באמ הארצנ דאָס זעלבע לידל וועגנ קאָזאק, וואָס איז אוועק אפ דער מילכאָמע אונ האָט אָנגעזאָגט א גוט־יאָר זײַנ שווארצכײנעוודיק מײדל, וואָס האָט אימ מיטגעגעבנ אנ אויסגענײט טיכל... דעמ קאָזאקס בײנער זײַנענ צעפוילט געוואָרנ ערגעץ אינמיטנ פעלד אונטער א טאָפּאָליע, אונ דאָס מײדל איז געבליבנ עלנט ווי א שטײנ...

אינ שטוב מיט די פארהאקטע לאָדנ אונ מיטנ ניט־אויסגעלאָשענעמ קאנעץ, וואָס האָט געטשאדעט ביז האלבער נאכט, איז געווענ מוירעדיק דושנע. בײדע קינדער זײַנענ געשמאק געשלאָפנ אונ געזענ אינ שלאָפ שײנע כאלוימעס. פײגע, זײַנ שטאלטנע שווארצכײנעוודיק ווײַבל, וואָס זעט נאָכ אויס אינ אירע לאנגע סמאָלע־צעפ, ווי א קאלע־מויד, האָט אופגעהויבנ אפ אימ פונ בעט אירע אויגנ, רויטע אונ ניט אויסגעשלאָ־פענע פונ זיצנ דורכ די נעכט אונ נײענ פרעמדע קלײדער, אונ האָט קײנ וואָרט ניט געזאָגט. זי קאָנ אימ שוינ גוט, איר שמײַענ. אז ער פאלט אזוי ארײַנ אינ שטוב אָנ א גוטנ־אָוונט, אָנ א וויץ, אונ טוט זיכ א וואלגער אפ דער סאָפע אָנ וועטשערע, שווײַגט זי, נאָר פונ מאָל צו מאָל גיט זי אפ אימ א וואָרפ אנ אומצופרידענעמ בליק. שמײַע מאכט זיכ ניט זעענדיק. ער ציט שוינ זײַנ ציגאר טוטינ, אונ, ליגנדיק אינ א וואָלקנ רויכ, באטראכט ער איצט די וועלט.

דאָס שטעטל אין פֿלאַמען

דאָס שטעטל איז געשטאַנען ניט װײַט פֿונעם טראַקט, װאָס האָט געפֿירט אין דער גרױסער װעלט. דורך דעם זײַנען געגאַנגען פֿרעמדע כאַיאָלעס און איבערגעלאָזט נאָך זיך סרײפֿעס און אַש. אין אָט די מעקוימעס דערצײלט מען און אַ שיר געשיכטעס װעגן באָגדאַן כמעלניצקי. און אָט דאָרט, אינעם גרױסן דעמבענעם װאַלד, זאָגט מען, האָט זיך אױסבאַהאַלטן קאַרמעליוק מיט זײַנע בראַװע יונגען. פֿאַרבײַ דעם שטעטל זײַנען געגאַנגען די רוסישע דיװיזיעס אױפֿן דײַטש און אױף די אױסטריאַקעס.

דאָס שטעטל האָט אָבער אױך פֿאַרזוכט קאַלטס און װאַרעמס. סע האָט שױן װיפֿל מאָל געברענט און פֿונדאָסנײַ זיך אױפֿגעבױט. נאָך יעדעס מאָל איז אָנגעקומען אַ נײַער אומגליק, אַ מילכאָמע, ס'איז װידער פֿאַרװיסט געװאָרן, פֿאַרװאַקסן געװאָרן מיט דערנער און װילדגראָז, און מע האָט װידעראַמאָל גענומען בױען פֿון אָנהײב, און מע האָט װידער געװאַרט אױף בעסערע צײַטן.

און שײן איז געװען דאָס שטעטל! זומער איז עס אינגאַנצן געװען אײַנגעטונקט אין גרינס, אַרומגעצױמט מיטן גרױסן, טיפֿן װאַלד. די גרינע בערג הינטערן שטעטל האָבן זיך געהױבן צום הימל, און דער שליאַך האָט זיך געדרײט, געשלענגלט צװישן זײ און ערגעץ נעלעם געװאָרן אין דער געדיכטעניש פֿון װעלדער.

װער עס איז כאָטש אײן מאָל אַהער אַראָפּגעפֿאָרן, דער האָט דאָס שטעטל ניט געקאָנט פֿאַרגעסן. מע האָט זיך אין דעם זאַט ניט געקאָנט אָנקוקן.

אין אָט דעם שטעטל איז געבױרן געװאָרן, דאָ האָט פֿאַרבראַכט זײַנע יונגע יאָרן, פֿונדאַנען איז אַװעקגעגאַנגען אױף דער גרױסער מילכאָמע אונדזער שמײַע גאָזלען. אַלטע לײַט זאָגן, אַז ער איז געראָטן אין זײדן דעם בלעכער אַװראָם־בער דעם שװאַרצן, װאָס האָט אָפּגעדינט אַ פֿערטל פֿון זײַן לעבן דעם קײסער, געװען אַ קאַנטאָניסט. דער טאַטע שמײַעס, ייִסראָעל דער בלעכער, איז אַװעקגעגאַנגען אױף דער יאַפּאָנישער מילכאָמע און האָט אַװעקגעלײגט דעם קאָפּ בא פּאָרט־אַרטור. װעגן שמײַעס טאַטן, װעגן זײַן זײדן אַפֿילע װאָלט מען געקאָנט דערצײלן אַ סאַך װוּנדערלעכע, העלדישע, און אַמאָל אױך זײער טרױעריקע געשיכטעס, נאָר סע װאָלט אױף דעם קײן פּאַפּיר ניט געסטײַעט.

שמײַע אַלײן האָט שױן אױך גענוג געפּאַקט און געמאָזלט. עס איז אים ניט אײן מאָל געװען שװער, נאָר ער איז זיך צו קײנעם ניט געגאַנגען קלאָגן. אַנדערע האָבן געװאָרפֿן דאָס שטעטל און אַװעקגעלאָזט זיך

אינ דער וועלט אַרײַנ, נאָר ער האָט דאָס קײנמאָל ניט געטאָנ, ער האָט ליב געהאַט זײַנ הײמ, ווי מע האָט ליב אַפּילע אַנ אָרעמע, נאָר אַ טרײַע מוטער. ער איז אויסגעוואַנ א וועלט, זאָגט ער, אָנגעזענ זיכ אַ סאַכ שטעט אונ שטעטלעכ, נאָר אַזוינס ווי זײַנ אײגנ שטעטל ניט באַגעגנט. ער האָט געזעענ אָנ אַ שיר מענטשנ, נאָר ווי קומענ זײ גאָר צו זײַנע זעמ־ליאַקעס? ער האָט געטראַכט, אַז נאָכ אַזויפיל צאָרעס מוז דאָכ אַמאָל קומענ אַ ביסל נאַכעס אויכ!.. עס קאָנ דאָכ אַזוי ניט זײַנ אונ ס׳וועט אַזוי ניט זײַנ. אַזוי איז געשטאַנענ אינ די סאָלדאַטישע צײַטונגענ. געזאָגט האָבנ דאָס די באָלשעוויקעס, אונ שמײַע האָט זײ געגלײבט. אַלע סאָלדאַטנ האָבנ זײ געגלײבט. אַז מע האָט געקענט אַראָפּוואַרפנ ניקאָלקענ, וועט מענ קענענ מאַכנ פּאָראַדעק אַפ דער וועלט, — האָט געטראַכט שמײַע אונ איז בא זיכ ניט אַראָפּגעפאַלנ.

נאָר אַפ דער וועלט האָט זיכ נאָכ געקאָכט, ווי אינ אַ גוטנ קעסל. אַפּנ הימל האָבנ זיכ אָנגערוקט גרויסע כמאַרעס. אינ דער לופט האָט שוינ ווידער געשמעקט מיט פּולווער.

ווײַט איז דאָס שטעטל פונ דער גובערניע, זײער ווײַט. אונ ביז מע דערלעבט זיכ עפּעס דערוויסנ, קריכנ שיר די אויגנ ניט אַרויס פונ קאָפּ.

פונ מאָל צו מאָל רײַסט זיכ אַהער דורכ אַ באַנדע, צעהוליעט זיכ איבער די גאַסנ אונ געסלעכ פונעמ שטעטל, צאַפּט בא דעמ אָפּ אַ היפּש ביסל בלוט אונ אַנטרינט... אַז דאָס שטעטל שטײט באַמ ברײטנ טראַקט, אונ יעדער הונט וויל פונ דעמ אָפּלעקנ אַ בײנדל.

האָבנ כעוורע באַלמעלאָכעס געקראָגנ ביקסנ אונ זײַנענ אַוועק אינ דער דרוזשינע, אינ דער סאַמאָאָבאָראָנע. ווײַט הינטערנ שטעטל האָט מענ באַגעגנט אַ באַנדע, צעקלאַפּט זי אַפ שטיקלעכ, באַגעגנט אַ צווײטע— אונ פאַרטריבנ זי אינ אַ באַלקע, אָנגעבראָכנ די בײנער. אונ אַז מע האָט דערזענ, וויאַזוי דאָס שטעטל נעמט אופ ניט־געבעטענע געסט, האָט מענ עס אָנגעהויבנ אויסמײַדנ, מע איז אַרומגעגאַנגענ מיטנ צענטנ וועג, מע זאָל ניט אָנטרעפנ אַפ דער דרוזשינע... אונ ס׳איז געוואַקסנ דער שעמ פונ דער דרוזשינע, אונ אָפט האָט מענ זי אָנגעהויבנ פאַרבעטנ אינ די שכײנישע שטעטלעכ אונ דערפער אַרויסצוהעלפנ זײ.

דער אָטריאַד איז געוואַקסנ. ווער סע האָט נאָר געקאָנט האַלטנ אַ ביקס, איז אַהינ אַוועק. אינ שטעטל האָט זיכ שוינ אײַנגעשטעלט אַ שטיקל אָרדענונג, אונ דער פּראָסטער אוילעמ האָט זיכ דערפילט, ווי אַ באַלעבאָס.

שמײַע האָט זיכ לעכאַטכילע געהאַלטנ אָנ אַ זײַט. ער פלעגט נאָר פונ צײַט צו צײַט אַרײַנקומענ אַ קוק טאָנ, ווי כעוורע לערנענ זיכ האַלטנ אַ ביקס, וואַרפנ אַ גראַנאַטע. ער האָט געוווסט, שמײַע, אַז טאָמער רירט

ער זיכ ווידער צו צומ געווער, וועט ער עס ניט ארויסלאָזנ, ביז ס'וועט ניט ווערנ אָרדענונג אפ דער וועלט. אונ אינ שטוב האָט מענ געדארפט געבנ עסנ א ווײַב מיט צוויי פיקערס...

עס זײַנענ אָנגעקומענ שווערע טעג. צומ שטעטל האָבנ זיכ געריסנ בייזע באַנדעס, אונ מע האָט זיי מיט גרויס מי אָפגעהאַלטנ. דער אָטריאַד איז געוואָרנ שיטערער מיט יעדער שלאַכט...

אינ די טעג האָט מענ ארויסגעקוקט אפנ בלעכער — עס זײַנענ געשטאַנענ ביקסנ, אונ ס'איז ניט געווענ, ווער עס זאָל זיי טראָגנ... נאָר שמײַע האָט זיכ שוינ עטלעכע טעג ניט געוויזנ. מע האָט אימ אפילע אפ דער גאַס ניט געזענ. דאָס ווײַב זײַנס, פייגע, האָט זיכ אוועקגעלייגט אפ טיפוס, אונ ער האָט זיכ ארויסגעשלאָגנ פונ די קויכעס, ארומגייענ-דיק ארומ איר. עס איז געווענ דער רופע אונ האָט איר צוגעשריבנ פראָשקעס, נאָר דעריקער, האָט ער געזאָגט, זאָל מענ איר געבנ גוטע „פלעגע" — הינערשע יײַכלעכ, אייער, פוטער. נאָר סײַ אינ אפטייק כײַ אפנ מאַרק איז אלצ ווי מיט א בעזעמ געווענ אויסגעקערט. שמײַע האָט ניט געוווסט, וואָס ער זאָל טאָנ מיט זײַנע צוויי קינדער — איציק-לענ אונ ליזענ. זיי וועלנ זיכ נאָכ, כאָלילע, אויכ אָנשטעקנ. נאָר גוטע שכיינימ האָבנ זיי צוגענומענ צו זיכ, אונ איינגיכנ, ווענ מע האָט אָפגע-שיקט א גרופע אָרעמע קינדער אינ גובערניע אינ א קינדער-היימ, האָט מענ שמײַעס אויכ צוגענומענ, אונ איצט איז ער געבליבנ מיט דער קראַנקער פרוי.

פאַר דער צײַט איז ער שטאַרק אראָפ פונעמ פאָנעמ, געוואָרנ פאַר-כמורעט אונ דערשלאָגנ.

ס'איז שוינ געווענ טיפער אָסיענ. די רעגנס אונ בלאָטעס האָבנ ניט אופגעהערט. דאָס שטעטל איז אײַנגעהילט געוואָרנ אינ א געדיכטנ נעפל, אונ דאָ האָט מענ נאָכ ארויסגערופנ דעמ אָטריאַד אינ א שכיי-נעסדיק שטעטל אָפשלאָגנ א באַנדע. א מאָרע-שכוירע איז באַפאַלנ אלצ אונ אלעמענ. מע האָט אָנגעהויבנ פרי פאַרהאַקנ טיר-אונ-טויער, אויס-לעשנ די שײַנ אונ מיט אומרו אונ מוירע זיכ צוהערנ צומ טראַקט. ס'איז אוועק א טאָג, אונ צוויי, דרײַ, אונ מע האָט פונעמ אָטריאַד גאָר-ניט געהערט אונ ניט געזענ. טעג אונ נעכט האָט מענ ארויסגעקוקט אפנ טראַקט, זיכ צוגעהערט, צי טראַסקענ ניט די היימישע וועגענער, צי קערנ זיכ ניט אומ די כעוורע, נאָר ס'איז געווענ טויט-שטיל.

אונ הײַנט איז עפעס צו פרי צוגעפאַלנ די נאַכט. מע האָט גאָרניט באַמערקט, ווענ זי האָט זיכ געיאָוועט אונ פונוואַנענ זי האָט זיכ אראָפגעלאָזט אפ די נידעריקע שטעטלדיקע דעכער א שוואַרצע אונ א

דראָענדיקע. ס'האָט מאראקעט אונ אײַנגעגעסנ רעגנדל אונ אָנגעזאָגט, אז דער הארבסט איז שוינ טיפ ארײַנ אינ לעבנ. פונעמ אלטנ רוגזע־דיקנ שאָכנ — פונעמ געדיכטנ דעמבענעמ וואלד — האָט געבלאָזנ א קאלטער ווינט. אָנהייב נאכט האָט זיכ דאפקע באוויזנ א ריפּטל לעוואָנע, א פּאָר געציילטע שטערנ, נאָר זיי זײַנענ גלײַכ ניט געוואָרנ.

דאָס גאנצע שטעטל איז שוינ געווענ אײַנגעהילט אינ א שווערנ, אומרויקנ שלאָפ, נאָר בא שמײַענ אינ שטוב האָט נאָכ אלצ געטשאדעט דער קאנעצ. שמײַע איז געזעסנ אָנגעשפּארט מיט די עלנבויגנס אינ טיש אונ א פארומערטער געצויגנ אנ אויסגעלאָשנ שטיקל ציגאר, וואָס איז בא אימ געווענ צוגעקלעפּט צו דער אונטערשטער ליפּ. דאָס פענצטער איז געווענ פארהאנגענ מיט א צעריסענער קאָלדרע, אונ אינ שטוב איז געווענ דושנע, אָנגערייכערט. די ארומיקע טויטע שטילקײַט איז נאָר פונ צײַט צו צײַט איבערגעריסנ געוואָרנ פונ א טעמפּנ קרעכצ פונעמ ווײַב, וואָס איז געלעגנ אינ גרויס היצ, דער קאָפּ צוגעדעקט מיט א נאַ־סער שמאטקע. שמײַעס אויגנ זײַנענ געווענ רויט, אָנגעדראָלנ אונ מיד. ער געדענקט שוינ ניט די נאכט, ווענ ער האָט צוגעמאכט מיט אנ אויג. פייגע איז גראָד א ביסל אײַנגעשלאָפנ. אונ אימ האָט זיכ געדאכט, אז זי האָט אָנגעהויבנ גרינגער צו אָטעמענ. ער האָט זיכ אופגעהויבנ פונעמ אָרט אונ איז.צוגעגאנגענ צו איר בעט. זי איז געווענ א ביסל אָפּגעדעקט, עס האָבנ זיכ ארויסגעזעענ אירע נאקעטע, דארע הענט, האָט ער ארופגע־צויגנ איבער איר די קאָלדרע, לאנג געשטאנענ נעבנ איר בעט, געקוקט אפ איר אָפּגעצויגנ בלאסלעכ־ראָז פּאָנעמ מיט די לאנגע טונקעלע וויִעס. אָט האָט זי ווײַטער אָנגעהויבנ אָטעמענ שווער, ווי ס'וואָלט איר ניט געסטײַעט קײנ לופט. שמײַע איז אלצ געשטאנענ איבער איר, אונ א ווייטעקלעכע צארטקײַט האָט אימ ארומגענומענ... סאכאקל א פּאָר יאָר פאר דער מילכאָמע האָבנ זיי כאסענע געהאט. די קינדער האָבנ זיכ נאָכ ניט געשטעלט אפ די פיס, ער האָט גאָר ניט באוויזנ ארומצוקוקנ זיכ, האָט זיכ אָנגעהויבנ די מילכאָמע, אונ ער איז אוועק אפ דער פּאָזיציע. אונ ווענ ער האָט זיכ אומגעקערט, האָט ער אויכ ניט געבראכט אינ שטוב קײנ נאכעס. די צײַט איז געווענ א שווערע, ער האָט זיכ אומגעדרייט, ווי א פרעמדער, איבערנ שטעטל, אונ אויכ בא זיכ אינ דער היימ, בא ווײַב־אונ־קינד, האָט ער זיכ נאָכ געפילט, ווי אנ אוירעכ.

ער איז נאָכ א ביסל געשטאנענ, פארטאָנ אינ שווערע מאכשאָוועס, פאַרזיכטיק א גלעט געטאָנ די קאָלדרע, פארלאָשנ דעמ קאנעצ אונ זיכ צוגעלייגט אפ דער גראָבער רעדנע לעבנ אויונ, אריבערציִענדיק איבער זיכ דעמ שינעל.

ער האָט ניט געוווּסט, וויפל צײַט ער איז אַזוי אָפּגעשלאָפן, ער האָט אופגעריסן די אויגן און דערזען, אַז פייגע שטייט איבער אים און וויינט.

— שנײַע, שנײַע, שטיי אוף, גיכער... שטיי אוף, ציגד אָן די שנײַן...

— וואָס איז, פייגע... וואָס איז געשען?.. — האָט ער זיך אַ דער־שראָקענער אופגעכאַפּט פונעם אָרט.

— הער זיך אײַן... איך שטאָט טוט זיך כווישעך, — האָט זי קוים אַרויסגערעדט, און אירע ציין האָבן געקלאַפּט פון קעלט און שרעק.

— גאָט איז מיט דיר, טײַערע... וואָס האָסטו זיך אופגעהויבן? דו מעגסט דען? — שנײַע האָט זי אָנגענומען בײַ דער האַנט און צוגעפירט צום בעט.

ער האָט אָנגעטאַפּט אין קעשענע די שוועבעלעך, אָנגעצונדן דעם קאַנעץ און, אײַנהערנדיק זיך, וואָס סע טוט זיך אין שטעטל, גענומען באַרויקן די קראַנקע.

אַ סנאַריאַד איז מיט אַ בייזן געוווי דורכגעפלויגן איבערן דאַך בײַ־דעריק־נידעריק, און אַלע שויבן האָבן זיך אויסגעשאָטן. פייגע איז אומ־געפאַלן אופן דיל. אַ צווייטער האָט אַ ברום געטאָן און זיך צעריסן ער־גענץ דאָ ניט ווײַט, און דאָס הײַזל האָט זיך אַ טרייסל געטאָן, ווי די ערד אַליין וואָלט זיך גענומען מאָרדעווען.

שנײַע האָט אופגעהויבן פייגען פונעם קאַלטן דיל און זי אוועקגע־לייגט אופן בעט.

ערגעץ גאָר ניט ווײַט האָט זיך געהערט אַ שיסערײַ פון קוילנוואַר־פער. פּעטליוראָווצעס זײַנען, ווי פאַרסאַמטע, אַרומגעלאָפן איבער די געסלעך. די פענצטער זײַנען געווען באַלויכטן פון אַ גרויסער סרייפע. צום הימל האָבן זיך געהויבן הויכע פײַער־צונגען. פון מאָל צו מאָל האָבן זיך געהערט דונערן פון האַרמאַטן, און איבער דער גאַס האָט זיך געטראָגן אַ מעהומעדיקער געשריי פון מענטשן, אַ הירזשען פון איבערגעשראָקענע פערד, וואָס איז פאַרטויבט געוואָרן פון די אופ־רײַסן.

דער ווינט האָט אַראָפּגעריסן די קאָלדרע, מיט וועלכער ס'איז גע־ווען פאַרהאַנגען דאָס פענצטער, און דאָס גאַנצע צימער איז באַשײַנט געוואָרן מיטן אָפּגלאַנץ פון דער סרייפע. שנײַע האָט זיך אָנגעכאַפּט באַם קאָפּ און איז צוגעלאָפן צום ווײַבס געלעגער.

— פייגע, טײַערע, מע דאַרף לויפן! — האָט ער אויסגעשריען, נאָר יענע איז געלעגן, קיין ריר ניט געטאָן מיט קיין אײַווער.

— פייגע, פייגע... שטאַרק זיך. זעסט, וואָס סע טוט זיך...

— איך זע... — האָט זי קוים אַרויסגערעדט און אָנגעשטעלט אַפּ אים אירע גרויסע, דערשראָקענע אויגן. ער האָט זיי נאָך קיינמאָל ניט געזען אַזוי'נע גרויסע און בעטנדיקע, מיט אַזויפיל טרערן און צאַר. אירע איבערגעטריקנטע ליפּן האָבן זיך אויפגעעפנט, און זי האָט זיך אָנגערופן:

— פאַר מיר זאָרג זיך ניט... איך שטאַרב... גיי, ראַטעווע זיך... אַנטלויף...

— וואָס רעדסטו, פייגע? וואָס רעדסטו? איך וועל דיך ניט איבער־לאָזן!..

— אַנטלויף פון דעם גענעם. ראַטעווע זיך... מיר איז שוין, זעט אויס, אַזוי באַשערט... ראַטעווע די קינדער... ווו זיינען זיי?..

אַ שוויינדיקער האָט זיך שמיע צוגעטוליעט מיט די ליפּן צו איר שטערן און צאַרט אַ קוש געטאָן זי. פייגע האָט דערזען טרערן אין זיינע אויגן און זיך צעוויינט.

— דו האָסט אַ גאָלדן האַרץ, שייע, — האָט זי מיט די לעצטע קויכעס אַרויסגעבראַכט, — גיי אַוועק... זוך אַפּ די קינדער... אַנטלויף...

שמיע האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. איבער זיינע פאַרוואָקסענע, לאַנג ניט געגאָלטע באַקן האָבן זיך געדראַפּעט שווערע, מוטנע טרערן.

ווידער איז אַ סנאַריאַד געפאַלן, און פון דער סטעליע האָט זיך אַ שאָט געטאָן די ליים. דער קאַנעץ איז פאַרלאָשן געוואָרן, און דער דרויסן איז געוואָרן נאָך רויטער און שרעקלעכער. ער איז צוגעשפּרונ־גען צום אויוון, גענומען דעם שינעל, אַרומגעוויקלט מיט אים דאָס ווייב, אַרויפגעצויגן אויף אירע פיס צוויי אַלטע פוישטן, גענומען זי אויף די הענט און געלאָזט זיך מיט איר לויפן איבער דער גאַס, אַליין ניט וויסנדיק וווהין. די שיסעריי האָט ניט אויפגעהערט. ער האָט פון מאָל צו מאָל געכאַפּט אַ קוק אויף דער קראַנקערס געזיכט. זי האָט שווער גע־עטעמט און ניט אַראָפּגענומען פון אים איר בליק, ווי זי וואָלט מיט זיך אויף יענער וועלט געוואָלט מיטנעמען זיין צאַרטן און מענטשלעכן אויסדרוק.

שמיע איז געלאָפן אַרום באַרג דורך הייפלעך, באַלויכטענע פון דער שרייפע. אַט האָט ער אונטער די פיס דערזען ליגן אַ ביקס, וואָס עמעצער האָט, זעט אויס, פאַרלוירן. ער האָט אַליין ניט געוווסט, פאַרוואָס ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַוועקגעלייגט אויף אַ רגע די קראַנקע אויף דער ערד, אויפגעהויבן די ביקס, אָנגעטאָן אויפן אַקסל און זיך ווייטער געלאָזט מיט דער פרוי אַהין, וווהין עס זיינען געלאָפן אַ סאַך מענטשן.

די ביקס האָט געטוליעט די פּלייצע. דאָס שטריקל איז געווען לאַנג,

אונ זי האָט זיכ געשלעפּט, די ביקס, געקלאַפּט איבערנ פּוס, נאָר ס'איז ניט געווענ קיינ צײַט זיכ אָפּשטעלנ, פאַריכטנ. די שיסערײַ האָט א ביסל אופגעהערט, אונ מע האָט זיכ גענדאַרפט צושלאָגנ צו א ברעג, אָפּזוכנ א באַהעלטעניש.

מענטשנ זײַנענ געלאָפנ צו דער גרויסער געמויערטער שול, וואָס שטייט אפנ ראַנד פונעם קרומענ יאַר אונ זעט זיכ אָנ מיט אירע גרויסע פענצטער פונ אַלע זײַטנ שטעטל, ווי א גרויסער לאַמטערנ.

ווענ שמײַע איז צוגעלאָפנ צו דער שול, איז שוינ דאָרט געווענ געפּאַקט מיט אוילעמ. אינ שול איז געשטאַנענ א מוירעדיקער טומל, אונ מע האָט ניט געקאָנט פאַנאַנדערקלײַבנ, צי מע שרײַט, צי מע דאַוונט, צי מע וויינט. מע האָט געהערט, ווי עס פאַרגייענ זיכ די קלײנע קינדער. ס'איז דאָ געווענ א שרעקלעכע ענגשאַפט, אונ מענטשנ זײַנענ אַלץ צו־געקומענ אונ צוגעקומענ, דורכשטויסנדיק זיכ דורכ דעמ האַמוינ.

געבליבנ שטיינ בא דער טיר מיטנ ווײַב אפ די הענט, האָט שמײַע א שאַרפנ קוק געטאָנ אפנ אוילעמ אונ מיט אַלע קויכעס אויסגעשריענ:

— מענטשנ, וואָס האָט איר זיכ דאָ פאַרהאַלטנ? די באַנדיטנ זײַנענ שוינ פונ אַלע זײַטנ... איר וועט דאָ אומקומענ!..

דער אוילעמ איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרנ, מע האָט זיכ אומגעקוקט אפ דעמ בלעכער, ווי ער האַלט דאָס ווײַב אפ די הענט, א פאַרוואַקסענער, א צעשויבערטער, א באַגאָסענער מיט שוויס.

— א נײַער רעטער האָט זיכ געיאַוועט... ווער קאָמאַנדעוועט עס דאָרטנ? — האָט זיכ דערהערט אינ דער ענגשאַפט א בייזע שטימ.

— שמײַע גאַזלענ!..

— א וואַזשנער דייע־זאָגער! — האָט עמעצער אויסגערופנ מיט ביטל.

— שמײַע, וווהינ אײַצעסטו לויפנ?

— מע דאַרפ לויפנ אינ וואַלד...

— אינ וואַלד? מעשוגע... אינ אַזא רעגנ, מיט קלײנע קינדער...

— פאַלגט אימ ניט, ייִדנ, נעמט אַרויס די ספאָרימ, מע דאַרפ זאָגנ טילימ!..

ניט ווײַט האָט זיכ דערהערט א שיסערײַ, אונ אינ שול איז ווידער געוואָרנ א געפילדער.

— שרײַט שמא־ייִסראָעל!..

— קומט מיט מיר אינ וואַלד אַרײַנ! — האָט שמײַע אויסגעשריענ, ווי ניט מיט זײַנ קאָל, אונ איז אַרויסגעלאָפנ פונ דער שול.

— שמיִע גאזלענ איז מעשוגע געוואָרנ... — האָבנ זיכ דערהערט אויסגעשרייענ.

— ייִדנ, לויפט אינ וואַלד...

— שמיִע איז אַנ אַלטער סאָלדאַט, ער ווייסט בעסער פונ אונדז...

— אינ וואַלד!

— דער גאזלענ איז פונ זינענ אַראָפּ...

— הערט ניט די טילימ-ייִדנ!..

— מעשומאָדימ! אויסוואָרפנ!..

ווענ שמיִע האָט זיכ אומגעקוקט, האָט ער דערזענ פונדערווייִטנס לויפנ נאָכ זיכ א גרויסנ אוילעמ. עס זיַינענ געלאָפנ ווייַבער, קינדער, זקיינימ. פונ מאָל צו מאָל האָט מענ זיכ אָפּגעשטעלט איבערכאַפּנ דעמ אָטעמ אונ געלאָפנ ווייַטער. עס האָט זיכ געדוכט, אַז אַלײנ דאָס שטעטל, וואָס האָט זיכ געזענ פונדאַנענ אינ רויכ אונ אינ פלאַמ, האָט זײ געטריבנ צומ וואַלד. איצט האָט שוינ דער אוילעמ אַלײנ זיכ געסטאַרעט האַלטנ זיכ וואָס נענטער צומ בלעכער, זיכ צוהערנ צו זיַינ וואָרט. אָט דער בלעכער מיטנ פאַרוואַקסענעמ אויסגעמוטשעטנ פּאָנעמ, מיטנ קראַנקנ ווייַב אַפ די הענט, איז איצט פאַר די אומגליקלעכע מענטשנ געוואָרנ זײער אײנציקער אָנשפּאַר. עס האָבנ געהאַלטנ אינ אײנ אונטערקומענ נייַע אונ נייַע מענטשנ, מע איז געגאַנגענ אײנציקווייַז אונ גאַנצע מישפּאָכעסווייַז.

אינ וואַלד האָט מענ פרייַער אָפּגעאָטעמט אונ גענומענ אַרומקוקנ זיכ אַפנ פלאַקערנדיקנ שטעטל.

— א גרויסער אומגליק! א שטאָט ברענט, א שטאָט!

— זעט נאָר, א מינ קעלט, מע קאָנ אומקומענ, — האָבנ ייִדנ גע־טייַנעט, טוליענדיק זיכ אײנער צומ אַנדערנ.

— די קינדער וועלנ איבערגעפרוירנ ווערנ...

— וואָסער שוואַרציאָר האָט אונדז אַהער פאַרשלעפּט...

שמיִע האָט צונויפגעשאַרט א הורבע בלעטער אונ אַוועקגעלײגט די קראַנקע, אײַנגעוויקלט זי, ווי א ציטעריק קינד, אינ זיַינ שינעל. עמעצער האָט אַפ איר אַרופגעוואָרפנ א קאָלדרע. שמיִע האָט שווייַגנדיק זיכ צוגעהערט צו איר אָטעמ. זי וויל אימ, דאַכט זיכ, עפּעס זאָגנ אונ קאָנ ניט, ליגט מיט פאַרמאַכטע אויגנ.

— פײגע, פײגע, — האָט ער זי גענומענ טאָרענ אונ וועקנ, — שטאַרק זיכ.

עס האָט זיכ דערטראָגנ א שטאַרקער געוויינ אונ געשריי. א מאַכנע מענטשנ איז אָנגעקומענ מיט קוילעס.

— די שול ברענט...

— אַ שול מיט מענטשן האָבן זיי אונטערגעצונדן... — האָט ניט אופגעהערט שרײַען אַ זאַקן אין אַ צעפּיצלטן טאַלעס אַף די אַקסל, — פאַרוואָס זײַנען מיר אַזוי געשטראָפט? פאַר וועלכע זינד?..

— ווו איז שמײַע גאַזלען? — האָט זיך אָנגערופן אַן עלטערער ייִד, — ווען מע פּאָגט אים אָבער, וואָלט דער אומגליק ניט געווען אַזוי גרויס...

— לעבעדיקע מענטשן ברענען אין שול... וואָס טוט זיך!

— אומגעקומען אַ שטעטל מיט מענטשן. פאַר וואָס, פאַר וועןן?

פונעם שטעטל זײַנען געקומען צו לויפן געציילטע מענטשן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון פײַער. פון אַלע זײַטן האָט זיך געהערט אַ געוויין פון קינדער, וואָס האָבן געציטערט פאַר קעלט. די נאַכט האָט זיך געצויגן אָן אַ סאָף, אָן אַ ברעג. מע האָט ניט געוווסט, צי זי וועט זיך אַמאָל ענדיקן, צי ס'וועט גאָר זײַן אַמאָל טאָג.

שמײַע האָט אַראָפּגענומען די ביקס פון אַקסל. זיך צוגעזעצט אַף אַ פּניאַק, האָט ער זי אָוועקגעשטעלט צווישן די קני, ווי ער פלעגט דאָס טאָן אַפן פּראָנט אין אַ פרײַער מינוט. ער איז אַזוי געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און פון מאָל צו מאָל געוואָרפן אַ מידן בליק אַף דער קראַנקער פרוי, וואָס האָט אײַנגעאַנצן געפיבערט. ווען ער קאָן איצט פאַרייכערן אַ ציגאַר מאַכאָרקע, וואָלט אים גרינגער געוואָרן אַפן האַרצן, נאָר מע האָט ניט געטאָרט צינדן קיין פײַער. די ראָצכים זאָלן ניט אָנהייבן באַשיסן דעם וואַלד.

און דער אַלטער אין טאַלעס האָט זיך ניט געקאָנט באַרויִקן:

— פּעטליורע, אויסגעמעקט זאָל ווערן דײַן נעדעכעניש, אַ בייזער טויט אַף דיר, אַף אַלע דײַנע באַנדיטן, עס זאָל פון אײַך קיין סאָריד־אופּאָליט ניט בלײַבן...

— וואָס וועט זײַן? מע איז אַנטלאָפן, ווי מע שטייט און גייט.

— די קינדער וועלן איבערגעפרוירן ווערן.

— נישקאָשע, אַבי מע לעבט...

— אײידער אַזאַ לעבן...

— יענע, וואָס זײַנען אין שול געבליבן, איז דען בעסער?

— ווער ווייסט...

— הערט אוף קלאַפּן אין קאָפּ. עס הייבט זיך שוין אָן?

— אַנו, שטילער! עמעצער פאָרט אַהער!..

מע האָט זיך גענומען אומקוקן צום שליאַך און דערזען, ווי עמעצער גייט נאָך, ווי אַן אָוול, נאָך אַ וואָגן. אין עטלעכע מינוט אַרום איז אין

וואַלד אַרײַנגעפאָרנ כאַצקל דער באַלעגאָלע. דאָס פערדל האָט קוימ־קוימ געפּלאָנטערט מיט די פיס. פונ זײַנע באָזלעכער האָט געזעצט אַ פּאַרע, ווי פונ אַ סאַמאָוואַר. אַפ דער פור זײַנענ געזעסנ עטלעכע קינדער אונ אַלטע לײַט, וואָס ער האָט אַרופגענומענ אַפנ וועג. דער באַלעגאָלע האָט אָפּגעווישט מיטנ אַרבל פונ דער סוויטקע, וואָס איז געהאַנגענ אַפ זײַנע אַקסלענ, דאָס נאַסע פּאָנעמ, אונ, שאָקלענדיק פאַרדײַגעט מיטנ קאָפּ, געזאָגט:

— אַ גוט־יאָמטעוו, ייִדנ... מיר'נ פּראַווענ לאַגבוימער... אָט דאָס איז עס?..

אַרומ האָט געהערשט אַ מוירעדיקע שטילקײַט. דער אוילעמ האָט געקוקט אַפ די פאַרשויִנענ, וואָס זײַנענ אַרויסגעקראָכנ פונעמ וואָגנ.

— כאַצקל, אונ וווּ איז דײַנ ווײַב זיסע־לייע?

— אוימ זיסע־לייע... דערהאַרגעט געוואָרנ לעבנ דער כאַטע... איכ שרײַ צו איר, מיר זאָלנ לויפנ זיכ ראַטעווענ, אונ זי טײַנעט: „ווי וואַרפט מענ עס אַוועק אַ שטוב מיט גוטס? מע וועט דאָכ אַרויסטראָגנ דאָס לעצטע העמד...” האָט זי אָפּגעגעבנ דאָס העמד מיט דער נעשאָמע אײַ־נײַנעמ...

דער באַלעגאָלע האָט זיכ אַנידערגעזעצט אַפנ וועגעלע, אַראָפּגעלאָזט דעמ קאָפּ אונ פונ מאָל צו מאָל אַ קלאַפּ געטאָנ מיטנ פּוזשעלע איבער דער כאָליעווע.

— נו, וואָס וועט ווײַטער זײַנ?

— נישקאָשע, ניט געזינדיקט. אַבי מע לעבט... — האָט אַ פּרוּוו זיכ אָנגערופנ.

— אַבי מע לעבט, — האָט איבערגעכאַזערט מיט אַ צונויפגעדריק־טער שטימ שמײַע, — קיינ צאָרעס, זעסטו דאָכ, זײַנענ מיר ניט זשעדנע, אַ לויב דעמ אייבערשטנ. אַז ס'איז באַשערט צו לעבנ, וועלנ שוינ צאָרעס, יאַקאָס, סטײַענ.

— שמײַע, ס'איז דו? — האָט דער באַלעגאָלע אויסגעשריִענ. ער איז גלײַכ אַראָפּגעשפּרונגענ פונעמ וואָגנ אונ זיכ געלאָזט צו שמײַענ. לעבנ פּיינעס געלעגער אַפ דער ערד האָט ער זיכ אָפּגעשטעלט אונ גע־פרעגט:

— ווער איז דאָס, דײַנ פּיינע? וויי איז מיר...

— פרעג ניט, כאַצקל... ס'איז ביטער...

דער באַלעגאָלע האָט אַרויסגענומענ דאָס מאָרבעלע מאַכאָרקע, אָנ־געשטאָפּט דעמ ציבעק, אויסגעשלאָגנ פײַער פונ דער קרעסילע, וואָס שמײַע האָט אימ דערלאַנגט, אונ צוגערייכערט אונטער דער פּאָלע.

ס'איז שוין געווען טיפע נאַכט, ווען די שיסערייַ האָט אופגעהערט און די פייַערן, וואָס זייַנען געהאַנגען איבערן שטעטל, האָבן זיך גענו־מען ביסלעכווייַז אויסלעשן. אפן גראָז, אף די פּניאָקעס, ווו נאָר עס האָט זיך געמאַכט, זייַנען געזעסן און געלעגן מענטשן. מע האָט זיך געטוליעט איינס צום צווייטן, ווי די שאָף בעשאַס א געוויטער. ווער עס איז אזוי, זיצנדיק, אנדרימלט געוואָרן, ווער ס'האָט אין דער שטיל גע־שאָלטן, ווער ס'האָט געוויינט אפן גורל פון נאָענטע און אייגענע, וואָס זייַנען אין דער שול פאַרברענט געוואָרן.

פונעם כווישעך האָט זיך ארויסגערוקט שמייַע. ער איז גע־גאַנגען מיט א שווער געמיט, מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ צווישן די מענטשן, וואָס זייַנען געזעסן און געציטערט פון קעלט און פון שרעק. אין דער פינצטער האָט קיינער ניט באַמערקט אף זייַנע אויגן און באַקן די טרערן, וואָס ער האָט ניט געקאָנט אייַנהאַלטן. מע האָט אָבער גע־זען, אז ער גייט מאָדנע געבויגן. שמייַע, האָט מען אים ניט גע־פרעגט — מע האָט פאַרשטאַנען. אז דאָס באַוויינט ער זייַן ווייַב, וואָס איז אונטערן בוים שטילערהייט אויסגעגאַנגען, ווי א ליכט. צוריק מיט עטלעכע מינוט איז ער נאָך געזעסן לעבן איר און זיך צוגעהערט צו אירע אומקלאָרע רייד. ער האָט אזוי געוואָלט אופכאַפּן, וואָס זי וועט אים זאָגן, זייַן פייגע, די טייַערע נעשאָמע, נאָר די שטים אירע איז געווען צו שוואַך, און ער האָט ניט געקאָנט דערהערן אירע לעצטע ווערטער. זי איז מיט זיי נעגאַנגען פון דער וועלט...

שמייַע האָט פּאַמעלעך און שווער געשפּאַנט, פאַרבאָרגנדיק אין זיך דעם גרויסן ווייטעק. ער איז אָפּגעגאַנגען אין א זייַט, צום ראַנד וואַלד, שפּירנדיק אף זיך אפילע אין דער טיפער פינצטערניש די מיטפילנדיקע בליקן פון די אומגליקלעכע מענטשן, בליקן, וואָס האָבן אין דער זעלבער צייַט אי געפרעגט אי געמאָנט בא אים: „וואָס וועט מיט אונדז זייַן? ווו וועט מען זיך איצט אהינטאָן?" ער איז א ביסל געשטאַנען, אָנגעשפּאַרט אין א שטאַם פון א דעמב, נאָר די אומבאהאָלפענע און מאָנענדיקע בליקן האָבן אים ניט געלאָזט רוען. ער מוז זיי העלפן, די מענטשן, נאָר ער ווייסט ניט מיט וואָס און וויאזוי. אומגעקערט זיך אף זייַן אָרט, ווו ס'איז איצט געזעסן באַצקל און געקייַט א שטרוי, האָט שמייַע אופגע־הויבן פון דער ערד די ביקס און זיך אף איר פאַרקוקט.

— דו קאָנסט זיך ניט צעשיידן מיט איר? — האָט זיך אָנגערופן דער באַלעגאָלע, — דאָס האָט זי געבראַכט אף דער ערד אזויפיל צאָ־רעס, — זי! — האָט ער געוויזן אף דער ביקס.

— איך האָב ווען דעם נאָך ניט געטראַכט, — האָט שטילערהייט

אָפּגעענטפערט שמעיע אונ אָפּגעווישט פונ דער ביקס די בלאָטע. נאָכ א לאַנגער פּאוזע האָט ער צוגעגעבנ: — נאָר זי וועט נאָכ צוריצ קומענ... שפּאַנ איינ דאָס פערדל — מיר'נ פאָרנ!

— וווהינ? — האָט אימ דער באַלעגאָלע אָנגעקוקט מיט שרעק, — ווער ווייסט, וואָס סע טוט זיכ דאָרטנ?

— זעסט ניט, קינדער וועלנ אומקומענ... שפּאַנ איינ...

— גאָט איז מיט דיר, שמעיע! — האָבנ זיכ געהערט אויסגעשרייענ פונ אַלע זייטנ, — וווהינ טראָגט עס דיכ אינ אזא אומגליק? נישקאָשע, מע וועט צוווארטנ...

— הייבט ניט אופ קיינ האַרמידער! — האָט שמעיע אָפּגעענטפערט מיט אזא טאָנ, אז דערווידערנ איז געווענ איבעריק. איצט האָט ער שוינ קימאַט ווי באַפוילנ כאַצקלענ איינשפּאַנענ דאָס פערד.

דער באַלעגאָלע האָט געפאָלגט, עטלעכע יונגעלייט האָבנ זיכ אופגעהויבנ פונ די ערטער אונ האָבנ זיכ אוועקגעלאָזט מיט שמעיענ נאָכנ וואָגנ אינ כוישעכ אריינ.

אומגעקערט האָבנ זיי זיכ גאַנצ גיכ, ווענ ס'איז נאָכ געווענ פינצ־טער, מיט א פול געפאַקט פורל קישנס, קאָלדרעס אונ וואָס נאָר מע האָט געקאָנט פאַרנעמענ מיט זיכ פונ די גאַנצ־געבליבענע הייזער. זיי האָבנ געבראַכט אויכ עטלעכע לאָפּעטעס אונ העק, אונ מע האָט זיכ אוועקגעשטעלט מייסטרעווענ פונ צווייגנ אונ העלצער א דאַכ איבערנ קאָפּ.

שמעיע איז אוועקגעגאַנגענ צומ ידעמב, ווו ס'איז געלעגנ זיינ פרוי, לעבנ וועלכער עס זיינענ איצט געזעסנ אונ געוויינט עטלעכע ווייבער. דערזענ שמעיענ, האָבנ זיי זיכ נאָכ שטאַרקער צעיאָמערט אונ אָפּגעטראָטנ אימ דאָס אָרט. שמעיע האָט זיכ צוגעזעצט אפנ פניאַק דער־נעבנ, אראָפּגעלאָזט דעמ קאָפּ אונ איינגעזונקענ אינ שווערע מאַכשאָ־וועס.

— א טייערע נעשאָמע געווענ... — האָט זיכ אָנגערופנ אנ עלטערע ייִדענע, וואָס האָט א סאַכ יאָרנ געוווינט בישכיינעס מיטנ בלעכער, אונ איר לענגלעכ צונויפגעקאָרטשעט פּאָנעמ האָט זיכ פאַרצויגנ מיט טרויער, — ווענ דו, שמעיע־קרוינ, ביסט געווענ אפ דער פּאָזיציע, איז זי דאָ אָפּגעקומענ פאָ טאַטע אי פאָ מאַמע, אָפּגעהיט די קינדער, ווי דאָס אויג אינ קאָפּ, נעכט ניט געשלאָפנ אונ זיכ אויסגעווייכט די אויגנ נאָכ דיר, דו האָסט פאַרלוירנ א בריליאַנט ניט קיינ ווייב... זי, שמעיע־לעבנ, האָט דיכ אָפּגעשריענ באַמ טויט... אונ איצט, אז ס'איז געקומענ צומ לעבנ, האָבנ קיינ יאָרנ ניט געסטייעט...

אירע ווערטער האָבנ זיכ שמײַע אײַנגעשניטנ טיפ איינ הארצנ. ער איז געזעסנ נאָכ א פּאָר מינוט, פארזונקענ אינ זײַנע שווערע געדאַנקענ, דערנאָכ זיכ א הייב געטאָנ פונעם אָרט, גענומענ א גראָב־אײַזנ, אונ עטלעכע מענטשנ, צווישנ זיי דער אלטער, וואָס האָט נאָכ אלצ ניט אראָפּגענומענ דעמ טאַלעס, האָבנ זיכ אוועקגעלאָזט צוזאמענ מיט אימ ברענגענ פייגענ צו קווורע.

דער בעסוילעמ איז געלעגנ ניט וויַט פונ וואלד, אריבער דער לאָנקע. אפנ האָריזאָנט האָט קוימ־קוימ גענומענ גרויענ דער באַגינענ. אָנגעשפּארט אָנ אנ אלטער מאצייווע לעבנ דעמ פרישנ בערגל ערד, איז שמײַע געשטאַנענ שווײַגנדיק, מיט אנ אראָפּגעלאָזטנ קאָפּ, אונ גע־קוקט אפנ ווײַבס קייווער. ער האָט אראָפּגענומענ דאָס היטל אונ ני־דעריק פארנייגט דעמ קאָפּ, ווי ער פלעגט עס טאָנ אפ דער מילכאָמע, ווענ ער איז געשטאַנענ באמ פרישנ קייווער פונ א גוטנ פרײַנט, וואָס איז געפאלנ אינ שלאכט...

אויכ צוריקוועגס האָט שמײַע קיינ וואָרט ניט ארויסגעבראכט. מיט שווערע, געפלאָנטערטע טריט האָט ער געשפאנט צומ וואלד, אונ דער שינעל, וואָס איז געהאנגענ אפ דער האנט, האָט זיכ אימ נאָכגע־שלעפּט איבערנ גראָז. ער האָט זיכ געסטארעט, גייענדיק דורכנ אוילעמ, זיכ ניט באַגעגענענ מיט קיינ מיטפילנדיקע בליקנ. אנידערגעזעצט זיכ אפנ גראָז, האָט ער פלוצעמ דערפילט, אז די אויגנ מאכנ זיכ אימ צו, דער קאָפּ ווערט אלצ שווערער, גלײַכ ווי ער וואָלט געוועננ אָנגעגאָסנ מיט בלײַ. ער האָט א צאפּל געטאָנ, דערשפּירנדיק, אז עמעצער האָט אימ אָנגענומענ בא דער פלייצע. ער האָט זיכ אומגעקוקט. זײַנ שכיינע, וואָס האָט מיט אימ פריער אזוי גוט גערעדט וועגנ פייגענ, האָט אימ אונטערגעטראָגנ איר קישעלע:

— לייג זיכ צו, שײַע... שפּאר צו דעמ קאָפּ... דו פאלסט דאָכ פונ די פיס... עפּשער וועט עמעצנס מאמע מײַנע צוויי זינ אויכ ערגעצ צו־טראָגנ א קישעלע... ווער ווייסט, ווו זייער געביינ איז אהינגעקומענ... געדענקסט זיי כאָטש, שײַע, זיי האָבנ זיכ מיט דיר אינ איינ טאָג גע־שטעלט צומ פריזיוו...

שמײַע האָט ניט געענטפערט, ער האָט זיכ אויסגעצויגנ אפ דער ערד, זיכ איבערגעדעקט מיטנ שינעל אונ איז גלײַכ אײַנגעשלאָפנ.

— שטילער דאָרטנ! זאָל זײַנ שטיל! זאָל ער כאפּנ א דרימל, אונדזער שמײַע... — האָט מענ זיכ אָנגעהויבנ שושקענ ארומ.

— גייט אוועק, סאָרע, א ביסעלע ווײַטער מיטנ קינד, — האָט זיכ עמעצער אָנגערופנ שטילערהייט, — איר זעט, ער כאלעשט שלאָפנ...

אונ ס'איז געוואָרנ שטיל ארומ. מענטשנ האָבנ געקוקט אפ דעמ שלאָפנדיקנ אויסגעמאטערטנ בלעכער, אונ אינ זייערע בליקנ איז געווענ ליבשאפט אונ מיטגעפיל צו אָט דעמ מענטשנ, וואָס ליגט איבערגעדעקט מיטנ אָפּגעריבענעמ סאָלדאטסקנ שינעל.

שמיע האָט ניט געוווּסט, וויפל ער איז אָפּגעשלאָפנ, ער האָט זיכ אופגעכאפט פונ א גרויסנ געפילדער. ער האָט אויסגעגלייכט די ביינער, ברייט צעעפנט די רויט־פארשלאָפענע אויגנ. עטלעכע רגעס האָט ער ניט געוווּסט, ווו ער געפינט זיכ, וואָס טומלענ אזוי די מענטשנ ארומ.

— וואָס וועלנ מיר דאָ זיצנ? — האָט געטײַנעט דער זאָקנ אינעמ צעריסענעמ טאלעס, — מיר זײַנענ באָרוועס אונ נאקעט, מע דארפ גיינ אינ שטעטל ברענגענ צו קווורע די געהארגעטע, לאָמיר גיינ אהיימ.

— רעב אריע, — האָט רויִק א זאָג געטאָנ שמיע, — איר זײַט מעקאנע די טויטע?.. וווהינ ווילט איר זיכ לאָזנ גיינ?

— ניטאָ מיט וואָס די קינדער אײַנצודעקנ, — האָט א כליפּע געטאָנ א פרוי.

— קיינ עסנ איז ניטאָ... מיר'נ דאָ פונ הונגער אויסגיינ...

— וואָס האָט מענ אונדז פארפירט אינ וואלד, מיר וועלנ דאָ אומקומענ!..

פונ אלע זײַטנ האָבנ געשריִענ ווײַבער, קינדער, אונ אינ דעמ טומל האָט מענ שוינ גאָרנישט ניט געקאָנט פאנאנדערקלײַבנ.

שמיע האָט זיכ אײַנגעהערט אונ געשוויגנ, גלײַכ ווי ער וואָלט אָנגענומענ וואסער אינ מויל. ער האָט איבערגעווארט, ביז ס'איז געוואָרנ שטילער, אונ ווענ מע איז צו אימ צוגעשטאנענ, ער זאָל זאָגנ וואָס צו טאָנ, האָט ער זיכ אָנגערופנ:

— איכ בינ דאָ איבער קיינעמ קיינ באלעבאָס ניט, טוט, ווי איר פארשטייט...

— שמיע גאזלענ, דו האָסט אונדז אהער פארפירט צי ניט? — האָט אויסגעשריִענ א קלייניוווּקסיקע פרוי מיט א קורצ, אײַנגעזאקשנט נעזל, — דו ווילסט, מיר זאָלנ דאָ האָבנ דײַנ פייגעס סאָפ?..

— סאָרקע, איכ וויל גאָרניט, אונ שרײַט ניט אפ מיר, טוט, וואָס איר ווילט...

— קומט, ווײַבער, וואָס קוקט איר אפ אימ, קומט! — האָט זי א מאכ געטאָנ מיט דער האנט אונ, נעמענדיק אפנ אקסל איר קלומעקל אונ דאָס קינד בא דער האנט, זיכ געלאָזט גיינ. אָפּגעגאנגענ עטלעכע

טריט און דערזען, אז קיינער גייט איר נאָך, האָט זי זיך אָפּגע־שטעלט.

— וואָס זשע שטייט איר, ווי די באָקעס?

— סאָרקע, דול ניט דעם קאָפּ, מאַכשייפע, וואָס האָסטו צו שמייענ? — האָט זיך אָפּ איר אָנגעבייזערט כאַצקל דער באַלעגאָלע.

— וואָס זשע אייַצעסטו? זאָג שוינ א וואָרט, שמייע! זע נאָר, אמאָל האָט מענ אים גאָר ניט גענדאַרפט בעטנ, עס פלעגנ זיך פונ אים שיטנ רייד, ווי פונ א לעכעריקנ זאַק, קוק נאָר אים אָנ... ער שווייגט...

— סאָרקע, נעמ איינ א מיסע־מעשונע, — האָט זיך עמעצער צע־גוואַלדעוועט, — א מענטש איז אינ טראָוועך, ער דאַרפ זיצנ שיווע נאָכנ וויַב, און דו דולסט אים א ספּאָדעק...

— שמייע, נו זאָג שוינ, וואָס דאַרפ מענ טאָנ?

— איכ ווייס ניט, וואָס איר וועט טאָנ, — האָט זיך שמייע ענדלעכ אָפּגערופנ, — איכ מיט כאַצקלען פאַרבלייבנ דאָ. ביז דער אָטריאַד וועט זיך ניט אומקערנ, טאָרנ מיר זיך אינ שטעטל ניט באַוויַזנ, די באַנדיטנ קערנ ערגעץ זיַנ נאָענט...

— נו, און אַהער וועלנ זיי ניט טרעפנ?

— מיר האָבנ עטלעכע ביקסנ, וועלנ מיר שיסנ... — האָט שמייע געענטפערט.

ס'איז געוואָרנ שטיל. פּאַמעלעכ האָט זיך דער אוילעמ אומגעקערט אָפּ די ערטער, אויסגעשפּרייט אָפּ דער הוילער ערד, ווער וואָס עס האָט געהאַט, און זיך אויסגעלייגט שלאָפנ. אייניקע מאַנצבלען האָבנ זיך גענומענ גראָבנ קוריבעס, אַנדערע האָבנ צעלייגט א פייער, אָדער זיך ארויסגעשלייכט צו די נאָענטע פעלדער און גענומענ גראָבנ קאַרטאָפּ־ליעס פאַר די קינדער. איבערנ וואַלד איז געהאַנגענ אַנ אָנגעכמורעטער, שווערער הימל, און קיינער האָט נישט געוווסט, ווו מע האַלט אינ טאָג... ווער ווייסט, וויפל ס'וועט נאָכ אויסקומענ דאָ צו זיַנ?..

אינ א פּאָר שאָ ארומ האָבנ כאַצקל דער באַלעגאָלע און שמייע גאַזלענ זיך אוועקגעזעצט אָפּנ פּורל און האָבנ זיך אוועקגעלאָזט אינ א נאָענטנ כוטאָר, עפּשער וועט מענ קריגנ מילכ פאַר די קינדער און קראַנקע, ברענגענ א ביסל שפּיַז. פאַרנ אוועקפאָרנ האָט שמייע באַ־וויזנ, וויאַזוי מע זאָל שטעלנ די קוריבעס, האָט אָנגעזאָגט, מע זאָל ניט טומלענ און זיך ניט דערוועגנ גיינ אינ שטעטל. ער האָט געגעבנ צו פאַרשטיינ מיטנ הארבנ וואָרט די עטלעכע יונגעלייט, וואָס האָבנ גע־האַט ביקסנ, אז זיי דאַרפנ גוט אכטונג געבנ, ניט אַנשלאָפנ ווערנ, ביז ער וועט זיך ניט אומקערנ.

דער אוילעמ האָט נאָכגעקוקט א ווײַלע, ווי דאָס פֿאָרל איז אַרײַנ־געפֿאָרנ טיפֿ אינ וואלד, אונ מע האָט זיכ גענומענ צו דער ארבעט. ארומ איז געווענ שטיל. איבערנ קאָפּ האָט געבושעוועט דער ווינט, אונ פֿאַר־געלטע געקאָרטשעטע בלעטער פֿונ די דעמבעס זײַנענ געפֿאלנ פֿונ די ביימער אונ זיכ געלייגט צו די פֿיס.

ס'האָט שוינ גענומענ צופֿאלנ די נאכט, אונ שמײַע מיטנ באלעגאָלע זײַנענ נאָכ אלץ ניט געווענ צוריק. מע האָט אפּ זיי ארויסגעקוקט מיט אומגעדולד אונ אנגסט אונ ניט ארויסגעלאָזט זיי פֿונעמ מויל. עטלעכע ווײַבער האָבנ שוינ גענומענ שמײַענ באוויינענ, טײַנעדיק, לעמײַ מע האָט זיי געלאָזט אינ אזא סאקאָנע פֿאָרנ. ס'איז געוואָקסנ דער פּאַכעד פֿאַר דער אָנקומענדיקער נאכט.

— איי, איי, איי, מענטשנ, — האָט געטײַנעט דער אלטער אריע,— צוליב דער קישקע אוועקטרײַבנ צוויי יידנ אפֿנ טויט... אונ אז מע דאַרפֿ פֿאסטנ, איז וואָס? נאָכ דעמ, ווי מע איז ארויס פֿונעמ פֿײַער מיטנ לעבנ, מעג מענ פֿאסטנ א וואָכ נאָכאנאנד...

— רעב אריע, גלייבט מיר, איכ קאָנ ניט עסנ נאָכ דרײַ טעג, אָבער די קינדער...

מיטאמאָל האָט זיכ דער אלטער אָנגעבויגנ פֿאָרויס, זיכ א רעגע אײַנגעהערט:

— אנו, קינדער, ווער האָט א גוטנ געהער? — האָט דער אלטער א זאָג געטאָנ. אינ דער רעגע האָבנ שוינ אלע דערהערט א ווײַטנ גערויש. מע האָט זיכ דערטראָגנ א טעמפּ סקריפּענ פֿונ א וואָגנ. אלע זײַנענ ווי מיטאמאָל אופֿגעלעבט געוואָרנ, נאָר אינ דער זעלבער צײַט זײַנענ אינ קאָפּ געקראָכנ בייזע מאכשאָוועס.

— שטילער, מע פֿאָרט...

— נו, איז וואָס, אז מע פֿאָרט? ס'איז עפּשער שמײַע!..

— אונ טאָמער ניט ער, טאָמער עפּעס א טײַוול?

— כאַפּט עס דער רועכ! פֿאַר וועמענ האָבנ מיר איצט מוירע? וואָס קאָנ שוינ זײַנ ערגער?

עס האָט זיכ שוינ גאָר דײַטלעכ געהערט דאָס סקריפּענ פֿונעמ וואָגנ. עמעצער האָט ניט אויסגעהאלטנ דאָס אָנגעצויגענע שווײַגנ אונ א געשריי געטאָנ אינ דער ווײַט:

— שמײַע, דו?

— ווער דענ? — האָט זיכ נאָכ א פּאוזע דערהערט דעמ בעלעכערס קאָל, — ווער דענ קאָנ זיכ איצט ארומשלעפּנ איבערנ וואלד, אויב ניט קיינ גאזלענ?

אלע זײַנענ אופגעלעבט געוואָרנ, פרײַ אָפּגעעטעמט. לויט שמײַעס ענטפער האָט מענ פארשטאנענ, אז ער קערט זיכ אומ ניט מיט קײנ פוסטע הענט.

דאָס װעגעלע איז צוגעפאָרנ אונ זיכ אָפּגעשטעלט, פול מיט טאָרבעס. שמײַע האָט געהײסנ די װײַבער אײַנטײלנ צװישנ אוילעמ, װאָס מ׳ע האָט געבראכט, אונ װענ דער אוילעמ האָט זיכ גענומענ צומ עסנ, האָט מענ אָנגעהויבנ דאנקענ שמײַענ.

— פארװאָס קומט עס מיר? — האָט דער בלעכער זיכ אָנגערופנ, — אָט אימ דאנקט אָפּ, — האָט ער געװיזנ אפנ הימל, — ער זיצט זיכ דאָרטנ אונ האלט זיכ אינ אײנ זאָרגנ פאר זײַנ בידנע פאָלק. געפעלט אימ ניט, װאָס מיר שלאָפנ אפ אונדזערע אײגענע געלעגערס, שיקט ער אפ אונדז אָנ א מילכאָמע, א מאגײפע אינמיטנ דער נאכט, די הײַדאמאקעס, פעטליורענ, טרײַבט אונדז ארויס אינ װאלד ארײַנ, מיר זאָלנ קאָנענ כאפּנ פרישע לופט, פראװענ דאטשע, ער האלט פונ אונדז א װעלט...

— שמײַע, װאָס זײַנענ דאָס פארא רײד? — האָט מיט א דערציטערטער שטימ זיכ אָנגערופנ רעב אריע, — זינדיק ניט, דו װעסט אונדז אלע מאכנ אומגליקלעכ.

— איר האָט שוינ ניט װאָס מוירע צו האָבנ, דעמ פאיאָק צאָרעס האָט שוינ אונדז דער ריבוינע-שעל-אוילעמ ארויסגעגעבנ ספּאָלנא, — האָט שמײַע אָפּגעענטפערט אונ זיכ געלאָזט גײנ א קוק טאָנ, װיאזוי מע האָט געשטעלט די קורינעס. באלד האָט ער גענומענ א לאָפּעטע אונ אלײנ זיכ אװעקגעשטעלט גראָבנ אנ ערד-שטיבל.

ער איז שוינ געשטאנענ ביז די קני אינ דער אויסגעגראָבענער גרוב אונ מיט געניטע סאָלדאטסקע הענט בעריעש, נאָר ניט געכאפּט, ארופגעװאָרפנ פולע לאָפּעטעס ערד, װי ער װאָלט ארויסגעלאָזט טויבנ פונ ארבל.

— מיר װעלנ באלד אויסבאָװענ א פאָר פאלאצנ. א שײנע װעלט, בישקאָשע!.. קײנ ארענדע דארפ מענ דאָ ניט צאָלנ. א מעכײַע! — האָט זיכ שוינ שמײַע ניט געקאָנט בארויִקנ. דאָס פאָנעמ איז אימ פונ מאָל צו מאָל באלויכטנ געװאָרנ פונעמ שטיקל לעװאָנע, װאָס האָט זיכ געבאָרעט אינ די װאָלקנס.

— אנו, װער האָט לאָפּעטעס, נעמט זיכ צו דער ארבעט! — האָט שמײַע א געשרײ געטאָנ, — אז איר װעט שטײנ לײדיק, װעלנ פארגײנ זאשפּערעס אינ די פיאטעס.

— שמײַע, וואָס ביסטו אַזוי לעבעדיק? — האָט זיך אָנגערופֿן די אַלטע שכיינע זײַנע.

דער בלעכער האָט עטלעכע ווײַלעס געשוויגן, און אָנשפּאַרנדיק זיך מיטן פֿוס אין דער לאָפּעטע, האָט ער אָפּגעווישט מיטן אַרבל דעם שווייס פֿונעם פּנים און זיך אָנגערופֿן:

— עך, מײַן טײַערע, ווען מיר לאָזן זיך אַרײַן אין מאָרע־שכוירע, וואָלטן מיר שוין לאַנג אַף דער וועלט ניט געווען... איינער אַ כאָכעם, אַ גרויסער קאַפּצן, האָט מיר אַמאָל אַפֿילע געזאָגט, אַז דער טאָג, וואָס מיר האָבן ניט געלאַכט, איז אַ פֿאַרפֿאַלענער טאָג... נאָר נישקאָשע, מיר וועלן נאָך אַ לאַך טאָן, דער גאַנצער וועלט אַף צולאָכעס!.. עך, וואָלט איך אײַך דערציילט אַ געשיכטע, נאָר ס'איז ניט די צײַט... דער קאָפּ איז ניט דערבײַ...

— שמײַע, זאָג נאָר, טײַערער, וויפֿל האָט געלעבט דײַן זיידע? — האָט ווי פֿון דער העלער הויט אַ פֿרעג געטאָן כאַצקל דער באַלעגאָלע.

— מײַן זיידע? אַזוי גרויס, אַזוי קליין, ווי הונדערט מיט זעקס יאָר...

— און דער טאַטע דײַנער?

— הע, הע, מײַן טאַטע, ווען ער ווערט ניט געהאַרגעט אונטער פּאָרט־אַרטור, וואָלט ער דערצויגן ביז דער מייע...

— אַזאַ מענטש ווי דו, — האָט אים כאַצקל אַ קלאַפּ געטאָן איבער דער פּלייצע, — אַזאַ מענטש ווי דו דאַרף לעבן כאָטשבי הונדערט פֿופֿציק יאָר.

— פֿאַר וואָס קומט עס מיר? — האָט שמײַע געמאַכט אַ פֿאַרוווּנדערטע מינע, — איך האָב דען עמעצן שלעכטס געטאָן?

— גיי, מיט דיר איז פֿריילעכער צו לעבן אַף דער וועלט...

ער האָט אופֿגעהויבן דעם קאָפּ צו די רוישנדיקע דעמבעס. זיי האָבן שווער געקרעכצט, און ווען זיי זײַנען אַף אַ רגע שטיל געוואָרן, האָט מען געקאָנט הערן, ווי עס פֿאַלן די האַרבסטיקע בלעטער. דער וואַלד האָט אָנגעזאָגט אין אַ שפּאָגל־נײַעם רעגן, נאָך וועלכן קיינער האָט זיך דאָ אַוודע ניט פֿאַרבענקט.

די טעג זײַנען געשטאַנען גרויע, בלײַענע, די נעכט — שוואַרצע, ווינטיקע. פֿון הימל האָט אַלץ געזיפּט און געזיפּט אַן אײַנגעגעסענער רעגן, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער וועט קיינמאָל ניט אופֿהערן. מע האָט זיך שוין געוואָלט אַריבערקלײַבן אַהיים, זיך ווי־ניט־איז אײַנאָרדענען אין די כורוועס, אָבער ווי נאָר מע האָט אַרויסגעשיקט אַ פּאָר מענטשן אין שטעטל, זײַנען באַלד אָנגעפֿלויגן עטלעכע רײַטער

מיט משפּיקעס, אונ די מענטשנ זײַנענ קוים מיטנ לעבנ אנטלאָפנ צוריק אינ וואלד. די אײנציקע האָפענונג איז געוועזנ דער אָטריאד, נאָר ער האָט זיכ אלץ נישט צוריקגעקערט, אונ קײנער האָט ניט געוווסט, וואָס האָט מיט אימ געטראָפנ.

שמײַע גאזלענ מיט כאצקל דעמ באלעגאָלע האָבנ געלעבט אינ אײנ ערד־שטיבל, געשלאָפנ אפ אײנ רעדנע, געגעסנ פונ אײנ שיסל, געשטאנענ אינ די נעכט אפ דער וואכ, פארבײַטנדיק אײנער דעמ צווייטנ, אונ אָפּגעהיט דעמ נײַעמ וואלד־ישעוו, וואָס האָט געלעבט אָנ א סיידער, אָנ רו, אָנ שפּײַז, נאָר מיט הוילע שרעק אונ האָפענונג.

אינ אײנער פונ די נעכט, ווענ א געדיכטער נעפּל האָט אײַנגעהילט די וועגנ, האָט שמײַע, ארומגײענדיק מיט דער ביקס אונ שטילערהייט אונטערבאָמקענדיק א ניגנ, מיטאמאָל דערהערט פונ דער ווײַט א טראסקערײַ פונ וועגענער, וואָס האָט זיכ מיט יעדער מינוט דערנעענטערט. ער האָט אופגעהויבנ דעמ גאנצנ אוילעמ פונעמ שלאָפ, אונ מע האָט דערזענ, ווי אינ שטעטל האָבנ וו־ניטרווו זיכ באוויזנ פײַערנ.

— ס'איז זיי נאָכ קארג, די באנדיטנ... זיי וועלנ פונעמ שטעטל אפילע קײנ זייכער ניט איבערלאָזנ...

— אונ וואָס וועט זײַנ, טאָמער רײַסנ זיי זיכ ארײַנ אהער אינ וואלד?..

— וואָס זײַנענ מיר אהער פארקראָכנ? געדארפט געוועננ זיכ לאָזנ אינ דער וועלט ארײַנ.

— ווהינ האָט מענ זיכ געקאָנט לאָזנ? אומעטומ טוט זיכ כוישעכ אפ די וועגנ...

— א באנדע... הערסט א מינ טומל, געשרייענ?

— שטילער, גראגערט ניט אלע מיטאמאָל, — האָט א געשריי געטאָנ שמײַע אונ זיכ געלאָזט צומ ראנד פונעמ וואלד.

— ווהינ שלעפּסטו זיכ מיט דער ביקס? ווארפ זי אוועק... זיי וועלנ זענ, אז מיר זײַנענ מיט ביקסנ, וועט נאָכ זײַנ ערגער. מע דארפ מיט גוטנ, — האָט זיכ אָנגערופנ רעב אריע.

— איכ בעט אײַכ, זאָל זײַנ שטיל, — האָט זיכ אָנגערופנ דער באלעגאָלע, — טילימ וועט איר לערנענ אינ בעסמעדרעש, זיצט אונ גיט ניט קײנ אײצעס...

— וואָס טוט מענ מיט די קינדער? — האָבנ זיכ צעיאָמערט עטלעכע ווײַבער.

— לאָמיר נעמענ די קינדער אפ די הענט אונ גײנ אינ שטעטל, עפּשער וועלנ זיי אפ אונדז ראכמאָנעס האָבנ...

— אנו, שטיל זאָל דאָרטנ זײַנ! — האָט זיכ שוינ ניט אפ א קא־

טאָוועס צעבייזערט שמײַע און א הייב געטאָנ די ביקס אינ דער לופטנ, — צעגייט זיכ אפ די ערטער!..

ווענ ס'איז שטיל געוואָרנ, האָט מענ שוינ דײַטלעכ דערהערט, ווי איבערנ ברוק פונ די שטעטלדיקע געסלעכ טראַסקענ וועגענער, עס טראָגט זיכ א געפּילדער אונ א געשריי.

שמײַע האָט זיכ א ווײַלע אײַנגעהערט אונ איז פארשוווּנדנ געוואָרנ אינעם כוישעכ.

— אויב זיי וועלנ קומענ, — האָט זיכ אָנגערופנ כאצקל, — וועל איכ זיי איבערהריזענ דעמ גאָרגל... איכ וועל גיינ א קוק טאָנ, ווו איז ער אהינגעקומענ, שמײַע.

ער האָט ניט געסטײַעט, איז אַנטרונענ געוואָרנ אינעמ כוישעכ. ניט ווײַט פונעמ שטעטל האָט ער אָנגעטראָפנ דעמ בלעכער, ווי יענער איז געשטאַנענ אָנגעשפּארט אינ א בוימ אונ זיכ אײַנגעהערט אינ דער נאכט. ער האָט זיכ דערפרייט מיט כאצקלענ אונ א זאָג געטאָנ:

— הער נאָר, א מינ טומל...

— א בראנד אינ זיי...

זיי האָבנ זיכ איינער דעמ אנדערנ אָנגעקוקט. אינ שמײַעס אויגנ האָט כאצקל דערקענט, אז עס האָט זיכ אינ אימ צעשפּילט א גלינענ־דיקער צאָרנ. אָט אזוי זעט אויס א סאָלדאט, ווענ ער לאָזט זיכ אינ אטאקע.

— עכ, — האָט שמײַע א מאכ געטאָנ מיט דער האנט, — ווענ ניט די שכייניִמ דאָרט אינ וואלד... איכ וואָלט זיכ איצט ארײַנגעריסנ אהינ אונ זיי אָפּגעשפּילט יענע כאסענע...

— שא, שמײַע, דו הערסט? עמעצער שרײַט, דאכט זיכ, אפ ייִדיש...

— וואָס רעדסטו?

— אָט הער זיכ צו... זאָל איכ אזוי געזונט זײַנ...

— מע זאָגט, אז בא פעטליורענ איז פאראנ א ייִדישער מינִיסטער...

— איז עפּשער מאכט ער אויכ פּאָגראָמענ?

— ווער ווייסט, די וועלט איז געוואָרנ מעשוגע...

— הער נאָר, עפּשער איז דאָס דער אָטריאד!..

שמײַע האָט זיכ נאָכ א רעגע אָנגעשטרענגט אײַנגעהערט.

— יאָ, דאכט זיכ, טאקע אונדזערע כעוורע! — האָבנ באמ בלעכער אופגעלויכטנ די אויגנ.

טראָט בא טראָט, מיט א פארטײַעטנ אָטעמ, האָבנ זיי זיכ גענומענ רוקנ צומ שטעטל, עטלעכע מאָל זיכ אָפּגעשטעלט, צוגעהערט, אונ מיטאַמאָל זיכ געלאָזט לויפנ פאָרויס.

איבגיכב זײַנעב זיי שויב ביידע געשטאנענ ארומגעריבגלט פונ די פארצאָרנטע אונ אויסגעמאטערטע באקאנטע יונגענ אונ זיי דערציילט וועגנ דעמ גרויסנ כורבנ. באצקל איז אוועקגעלאָפנ איב וואלד אָנזאָגנ די בסורע, אונ די גאנצע איידע מענטשנ האָט זיך א לאָז געטאָנ צומ כאָרעווונ שטעטל.

קיינער האָט ניט באמערקט, ווי עס האָט געכומענ שארינע אפ טאָג. אונ אויכ אזוי אומבאמערקט האָט אָנגעהויבנ שיטנ א קלאָרער, נאסער שניי. דער ערשטער שניי האָט זיך געלייגט אפנ איש.

איב וועג אהײַב

דער מארכ אונ די בעשאָמע פונ דעמ שטעטלדיקנ אָטריאד, וואָס האָט געהאט אזא שעמ איבעמ גאנצנ ארומ, איז געוועב פרידל בילעצקי, אָדער פרידל נאפאָלעאָנ, ווי מע האָט אימ גערופנ איב שטעטל, דעמ שנײַדער בילעצקים זונ. דאָס איז געוועב א הויכער אונ דארער מענטש מיט אנ עטוואָס סוטולעוואטער פלייצע. די פלייצע האָט אימ צעבויגנ פריער דאָס „זאטע" לעבנ בא זײַנ טאטנ אונ דערנאָכ די קאָטאָרגע אפ סיביר. אָבער ווי איידל אונ אײַנגעבויגנ ער האָט אויסגעזענ, אזוי, פארקערט, איז ער געוועב שטאָלצ, קלוג, א פלאמפײַער, מיט אב אָפענעמ, היציקנ קאָפ. יונגלווײַז איז ער אוועק קיב קיעוו, זיכ גענומענ צומ לערנענ. גענעבנ אוראָקנ. זיכ אויסגעבונדנ מיט דער אונטערערדישער וועלט. געוואָרנ א באָלשעוויק. געלערנט פיזיק אונ פאָליט-עקאָנאָמיע, געארבעט פאר א שלאָסער, נאָר זײַנ עמעסער פאכ איז געוועב — רעוואָליוציע.

אומגעקערט זיכ פונ סיביר, האָט ער זיכ אראָפגעכאפט איב שטעטל איב דער סאמע זאווערוכע. געטראָפנ דעמ טאטנ דעמ שנײַדער קראנק, די מאמע טויט, איז ער אפ א קורצער צײַט געבליבנ א היגער אונ גענומענ זיכ אײַנשטעלנ א שטיקל אָרדענונג. דאָס האָט ער טאקע אָרגאניזירט דעמ אָטריאד, גענומענ שלאָגנ די הײַדאמאקעס, די דײַטשנ, די באטקעס אונ וואָסער שווארציאָר עס האָט זיכ נאָר ניט גערוקט אפנ שטעטל. כאָטש אפ דער מילכאָמע איז ער ניט געוועב, ווײַל ער איז פונקט אָפגעזעסנ די צײַט איב סיביר, נאָר מיט די אלע באנדעס האָט ער זיכ געשלאָגנ, ווי אנ עמעסער סטראטעג, אונ קיינער האָט ניט געוווסט, פונוואנענ נעמענ זיכ צו אימ אזעלכע קענטענישנ.

וועב פרידל האָט זיכ אומגעקערט מיט זײַנע כעוורע איב שטעטל אונ געטראָפנ דעמ גרויסנ כורבנ, איז ער געוואָרנ א האלבער מענטש.

אָבער אַז מע האָט אָנגעהויבנ צו אים גײנ יעדערער מיט זײַנע צאָרעס, האָט ער זיכ גענומענ צו דער אַרבעט, אַרײַנגעהויכט אַ שטיק לעבנ אינ דער יוגנט, צוזאַמענ מיט אַלעמענ געהאַקט וואַלד, געפירט געהילצ, געקראָגנ פאַרנ אוילעמ אַ ביסל עסנ אינ די אַרומיקע דערפער, אונ כאָטש ער האָט זיכ אַלײנ אַרויסגעשלאָגנ פונ די קויכעס, האָט ער געהאַלטנ אינ אײנ אופמונטערנ די מענטשנ אַרומ אים, אונ דערבײַ האָט ער אַזוי פײַערדיק אונ גלייביק אויסגעמאָלט, וואָס פאַר אַ שײנ לעבנ דאָס פאָלק וועט פאַר זיכ אַלײנ מיט דער צײַט אויסבויענ, אַז ס'איז אַלעמענ געוואָרנ גרינגער אפנ האַרצנ, אונ מע איז גרייט געווענ גײנ מיט אים אינ פײַער אונ אינ וואַסער.

— הײַנט שטעלט אײַכ פאָר, אינ דער־אָ צײַט — דערצײלט שמײַע, — יאָוועט זיכ אַראָפּ אינ אַ שײנעמ פרימאָרגנ עפּעס אַ פּאַניטשל אָפּ אַ שליטנ אונ זאָגט, אַז ער איז געשיקט געוואָרנ פונ דער „דירעקטאָריע" איבערצוגעבנ אַנ אולטימאַטומ, אַז מע זאָל אַנידערלייגנ דאָס געווער מיט גוטנ, אַניט וועט מענ מוזנ מיט בייזנ. דער באָכער האָט צונויפגערופנ אַנ אַסיפע אונ זיכ אַוועקגעשטעלט דערצײלנ, אַז ער איז אַנ אופּאָלנאָמאָטשענע פונעמ ייִדישנ מיניסטער, וואָס זיצט אינ קיִעוו, אונ אַז דער מיניסטער האָט געהאַט מיט פּעטליורענ אַ געשפּרעכ, אונ יענער האָט אימ צוגעזאָגט, אַז בײַ אימ וועלנ ייִדנ קאָנענ לעבנ שטיל אונ רויִק, — אַ סימענ האָט איר, אַז בײַ אימ איז אַפילע דאָ אַ גאַנצ ייִדיש מיניסטעריומ, ייִדישע „קאַרבאָוואַנצעס", מיט ייִדישע פּאָגראָמענ, — אַבי מע זאָל זיכ ניט מישנ מיט די באָלשעוויקעס. דאָס יונגערמאַנטשיקל איז געגאַנגענ אָנגעטאָנ אינ אַ שײנעמ טײַערנעמ פוטער. אַז ער האָט זיכ גאָר נישקאָשע צערעדט, אונ די מיידלשע בעקלעכ זײַנענ בײַ אימ רויט געוואָרנ, איז אפ דער אַסיפע אַרײַנגעקומענ פרידל בילעצקי. דאָס פּאַרשוינדל איז מיטאַמאָל בלאַס געוואָרנ אונ האָט גלײַכ אָנגעווירנ דאָס לאָשנ. לאָזט זיכ אויס, זײ האָבנ זיכ ביידע געלערנט אינ קיִעוו — אַלטע באַקאַנטע!

— זע נאָר, וואָלאָשינ? ביסט געוואָרנ אַ קאָמיוואָיאַזשאָר בײַ פּעטליורענ?

דער באָכער איז געוואָרנ בלאָו, דער אוילעמ האָט זיכ דאַפּקע אַ וואָרפּ געטאָנ אונ געוואָלט אָפּשפּילנ דעמ גאַסט אַזאַ כאַסענע, מע זאָל אימ דאַרפנ גלײַכ אַוועקפירנ אפנ בעסוילעמ, נאָר פרידל האָט ניט געלאָזט:

— אַוועקהאַרגענענ אײנ לעצ איז קײנ פּולע ניט, — האָט ער געזאָגט, — די גאַנצע באַנדע זייערע מוז מענ צעטרײַבנ...

דאָס פֿאַרשווינדל האָט זיך קוים מיטן לעבן אָפּגעטראָגן. עמעס, איך האָב נאָך אוספייעט: ווען ער האָט זיך אַרײַנגעזעצט אין שליטן, האָב איך אים אַראָפּגעלאָזט אַ פֿליאַסק אין פּיסק אַרײַן, אַז ער האָט זיך באַוואַשן מיט בלוט.

מיר האָבן זיך דערנאָך געקאַטשעט פֿאַר געלעכטער, כאָטש אױפֿן האַרצן איז אַלעמען געווען אָנגעזאָליעט. דער שײנער נעפעש האָט אונדז אָנגעזאַלצן אַף די וווּנדן, וואָס זײַנען בײַ יעדערן געווען פֿריש און ניט פֿאַרצויגן. כוץ דעם האָט מען זיך געריכט, ווי טאָמיד נאָך אַ שאַלִיעך, אַז דער רוצח וועט אָנטראָגן אַהער אַ נײַע באַנדע. פֿרידל בילעצקי האָט געהייסן אַרויסשטעלן אין אַלע עקן פֿון שטעטל פּאַטרולן און צוגרייטן די פּולעמיאָטן.

אַרום און אַרום האָבן נאָך געוויִעט הינט, און מע האָט געדאַרפֿט פֿאַר זיי אָנגרייטן אַ רעפּוע — דעם שטעקן.

עס האָט זיך אָנגערוקט אַ שווערער, פּראָסטיקער ווינטער. דאָס רעשטל מענטשן, פֿאַרבליבענע אין שטעטל, זײַנען, איבערגעפֿרוירענע, פֿאַרכאַלעשטע פֿון הונגער, געזעסן אין פֿאַרברענטע לעכער, און אים, דעם שײנעם ווינטער, זאָל עס אים גאָר אָנהייבן צו אַרן!

אַלץ איז פֿאַרשאָטן מיט שניי, און סע סטאַרטשען בלויז די הוילע קוימענעס. באַנאַכט, ווען עס לעשן זיך אויס אַלע פֿײַערלעך, זעט אויס דער אַרום, ווי אַן עמעסער בעסוילעם.

ניט לאַנג איז דאָ דורכגעגאַנגען אַ גרויסער פּאַרטיזאַנישער טייל, און פֿרידל בילעצקי מיטן גאַנצן אָטריאַד האָבן זיך אַהין אַרײַנגעגאָסן און אַוועק אױפֿן פֿראָנט שלאָגן זיך מיט אַלע וויסטע שלעגן, וואָס האָבן געריסן שטיקער פֿונעם לאַנד. אַ סאַך עלנטע מענטשן פֿון שטעטל האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אין דער וועלט אַרײַן זוכן אַרבעט, ברויט, אַ נאַכט־לעגער. זעלטן ווער ס'איז דאָ פֿאַרבליבן האַלטן ווינטער.

פּוסט און גרויליק איז געוואָרן אין שטעטל.

שמײַע גאַזלען און כאַצקל דער באַלעגאָלע האָבן זיך באַזעצט אין אַ פֿאַרלאָזט שטיבל, וואָס איז געשטאַנען אָפּגעזונדערט אין עק שטעטל, לעבן דער מיל. קיין באַלעבאַטים זײַנען אינעם שטיבל ניט געווען, קיין דירעגעלט האָט קיינער ניט געמאָנט. אַלע וועגן צו דעם שטיבל זײַנען געווען פֿאַרשאָטן מיט הויכע הורבעס שניי, און בלויז איין שמאָלע סטעזשקע האָט אַהין געפֿירט. אָט דאָ האָבן זיי אָפּגערעדט האַלטן ווינטער. זיי וואָלטן זיך אויך געווען אַוועקגעלאָזט מיטן אָטריאַד אױפֿן פֿראָנט אָדער אין דער גרויסער וועלט אַרײַן, העלפֿט גאָט,

אונ באצקל דער באַלעגאָלע באקומט די שיינע קרענק — א טיפוס — אונ קאָנ זיכ ניט רירנ פונ אָרט. זײַנ כאווער, זײַנ רויפע, דער איינ-ציקער מענטש ארומ איז געוועזנ שמײַע. גאנצע טעג אונ נעכט איז ער געזעסנ איבער אימ, געהיילט אימ מיט באבסקע רעפועס, מיט גראָזנ, מיט קרײַטעכצער, געשטעלט אימ באנקעס, געלייגט אײַז צומ קאָפּ, נאָר אָפטער האָט ער אימ געהיילט מיט א ווערטל, מיט א מײַסע, מיט א וויצ.

— נישקאָשע, באצקל, פּאָסטארע זיכ נאָכ אָפּשטופנ דעמ הײַנטיקנ ווינטער, וועט שוינ דיר דערנאָכ גרינגער זײַנ צו מוטשענ זיכ...

— איידער אזא מינ לעבנ, איז שוינ בעסער א פּאָהיבעל...

— א פּאָהיבעל אפ אונדזערע סאָנימ, באצקל! דו דארפסט לעבנ, — האָט אימ שמײַע געטרייסט.

— א שיינעמ דאנק דיר, שמײַע, וואָס דו היטסט מיכ אָפּ, ווי אנ אייגענע מאמע, נאָר סע גייט מיר ניט אײַנ דאָס עסנ, אז מײַנ פערדל אינ שטאל פעכנעט פונ הונגער... ניט קיינ האָבער, ניט קיינ היי, א ראכ-מאָנעס אפ דעמ, א צאר-באלעבאזימ, נעבעכ...

די לעצטע טעג איז באמ קראנקנ געשטאנענ הויכע היצ, אונ ער האָט געשוויגנ, נאָר הײַנט, אז ס'איז אימ געוואָרנ א ביסל גרינגער, האָט ער ניט אופגעהערט צו ריידנ וועגנ זײַנ פערדל, וואָס שטייט אינ דער האלב-צעבראָכענער שטאל אינ עק הויפ:

— מיילע, א מענטש איז אזא מינ באשעפעניש, — האָט געזאָגט דער באלעגאָלע, — וואָס איז בעקוועמ אריבערטראָגנ אלע צאָרעס. א מענטש וועט זיכ, יאָקאָס, אנ אייצע געבנ. וואָס קאָנ אָבער טאָנ א כײַע, וואָס קאָנ ניט ריידנ, ניט בעטנ... א ראכמאָנעס, א? וואָס?

שמײַע גאזלענ האלט ניט איבעריקס פונ קיינ פערד, אונ דערפאר סטארעט ער זיכ שווײַגנ, ווענ דער באלעגאָלע פארפירט וועגנ דעמ א געשפרעכ. ער ווייסט גוט, שמײַע, אז ער וועט מוזנ לויפנ אינ דער זאר ווערוכע איבערנ שטעטל געפינענ א ביסל היי אונ ארײַנכאפּנ זיכ יעדע ווײַלע אינ שטאל ארײַנ א קוק טאָנ, וואָס מאכט באצקלס פערדל.

— לויפ, שמײַע ברודער, כאפּ א קוק אינ שטאל, מײַנ ברויט-געבער הירזשעט עפּעס, — כאפּט זיכ אופ פונ היצ דער באלעגאָ-לע.

— נו, איז דאָכ גוט, וואָס סע הירזשעט, — ענטפערט שמײַע גאזלענ — וואָס זשע דענ דארפ טאָנ א פערד, זינגענ? טפו, צו מײַנע סאָנימס קעפּ! — בייזערט זיכ שוינ שמײַע, אופהייבנדיק זיכ פונעמ גע-לעגער, — גאָט האָט דיר באשערט א קליאטשע, לאָזט זי דיכ ניט רוענ,

א פעגירע אפ איר, — אונ ער וואַרפט אפ זיכ ארופ דעמ שי־נעל, לאָזט זיכ גיינ אינ שטאָל אַרײַנ אונ קערט זיכ באַלד צוריק.

— שלאָפ רויִק, באַצקל, דײַנ ברויטגעבער פילט זיכ ווי גאָט אינ אָדעמ. ער האָט שוינ אויסגעלעקט דעמ גאַנצנ זשאָלעב, האַלעווײַ זאָל אימ נאָכ סטײַענ אפ וועטשערע.

— אײַ, אײַ, אײַ, האָסטו דעמ ניט געקאָנט אונטערשיטנ א ביסל היי?

— איכ קאָנ דעמ אונטערשיטנ מײַנע צאָרעס, באַצקל. ווּ זאָל איכ נעמענ היי?

— סע וועט דאָכ בא דיר אָוועקפּייגערנ, א פּאָהיבעל...

— א דײַגע דיר. אז דו וועסט לעבנ, וועסטו פאַקנ אנ אנדער קליאַטשע. וואָלסט ניט געוועזנ אזוי אַרײַנגעטאָנ אינ דײַנע פערד, וואָל־סטו שוינ לאַנג געלעגנ אינ א גרויסער שטאָט אינ א באָלניצע. די בעסטע דאָקטוירימ אונ פעלדשערמ וואָלטנ אינ דיר אַרײַנגעפּאָמפּעט זייערע פלעשלעכ מיט רעפועס. אלע דרײַ טעג וואָלסטו געקראָגנ א שטיק בולקע מיט קאָלבאַס, ווי א פּאָרעצ, אונ סע וואָלט געוועזנ כײַ־געלעבט!.. וואַרפ ארויס פונ קאָפּ דײַנע פערד אונ לאָמיר טראַכטנ וועגנ עפּעס א טאַכלעס... דאָ האָבנ מיר ניט וואָס צו טאָנ. איכ האָב שוינ בא זיכ געפּויעלט, אז ווי נאָר איכ שטעל דיכ אפ די פיס, אזוי לאָזנ מיר זיכ אָוועק אינ דער וועלט אַרײַנ.

— פונ מיר וועט שוינ, זעט אויס, קיינ מענטש ניט זײַנ, — האָט זיכ אָנגערופנ באַצקל, — גיי דיר אַליינ אָוועק, שמײַע, איכ וועל צו דיר קיינ טײַנעס ניט האָבנ... וואָס טאַקע וועסטו זיכ מוטשענ לעבנ מיר?..

— וואָס רעדסטו? איכ וועל איבערלאָזנ א גוטנ־ברודער אינ אנ אומגליק? — איז שמײַע געוואָרנ אויסער זיכ, — דו קענסט מיכ נאָכ ניט, באַצקל!..

— ווײַבאַלד אזוי, שמײַע, איז כאַפּ זיכ טאַקע ארויס אונ קריג א ביסל שטרוי פאַרנ פערדל...

— גוואַלד געשריִענ! וואָס האָסטו זיכ צוגעטשעפּעט מיט דײַנ שקאַפּע? טו בעסער א קוק אפ זיכ, וואָס פאַר א פּאָנעמ דו האָסט, נעבעכ... א שענערנ לייגט מענ דאָכ אינ קייווער.

— ווילסט ניט, דאַרפ מענ ניט, — רופט זיכ אָפּ דער באַלעגאָלע אונ קריכט אראָפּ מיט די באָרוועסע פיס אפנ פּאָל, — וועל איכ אַליינ גיינ...

— שאַ, טומל ניט, איך גיי, איך גיי! — שרייט אַפּ אים שמייע, באַלייגנדיק אים צוריק אַפּן געלעגער, — איבער דיין פּערדל האָסטו זיך פון זינען געריררט...

וויפל דער ווינטער האָט ניט געבושעוועט, נאָר ס'האָט אים פּאָרט ניט געהאָלפן. ער האָט זיך, עמעס, שפּעט מאַרצויגנ, זיך איינגעגעסן אין די ביינער, נאָר סאַפּקאַלסאָפּ איז אַפּ אים אויך געקומען די צייט. די זון און די פרישע ערעוו-פּרילינגדיקע ווינטן האָבן אָנגעהויבן צעפּרעסן און שלינגען דעם שניי, ס'האָבן זיך געשטעלט ווארעמע, זוניקע טעג, און די זון אין אָנהייב פּרילינג איז דער בעסטער דאָקטער אַפּ אַלע קרענק.

באצקל דער באַלעגאָלע האָט זיך שוין געשטעלט אַפּ די פיס, און שמייע איז געווען צופרידן, וואָס אים וועט שוין מער ניט אויסקומען האָבן צו טאָן מיט באצקלס קליאטשע. מיט א ווארעמ קלאַפּנדיק האַרצ האָט שמייע גאזלען באַגעשפּירט, ווי דער גוטער-ברודער זיינער שלעפּט זיך שוין צוביסלעכווייז ארום און נעמט אַפּ זיך ארופּ א נייע הויט. דער באַלעגאָלע, — טראַכט ער זיך, — איז טאַקע פון איינ, אויב ער איז איבערגעקומען אַזא קרענק מיט אַזוויפל צאָרעס...

כוץ דעם באַלעגאָלע און שמייען האָט זיך מיטן מעכניעדיקן, ווארעמען טאָג דערפרייט באצקלס שקאַפע. נאָך אַזא לאַנגער צייט, אַז זי האָט צום ערשטן מאָל דערזען דעם באַלעבאָס, האָט זי אים טאַקע גלייך אָפּגעגעבן א מאַזלטאָוו, — געגעבן א פּאַל אַפּ דער ערד און געגומען בלאָזן פון זיך די פּאַרע.

— שמייע! — האָט דער באַלעגאָלע אויסגעשריען, — קום נאָר אַריין, גיב א קוק אַפּן ברויטגעבער...

שמייע איז אַריין אין שטאַל.

— זע נאָר, וואָס ס'איז געוואָרן מיט דער שקאַפּע, — האָט דער באַלעגאָלע זיך געקלאָגט מיט א וויינענדיקער שטים, — אַזוי האָסטו זי געהאָדעוועט?

— מיט וואָס האָב איך זי געזאָלט האָדעווען, מיט אונדזערע צאָרעס?

זיי האָבן זי אַרויסגעטראָגן אַפּ די הענט פון שטאַל און אונטער-געהאַנגען אַפּ א שטייפּ-אָנגעצויגענער שטריק צווישן צוויי אקאַציעס, זי זאָל, קימאַט ניט אָנרירנדיק מיט די פיס די ערד, קאָנען ארומ-צופּן די יונגע ביימלעך, וואָס זיינען געוואַקסן אינעם קליי-נעם הייפל.

די זונ האט שוינ גאנצ געשמאק געווארעמט, אונ ס'איז געווענ א מעכײַע צו זיצנ אפ דער פריזבע אונ באטראכטנ די וועלט. איצט, ווענ דער שניי איז אינגאנצנ אראפ, האבנ זיכ ערשט צעעפנט די ווונדנ פונעמ שטעטל, אונ שמײַע מיט באצקלען האבנ געקוקט פונדערווײַטנס אפ די כורוועס, באטראכט די טויטע געסלעכ אונ ווייטעקלעכ געשאקלט מיט די קעפ. צווישנ די צוויי עלנטע אקאציעס, וואס זײַנענ געווענ צעהאקט פונ א סנאריאד, איז געשטאנענ דער שאטנ פונ באצקלס שקאפע אונ געצופט דאס לעצטע ביסל קארע, וואס איז נאכ פארבליבנ אפ די שטאמענ. שמײַע האט ארויסגעשלעפט פונ קעשענע א שטיקל פאפיר מיט א ביסל שטויב פונ צעריסענע בלעטער, פאר־דרייט א ציגאר אונ זיכ אנגערופנ:

— נעמ, באצקל, פארייכער.

— וואס וועל איכ בא דיר צונעמענ דעמ לעצטנ ציגאר.

א רעגע האבנ ביידע געשוויגנ.

— איכ קוק אפ דיר אונ דערקענ דיכ ניט, — האט זיכ אנגערופנ באצקל, באטראכטנדיק שמײַעס פארוואקסענעמ צעשויבערטנ קאפ.

— פארוואס, אשטייגער, דערקענסטו מיכ ניט?

— ביסט פארוואקסנ געווארנ, ווי א כײַע, ביסט געווארנ עלטער. איכ זע שוינ בא דיר אינ קאפ גראווע האר.

— גראווע האר איז ניט קיינ סימענ פונ אלטקײַט, — האט שמײַע דערווידערט, — גראווע האר איז אזוי ווי די פינע, וואס בלײַבט אי־בער אפנ יאמ נאכ א שטורעמ. מיר האבנ איבערגעלעבט א גרויסנ אומגליק, באצקל...

— איכ זע, שמײַע, אז דו ביסט היפש אויסגעדארט. אלע ביינער זײַנענ דיר ארויסגעקראכנ אינ דרויסנ...

— דאס מאכט ניט אויס, — האט שמײַע א מאכ געטאנ מיט דער האנט, — אונדזער קאשעוואר פונ דער דריטער ראטע סטיאפע ווא־ריוואדא פלעגט אמאל זאגנ: גיט מיר נאר ביינער, א בארשט וועל איכ אליינ אפקאכנ...

— ניט געזארגט. זאל גאט העלפנ, דאס פערדל זאל קומענ צו זיכ, וועט עס אונדז א ביסל פאפראווענ...

— אפ דעמ ריכטנ איכ זיכ טאקע, זאל עס שוינ גיכער אויסציִענ די פיס.

— בײַס זיכ בעסער אפ א האלבע צונג... אלצ איז בא דיר א געלעכטערל. ווענ וועסטו שוינ, שמײַע, גאזלענ, ריידנ אמאל סוריאזנע?..

איך האָב נאָך אזא מענטש, ווי דו, ניט באגעגנט. א גאנצע וועלט ווייעט, און ער לאַכט...

שמעיע האָט גאָרנישט ניט געענטפערט. ער איז אַרײַן אין שטוב, אַרויסגעטראָגן דאָס אָנגעשטאָפּטע סאָלדאַטישע רענצל, מיט וועלכן ער האָט זיך קיינמאָל ניט געשיידט, און גענומען זוכן זײַן גאָלמעסער. פאַרקערנדיק זיך אין זעקל, האָט ער אַרויסגעשלעפּט פון דאָרט א פּאָר העמדער, א בערשטל, אן אָפּגעריבן ביכעלע און א פאַרגעלטן צע־ריבענעם קאָנווערט, וווּ ס׳איז געלעגן א בילד פון א פרוי. דאָס פּאָ־נעם זײַנס האָט זיך אָפּ אײַן ווײַלע צעשמייכלט, נאָר גלײַך איז דאָס פאַרנעפּלט געוואָרן מיט טרויער, ער האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און זיך פאַרטראַכט.

באַצקל האָט גענומען דאָס בילד פון זײַן האַנט און דערזען א יונג שוואַרצכיינעוודיק ווײַבל מיט גרויסע שמייכלענדיקע אויגן. דער באַלעגאָלע האָט מיט א מאמזערישן בליק א קוק געטאָן אָפּ שמעיען און זיך אָנגערופן:

— וואָס איז דאָס פאַר אן אישע? פון דײַנע סאָלדאַטסקע פּאָ־כאָדן? אַני, אַני...

— ניין, באַצקל, ס׳איז לאַנג צו דערציילן. איך האָב זי קיינמאָל אין די אויגן ניט געזען. ס׳איז דאָס ווײַבל פון מײַן בעסטן גוטן־ברודער, מיט וועלכן מיר זײַנען אין די אָקאָפּעס געלעגן... יאָסל קאָר־סונסקי...

— יאָ, ביסטו דאָך אָבער מיט אים, מיט דעם יאָסל קאָרסונסקי, אין די אָקאָפּעס געלעגן, ווי זשע קומט זײַן ווײַבל צו דיר אין זעקל? אַני, ביסטו א גאַזלען.

— יאָסל קאָרסונסקי האָט עס מיר געגעבן, — האָט שמעיע בײַז זיך אָנגערופן, צוגענומען פון באַצקלס הענט דאָס בילד, פאַרזיכ־טיק, מיט א מין באַזונדערער ליבע, עס אײַנגעוויקלט און ווידער באַ־האַלטן. שמעיע האָט אָפּגעזוכט אין זעקל זײַן גאָלמעסער מיטן שאַרפּ־שטיין, א קליין אָפּגעריבן שפּיגעלע, אַרײַנגעלאָפן אין שטוב נאָך א קווערטל וואַרעם וואַסער, זיך צוגעמאָסטעט אָפּ דער פּריזבע און גע־נומען גאָלן די באָרד.

דער באַלעגאָלע האָט געקוקט, ווי יענער זיצט א שווײַגנדיקער, פאַר־טאָן אין די געדאַנקען און שאָבט דאָס פּאָנעם, האָט ער זיך אָנגע־רופן:

— גוילעם, וואָס טוסטו? געפונען א צײַט אָפּ צו פּוצן זיך! מער

קיינ דײַנעמ האָסטו שוינ ניט? אונ עפּשער גאָלסטו זיכ פאַר דער אישע, וואָס אַפ דער פאָטאָגראַפיע?..

— כאַצקל, זאָלסט ניט סמיענ ריידנ וועגנ איר... דאָס איז אַנ ערלעכע טאָכטער... האָב סאָוועסט... ביסט איר פידמעטקע ניט ווערט...

— שאַ, שאַ, שרײַ ניט אַזוי, איכ האָב זי דיר ניט זאַטשעפּעט, — האָט זיכ דער באַלעגאָלע ווי פאַרענטפערט, — וואָס שרײַסטו אַפ מיר, ווי אַפנ טאַטנ, פאַרגעמ ניט, שמײַע, אַז ווײַבלעכ וועסטו אומעטומ קריגנ, נאָר א גוטנ-ברודער...

— בא דיר איז דער מויעכ אַפ א זײַט, — האָט שמײַע ברויגעז־לעכ א זאָג געטאָנ, — מע טאָר דיר גאָרניש ניט ווײַזנ.

אָט אַזוי, גוטמוטיק, האָבנ זיי זיכ פאַרעדט אונ ניט באַמערקט, ווי די שקאַפּע האָט דאָרט צווישנ די צוויי אַקאַציעס אָפּגעגעבנ גאָט די נעשאָמע. דער באַלעגאָלע איז צוגעלאָפנ, אופגעהויבנ א גוואַלד, גערופנ שמײַענ, ער זאָל צוגיינ אונ מע זאָל זי אָנהייבנ מינטערנ, נאָר דער בלעכער איז געוועזנ פאַרטאָנ אינעמ גאָלנ זיכ אונ האָט א מאַכ געטאָנ מיט דער האַנט:

— כאַצקל, לאָז עס רויק פײַגערנ, מוטשע עס ניט...

דער באַלעגאָלע איז נאָכ א ביסל געשטאַנענ איבער דער שקאַפּע מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט, דערנאָכ צוגעגאַנגענ צו דער פּריזבע אונ זיכ אַוועקגעזעצט א טרויעריקער לעבנ שמײַענ.

— ניט געזאָרגט, ברודער־לעבנ, — האָט זיכ אָנגערופנ שמײַע, ווענ ער האָט זיכ אַרומגעגאָלט, אונ דאָס פּנעמ האָט ווידער באַקומענ דעמ פריערדיקנ כיינ. עמעס, עס איז געוועזנ אויסגעבליכט אונ אָפּ־געצויגנ, נאָר די שוואַרצע אויגנ האָבנ אָנגעהויבנ גלאַנצנ, אונ די וואָנצעס האָבנ אויסגעזעענ פריש אונ בראַוו, ווי זיי זאָלנ זיכ נאָרוואָס האָבנ אומגעקערט פונ דער מילכאָמע.

— זע נאָר, שמײַע, ביסט געוואָרנ א קראַסאַוועצ, אַלע מיידלעכ וועלנ נאָכ דיר איצט נאָכלויפנ.

— באַלד וועסטו זיכ בא מיר אויכ אָפּגאָלנ, כאַצקל, ביסט נאָכ אויכ א יונגערמאַנ, מע קאָנ טאַקע מיינענ, אַז ביסט שוינ אַנ אַלטער טערעכ...

— דריי מיר ניט קיינ ספאָדעק, איכ קענ זיכ אַלײנ ניט גאָלנ.

— וואָס זשע, אַוואַדע, מע זעט גלײַכ, אַז דו ביסט געוועזנ אינ אַבאָז. וואָס הייסט, א סאָלדאַט זאָל זיכ ניט קענענ גאָלנ? אונ אַפ דער פּאָזיציע זײַנענ אונדז נאָכגעגאַנגענ צירולניקעס. מיילע, ווײַז אַהער דײַנ צורע, איכ וועל דיכ אַרומגאָלנ פאַרנ ווענ.

— וואָסער וועג? ביסט שוינ טאקע אינגאנצנ מעשוגע! וווהינ וועסטו זיכ שלעפנ? אָט אזוי נעמט מענ אונ מע ווארפט אוועק א היימ.

— נישקאָשע, כאצקל, דײַנע פאלאצנ וועט דאָ קיינער ניט אויס- כאפנ אונ דײַנע צוקרעווארניעס וועלנ זיכ שוינ, יאקאָס, באדרייענ אָנ דיר...

— איכ פארשטיי דיכ ניט, שמײַע, ווי נעמט מענ עס אונ מע ווארפט אוועק דאָס שטיקל ערד, וווּ מע האָט אָפגעלעבט א לעבנ.

— אונדזער היימ איז איצט איבער גאנצ ראסיי, כאצקל. וווהינ מיר וועלנ ניט קומענ, האָבנ מיר רעכט צו וווינענ, אונ קיינער טאָר אונדז קיינ וואָרט ניט זאָגנ. מיר זײַנענ איצט פרײַע מענטשנ, אָנ א ווײַב, אָנ קינדער, אלציינס ניטאָ וואָס אָנצוּווערנ. — מיט די ווערטער איז שמײַע צוגעגאנגענ צומ גוטנ-ברודער אונ גענומענ אימ אָנזייפנ די געלע באָרד.

— וואָס איז, שמײַע, אזוי בינ איכ דיר ניט געפעלנ?

— ניינ, ס'א ביזאָיענ, מיר גייענ דאָכ אוועק אינ דער וועלט, צווישנ מענטשנ דארפ מענ האָבנ א פּאָנעמ. מיר, כאצקל, וועלנ גיינ צו די באָלשעוויקעס, אהינ, ווו ס'האָט זיכ שוינ אײַנגעשטעלט די סאָ- וועטסקע וולאסט, די קאָמונע. צו דער נײַער וולאסט דארפנ מיר קומענ יאָמטעוודיקע, פארשטייסט?

— אוי, שמײַע גאזלעניוק, דו ביסט ניט קיינ מענטש, נאָר א קישעפמאכער. איכ הייב שוינ אָנ טראכטנ, אז דו ביסט גערעכט, מירנ גיינ.

— דריי זיכ ניט, לאָז, באלד וועל איכ פונ דיר מאכנ א לײַט. לאכסט?.. בא אונדז אפ דער פּאָזיציע איז געווענ אײַנגעפירט, אז ערעוו אנ אטאקע פלעגנ מיר זיכ גוט ארומגאָלנ, ארומוואשנ, זיכ אי- בערטאָנ, קעדיי דער סוינע זאָל זענ, אז מיר האָבנ אימ טיפ אינ דר'ערד. נו, פארשטייט זיכ, טאָמער, די שאָ זאָל ניט זײַנ, סע טרעפט דיכ די קויל, זאָלסטו אפ יענער וועלט אויכ קומענ ווי א מענטש.

— פארייד מיר ניט די ציינ. אײַ! דו רײַסט דאָכ פונ מײַנ פּאָנעמ שטיקער! דו וועסט מיכ, שמײַע-לעבנ, צעקארדאשענ.

— שווײַג, שלימאזל, א סאָלדאט דארפ זיכ אליינ קענענ גאָלנ די באָרד, דעריקער נאָכ פאר א פּאראד. אָט, דו זעסט כאָטש, גיב נאָר אפ זיכ א קוק אינ שפּיגעלע, נו, יאָ, אוואדע, אָט דאָס איז כאצקל דער באָלעגאָלע! אנו, צי ארופ דאָס סאטינענע העמדל, בינד נאָר אונ-

ער דעמ גרינעמ קוטעס מיט די פרענדז און נעמ די פוזשעלע אינ האנט! — האט זיכ שמײַע צעלאכט.

אזוי איז איבערגעלאפנ דער טאג. פארנאכט־צו האט א פרעסטל גענומענ פארגלעזנ די קאליוזשעס, ס'איז געווארנ קילבלעכ. די זונ האט זיכ נאכ ניט געהאט געזעצט, זײַנענ זיי שוינ ביידע געלעגנ אפנ פאל, אונטערגעבעט און איבערגעדעקט מיט אלטע סעניקעס, און גע־שמאק געשלאפנ.

ס'איז שוינ געווענ טיפע נאכט, ווענ כאצקל דער באלעגאלע האט זיכ אופגעכאפט פונעמ שלאפ און גענומענ וועקנ דעמ שאכנ:

— שמײַע, דו שלאפסט?

— איכ שלאפ. וואס? — האט זיכ דער בלעכער אומצופרידנ אנגערופנ.

— אײַ, האב איכ געזענ א כאלעמ, דער רועכ זאל מיכ נעמענ, שמײַע...

— וואס פאר א כאלעמ?

— אײַ, פרעג ניט, סע האט מיכ אזוי צעטרעוואזשעט. זי איז מיר געקומענ צו כאלעמ, דאס ווײַבל, וואס בײַ דיר אפ דער פאטא־גראפיע... שוינ לאנג האבנ זיכ מיר ניט געכאלעמט קיינ קליפעס. אײַ, א ווײַבל, ווו האסטו זי גענומענ?..

— שלאפ! שלאפ, אט א פריטשעפע... איכ האב דאכ דיר געזאגט, איכ האב זי אינ די אויגנ ניט געזענ, ס'איז מײַנעמ א גוטנ־ברודערס א ווײַבל, יאסל קארסונסקיס. איכ אײַנ ראטע געדינט, פונ איינ קעסעלע סופ געכלעבעטשעט, פארשטייסטו?

— איכ פארשטיי, אוודע. — האט כאצקל אומבאשטימט אפגע־ענטפערט.

שמײַע האט געשוויגנ. דער באלעגאלע האט אימ איצט צעבויטעט די געדאנקענ, און ער האט שוינ ניט געקאנט אײַנשלאפנ. ער האט זיכ איבערגעקערט אפ דער פלייצע און געקוקט דורכנ פענצטער אינ דרויסנ, ווו צווישנ די שיטערע וואלקנס איז ארומגעשווומענ א אויסגעוואשענע לעוואנע.

— שמײַע, דו האסט דאכ געזאגט, אז וועסט דערציילנ, פונוואנענ עס קומט צו דיר איר בילד.

שמײַע האט פארייכערט א ציגאר, אופגעזעצט זיכ אפנ געלעגער און זיכ אנגערופנ:

— דאס צווייטע יאר איז שוינ געגאנגענ די מילכאמע. איינמאל, נאכ א גרויסער שלאכט, ווענ איכ אונדזער ראטע זײַנענ געבליבנ אינ

סטרוי עטלעכע געצײלטע סאָלדאַטן, האָט מען אונדז צוגעשיקט עטלעכע גרינע בחורע, וואָס האָבן נאָך קיין פולווער ניט געשמעקט. צווישן זיי איז געווען איינער א הויכער, א שיינער יונגערמאַן, מיט גרויסע ליכטיקע אויגן, ווי בײַ א מיידל, א שעמעוודיקער און א שטילער, ער האָט ניט אַרויסגערעדט קיין איבעריק וואָרט,— יאָסל קאָרסונסקי. ער איז מיר גלײַך געפעלן געוואָרן, און מיר האָבן זיך אָנגעהויבן כאַווערן. איך האָב אויף אים אַכטונג געגעבן, ניט געלאָזט, עמעצער זאָל אים אָן אוולע טאָן, געלערנט, ווי מע דאַרף זיך האַלטן. און דער יאָסל קאָרסונסקי איז פון מיר ניט אָפּגעטראָטן. א מאָדנער פאַרשוין איז דאָס געווען. ער האָט ליב געהאַט שיינקייט, ווי דאָס לעבן. ער האָט דערזען די קאַרפּאַטער בערג, די וועלדער און די גראָזן, האָט ער שיר ניט אײַנגענומען א מיסע־מעשונע. און אַז ער האָט דערזען פעלדער טווע, איז אַזוי ווי א דורשטיק פערד דערזעט א ריטשקע. איך האָב נאָך דעמאָלט ניט געוווּסט, וואָס פאַר א מענטש דאָס איז, ווו ער איז געוואַקסן. אַז ס'איז געוואָרן שטיל אויף דער פּאָזיציע, און מיר האָבן זיך מיט אים אַרויסגערוקט פונעם אָקאָפּ, זיך אויסגעלייגט אויפן ברוסטווער וואַרעמען, ווײַל א גאַנצע נאַכט זײַנען מיר געלעגן אונטערן רעגן און דורכגעווייקט געוואָרן, ווי די שיידים, איז ער צוגעפאַלן צו דער ערד, אָנגעכאַפּט א קווייטל און גענומען עס קושן.

— משוגענער, — האָב איך פון אים געלאַכט, — א הוצולקע קושן פאַרשטיי איך נאָך, א באַרג־מויד א שיינע, אָבער א קווייטל גאָר קושן?

— וואָס דאַרף איך קושן א הוצולקע, א באַרג־מויד, אַז איך האָב מיר אין דער היים אַזא שיינע הוצולקע, א ווײַבל, וואָס איך וועל אויף קיינעם ניט פאַרבײַטן, — ענטפערט ער מיר, און ער שלעפּט אַרויס פון דער קעשענע אָט דאָס בילדל, וואָס איך האָב דיר הײַנט געוויזן, און דערלאַנגט עס מיר, איך זאָל עס אָנקוקן. זאָלסט געווען זען, ווי־אַזוי ער האָט צעבונדן דאָס פּעקעלע, ווו דאָס בילדל איז געלעגן, ווי מע צעוויקלט עפּעס א בריליאַנט... און ער דערציילט מיר, וואָס פאַר א טײַער ווײַבל זי איז, און וויאַזוי דאָרטן, אין דער קאָלאָניע, האָבן זיך פאַר איר א סאַך באָכערים שיר דאָס לעבן ניט גענומען. און אַז דאָס ווײַבל מיט צוויי קליינע יונגעלעך זײַנע וווינען אין די ייִדישע קאָלאָניעס אין דער טאַווריע, דאָרטן ערגעץ אויף די כערסאָנער פעלדער.

— אויף כערסאָנער סטעפּעס? — האָט זיך אָנגערופן כאַצקל, — ווי קומען אין יענע מידבאָריעס ייִדן?

— וואָס פאַרא מידבאַריעס? נאָכ א מינ יאָרנ וווינענ דאָרט, פּויערימ. שוינ אריבער הונדערט יאָר, אז זיי האָבנ זיכ דאָרטנ באַזעצט אפ דער ערד, אונ האָבנ זייערע סעדער, באַשטאַנעס אונ ווײַנגערטנער. דאָרטנ האָט געוווינט מײַנ גוטער־ברודער, יאָסל קאָרסונסקי. פונ יענע קאָלאָניעס איז זײַנ ווײַבל, פאַרשטייסט? דער יאָסל איז דאָפּקע געווענ א שווײַגער, נאָר האָסטו אימ דערמאָנט וועגנ זײַנ היימ, האָבנ זײַנע אויגנ זיכ צעשײַנט, אונ ער האָט אָנגעהויבנ אַזויפיל דערציילנ וועגנ זײַנ קאָלאָניע, אז מע האָט אימ געקאָנט מעקאַנע זײַנ... אָבער דאָ, אינ די אָקאָפּעס, האָט ער זיכ געפילט, ווי א פיש, וואָס מע האָט ארויסגעוואָרפנ פונ טײַכ אפ דער יאַבאָשע. אינ איינעמ אזא שיינעמ, ווארעמענ טאָג, ווענ מיר זײַנענ געלעגנ אפנ ברוסטווער, האָט זיכ דער דײַטש מיטאמאָל א לאָז געטאָנ אינ אטאַקע. מיר האָבנ זיכ ארײַנגעכאפּט אינ אָקאָפּ. דער דײַטש האָט פריער פאַרשאָטנ אונדזערע אָקאָפּעס מיט סנאַריאַדנ אונ דערנאָכ געוואָרפנ זיכ אפ אונדז מיט די שפּיזנ. דעמלט האָבנ מיר זיכ אויכ א הייב געטאָנ אונ זיכ געלאָזט מיט די שפּיזנ אָפּשלאָגנ די אטאַקע. די דײַטשנ האָבנ גענומענ מאכנ פּלייטע, — קיינער אינ דער וועלט קאָנ ניט אויסהאַלטנ קיינ אטאַקע פונ רוסישע סאָלדאַטנ. א פײַנ ביסל סאָנימ זײַנענ געבליבנ ליגנ אינ פעלד. מיר האָבנ זיכ ארויסגעריסנ אפ א נײַער ליניע אונ אָנגעהויבנ זיכ אײַנגראָבנ אינ דער ערד. דאָ האָט דער דײַטש ווידער גענומענ שיסנ פונ זײַנ שווערער ארטילעריע. אונ אַזוי ווי איכ גראָב מיר דעמ אָקאָפּ, אונ לעבנ מיר ליגט אונ גראָבט יאָסל קאָרסונסקי, צערײַסט זיכ פּלוצעמ ניט ווײַט פונ אונדז א סנאַריאַד, אונ איכ ווער פאַרשאָטנ מיט ערד. איכ האָב פונ זיכ קוימ אָפּגעטרייסלט די ערד אונ ליג מיר טויב, ווי א שטיק האָלצ, ערשט איכ קוק זיכ ארומ — מײַנ יאָסל ליגט אפ דער ערד, א באַגאָסענער מיט בלוט. פּויזע איכ צו, איכ טאָרע אימ, נאָר ער איז שוינ ניט קיינ מענטש, קוימ וואָס ער עטעמט. אונ ארומ שטייט א פײַער, אז מע קאָנ ניט אופהייבנ דעמ קאָפּ. איכ הייב אימ אָנ איבערבינדנ די וווּנדנ, פּרוּוו אָפּשטעלנ דאָס בלוט, נאָר מע קאָנ גאָרניט מאכנ, מע מוז אימ ארויסטראָגנ פונעמ פײַער אינ לאַזארעט. האָב איכ אימ ארומגענומענ מיט איינ האַנט, אונ מיט דער צווייטער שטויס איכ זיכ אָפּ פונ דער ערד אונ שלעפּ אימ, אזא גוואַר, נאָר איכ פיל, אז עס האַלט מיט אימ שלעכט.

— יאָסל, יאָסל, לאָז זיכ ניט אָפּ, — זאָג איכ אימ, — כ'וועל דיכ באַלד ברענגענ צומ דאָקטער, ער וועט דיכ אָפּראַטעווענ. — דער־

ווײַל לייג איכ אימ אוישק אינ א קאנאווקעלע און הייב אימ אָנ פּויענ פונ מײַנ באקלאזשקע. ער צעעפנט די פארגאָסענע אויגנ און טוט א קוק אפ מיר... גאָטעניו, מע זאָל באהיטנ ווערנ פונ אזא קוק... דער צאר פונ דער גאנצער מילכאָמע... האקלאל, וואָס זאָל איכ דיר זאָגנ, כאצקל, איכ בינ שוינ דעמלט געווענ א ביוואלע סאָלדאט, כ'האָב געזענ, ווי מענטשנ שטארבנ, איכ האָב אלײנ ניט אײנ מאָל געקוקט דעמ טויט אינ די אויגנ און האָב מיכ שוינ סקאָמפּאניעוועט מיט אימ, מיטנ טויט, נאָר איכ שווער דיר, כאצקל, באמ לעבנ, אז איכ האָב דערזענ, ווי מײַנ גוטער־ברודער, יאָסל קאָרסונסקי שטארבט, בינ איכ געוואָרנ אויסער זיכ... באטראכט נאָר דאָס שײנע לעבנ אונ־הוזערס, האָט ערשט בינ איכ מיט אימ געלעגנ אפנ ברוסטווער, זיכ גע־ווארעמט אקעגנ דער ווארעמער זונ, געקוקט אפ די גרינע בערג, געטריבנ לעצאָנעס, זיכ געכאָכמעט, גערעדט וועגנ ווײַבער און הוצולקעס, גע־געבנ אימ דאָס וואָרט, אז וויבאלד נאָר עס ענדיקט זיכ די מילכאָמע, נעמ איכ די מישפּאָכע און פּעקל זיכ אריבער צו אימ אינ דער קאָלאָ־ניע אפ ערד... און אָט האָסטו דיר סאָלדאטסקע האָפענונגענ און פּלע־נער... איכ גיס אימ ארײַנ א פּאָר טראָפּנ פונ מײַנ באקלאזשקע, און ער רופט זיכ אָנ צו מיר:

— ניט באשערט, שמײַע, ניט באשערט... איכ שטארב? — פרעגט ער מיכ, ווי איכ זאָל זײַנ א דאָקטער, — איכ האָב אינ דער טאווריע א ווײַב, רייזל, אינ דער קאָלאָניע... שרײַב איר אָנ... די קינדערלעכ שרײַב אָנ...

און ער שלעפּט ארויס דאָס פּעקעלע מיט דער פּאָטאָגראפיע פונ זײַנ ווײַבל, מיט די עטלעכע בריוולעכ אירע, און ער גיט עס מיר אלצ איבער. זײַנע אויגנ האָבנ זיכ צוגעשלאָסנ, און ער האָט נאָכ ארויסגערעדט:

— טאָמער וועסטו אמאָל זײַנ אינ דער טאווריע, באמ אינגוליעצ, גיי ארײַנ צו איר... — און מער האָט ער גאָרניט געזאָגט, יאָסל קאָר־סונסקי, און ער האָט אפ שטענדיק צוגעמאכט זײַנע אויגנ... און די שיסערײַ איז גרויס, און איכ טוליע זיכ צו צו אימ, ער זאָל מיכ מיט זײַנ טויטנ קערפּער פארהיטנ פונעמ טויט. און אזוי בינ איכ לעבנ אימ געלעגנ, ביז ס'איז געוואָרנ פינצטער. איכ האָב אראָפּגענומענ פונ זײַנ האלדז דעמ מעדאליאָנ און אימ אופגעעפנט, נאָר דער מע־דאליאָנ איז געווענ פּוסט, איכ האָב דאָרט זײַנ אדרעס ניט געפונענ, און אינ די עטלעכע בריוולעכ, וואָס זײַנענ צעווייקט געוואָרנ אינ די אָקאָפּעס, האָט מענ אויכ ניט געקאָנט דערגײנ קײנ טאָלק. און אזוי

זינט פונ יענער צײַט געבליבנ בא מיר די פאָטאָגראַפיע פונ זײַנ רייזלענ אונ די עטלעכע אויסגעריבענע בלעטלעכ פונ אירע בריוו:

ביידע האָבנ ניט באַמערקט, ווי ס'איז אָנגעקומענ דער פרימאָרגנ. שמײַע האָט זיכ אופגעהויבנ פונעמ געלעגער, זיכ אַרומגעוואַשנ. מע האָט איבערגעכאַפט, וואָס ס'איז געווענ. שמײַע האָט געשוויגנ. די דערמאָנונג ווענ דעמ גוטנ-ברודער אונ דער אומבאַקאַנטער פרוי האָט אימ צערודערט. ער האָט געגעסנ, ניט פילנדיק קיינ טאַמ, אונ פונ מאָל צו מאָל אַרויסגעקוקט דורכנ פענצטער אינ דרויסנ.

אָפגעגעסנ, האָט שמײַע אָנגעטאָנ דעמ אַלטנ, דורכגעלעכערטנ שינעל, אָנגערוקט איבער די אויערנ דאָס סאָלדאַטסקע היטל, גענומענ אָפ די אַקסל זײַנ רענצל אונ זיכ אומגעקוקט אָפנ כאַווער, וואָס האָט געטאָנ די זעלבע זאַכ, נאָר אָנ כיישעק.

— וואָס קלײַבסטו זיכ, ווי א גאַגיד צו א קרענק? — האָט א זאָג געטאָנ דער בלעכער.

— שאַ, פלי ניט! מיר'נ גאָרניט אָנוואָרנ, מע וואַרט ניט אָפ אונדז, — האָט אָפגעענטפערט באַצקל, אַרופציִענדיק זײַנ הויכנ פוטערנעמ יאַלעמ אונ דאָס אַלטע שאָפענע פעלצל, — מע לאָזט זיכ גייג אינ דער וועלט, מענ מעג עפעס א טראַכט טאָנ, ניינ?

— וואָס דאַרפ מענ טראַכטנ טויזנט מאָל? מיר האָבנ אַזאַ שטיק צײַט געטראַכט. די וועלט איז פאַר אונדז אָפנ.

— לעסאַטע שפּײַט אָפ אונדז די וועלט.

— רייד ניט ווענ דער וועלט, באַצקל! וואָס איז ווערט די וועלט, אַז א באַלעגאָלע מוז אַרומגייג צופוס מיטנ בײַטשל אונ א בלעכער זאָל קיינ דעכער ניט האָבנ צו פאַריכטנ? מיר דאַרפנ גייג צו די באָלשעוויקעס. אַלפּי סייכל, ווײַדליק איכ האָב ווענ זיי געהערט, קערנ מיר זיכ אָנ מיט זיי באַגעגנטע מעכוטאָנים. נו, ברודער-לעבנ, שטעל פיס!

זיי האָבנ זיכ געלאָזט שפּאַנענ איבער דער צוגעפרוירענער ערד, וואָס דער פראָסט האָט באַשאָטנ מיט בלאַנקענדיקע דימענטלעכ. אונטער די פיס האָבנ געכרוסטעט אונ געפּלאַצט די מיט אײַז פאַרגלעזטע קאַליוזשעס, אונ כאָטש ס'איז זיי איבערגעלאָפנ דעמ וועג אַ איבערגעשראָקענע, הײמלאָזע קאַץ אונ באַצקל האָט א ווונק געטאָנ, אַז ס'איז א שלעכטער סימענ אונ מע דאַרפ אָפלייגנ דעמ גאַנג, האָט שמײַע גאָזלענ פריילעכ אויסגערופנ:

— ס׳מאכט ניט אויס, אזויפיל היינט, ווי מיר האָבנ געזענ, האָבנ אונדז ניט געקאָנט אָפּשטעלנ, וועלנ מיר זיכ דערשרעקנ פאר א קאצ? אנו, כאצקל, ווי פלעגסטו אמאָל זאָגנ צו די פערדלעכ אונטער א בארג: הײַדא, א פּאָהיבעל אָפּ מײַנע סאָנימ!

א שיפ אָנ א רודער

די אונטיקע כמארעס האָבנ זיכ שוינ אָנגעהויבנ דראפּענ איבער די הויכע מויערנ אונ קלויסטער-צלאָמימ, ווענ אָפּנ הילצערנעמ קיעווער וואָקזאל איז אָנגעקומענ א געפּאקטער עשעלאָנ מיט רויטע אונ גרינע וואגאָנעס.

— מאזלטאָוו, מע האָט אָפּ אונדז ניט געווארט, אונ מיר זײַנענ געקומענ.

פארפרוירענע, בלויע, ווי מילצ, זײַנענ געזעסנ אָפּנ דאכ פונ א וואגאָנ אונ זיכ צוגעהאלטנ מיט פארקאָטשענייעטע פינגער בא א קוימענדל אונדזערע רײַזנדער — שמײַע גאזלענ אונ כאצקל דער באלע-גאָלע. דעמ גאנצנ וועג זײַנענ זיי ניט אראָפּגעקראָכנ פונעמ דאכ, ווײַל אויב דאָ, אָפּ די דעכער, איז געווענ אזא ענגשאפט, אז דער, וואָס האָט פארכאפּט א שטיקל אָרט נאָענט צו א קוימענדל, האָט זיכ גערעכנט פאר א גליקלעכנ מענטש. האָט עמעצער אָפּ א סטאנציע פארלאָזט אָפּ א רעגע דעמ דאכ, האָט ער זיכ שוינ געמעגט געזעגענענ מיטנ צוג. אונ אזוי ווי שמײַע מיט כאצקלענ זײַנענ דעמ גרעסטנ טייל וועג געגאנגענ צו-פוס, איבער די רעלסנ, איבערנ שניי, איבער די צעקיסנעטע שליאכנ, האָט זיכ זיי געדוכט, אז דאָס, וואָס עס האָט זיכ זיי אָפּ א קלײנער סטאנציע אײַנגעגעבנ טרעפנ א צוג אונ אנ אָרט אָפּנ דאכ, איז א לוינ פאר אלע זייערע לײַדנ. האָט מענ זיכ אפילע קיינ ביסל אָקרעפּ ניט פאר-גונענ, אונ מע האָט געשטילט דעמ דאָרשט מיט שניי אָדער מיט אנ אײַז-סטרעמפּל, וואָס איז אראָפּגעהאנגענ פונעמ דעכל. מע איז אזוי צוגעוואקסנ געוואָרנ צומ קוימענדל, אז מע האָט אינ זיכ קיינ לעבעדיקנ אייווער ניט געפילט. איצט, נאָכ אזויפיל צאָרעס, ווענ דער צוג האָט זיכ אָפּגעשטעלט אונ זיי האָבנ דערזענ, אז אלע זײַנענ אראָפּגעקראָכנ פונעמ דאכ אונ א שפּאר געטאָנ צומ וואָקזאל, האָבנ זיי פארשטאנענ, אז מיגאסטאמ איז מענ שוינ אָנגעקומענ אָפּ אנ אָרט, אונ זיי האָבנ זיכ אויכ אראָפּגעדראפּעט אָפּ דער פּלאטפאָרמע.

— נו, שמײַע-לעבנ, מע מעג בענטשנ גומל.

— און איך האָב געמיינט, אז מע מעג שוין עפּעס נעמען אין מויל אריין.

— ווויהין זיינען מיר אריינגעפאלן, טאקע קיין קיעוו?

— וואָס זשע, קיין ברעמבעליוווקע?

— עפּעס איז דאָ דער וואָקזאל געראָטן אין א שטאל.

— א דיינגע האָסטו, קום גיכער! מע דאַרף זיך דערוואָרעמען די נעשאָמע.

זיי האָבן זיך פאַרלוירן אין דער געדיכטעניש פון דעם אוילעם, און די מענטשן-כוואַליע האָט זיי אריינגעטראָגן אין וואָקזאל.

דער באַלעגאָלע איז געווען גערעכט. דער לאַנגער בידעריקער זאל האָט טאקע אויסגעזען, ווי א גרויסע פאַרלאָזטע סטאַדאָלע, ווויהין מע האָט פאַרטריבן א וועלט מיט בעזשענצעס, היימלאָזע, סאַלדאַטן אָפּ קוליעס, אָפּגעריבענע פּריצים און אָפּגעבליאַקעוועטע אָפּיצערלעך. ס'איז דאָ געשטאַנען א געפּילדער און א טומל, אז מע האָט זיך געקאָנט רירן פון די געדאַנקען, און די לופט איז געווען אזוי געדיכט, אז מע האָט געקאָנט אויפהענגען א האַק.

— נו, באַצקל, מיר לעבן, הוראַ! — האָט זיך אָנגערופן שמיע גאַז־לען, ווען מע האָט זיי ביידע צוגעשטופּט מיטן פּאָנעם צו דער פּענצטער, פאַרשוויצטער וואַנט, — בייזער זיך היינט, בייזער זיך מאָרגן, נאָר ס'איז פאַראַן א שטיקל גאָט אין הימל. אז מיר האָבן גוט אָפּגעשניטן מיט דער נעסיע, איז א סימען, אז מיר האָבן נאָך יאָרן. צו וועמען קאָ־נען מיר האָבן טייַנעס?.. פון דער מילכאָמע האָבן מיר זיך אומגעקערט, די היים איז פאַרברענט, פון ווייב־און־קינד אויסגעלייזט, און מע פירט נאָך אונדז ארום אף די דעכער אָן א גראָשן געלט, היינט וואָס נאָך גייט אונדז אָן?

— יאָ, דו ביסט גערעכט, שמיע, נאָר לאָמיר ארויסקריכן פון דעם איפּעש, מיר וועלן דאָ דערשטיקט ווערן. וווּהין גייט מען?

— וואָס הייסט ווּהין? אין שטאָט אריין.

— מע דאַרף זיך דערפרעגן, וואָס פאַר א וולאַסט איז איצט אין שטאָט? דער גייט אין פּאַגאָנעס, יענער טראָגט עפּעס א טשיפּעק אָפן קאָפּ, איט קאָמאַנדעוועט עפּעס א קאָזאַק, דאָ ליגן מעשאָטשניקעס, היינט גיי דערגיי א טאָלק, ווער ס'ע פירט דאָס רעדל?

— ע, זעסט דאָך, ס'איז א שיף אָן א רודער, — האָט שמיע געענטפערט און זיך גענומען דורכשטויסן צום ארויסגאַנג.

ביז זיי זיינען דערקראָכן צו דער גרויסער טיר, איז זיי באַפאַלן א קאַלטער שווייס. אין אלע ווינקלען זיצן אָפן פּאָל צעקנאָדערטע טשינאָווּ־

ניקעס, דערשראָקענע באַרישניעס מיט זייערע פארווייינטע מאַמעס, פרויענ מיט זויג־קינדער, פאַרבאַנדאַזשירטע סאָלדאַטנ מיט אָפגע־ברענטע שינעלנ. קעשענע־גאַנאָווימ דרייענ זיכ ארומ אונ זײַנענ גרייט אײַנ דוירעס זײַנ, לעמני זײַנענ אײַערע קעשענעס פוסט. עמעצער דראָעט אונ שרײַט, עס הערנ זיכ קוילעס אונ א געוויינ פונ אלע זײַטנ. א שוי־קערער אָפיצער שלעפט עמעצנ פונ דער געדיכטעניש אונ שטופט אימ אינ פּאָנעמ ארײַנ דעמ נאַהאַנ.

קוימ מיט צרות האָבנ זיכ ביידע גוטע־ברידער ארויסגעריסנ אפ דער פרישער לופט. זיכ צוגעזעצט אפ די ברייטע טרעפ, האָבנ זיי גענו־מענ טראַכטנ, וואָס טוט מענ ווײַטער. שמײַע האָט אופגעהויבנ זײַנ בליק אונ אפנ בערגל קויטיקנ שניי ארומ די טרעפ דערזענ א בײַכיקנ פאַר־שוינ אינ א צעפליקטנ, ארויסגעשמירטנ מונדיר פונ א גאָראָדאָוואָי. ער איז געלעגנ אונ זיכ אונטערגעבאָמקעט א לידל. אָט איז ער שטיל געוואָרנ, זיכ אופגעהויבנ פונעמ אָרט. דערזענ פאַר זיכ א מענטשנ אינ א שוי־נעל, האָט ער זיכ ארויסגעצויגנ, אָפגעגעבנ „טשעסט" אונ זיכ אָנגערופנ, קוימ פּלאָנטערנדיק מיט דער צונג:

— זדראַוויא זשעלאַיו, מאָלאָדצי! — ער איז אומגעפאַלנ אפנ שניי, זיכ נאָכאַמאָל אופגעהויבנ, באַטראַכט שמײַענ מיט זײַנע קאַלעמוטנע, מיט פּעטעס פאַרלאָפענע אויגעלעכ אונ ווידער ארויסגעשריענ:—זדראַוויא זשעלאַיו, מאָלאָדצי! בייזער זיכ ניט אפ מיר, סאָלדאַטיק, פּיאָטר — פּיאָטר סאַוועליעוויטש קוראַגינ האָט פאַר האַרצווייטעק גענומענ א גלעזל, אויסגעטרונקענ פאַרנ צאַר־באַטיושקאַ... ניטאָ קיינ עמעס אפ דער וועלט! — האָט ער צעבראַסטעט דאָס העמד אונ זיכ אָנגעהויבנ שלאָגנ מיטנ קולעק איבער דער האָריקער ברוסט. — פונ פּעטראָגראַד איז אהער געלאָפנ פּיאָטר סאַוועליעוויטש קוראַגינ, פונ פּעטראָגראַד גע־לאָפנ זוכנ דעמ עמעס, פונ מאָסקווע געלאָפנ זוכנ דעמ עמעס אונ ניט געפונענ... ניטאָ קיינ עמעס! ארויסגערונענ... כאָטש גיי פונ אייגנ אוטשאַס־טאָק אינ אנדערנ אונ שרײַ, אז איכ וויל האָבנ ניט קיינ אָרדענונג... ניטאָ קיינ אָרדענונג! וואַו קאָנ זײַנ א שטאָט אָנ אָרדענונג?.. פּיאָטר סאַ־וועליעוויטש קוראַגינ וואָלט פאַר איינ מעסלעס אײַנגעשטעלט אָנ אָר־דענונג אינ שטאָט. רעוואָליוציאָנערנ צעוואָרפנ פּראָקלאַמאַציעס, באָלשע־וויקעס פירנ פּראָפּאַגאַנדע... אונ מיכ לאָזט מענ ניט מאַכנ קיינ אָרדע־נונג... — דער אַלטער הייבט זיכ אוף, וויל ארומנעמענ שמײַענ, נאָר דער באַלעגאָלע גיט אימ א שטויס אָפּ, אונ יענער פאַלט אומ אפנ שניי.

— זדראַוויא זשעלאַיו, סאָלדאַטיק!.. — כריפּעט דער גאָראָדאָוואָי

און וויל זיכ ווידער אופהייבנ, — גיב א ציגאר פאריכערנ... גיב א צי מאָנ א ביסל רויכ.

שמײַע שמייכלט אונטער, שלעפט ארויס דאָס שטיקל ציגאר פונ צווישנ די ציינ און דערלאנגט אים, יענער נעמט עס מיט ציטעריקע פינגער און סליגעט ווײַטער:

— הע, הייליקע מאמעניו, אלצ פארפאלנ, ניטאָ קיינ אָרדענונג, ניטאָ קיינ צאר־באטיושקא, ניטאָ קערענסקי, ניטאָ קיינ אימפעריע, ניטאָ קיינ עמעס... גאָרנישט ניטאָ...

— ברענט ער ליכטיק, דער אויוער־באָטל! — צעבייזערט זיכ באצקל הער באלעגאָלע, — דער קאָפ טוט שוינ וויי, ער קאָנ דאָ א גאנצע נאכט אזוי בענטשנ.

שמײַע האָט אויסגעשאָסנ א געלעכטער:

— ועסטו, באצקל־לעבנ, און דו האָסט מיט מיר ניט געוואָלט גיינ. זאָג אליינ, איז ניט ווערט אונדזער גאנצע נעסיע, מיר זאָלנ אָנקוקנ אָט דעמ לעצ? אָט דאָ איז כאָטש פריילעכ, אָט דאָ וועלנ מיר הערנ א פריש וואָרט. קומ, ברודערל, מיר וועלנ גיינ זוכנ אונדזער שטיקל מאזל. ס'איז נאָכ דאָ עמעס אפ דער וועלט!

ווו זײַנענ עס אהינגעקומענ די גאָלדענע צלאָמימ מיט די פעמפער־קעוואטע קלויסטערס, די הויכע מויערנ, וואָס דראפענ זיכ איינער אפנ אנדערנ? אלצ איז פארזונקענ אינ דער נאכט. ארומ איז פינצטער. נאָר די קנאפע שײַנ אינ די הויכע פענצטער וואַרפט אָפ א געלנ, אויסגע־מוטשעטנ אָפגלאנצ אפ די טראָטוארנ. מענטשנ גייענ דאָ ניט, נאָר זיי לויפנ. שאָטנס טראָגנ זיכ דורכ און פארשווינדנ. פארבײַגייער קוקנ אײַנ ארײַנ אינ פאָנעמ מיט שרעק, און יעדער איינציקער מיינט, אז איר ווילט אימ אויסטאָנ, בארויבעווענ, קוילענ. פונ מאָל צו מאָל טראָגט זיכ דורכ א טראסקענדיקער פאעטאָנ, און די פאסאזשירנ זינגענ, שרײַענ, שפילנ אפ הארמאָשקעס. מע ווייסט ניט, אפ וואָס פאר א וועלט מע גע־פינט זיכ.

דאָס פאָרל גייט זיכ איבער די פינצטערע גאסנ, און באצקל שפירט נאָכ מיט קינע די גלאנצנדיקע פאעטאָנענ מיט די פירעקעכיקע לאמ־טערנס.

— א מעהומע!.. — זאָגט שמײַע פארטראכט.

— עכ, ברודער־לעבנ, — רופט זיכ אָפ באצקל, — ווענ איכ פאק אזא פאעטאָנטשיק מיט א גוטע פאָר סוסימ, וואָלט איכ אינ דער מעהו־מע אנגעשטאָפט זעק מיט געלט.

— נאָר געלט, מאַיאָנטקעס כאַלעמענ זיכ דיר, — בײַזערט זיכ שמײַע. — וועסט עס מיטנעמענ אינ קײַווער?

נאָר אָט דערהערט זיכ ערגעצ נאָר נאָענט א שיסערײַ. זיי טוליענ זיכ אפּ א ווײַלע צו צו דער וואנט אונ גייענ שווײַגנדיק ווײַטער. אונטער די פּיס סקריפּעט דאָס פּרעסטל, ס'איז גליטשיק, אונ זיי האַלטנ זיכ קוימ אפּ די פיס.

— נו, כאצקל, ווי געפעלט דיר דאָס שטעטל? — פרעגט אינ א ווײַלע ארומ דער בלעכער.

— מיר געפעלט אלצ, שמײַע, כוצ איינ זאכ.

— לעמאָשל, וואָס געפעלט דיר ניט?

— ס'געפעלט מיר ניט דאָס, וואָס איכ ווייס ניט, ווו וועלנ מיר איבערשלאָפנ די נאכט. איכ האָב שוינ קיינ קויעכ ניט צו גיינ.

— נאָר ניט געזאָרגט, כאצקל, די שטאָט איז גרויס.

— מיכ וואָלט ניט געארט, די שטאָט זאָל זײַנ א קליינע, אבי עס זאָל זײַנ ווו צוצושפּארנ דעמ קאָפּ, — האָט געענטפערט דער באלע־גאָלע.

אפּ א גרויסער גאס האָבנ זיי זיכ אָפּגעשטעלט לעבנ א פינפשטאָקיק אָפּגעברענט הויז. וואָס האָט ניט געהאט ניט קיינ טירנ, ניט קיינ פענצ־טער, ניט קיינ לײַב־אונ־לעבנ. אפנ טראָטואר האָבנ זיכ געוואַלגערט טישנ, בענקלעכ, שאפעס אונ האָבנ פארשטעלט דעמ ארײַנגאנג. א ווײַלע זײַנענ זיי געשטאנענ אונ באטראכט דעמ אומגליק, אונ ווענ זיי האָבנ זיכ געלאָזט גיינ ווײַטער, האָט זיכ אינ עק גאס דערהערט א שיסערײַ. איבערנ ברוק זײַנענ דורכגעפלויגנ עטלעכע צעהיצטע רײַטער, אונ שמײַע האָט אָנגענומענ כאצקלענ בא דער האנט אונ אימ ארײַנגעשלעפּט אינ הויף כורווע. רײַבנדיק איינ שוועבעלע נאָכנ אנדערנ אונ טאָפּטשענדיק איבער קופּעס מיסט אונ אָפּגעפאלענעמ טינק, האָבנ זיי זיכ אופגעהויבנ אפנ אייבערשטנ שטאָק אונ פלוצעמ געבליבנ שטיינ אינ א צימער, וואָס איז אלפּי נעס גאנצ געבליבנ.

— פארברענט זאָל עס ווערנ, א מעשוגענע שטאָט, — האָט זיכ אָנגערופנ דער בלעכער, — מער גייענ מיר הײַנט אינ ערגעצ ניט. דאָ האַלטנ מיר סטאנציע.

זיי האָבנ אראָפּגעוואָרפנ די זעקלעכ, מיט די ברעטער פונ די טישנ פארשטעלט די פענצטער אונ די טיר. כאצקל האָט צונויפגעשארט די בערג ביכער אונ פּאפּירנ, וואָס האָבנ זיכ געוואַלגערט אפנ פּאָל, אונ אונטערגעהייצט די קאכלנע הרובע. דאָס פּאפּיר האָט זיכ צעפלאקערט אונ באשײַנט א שטיק צימער.

— כאצקל, האָב גאָט אינ הארצנ, זע, מיר זאָלנ ניט אוועקגייג מיטנ פײַער.

— כאפּט עס דער וואטנמאכער. אלצ קעדײַ, ברודער־לעבנ, אבי דערוואַרעמענ די נעשאָמע.

— װוענ דו ביסט א מענטש, כאצקל, צעבינדסטו דאָס זעקל. דאכט זיכ, אז דאָרט ליגט נאָכ א שטיק ברויט מיט א פּאָר ציבעלעס, וועלנ מיר פּראווענ א סודע.

דער באלעגאָלע האָט גענומענ דאָס זעקל אינ די קני, פּאָרזיכטיק, ווי ס׳וואָלט דאָרט געווענ א מאיאָנטעק, עס צעבונדנ אונ ארויסגעשלעפּט א האלב ברויטל מיט עטלעכע ציבעלעס. נאָר מיטאמאָל איז ער אוועק אינ א זײַט, אײַליק ארויסגעשלעפּט א פלעשל פונ בוזעמ־קעשענע אונ גענומענ אָפּזופּנ פונ דעמ. אָפּגעווישט מיטנ ארבל די ליפּנ, האָט ער זיכ א שפּיגל געטאָנ אינעמ פלעשל אונ זיכ אָנגערופנ:

— שמײַע־לעבנ, דו זעסט, וואָס מיר פּארמאָגנ צו דער סודע? קיינ סאכ האָבנ מיר ניט, נאָר אפּ דערקוויקנ די נעשאָמע וועט סטײַענ.

שמײַע האָט בערויגעז א קוק געטאָנ אפנ באלעגאָלע, נאָר גלײַכ צעפירט מיט די הענט אונ אויסגעשאָסנ א געלעכטער:

— כאציקלע מאַמזער, ווי קומט עס צו דיר?

— לאָמיר פריִער אויסטרינקענ, דערנאָכ וועל איכ דיר דערציילנ...— מיט די ווערטער האָט דער באלעגאָלע אָפּגעמאָסטנ מיטנ גראָבנ פינגער דאָס ביסל בראָנפנ אפּ דער העלפט, אויסגעטרונקענ אונ דאָס רעשט איבערגעגעבנ שמײַענ. — געדענקסט, אפּ דער לעצטער סטאנציע, ווענ מע האָט דעמ צונ באשאָסנ, איז געקראָכנ אפנ דעכל אונ אלטע פריצטע מיט א קויש? איכ האָב געהאָלפנ שלעפּנ די קו אפנ בוידעמ, דאָס הייסט, די פריצטע אפנ דאכ, האָט זי מיר געשענקט דאָס פלעשל. נו, לעכאַיִמ, זשליאָקע, — האָט דער באלעגאָלע א ווונק געטאָנ צומ פלעשל. — לאָמיר זײַנ געזונט, אָמיינ...

— לעכאַיִמ, מיט מאַזל! — האָט געענטפערט שמײַע, גענומענ פונ יענעמס הענט די פלאש אונ מיט האנאָע אויסגעטרונקענ אונ פארביסנ.

זיי האָבנ צונויפגעשארט אלע פּאפּירנ אונ די ביכער נעענטער צו דער הרובע, אויסגעצויגנ זיכ אפנ פּאָל אונ געקוקט, ווי עס ברענענ די געדרוקטע בלעטלעכ, איבערלאָזנדיק אפנ איש אָנגעדראָלענע שווארצע ווערטער.

— א מינע גראָבע ספאָרימ האָבנ עס מענטשנ אָנגעשריבנ, — האָט שמײַע א זאָג געטאָנ, געגעצנדיק, — אונ קיינ פּאָראדעק אפּ דער וועלט איז נאָכ אלצ ניטאָ...

ווענ זיי זייִנענ אופגעשטאנענ, איז שויִנ געווענ גרויסער טאג. א
דער גאס זייִנענ ארומגעלאפנ יונגלעכ מיט פעק פרישע צייַטונגענ, או
אהער, צומ אייבערשטנ שטאק, האט זיכ דערטראגנ זייער געשריי:
— לעצטע נייַעס.
— די באלשעוויקעס דערנעענטערנ זיכ צו קיִעוו!
— א טרייפע אפ פאדאל! הונדערטער מענטשנ געבליבנ אנ א דאכ..
— שמייע, גענוג געשלאפנ. עמעצער קאנ צו אונדז ארייַנקומענ.
— נאר אייַנער, מיר זייַנענ דא איצט באלעבאטימ.
מע האט זיכ אראפגעלאזט אינ שטאט ארייַנ אונ זיכ גענומענ דורכ
שטויסנ אינ דער ענגשאפט פונעמ אוילעמ, וואס איז געשטאנענ אי
רעדלעכ אונ געשמועסט וועגנ וועלט־זאכנ.
שמייע מיטנ רענצל אפ די פלייצעס איז געגאנגענ אונ אלצ בא
טראכט דעמ צעטומלטנ שטאטישנ אוילעמ, אונ הינטער אימ האט זיכ
נאכגעשלעפט דער באלעגאלע, קוקנדיק מיט קינע אפ די אויסגעפוצטע
לייַט אינ פוטערס, אינ קאפעליושנ, אינ צילינדערס.
— עפעס א צעדרייטע גובערניע. זע נאר, די גאנצע בורזשואזיי
לעמט נאכ, — האט כאצקל שטילערהייט זיכ אנגערופנ.
— וואס זשע, ס'איז נאכ זייער וולאסט דערוויַל, נאר זעסט, ווי ס'
טיאכקעט בא זיי דער פופיק? נישקאשע, זיי וועלנ גיכ באקומענ א ווייסטע
כאפ.
— פונ דייַנ מויל אינ גאטס אויערנ, — האט אפגעענטפערט
כאצקל, — אבער וואס וועלנ מיר דערוויַל טאנ, מע דארפ דאכ טראכטנ
וועגנ טאכלעס, אינ זעקל טאגט שוינ.
— ווייסטו וואס? — האט שמייע פלוצעמ א זאג געטאנ, — קומ צונ
יידישנ מיניסטער. איכ שטאט, זאגט מענ, האט זיכ געיאוועט עפעס א
יידישער מיניסטער, איכ מוז זיכ מיט אימ דורכשמועסנ.
אינעמ לאנגנ קארידאר פונ א גרויס צווייִשטאקיק הויז, וואס אי
געשטאנענ פארפרעסט צווישנ צוויי הויכע מויערנ, איז געווענ טומלדיי
ווי אפ א וואקזאל. דא אונ דארט זייַנענ געזעסנ פלייטימ, וואס זייַנענ
זיכ אהער צונויפגעלאפנ פונ די ארומיקע פארפייַניקטע שטעטלעכ. שוי
עטלעכע מעסלעס, אז זיי טאגנ דא אונ נעכטיקנ אינעמ פינצטערנ קא
רידאר, ווארטנדיק אפנ מיניסטער. שמייע האט שווייַגנדיק באטראכט
דעמ אוילעמ אונ זיכ געלאזט גלייַכ אינ דער קאנצעליאריע.
— הערט נאר, יונגעלייַט, — האט זיכ אנגערופנ א מיטליעריקע
פרוי, וואס האט געהאלטנ א זויג־קינד בא דער ברוסט, — עפשער איז
עמעצער פונ אייַכ דער מיניסטער?

שמייַע האָט זיכ אָפגעשטעלט, מיט א שמייכל אָנגעקוקט די פרוי, וואָס איז געשטאַנענ אַנטקעגנ אימ מיט דער אַנטבלויזטער ברוסט, קאָר־מענענדיק דאָס קינד, אונ א זאָג געטאָנ:

— וואָס זשע, איכ האָב דענ א פאָנעמ פונ א מיניסטער?

— איכ ווייס? אז אָכ אונ אז ווי איז צו אימ, וואָס פאר א פאָנעמ אָט דער מיניסטער האָט שוינ בא מיר. עפעס א ליעצ מיסטאמע. מע קאָנ אימ גאָר קיינמאָל אפ אנ אָרט ניט טרעפנ, טאָמיד פארטראָגנ, ראַק ער פליט, ער לויפט.

— אז אלע מיטוואָכ אונ דאָנערשטיק בייַט ער זיכ בא זיי, דער מיניסטער, — האָט זיכ אָנגערופנ א יונגערמאנ, — לייגסט זיכ שלאָפנ מיט איינ מיניסטער אונ שטייסט אופ מיט א שפאָגל נייַעמ.

— אוי, איכ בעט אייַכ, ס'איז א מיניסטער אפ כויזעק.

— די באנדיטנ מאכנ פאָגראָמענ, אונ דער מיניסטער שרייַבט יערי־דע־ברייוולעכ.

— וואָס זשע זיצט איר דאָ? — האָט א פרעג געטאָנ שמייַע.

— מיר ווייסנ, וואָס מיר זיצנ? ניטאָ ווו אהינצוטאָנ זיכ, בעזשענ־צעס. פונ אומעטומ טרייַבט מענ, מע שיסט. דאָ, ארומ דעמ ייִדישנ מי־ניסטער; דערוויסט מענ זיכ כאָטש עפעס נייַס.

ס'האָט זיכ אָנ עפנ געטאָנ די טיר, אונ ס'איז ארויס אינ קאָרידאָר א לאנגער פארשוינ מיט א פירעקעכיק בערדל אונ א פאָר טונקעלע ברילנ אפ דער נאָז. ער האָט געמאכט עטלעכע טריט, זיכ אָפגעשטעלט, באטראכט דעמ אוילעמ, וואָס האָט אימ ארומגערינגלט פונ אלע זייַטנ.

— וואָס זיצט איר דאָ, איכ האָב אייַכ דאָכ געזאָגט, אז ס'איז אומזיסט אייַערווארטנ. דער מיניסטער פארנעמט זיכ ניט מיט געבנ הילפ. דאָ איז א מעלוכישער אנשטאלט, דירעקטאָריע... אונ איר מיינט, אז דאָ איז דער רועכ־ווייסט-וואָס.

דער פארשוינ האָט זיכ ארויסגעריסנ פונעמ האמוינ, וואָס האָט אימ באלאגערט, אונ איז פארשוווּנדנ אינ א זייַטיקנ צימער. דער טומל איז מיט יעדער מינוט געוואָרנ אלצ שטארקער.

— ייִדישע מיניסטאָרנ, דירעקטאָריעס האָט אונדז גאָט צוגעשיקט.

— מע מאכט זיכ מעשוגע. דער נאראָד בידעוועט, אונ זיי זיצנ אונ שרייַבנ!

— שרייַבנ זאָלנ זיי שוינ זייער צוואָע, גאָטעניו זיסער!

— געעפנט א שטיבל אונ מע זינגט מאיאָפעס.

— נייַע באזאָרגער האָבנ זיכ געיאוועט אפ אונדזער קאָפ.

— וואָס האָט איר זיכ צעשריענ? פארנעמט זיכ פונדאנענ! — האָט

זיכ ווידער באוויזנ דער פארשוינ מיטנ פירעקעכיקנ בערדל אונ מיט די גרויסע טונקעלע ברילנ אפ דער עטוואס אויסגעקרימטער נאז. ווענ מע האט אימ דערזענ, איז געווארנ נאכ טומלדיקער:

— מיר זיינענ צו אייכ ניט געקומענ.

— מיר ווילנ זיכ דורכרייענ מיטנ מיניסטער!

— ווו איז אהינגעקומענ דער מיניסטער?

— לאמיר אימ כאטש אנקוקנ, וואס פאר א פנימ ער האט.

דער פארשוינ האט אופגעהויבנ די הענט אונ זיכ אנגערופנ:

— שטילער! שטיל זאל זיינ, ראבויסיי! מיר בעטנ ניט שטערנ ארבעטנ!

— א הארטנ זעצ איינ דר'ערד איז ווערט אייער גאנצע ארבעט.

— וואס ווילט איר פונ מיר, איכ בינ נאכ ניט מיניסטער.

— אונ ווו איז אייער מיניסטער?

— דער מיניסטער גרייט א פראיעקט פאר דער מעלוכע.

— וואס פאר א מעלוכע? פאר די פאגראמשטשיקעס?

— פאר אזעלכע ווערטער וועט מענ אייכ אינ טורמע אריינזעצנ!

— אט האסטו אימ, דעמ יידישנ מאסער.

— איר וועט מיכ ארויסברענגענ פונ די כיילימ, וועל איכ ארויסרופנ די קאזאקנ. צעגייט זיכ מיט גוטנ!

— ווו איז דער מיניסטער, גיט אהער דעמ מיניסטער!

— דער מיניסטער האט געבעטנ איבערגעבנ, אז ער וועט היינט ניט אופנעמענ קיינעמ. היינט נאכ מיטיק קומט פאר אנ אסיפע אינ בראדסקימ שול, אונ מע בעט אלעמענ קומענ אהינ, דער מיניסטער וועט האלטנ א רעדע.

— וואס זאגט דאס יונגערמאנטשיקל? — האט שמייע א מארע געטאנ מיטנ עלנבויגנ כאצקלענ, — ער בעט קומענ נאכ מיטיק? אויב אזוי, וועט ער דארפנ לאנג ווארטנ. איכ געדענק שוינ ניט, ווענ מיר האבנ געגעסנ מיטיק.

שמייע מיט כאצקלענ זיינענ ארויסגעגאנגענ פונעמ הויז אונ האבנ זיכ געלאזט גיינ מיט די הינטערגעסלעכ, עפשער וועט מענ קריגנ עפעס ארבעט, פארדינענ אפ א שטיקל ברויט. ערגעצ אינ א הויפ האט זיי אפגעשטעלט אנ אלטער אפגעבליאקעוועטער פארעצ אונ געבעטנ צעהאקנ דעמ פארקנ אפ האלצ. זיי האבנ זיכ פלינק גענומענ צו דער ארבעט, אונ אינ א וואסער שא ארומ איז שוינ אפנ הויפ געלעגנ א גרויסע קופע געפארבטע שפענער פונעמ געצאצקעטנ פלויט, וואס האט אמאל ארומגערינגלט דעמ אלטנס וויל סעדל, אונ דער באלעבאס אליינ איז

געשטאנענ דערבײַ א צופרידענער, וואס אים וועט שוינ מער ניט אויס־קומענ צו היטנ דאס פארקנדל, עמעצער אנדערש זאל עס ניט צעשלעפנ אפ האלץ. דער אלטער האט געקוקט, ווי דאס פארל ארבעט מיט חיישעק אונ געשמאק. באזונדערס איז אים געפעלנ געווארנ שמיַע מיט זײַנע וויצנ. ווענ זיי זײַנענ פארטיק געווארנ מיט דער ארבעט, האט ער זיי ארײַנגערופנ אינ שטוב, אוועקגעזעצט אויבנאנ אונ מכבד געווענ מיט א גוט פלעשל אלטנ ווישניק. אופגעלייגט אונ צופרידנ, איז דאס פארל ארויסגעגאנגענ פונעם אלטנס הויז אונ זיכ געלאזט גיינ איבער דער שטאט. מיטאמאל האט זיכ שמיַע דערמאנט, אז דער מי־ניסטער וועט הײַנט האלטנ א דראשע אינ בראדסקים שול אונ ער וואלט א באלנ געווענ צוגיינ אפ דער אסיפע. דער באלעגא־לע האט אופגעהויבנ א גוואלד, אז ער דארפ האבנ אפ קאפארעס זייערע אסיפעס מיט זייערע מיניסטארנ, נאר שמיַע האט אימ אנגעהויבנ זאגנ מוסער: וואס הייסט, זײַנ אינ א גרויסער שטאט אונ ניט הערנ קיינ ביסל נײַעס? אונ נאכ לאנגער אמפערניש איז דער בלעכער פארט באשטאנענ אפ זײַנס.

ביז זיי האבנ זיכ אהינ דערקליבנ, איז שוינ טונקל געווארנ. אינ שול איז געווענ פול געפאקט, קאפ אפ קאפ. ס׳איז דא געשטאנענ א גרויסער טומל. אונטנ זײַנענ געשטאנענ אונ געזעסנ די שיינע שטאט־באלעבאטימ, אונ אינ דער ווײַבערשער שול האט מענ ארײַנגעלאזט די בעזשעניצעם.

מע האט דאס פארל ניט געוואלט ארײַנלאזנ אינ דער מאנצבלשער שול, צו די באלעבאטימ, האט כאצקל אופגעהויבנ א געשריי, אז ער וועט צעטראגנ די שול, אונ זיי האבנ זיכ ווי־עס־איז דורכגעשטויסנ אונ געבליבנ שטיינ אינ דער ענגשאפט לעבנ דער טיר.

שמיַע האט באטראכט די שיינע געמעלנ, דעמ געשניצטנ ארנ־קוי־דעש, די בלישטשענדיקע גרויסע לעמפ אונ האט זיכ געוווּנדערט:

— דו זעסט, כאצקל...

— וואס זשע, די אויגנ זײַנענ מיר ארויסגעקראכנ? גיב נאר בעסער א קוק א מינע זאטע פארשויניצע אינ טולופלעכ. זיי האבנ צו דער וולאסט, זעט אויס, קיינ טײַנעס ניט. זיי לעבנ מיט די פעטליורעס בעשאלעמ...

— זע אבער, וואס סע טוט זיכ אינ דער ווײַבערשער שול ארעמע באלמעלאכעס, הײַנט דאס ביסל בעזשענצעס!

ס׳איז מיטאמאל געווארנ א טומל אונ א געשריי. צום בעלעמער איז צוגעגאנגענ א דיקער ייד מיט א לאנגער, בעקאוועדיקער שווארצער באָרד אונ זיכ אנגערופנ:

— ראבויסײַ! באלד וועט האלטנ א דראשע דער מיניסטער.

אפ דער בימע איז ארופגעגאנגענ א מיטליעריקער פארשוינ אינ א הארטנ קאפעליוש, מיט א לענגלעכ פּנעמ אונ צוויי קורצע העלע וואנצעלעכ. ער האט ארויסגענומענ פונ דער בוזעמ-קעשענע א גרויס פעקל פאפיר, אנגעטאנ די פענסנע, נערוועז זיכ ארומגעקוקט אינ אלע זייטנ. אפגעשטעלט דעמ בליק אפ דער גאליארקע, אפ דער וויִבערשער שול, האט ער זיכ א קנייטש געטאנ, לעמיי מע האט אהער אריינגעלאזט אזויפיל פליוטימ, פראסטע מענטשנ. ער האט זיכ ברייטלעכ אויסגעהוסט, גענומענ לייענענ פונ די פאפירנ, אונ אונרויִקע ביידע וואנדערער האבנ דערהערט, אנ ערעכ, אזא מינ לאשנ:

— ראבויסיי יידנ! אינ דער היסטארישער טקופע, וואס מיר לעבנ איבער, דארפ יעדער איינציקער אינדיווידואומ באשטרעבנ זויכע זיינ צו פארשטיינ די הויכע פאלקס-מיסיע פונ דער רעפרעזענטאבעלער אסיפע, וואס מיר האבנ געלאזט צונויפרופנ. דער אנטוויקלונגס-גאנג פונ דעמ יידישנ מיניסטעריומ איז דער פויעל-יויצע פונ דעמ שווער-שמערצלעכנ אונ פיבערהאפט דערשיטערנדיקנ שיקזאל פונ דעמ אויסדערוויילטנ יידנטומ אינ דיאספארא... אדאנק דער אפפערוויליקייט אונ דער פאזיטיוו-אכטונגסארטיקער גרויסמוט פונ דער נייער רעגירונג, פונ דער דירעקטאריע, אונ דער רעגלאמענטאציע-אקציע מיצאד די פירער איז געלייסטעט געווארנ די יידישע נאציאנאל-אויטאנאמי, דער ווידער-אויפבוי, וואס פאדערט, פארשטייט זיכ, די געהעריקע סטאביליזאציע אונ מאדערניזאציע, וועלכע דרינגט ארויס פונ דער קאנסאלידאציע מיט דער קאנסעקווענצ פונ עקזיסטענצ...

— יונגערמאנ, עפשער וועט איר מאכנ קירצער די מעגילע?! — האט עמעצער אויסגעשריענ פונ דער וויִבערשער שול, — דערציילט בעסער וועגנ די פאגראמענ!

אינ שול איז געווארנ א מעהומע, אונ דער מיניסטער, ווישנדיק מיטנ טיכל דעמ שווייס פונעמ רויט-צעפלאמטנ פאנעמ, האט געפרווט איבערשרייענ דעמ געפילדער.

— ראבויסיי, אינ נאמענ פונעמ געזעצ ווארנ איכ אייכ, אויב איר וועט זיכ ניט פירנ לייטיש אונ קארעקט מיטנ געהעריקנ הערעכ-ערעצ, וועל איכ געצוווּנגענ זיינ ארויסרופנ פאליציי. די באלשעוויקעס האבנ אייכ צעבאלעוועט! — אונ ניט ווארטנדיק, ביז עס וועט ווערנ שטילער, האט דער מיניסטער, שוינ א ביסל ספאטיקענדיק זיכ אינ זיינ ביז אהער זייער גלאטער רעדע, פארגעזעצט: — מיר דארפנ זיינ שטאלצ, וואס מיר פארמאגנ א ספעציעל מיניסטעריומ מיט יידישע קאמפעטענצנ אונ אייגענער רעגלאמענטאציע, בא דער אנטשפרעכנדיקער סובארדינירונג צו

דער דירעקטאָריע און דאָס גלײַכן... איבער דער סאמאָאָבאָראָנע און פארשיידענע העפקער־מאכנעס, וואָס יידן האָבן געשאפן אין די שטעטלעך, קומען אלע צאָרעס. אונדזער היסטאָרישער כויוו איז גלײַך אָפּגעבן דאָס קלייזײַען און אלע ווידערשפּעניקע איבערגעבן אפן מישפּעט פון דער רעגירונג, אפ איר גערעכטיקן פסאק־דינ. געדענקט, ראַבויסײַ: לאָיאַליטעט און אונטערטעניקײַט...

— א שאנדע!

— טרײַבט אראָפ דעם לעצ פונעם בעלעמער!

— פארקויפטע נעשאָמע!

פון אלע זײַטן האָט זיך אופגעהויבן א מוירעדיקער שטורעם. די גאנצע שול האָט געבושעוועט. אין דער מינוט האָט כאצקל דער באלעגאָלע דערזען, אז שמײַע שלאָגט זיך דורך צום בעלעמער, ווי ער זאָל אויך וועלן זאָגן א פּאָר ווערטער, האָט ער אים אָנגעכאפּט פאר דער פּאָלע פונעם שינעל און מיט אלע קויכעס א שלעפּ געטאָן צוריק.

— ביסט מעשוגע, שמײַע! וואָהין קריכסטו מיט א געזונטן קאָפּ אין א קראנקן בעט, זעסט ניט — א מין האלעבורע. אז פארן פּאניע מיניסטער האָבן זיי ניט קיין דרעך־ערעצ, הײַנט טאָמער שטעקסטו ארויס די נאָז, וועט מען פון דיר גאָר מאכן א מאָטשינקע.

— ניט דײַן אייסעק, כאצקל, מיש זיך ניט! — האָט דער בלעכער זיך ארויסגעדרייט פון זײַנע הענט און זיך דורכגעריסן צום בעלעמער, ווו ס'איז געשטאנען דער מיניסטער מיט די שאמאָסים.

— ווי שעמט איר זיך ניט, מענטשן! איר לאָזט קיין וואָרט ניט אויסריידן! — האָט אויסגעשריען שמײַע און זיך בעסער אײַנגעמאָסטעט לעבן טיש, ווי איינער רעדט: „שרײַט פון הײַנט ביז מאָרגן, איך וועל שוין זאָגן א פּאָר ווערטער".

דער אוילעם איז ביסלעכווײַז שטילער געוואָרן, דערזעענדיק באם בעלעמער א יידישן סאָלדאט אין א שינעל.

— איר זעט, — האָט הויך פירגעוואָרפן דער מיניסטער, ווישנדיק דעם שוויים פון שטערן און האלטנדיק די פּענסנע אין דער אויסגעצויגענער האנט, — שעמען מעגט איר זיך פאר א פּאָשעטן סאָלדאט!

שמײַע האָט זיך מיט דער גאנצער ברוסט איבערגעבויגן איבערן טיש. דער מיניסטער מיט די שאמאָסים און אלע, וואָס זײַנען געשטאנען אפ דער בימע, האָבן זיך אָפּגערוקט אין א זײַט און געוואַרט, אז דער אומבאקאנטער סאָלדאט זאָל אײַנשטילן דעם צעבושעוועטן אוילעם:

— איך פרעג אײַך, מענטשן, ווו איז סאָוועסט? פארוואָס לאָזט איר ניט אויסהערן א קלוג וואָרט, — האָט שמײַע געשריען, — דער פּאניע

מיניסטער וויל דערציילנ א ביסל היסטאָריע, אונ איר פירט זיכ אופ ערגער, ווי אינ א קאזארמע.

— זעט נאָר, א נײַער דייע-זאָגער!

— אראָפּ פונעמ בעלעמער!

— פאר וויפל האָט דיכ דער מיניסטער געקויפט?

שמײַע איז געבליבנ שטיינ צעטומלט אונ ניט געוווּסט וואָס צו טאָנ. דער באַלעגאָלע איז געוואָרנ ווײַס, ווי די וואַנט. לעכאַטכילע איז ער אפילע געווענ צופרידנ: „א מיצווע אפ דיר, קריכ נימ! וואָס ביסטו דאָ פאר א מעכוטונ?" נאָר באַלד האָט זיכ אינ אימ דערוועקט א ראַכ־מאָנעס צו זײַנ בעסטנ גוטנ פרײַנט, האָט ער זיכ דורכגעשטויסנ נעענ־טער צומ בלעכער, צוגעגרייט די פויסטנ, עפּשער וועט אויסקומענ לאָזנ זיי אינ גאַנג, אונ האָט געקוקט מיט דערשראָקענע, קאַעסדיקע אויגנ אפנ אוילעמ. אונ שמײַע האָט זיכ גלײַכ גענומענ אינ די הענט אונ פאַרגעזעצט:

— לאָזט אויסריידנ א וואָרט... דערנאָכ וועט איר שרײַענ... איכ האָב אויסגעהערט מיט קאָפּ אלצ, וואָס דער מיניסטער האָט גע־רעדט. נאָר אײדער איכ וועל אָפּהאַלטנ מײַנ דראָשע, וויל איכ אײַכ דערציילנ א שטיקל מאָשל, וועדליק געוויינלעכ א פראָסטער מענטש, פאָ־סאָלדאַטסקאָמו.

— העי, פעטער, שלאָפּ גיכער, מע דארפ די קישנ! — האָט עמע־צער אויסגעשריענ פונ דער געדיכטעניש, נאָר שמײַע האָט שוינ איצט גאָרנישט ניט געהערט. מיט א בליענדער היציקייט, אזוי ווי דורכשלאָגנ־דיק זיכ דורכ א געדיכטנ נעפּל, האָט ער פאָרגעזעצט:

— אמאָל איז פארלאָפנ אזא געשיכטע: דער אשמעדײַ, דער קי־ניג פונ אלע רוכעס, האָט זיכ צעביייזערט אפ שלוימע־האַמעלעכ אונ האָט אימ פאַרטריבנ פונ זײַנ הײמ. דער מיילעכ איז אנ אָפּגעשליסע־נער, אנ אָפּגעריסענער, א הונגעריקער פאַרקראָכנ אינ א פרעמדער מעדינע, ווו קיינער האָט אימ ניט געקענט. גייט דער מיילעכ א טאָג אונ א נאכט, הונגעריק אונ שלעפעריק, ביז ער איז אָנגעקומענ צו א גרויסנ פאַלאַצ. דער מיילעכ שרײַט צו אלעמענ: „אני שלוימע!". אונ מענטשנ קוקנ אימ אָנ, ווי א מעשוגענעמ. „וואָס טוט מענ?" דער מיילעכ האָט זיכ באַרעכנט, ער וועט ארײַנגייג אינ פאַלאַצ, זיכ ארומ־וואַשנ אונ עפּעס נעמענ אינ מויל ארײַנ. נאָר אפ די טרעפּ פונעמ פאַ־לאַצ איז געזעסנ א קעלעוו, א הונט, גרויס ווי א העלפאַנד אונ בייז ווי א לייב, אונ כאָטש גיב אימ אכצנ קרענק, לאָזט ער ניט ארײַנ אינ פאַלאַצ. אָבער דער מיילעכ, וואָס האָט געקענט א סאַכ שפּראַכנ אונ אלע

ליעשווינעס פונ כנײַעס אונ פונ פייגל, האָט אָנגעהויבנ ריידנ צומ הונט אפ זײַנ לאָשנ, ער זאָל זיכ דערבארעמענ איבער אימ. ער גייט אויס פונ הונגער אונ פונ דאָרשט. דער קעלעוו איז ווייכ געוואָרנ, ווי טייג. ער האָט ארויפגעלאָזט דעמ עק אונ דורכגעלאָזנ שלוימע־האמעלעכ אינ פאלאצ.

אפ מאָרגנ גייט אזוי דער מיילעכ איבערנ מארק אונ זוכט עפּעס ווידער צו נעמענ אינ מויל ארײַנ, ווײַל דער גרעסטער מיילעכ פאָר־מאָגט, דארפט איר וויסנ, א קישקע. באפאלט אימ א גאנצע טיטשקע היינט, אונ מע הייבט פונ אימ אָנ רײַסנ שטיקער. דער מיילעכ גוט א קוק, — ערשט ער זעט צווישנ די הינט דעמ באקאנטנ קעלעוו, וואָס איז נעכטנ געלעגנ אפ די טרעפ פונעמ פאלאצ.

— אדויני קעלעוו! — האָט שלוימע זיכ אָנגערופנ צו אימ, — מיילע, די אלע הינט בילנ, ווייסנ זיי דאָכ ניט, ווער איכ בינ, אָבער דו, פאסקודנער קעלעוו, וואָס בילסטו אפ מיר, דו ווייסט דאָכ, אז איכ בינ א לײַטישער מענטש.

רופט זיכ אָנ דער קעלעוו:

— וואָס פארשטייסטו ניט, מיילעכ, אויב איכ וועל ניט אונטער־האווקענ, וועלנ דאָכ מיכ די הינט ארויסטרײַבנ פונ זייער קאָמפאניע.

— שיינע! אויסוואורף! גראָבער יונג! — אינ שול האָט זיכ אופ־געהויבנ א מעהומע, א געשריי, עס האָט אויסגעבראָכנ א הילכיקער גע־לעכטער, מע האָט אָנגעהויבנ קלאפנ אינ די סטענדערס. עטלעכע יונ־גערמאנטשיקעס האָבנ זיכ א לאָז געטאָנ צו שמײַענ, נאָר כאצקל האָט אימ פארשטעלט, געוואָרנ רויט, ווי א צוויק, אונ געשריענ, אז ער וועט ברעכנ קעפ, אויב עמעצער וועט זיכ דערוועגנ אָנרירנ שמײַענ מיט א פינגער.

— שמײַע, דו קוילעסט זיכ אוועק אָנ א מעסער, — האָט אימ כאצקל ארײַנגעשריענ אינ אויער, שלעפנדיק אימ צו דער טיר.

— פאר אזעלכע רייד אינ טורמע ארײַנ!..

— מאָלאָדיעצ, סאָלדאט, שייִנ ארײַנגעזאָגט דעמ מינ־יסטער! — האָבנ זיכ נאָכ אלצ געהערט אויסגעשרייענ.

פונ דער גאס האָט זיכ דערטראָגנ א שיסערײַ. אינ שול איז געוואָרנ א געלויפ אונ א טומל. דער אוילעמ האָט זיכ א לאָז געטאָנ צו די טירנ. עמעצער האָט אויסגעלאָשנ די שײַנ. שמײַע מיט כאצקלענ האָבנ זיכ דורכגעשטויסנ דורכ דער ענגשאפט אונ ארויס אינ גאס.

— נו, כאָטש גוט, וואָס ביסט ארויס גאנצ מיט די ביינער, — האָט

כאַצקל א זאָג געטאָן, — וואָס דאַרפֿסטו זיך מישן אין קאַהאָלשע גע־שעפֿטן.

— כאַפּט עס דער רוּך, אַבי איך האָב דעם לעץ אַרײַנגעזאָגט, — האָט א צופֿרידענער זיך אָנגערופֿן דער בלעכער, ווײַשנדיק מיטן אַרבל דעם שווייס פֿונעם פּאָנעם.

דאָס פּאָרל איז געגאַנגען, טוליענדיק זיך צו די ווענט. ווײַט אין די גאַסן האָט פֿון פֿאַרשיידענע זײַטן זיך געטראָגן א שיסערײַ, גע־שרייען, און מע האָט ניט געקאָנט פֿאַרשטיין, וואָס קומט פֿאָר אין שטאָט.

— עפּשער בײַט זיך שוין די וולאַסט?

— האַלעווײַ! — האָט זיך אָנגערופֿן דער בלעכער, — נאָר איידער וואָס־ווען, לאָמיר זיך אַרײַנכאַפּן אין אונדזער פּאַלאַץ און איבער־שלאָפֿן די נאַכט. וואָס וועט מאָרגן זײַן, וועלן מיר זען.

זיי האָבן זיך געסטאַרעט גיין שטיל, נאָר זייערע פּידקאָוועס האָבן געקלאַפּט איבערן פֿוסטן טראָטואַר. אַרום איז געווען פֿינצטער־כווישעך, און מע האָט ניט געזען קיין לעבעדיקע נשמה. די שיסערײַ איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער און אָנגעזאָגט, אַז דער איבערפּרי וועט ברענ־גען נײַס...

אונטערגעשטעלט א פּלײצע

שמײַע נאָזלען האָט זיך אױפֿגעכאַפּט נאָך האַלבער נאַכט און דער־הערט טעמפּע אָפּהילכן פֿון א ווײַטער קאַנאָנאַדע. ער האָט זיך אויפֿגע־הויבן פֿונעם געלעגער, צוגעגאַנגען צום פֿענצטער און זיך אײַנגעהערט אינעם טומל און געלויף איבער דער ברייטער גאַס.

— די מילכאָמע גייט אונדז נאָך, ווי א שאָטן, — האָט שמײַע א זאָג געטאָן פֿאַר זיך, — כאַצקל, שטיי אויף, א טרעוואָגע!

דער באַלעגאָלע האָט אויפֿגעריסן די אויגן, א פּאָר רעגעס, ווי א מעוווּלוועלער, געקוקט אויף שמײַען, געשטאַמלט און ניט פֿאַרשטאַנען, וואָס יענער וויל פֿון אים, דערנאָך זיך געגעבן א קער אויס אויף דער צווייטער זײַט.

— פּאָרעץ מײַנער, שטיי אויף, זע נאָר, וואָס אין דרויסן טוט זיך.

— א פּאָהיבעל, וואָס פֿאַר א שײַכעס האָט עס צו דיר, שלאָף!

— ס׳הייסט, וואָס פֿאַר א שײַכעס? באַלד וועט א זעץ טאָן אַהער א סנאַריאַד, וועסטו וויסן.

— א, ברענט דאָס אַלצ אפנ פײַער. טאָמער מאַכט מענ צו מיט אַנ אויג...

אָבער אינ א ווײַלע ארומ, ווענ ס'איז צו זײַנ אויער דערגאַנגענ די שיסערײַ, האָט ער ארופגעשלעפט די שטיול אונ איז צוגעגאַנגענ צומ פענצטער:

— זע נאָר, טאַקע... אונ איכ האָב געמיינט, אַז דו ווילסט מיר דערציילנ עפעס א נײַע געשיכטע.

— יאָלד איינער, זעסט ניט, וואָס עס טוט זיכ אינ גאַס? דאַרפסט א שענערע געשיכטע?!

— זעט אויס, אַז סע הייבט זיכ אָנ יענע כאַסענע. — האָט כאַצקל א זאָג געטאָנ, קוקנדיק אינ פענצטער, — כײַ וואָלטנ מיר שוינ בעסער געזעסנ אינ דער היימ.

— דריי ניט קיינ ספאָדעק, — האָט אימ איבערגעשלאָגנ שמײַע, — אונדזער וולאַסט גייט, די בורזשואַזיע אַנטלויפט.

די שיסערײַ האָט זיכ מיט יעדער מינוט פאַרשטאַרקט. גיט ווײַט האָט א זעץ געטאָנ א סנאַריאַד אונ דורכגעלעכערט די וואַנט פונ א פילשטאָקיקנ מויער. איבער די דעכער, וועלכע עס האָט שוינ אָנגערירט די פרימאָרגנ־שײַנ, האָט זיכ געוויקלט א שוואַרצער געדיכטער רויכ. שמײַע אונ כאַצקל זײַנענ אראָפגעלאָפנ פונעמ אייבערשטנ שטאָק אונ זיכ צוגעטוליעט צו דער וואַנט. איבערנ טראָטואַר זײַנענ געפלויגנ אפ צעפּאַטלטע פערד רײַטער, אונ זייערע טשיפיקעס האָבנ זיכ געוואָרפנ, ווי אינ א מיסע־מעשונע. פונ די זײַטיקע געסלעכ האָבנ זיכ אראָפגעלאָזט קליינע מאַכנעס ארבעטער מיט ביקסנ אונ רויטע סטענגעס אפ די היטלענ. זיי האָבנ נאָכגעשאָסנ די רײַטער אונ פאַרנומענ די גאַסנ. אפנ שפיצ פונעמ העכסטנ מויער האָט עמעצער אופגעהאַנגענ א רויטע פאָנ. דער האַסטיקער פאַרטאָגיקער ווינט האָט זי גלײַכ אונטערגעכאַפט, אונ זי האָט גענומענ פלאַטערנ, כוואַליענ זיכ איבער דער שטאָט.

אפנ ראָג האָבנ זיכ באַוויזנ עטלעכע יונגעלײַט אונ עלטערע ארבעטער מיט רויטע באַנטנ אפ די היטלענ. איינער האָט געשלעפט א קוילנוואַרפער. אײַנגעמאָסטעט איומ צווישנ א קופּע שטיינער, האָט מענ גענומענ שיסנ. דער קוילנוואַרפער, א לאַנגער געלער באָכער מיט א צעשויבערטער טשופּרינע, אינ א קורצער, אָפגעריבענער טוזשורקע, האָט זיכ אויסגעצויגנ אפ דער ערד, צוגעזאָמט געוואָרנ צומ קוילנוואַרפער. שמײַע, וואָס איז געשטאַנענ הארט צוגעשפאַרט צו דער וואַנט אונ יעדער ווײַלע זיכ אָנגעבויגנ פאַר א נאָענט־פײַפנדיקער קויל, האָט מיטאַמאָל באַמערקט, ווי דער קוילנוואַרפער איז געבליבנ שטיל. די פאָר

יונגע באָכערימ האָבנ זיכ גענומענ פּאָרענ ארומ דעמ קוילנוואַרפער, ניט ווייסנדיק מיסטאָמע, וואָס מע טוט מיט אימ. שמיִע האָט האַסטיק זיכ געגעבנ א ריס אָפּ פונ דער וואַנט, איבערגעלאָפנ די גאַס און צו־געפאַלנ צו די יונגע בעוורע:

— היי, יאַטנ, מיט אַזאַ ארבעט וועט איר גיכ פאַרפאָרנ אָפּ יענער וועלט!.. אנו, לאָזט מיכ עפּשער א קוק טאָנ, א ביוושע צווייטער גומער פונ א מאַקסימקע!.. — די בעוורע האָבנ אָפּגעמאָסטנ מיטנ בליק דעמ אומבאַקאַנטנ מענטשנ אינ די כאַלדאַטישע בגאָדימ, זיכ פאַנאַנדער־גערוקט, און אינ איינ אויגנבליק איז שוינ דער שלאָס פונעמ קוילנ־וואַרפער געלעגנ אינ שמיִעס דלאָניע. די ארבעטער האָבנ געקוקט, ווי אָט דער מענטש צענעמט גענייט און שטעלט צונויפ דעמ שלאָס, מאַכט צורעכט די קוילנ־סטענגע, טוט שנעל א רוק איבער דעמ קוילנוואַרפער, דריקט אָנ אָפּ דער גאַשעטקע, און א לאַנגע קוילנ־אָטשערעד האָט פריילעכ א שמיץ געטאָנ איבער דער אָנגעכמורעטער גאַס. ערשט דאָ האָט באַצקל באַמערקט, אַז די כאָפּנדע פעטליוראָווצעס אָפּ צעפּרודזשע־טע פערד, וואָס האָט זיכ געהאַט דורכגעריסנ פונעמ צווייטנ ראָג, האָט מיטאָמאָל געגעבנ א קער אויס צוריק, עטלעכע רייטער זיינענ געפאַלנ טויט אָפּנ ברוק, און די איבעריקע זיינענ פאַרשוווּנדנ אינ א זייטיק געסל.

— וואָס טוסטו, שמיִע? — איז צו אימ צוגעלאָפנ באַצקל און א דערשראָקענער ארייַנגעקוקט אימ אינ פּאָנעמ.

— וואָס קוקסטו? נעמ א ביקס! מע דאַרפ, ברודער־לעבנ, אונטער־שטעלנ א פּלייצע! — האָט שמיִע, א דערפרייטער פונ זיינ אופטו, אויסגערופנ, — זעסט דאָכ, קיינער שטייט דאָ נישט לוידיק!

פונ א נאָענטנ הויפ איז אָנגעלאָפנ א באַיאָרטער מענטש אינ א לעדערנער קורטקע מיט א רויטער סטענגע אָפּנ ארבל. דאָס פּאָנעמ זיינס איז געווענ אָפּגעצויגנ און שטרענג, ער איז געווענ פאַרשוויצט, געהאַלטנ אינ די הענט א ביקס, און אינ רימענ האָט געשטעקט א נאַ־גאַנ. מיט זיינע ליכטיקע, דורכדרינגלעכע אויגנ האָט ער באַטראַכט די בעוורע:

— פאַרוואָס האָט ניט געשאָסנ דער קוילנוואַרפער? — האָט ער זיכ א בייזער געטאָנ, אייַנקוקנדיק זיכ אָפּ דער פּוסטער גאַס און אָפּ די האַרוגימ, וואָס האָבנ זיכ געוואַלגערט דאָ און דאָרט. נאָר מיטאָמאָל, ווי ער וואָלט אַלצ פאַרשטאַנענ, האָט ער אָפּגעשטעלט דעמ בליק אָפּ שמיִענ, וואָס איז געלעגנ באַמ קוילנוואַרפער.

— אַנ אימפּעראַטאָרסקער סאָלדאַט? — האָט ער זיכ אָנגערופֿנ, אונ אינ זײַנע העלע וואָנצעס האָט אַ שפּיל געטאָנ אַ שמייכל.

— טאַק טאָטשנאָ! — האָט שמײַע אויסגעפּראַלט, זיכ אַ הייב געטאָנ פֿונעמ אָרט אונ זיכ אויסגעצויגנ, ווי ער האָט עס געטאָנ אַפֿ דער מיל-כאָמע, ווענ נאַטשאַלסטווע פֿלעגט זיכ צו אימ ווענדנ, — יעפֿרייטער דוועסטי סאָראָק פּיאַטאָגאָ סטרעלקאָוואָגאָ פּאָלקאַ... — ער האָט אָנ-גערופֿנ זײַנ פֿאַמיליע, אָנגעוויזנ אַפֿ כאַצקלענ זײַנ גוטנ-ברודער, אונ נאָכ דעמ, ווי דער נאַטשאַלניק האָט זיי ביידנ באַטראַכט, אויסגעהערט, ווער זיי זײַנענ, אונ איבערגעלייענט זייערע צעקנייטשטע פּאַפּירנ, האָט ער זיכ אָנגערופֿנ:

— נו, איז פֿאַרבלײַבט דערווײַל דאָ, מיט אונדזערע פּאָלעמיאָטשי-קעס, אונ העלפֿט אונטער. אַ סאַכ ריידנ איז איצט קיינ צײַט ניטאָ. — אונ, דורכגעוואָרפֿנ זיכ מיט אַ פּאָר ווערטער מיטנ לאַנגנ געלנ באָכער, האָט ער זיכ געלאָזט ווײַטער לויפֿנ צומ צווייטנ ראָג, טוליענדיק זיכ צו די ווענט.

— ווער איז אָט דער מענטש? — האָט שמײַע מיט אָפּשײַ אַ פֿרעג געטאָנ באַמ געלנ באָכער, וואָס איז געשטאַנענ ניט ווײַט פֿונ אימ.

— דער כאָווער ריבאַלקאָ, איגנאַט וואַסיליעוויטש. אַ באָלשעוויק, דער קאָמאַנדיר פֿונ אונדזער אָטריאַד.

— וואָס פֿאַר אַ טשינ איז ער איצטער, אַ פּאָלקאָווניק, אַ קאַפּיטאַנ?

— אַ פּראָסטער שלאָסער, אַנ אַרסענאַלעצ. — האָט דער באָכער מיט גאַדלעס געענטפֿערט, האָט פֿאַרדרייט אַ ציגאַר מאַכאָרקע אונ אַ פֿרעג געטאָנ בײַ שמײַענ:

— אונ דו, סאָלדאַט, פֿאַר וועמענ שטייסטו? פֿאַר וועמענ שלאָגסטו זיכ?

— וואָס הייסט פֿאַר וועמענ? אונ איר פֿאַר וועמענ?

— מיר שלאָגנ זיכ פֿאַר דער סאָוועטסקע וולאַסט.

— אונ מיר אויכ, — האָט שמײַע געענטפֿערט, אָנווײַזנדיק דערבײַ אַפֿ כאַצקלענ, וואָס האָט שוינ באַוויזנ דערטאַפּנ בײַ עמעצנ אַ שטיקל ציגײַער.

— פֿאַרוואָס זשע טראָגט איר ניט קיינ רויטע לענטעס?

— ווו זאָלנ מיר נעמענ? — האָט זיכ אָנגערופֿנ שמײַע אונ מיט קינע אַ קוק געטאָנ אַפֿנ היפּשנ רויטנ באַנט, וואָס איז געהאַנגענ אַפֿ יענעמס גרויסנ הוט.

דער באָכער האָט אַראָפּגענומענ דעמ הוט, אונ, אָפּגעריסנ אַ שטיק

סטענגע, דערלאנגט שמיִענ. אָנקווועלנדיק פונ דער מאמענע, האָט שמיִע זי צעטיילט אפ דער העלפט, פאר זיכ אונ פאר באציקלענ.

— אָט איצט זעט איר אוים, ווי מענטשנ, — האָט זיכ אָנגערופנ דער געלער באָכער אונ געהאָלפנ באציקלענ צופעסטיקנ דאָס רויטע בענדל צומ יאָלעמ.

א גאנצנ טאָג איז געגאנגענ אנ אקשאָנעסדיקע שלאכט, אונ שמיִע מיט באציקלענ זיִנענ ניט אָפּגעטראָטנ פונ זייערע ביִע באוויי-רימ, אריבערשלעפּנדיק דעמ צעגליטנ קוילנוואַרפער פונ איינ ראָג אפנ אנדערנ, פונ איינ פּאָזיציע אפ דער צווייטער. פונ פארשיידענע טיילנ שטאָט, פונ פּאָדאָל אונ פּעטשערסק, פונ שוליאַווקע אונ קורעניאָווקע, זיִנענ אונטערגעקומענ אלץ ניִע אונ ניִע ארבעטער־אָטריאדנ.

איבערנאכט האָט ניט אויפגעהערט דאָס געשיסע. די הארמאטנ פונ די רויטארמייִשע טיילנ, וואָס האָבנ זיכ געריסנ צו דער שטאָט פונ מיזרעכ־זיִט, האָבנ געקלאפּט איבער די לעצטע נעסטנ, וווּ עס האָבנ זיכ פארשטעקט די פּעטליורישדיִטשישע באנדעס.

אונ איינעמ טאָג, ווענ די רויטע ארמיי איז ארײַנ אינ שטאָט, איז געוואָרנ יאָמטעוו.

. . . .

נאָכ דער הארציקער באגעגעניש מיט דער רויטער ארמיי האָט די שטאָט איצט אויסגעזענ מאָדנע שטיל. אינ די פארנאכטנ זיִנענ פוסט געווענ די גאסנ, אונ אינעמ ערעוו־פריליגדיקנ פרעסטלדיקנ דרויסנ האָט מענ נאָר געקאָנט הערנ דעמ שווערנ טראָט פונ ארבעטער־פּיקעטנ אונ רויטארמייִשע פּאטרולנ, באוואָפנטע מיט ביקסנ אונ קוילנוואר-פער, רעוואָלווערנ אונ באָמבעס. די שטאָט שלאָפט, אונ די פּאטרולנ זיִנענ וואכ. מיט שארפע אויגנ אונ אָנגעשפּיצטע אויערנ כאפּט מענ אופ יעדע באוועגונג, יעדנ שאָרכ, וואָס די נאכט דערטראָגט אהער. אינ שטאָט האָבנ זיכ נאָכ פארטיִעט געגונג סאָנימ. אָפט דערהערט מענ א שיסערײַ פונ לעכער, פונ בוידעמס. דער ווינט רײַסט שטיקער פונ די רויטע פאָנענ אונ טראנספּאראנטנ, וואָס זיִנענ צעהאנגענ איבער די גאסנ.

אפנ ראָג פונדוקלייעווער גאס, ניט ווײַט פונעמ אָפּערע־טעאטער, זיִנענ, קאָרטשענדיק זיכ פונ דער קעלט, ארומגעגאנגענ **שמיִע** אונ באציקל מיט נאָכ עטלעכע יונגען. די נאכט האָט זיכ עפּעס געצויגנ מע-שונעדיק. דער שײַטער, וואָס שמיִע האָט צעלייגט, האָט זיכ שוינ לאנג אויסגעלאָשנ, דאָס פרעסטל האָט זיכ געשטארקט, אונ צו פאר-טאָג־צו האָט אומבאמערקט אָנגעהויבנ שיטנ א שניי פאר א גאָווענע.

ביסלעכווײַז זײַנענ די גאסנ פארפולט געוואָרנ מיט מענטשנ, וואָס האָבנ זיכ געצויגנ צומ קרעשטשאטיק. אָט זײַנענ שוינ געשטאנענ גאנצע רעדלעכ אונ געקוקט אפ דער רויטער פאָנ, וואָס פלאטערט איבערנ דאכ פונ דער געוועזענער דומע. די ווענט זײַנענ באקלעפט מיט מוידאָעס אונ צײַטונגענ מיט פרישע נײַעס. פונ א זײַטיק געסל איז מיט א מיליטערישנ טראָט ארויסגעגאנגענ א רויטארמייִשער אָרקעסטער. ער האָט זיכ אָפּגעשטעלט אינמיטנ פלאצ, מיטאמאָל גענומענ שפּילנ א בראוונ מארש, אונ דער גאנצער אוילעמ האָט זיכ א לאָז געטאָנ אהער.

דורכשטויסנדיק זיכ דורכ דער געדיכטעניש פונעמ האמוינ, האָבנ שמײַע אונ כאצקל זיכ אָפּגעשטעלט הארט לעבנ אָרקעסטער. שמײַע האָט אראָפּגענומענ פונעמ אקסל די ביקס, אונ אָנגעשפּארנדיק זיכ אפ איר, באטראכט דעמ יאָמטעוודיקנ אוילעמ. ווענ שמײַע האָט דערזענ, ווי כאצקל שטייט מנוסע באלעבאָס מיט דער ביקס צווישנ די ברייטצעשטעלטע פיס, דעמ יאָלעמ פארוקט אפ א זײַט, האָט זיכ אפ זײַנ מידנ פּאָנעמ צעשײַנט א צופרידענער שמייכל.

— א לעבעדיקע וועלט געוואָרנ, וואָס זאָגסטו? — האָט זיכ אָנגערופנ כאצקל, דערפילנדיק אפ זיכ שמײַעס בליק.

— הײַנט זעסטו שוינ, ברודער־לעבנ, וואָס סע הייסט באָלשעוויקעס? — האָט אָפּגעענטפערט שמײַע. דערזענ, ווי ס'האָט זיכ צווישנ די וואָלקנס באוויזנ די זונ אונ מיטאמאָל באשײַנט דעמ גאנצנ פלאצ, האָט ער צוגעגעבנ: — אפילע די זונ איז ארויס זיי אָפּגעבנ מאזלטאָוו!

— וואָס זשע מײַנסטו, זי איז טאקע גערעכט, — האָט זיכ צעלאכט דער באלעגאָלע, — טו נאָר א קוק, וואָס עס טוט זיכ! אזא יאָמטעוו האָב איכ נאָכ קיינמאָל ניט געזענ.

מיטאמאָל האָט שמײַע דערפילט, ווי עמעצער האָט אימ אָנגערירט באמ אקסל. ער האָט זיכ אומגעקערט אונ דערזענ זײַנ נאטשאלניק, ריבאלקאָנ, מיט עטלעכע באוואָפנטע ארבעטער.

— וואָס הערט זיכ, קאָזאקנ? — האָט ריבאלקאָ געשמייכלט, גריסנדיק זיכ מיט זיי.

— גוט, כאווער נאטשאלניק, וואָס בעסער דארפ מענ ניט... — האָט זיכ אָנגערופנ שמײַע.

— איר זײַט נאָכ ניט געשלאָפנ אוואדע? פארוואָס גייט איר ניט אהיימ זיכ אויסרוענ?

— זאָג אימ, שמײַע, — האָט כאצקל א טאָרע געטאָנ שמײַענ מיטנ עלנבויגנ.

— וואָס עפּעס איכ? זאָג דו, דו האָסט אויכ א צונג, — האָט געענטפערט דער בלעכער.

— שלאָפנ, כאַווער נאַטשאַלניק, איז א גוטע זאַכ, — האָט נאָכ א קורצער רעגע שווײַגנ א זאָג געטאָנ כאַצקל, — נאָר וועג איז דאָס גערעדט געוואָרנ, אז ס׳איז דאָ ווו צוצושפּאָרנ דעם קאָפּ.

— וואָס הייסט, ס׳איז ניטאָ ווו? — האָט זיכ דער נאַטשאַלניק פאַרווונדערט אונ א ווײַז געטאָנ אפ דער שטאָט, — וואָס זײַט איר עפּעס, ווי באַ דער שוויגער צוגאַסט? איר האָט זיכ געשלאָגנ בראַוו, אינ שלאַכט האָט איר זיכ ניט געשעמט, אונ דאָ קאָנט איר זיכ ניט צוקלײַבנ קיינ רעכטע דירע... קומט נאָר מיט מיר.

זיי האָבנ זיכ ארויסגעריסנ פונעם געדיכטנ אוילעמ אונ פאַרקערעוועט אפ דער ניקאָלײַעווער גאַס. לעבנ א פראַכטפולנ זעקסשטאָקיקנ הויז האָט ריבאַלקאָ זיכ אָפּגעשטעלט, א שמייכל געטאָנ צו שמײַענ:

— נו, דאָס הײַזעלע געפעלט אײַכ, קאָזאַקנ?

— פאַרוואָס ניט? — האָט זיכ אָנגערופנ דער באַלעגאָלע, — אבי סע זאָל נאָר זײַנ ווו איבערצושלאָפנ א נאַכט. מער דאַרפ איכ גאָרנישט.

— קומט מיט מיר.

זיי האָבנ זיכ אופגעהויבנ מיט די ברייטע מירמלנע טרעפּ אפנ דריטנ שטאָק. ריבאַלקאָ האָט אָנגעקלאַפּט אינ טיר, נאָר קיינער האָט זיכ נישט אָפּגערופנ. אז ער האָט אָנגעהויבנ קלאַפּנ שטאַרקער, האָבנ זיכ דערהערט טריט, אונ אפנ שוועל האָט זיכ באַווויזנ אנ איבערגעשראָקענע פויערטע אינ א סוויטקע מיט א פעקעלע אונטערנ אָרעמ, ווי זי וואָלט זיכ געקליבנ ערגעצ גייִנ.

— ווער זײַנענ דאָ די באַלעבאַטימ? — האָט ריבאַלקאָ א פרעג געטאָנ.

— א ביס יעהאָ זנאַיע, — האָט די אַלטע זיכ צעוויינט. — איכ בינ געקומענ צונעמענ מײַנ טעכטערל, פאַלאַשקענ. געדינט אָט דאָ באַ די פּריצימ. זײַנענ זיי ערגעצ אנטלאָפנ. ווו זאָל איכ זי איצטער זוכנ?

— איכ מיינ, אז איר וועט גאָרנישט ניט האָבנ קעגנ, — האָט זיכ אָנגערופנ ריבאַלקאָ, — אויב מײַנע כעווריע וועלנ זיכ באַזעצנ באַ אײַכ אינ דירע?

— בוד לאַסקאַ, — האָט די אַלטע זיכ צעשמייכלט דורכ די טרערנ, — פונ־מײַנעטוועגנ כאַטש די גאַנצע שטוב. ס׳איז דענ מײַנס?

— אוואַדע דײַנס, — האָט ריבאַלקאָ אָפּגעענטפערט, — דײַנס, אונ מײַנס, אונ אַלעמענס!

— אָדינימ סלאָוואָמ, באַבוסיאַ, לייג אוועק די טאָרבע אונ נעמ אופ

די געסט! נו, וואָס שטייט איר? — האָט ריבאלקאָ זיכ אָנגערופנ צו די נײַע באלעבאטימ, — דאָ קאָנט איר זיכ פילנ, ווי בא זיכ אינ דער היימ. איכ וועל נאָכ צו אײַכ קומענ אפ נאָוואָסעליע...

ער האָט זיכ מיט זיי אָפּגעזעגנט, אונ שמײַע מיט כאצקלענ זײַנענ געבליבנ שטייענ אינמיטנ דעמ גערוימענ זאל, וואָס איז געווענ באהאנגענ מיט טײַערע בילדער אונ טעפּיכער. זיי האָבנ באטראכט די ווייכע דיוואנענ אונ שטולנ, די זײַדענע פאָרהאנגענ, אונ ס'האָט זיכ זיי געדאכט, אז זיי זעענ דאָס אלץ אינ כאלעמ.

שמײַע האָט אראָפּגעשלעפּט פונ די אקסלענ דאָס סאָלדאטישע זעקל, אויסגעטאָנ דעמ שינעל, אפ די שפּיצ פינגער זיכ דורכגעגאנגענ איבער די צימערנ אונ זיכ אָפּגעשטעלט באמ צעעפנטנ ראָיאל. א פּאָר געטאָנ מיט די פינגער איבער די ווײַסע אונ שווארצע קלאווישנ, האָט ער אויסגעשאָסנ א געלעכטער:

— ווּהינ האָט עס ריבאלקאָ אונדז פארפירט? עפּעס ווי אינ א גאנייִדנ:

— אײַ, ברענענ זאָל טאקע די בורזשואזיע! — האָט זיכ אָנגערופנ כאצקל, — האָט מענ דאָ מיסטאמע געהוליעט אונ געזשליאָקעט, האָלעווײַ פארמאָג איכ עס. הערסטו, שמײַע-לעבנ, זײַנענ דאָכ גערעכט אונדזערע כאכאָמימ, וואָס זאָגנ, אז די ערד דרייט זיכ.

— בא ווענמענ די ערד, אונ בא וועמענ דאָס היטל, — האָט שמײַע א זאָג געטאָנ, לאָזנדיק זיכ איבער די צימערנ זוכנ עפּעס עסנ.

איבערנ גערוימענ הויז האָט זיכ איצט געטראָגנ דער טעמפּער גערוכ פונ זייערע שוועריקע שטיוול. זיי זײַנענ געגאנגענ פונ צימער צו צימער, פארבאנדערט געקוקט די גלעזערנע שאפעס, איבערגעקערט די גאנצע קיכ אונ גארנישט ניט געפונענ.

— ס'איז ניט גוט, כאצקל, — האָט שמײַע א זאָג געטאָנ מיט א זיפצ, — מע מוז פארנ שלאָפּ עפּעס נעמענ אינ מויל ארײַנ. מײַנ טאטע, דיר צו לענגערע יאָר, פלעגט אמאָל זאָגנ, אז אויב מע ליגט זיכ שלאָפנ א הונגעריקער, גייט די גאנצע נאכט די נעשאָמע צווישנ די טעפּ.

— איכ בעט דיכ, — האָט כאצקל געפירט מיט די הענט, — ווו איז אהינגעקומענ אונדזער באלעבאָסטע? עפּעס האָט זי, דאכט זיכ, גער האלטנ א טאָרבעלע, — אונ ער האָט זיכ אוועקגעלאָזט איבער דער שטוב זי זוכנ.

ער האָט זי געפונענ אינ א זײַטיק טונקל צימערל לעבנ דער קיכ.

זי איז געלעגנ אפ א גרויסנ געקאָוועטנ קאסטנ — א סקריניע, ווו ס'האָט זיכ מיסטאמע געפונענ איר טאָכטערס ביסל האָב־אונ־גוטס. וווּזט זיכ ארויס, אז די אלטע האָט נאָכ פונ פריִער באלעבאטיש צו־גוייפגעשארט דאָס גאנצע עסנווארג, וואָס זי האָט אויסגעזוכט אינ שטוב, אונ באהאלטנ אינ דער סקריניע. איצט האָט זי עס ארויסגענומענ פאר די געסט אונ אוועקגעשטעלט אפנ טיש א סלוי אייַנגעמאכטס, א פארטריקנטע בולקע מיט א רעדל קאָלבאס, עטלעכע געזאלצענע פיש־לעכ אונ דערצו נאָכ א היפשע פלאש וויִשניק.

פארטיק געוואָרנ מיט דער שייִנער וועטשערע אונ באדאנקט די באַ־לעבאָסטע, האָבנ זיי דאָס ערשטע מאָל פאר כ'וויים וויפל צייַט זיכ אויסגעטאָנ, ארפגעשלעפט פונ די אָנגעבראקנטע פיס די שטיוול, ארייַנגעקראָכנ אינ די ווייכע בעטנ אונ אינ א ווייַלע ארום אייַנגעשלאָפנ ווי די געהארגעטע.

שפעט אינ דער נאכט האָט זיי אופגעוועקט פונעם שלאָפ א שטאר־קער קלאפ אינ טיר. עס איז געקומענ א מעגטש פונ ריבאלקאָנ אונ איבערגעגעבנ, זיי זאָלנ זיכ גלייַכ אָנטאָנ אונ גייִנ פאטרולירנ די גאס.

שמייַע האָט זיכ געשמאק אויסגעגעצט, אפגיכ זיכ אָנגעטאָנ אונ גענומענ צוויַלנ כאצקלענ אינ וועג אריינ. נאָר יענער איז געלעגנ מיטנ פלייצע ארופ, אייַנגעגיורעט דעמ קאָפ אינ די ווייכע קישנס אונ אפילע ניט געטראכט זיכ אופהייבנ.

— כאצקל, שטיי גיכער אופ, מע וואַרט דאָכ. מע דארפ גייִנ אפנ פאָסטנ!

— א פאָהיבעל! — האָט דער באלעגאָלע געכריפעט אינ קישנ, ניט אופהייבנדיק דעמ קאָפ, — גיי, אז דו דארפסט. ווענ דו שיסט מיכ, קריכ איכ ניט ארויס פונדאנענ.

שמייַע איז א רעגע געשטאנענ איבער אימ, אונ דער קאס האָט אינ אימ געזאָטנ. גענומענ זייַנ ביקס אפ די אקסל, האָט ער געמאכט עטלעכע טריט איבערנ צימער, נאָכאמאָל א קוק געטאָנ אפ כאצקלענ אונ, שטיקנדיק אינ זיכ דעמ פארדראָס, שטיל א זאָג געטאָנ צומ אומ־באקאנטנ באָכער:

— קוממ, איכ וועל אליינ גייִנ. מייַנ שאָכנ פילט זיכ עפעס ניט מיט אלעמענ.

יער האָט אופגעעפנט די טיר, אונ אינ א ווייַלע ארומ האָט זיי אייַנ־געשלונגענ דער געדיכטער באנאכטיקער נעפל.

צווישנ פײַער אונ וואסער

גאנצפרי, ווענ עס צעפײַפנ זיכ די ערשטע סירענעס, לאָזנ זיי זיכ ביידע, שמײַע אונ כאצקל, אוועק צו דער ארבעט. זיי גייענ איבער די פוסטלעכע, אויפגעראמטע אונ ציכטיקע טראָטוארנ אונטער די ברייט-צעוואקסענע שיינע קאשטאנעס. דער זומער-פרימאָרגנ איז מעכײַעדיק צארט. פונעמ דניעפער וויִעט א טײַער ווינטעלע אונ פרישט אָפ דאָס לײַב, די אויפגייענדיקע זונ באגילדעט די הויכע פענצטער אונ פעמפעקעוואטע קלויסטער-קופאָלנ, אונ עס עטעמט זיכ אזוי פרײַ!

שוינ א שטיק צײַט, אז זיי האָבנ זיכ געשטעלט ארבעטנ אינ ארסענאל צוזאמענ מיט די כאווירימ פונעמ אָטריאד. שמײַע האָט צונויפגעשלעפט פונ אלע ווינקעלעכ פונעמ גרויסנ זאוואָד-הויפ ווו א האמער, ווו א שער, א בויגנ בלעכ אונ האָט זיכ גענומענ פארלאטענ די צעמאזיקטע רעדער. ארבעט איז געווענ א וועלט, האָט ער זיכ גענומענ פאר א געהילפ טאקע זײַנ גוטנ-ברודער כאצקלענ. כאָטש דער באלעגאָלע האָט זיכ געבריקעוועט אונ אלצ ארויסגעקוקט, ווו דערטאפט מענ ערגעצ א פאָר סוסימ מיט א פאעטאָנ.

נאָכ דער ארבעט לאָזט זיכ שמײַע איבער די קינדער-הײַזער זוכנ זײַנע צוויי קינדער, וואָס זײַנענ, זינט מע האָט זיי פונ שטעטל אוועקגעפירט, ווי אינ וואסער ארײַנ, נאָר וווהינ ער קומט ניט, הערט מענ אימ שוינ אויס, מע הייבט אָנ נישטערנ אינ די ביכער, קלינגענ אינ די טעלעפאָנענ, אונ אלצ אומזיסט. ער איז שוינ אויסגעווענ, ווו די שטאָט האָט אנ עק. אָט גייט ער מיט די שיינע סעדער אונ בולווארנ אונ קוקט זיכ אײַנ, ווי קינדער שפילנ זיכ אינ זאמד. אונ וואָס מער ער טראכט פונ זיי, פונ זײַנע אייגענע קינדער, אלצ שטארקער וויינט אינ אימ דאָס הארצ. ער קאָנ ניט שטילנ זײַנ גרויסע בענקשאפט נאָכ זיי. אָנ אימ זײַנענ זיי דאָכ אויסגעוואקסנ. בײַטאָג, בײַ דער ארבעט, מאכט ער זיכ הארצ, שיט מיט ווערטלעכ, וויצנ, מאכט פריילעכ זיכ אונ יענעמ, נאָר ווענ עס קומט אָנ די נאכט אונ ער בלײַבט מיט זיכ אליינ, דערמאָנט ער זיכ איינעמ טויט פונ זײַנ פייגענ, אינ די קינדער, וואָס זײַנענ אימ פארלאָרנ געגאנגענ, אונ רירט זיכ שיער ניט פונ די געדאנקענ.

אונ דאָכ האָט ער ניט פארלוירנ די האָפענונג — אלע טאָג קומענ אינ שטאָט אָנ צוגנ אונ שיפנ מיט היימלאָזע קינדער, אלע טאָג גייט ער ארומ אונ זוכט.

אויפ דער וועלט איז נאָכ אלצ געווענ אומרויִק. עס האָבנ זיכ נאָכ ניט געענדיקט די שלאכטנ. צו דער שטאָט האָט זיכ דערנעענטערט א

בײַע געפּאַר: דעניקינ מיט זײַנע כאַיאָלעס. אינ די שטילע פרימאָרגנס האָט מענ שוינ ווידער געקאָנט הערנ, ווי עס דערטראָגט זיכ אהער דער טעמפּער געברומ פונ קאַנאָנענ.

לאַנגע עשעלאָנענ מיט פרויענ אונ קינדער, אווטאָמאָביל-צוגנ, גע־לאָדענע מיט כבוירעס אונ מאַשינעס, זײַנענ אָפּגעגאַנגענ פונ דער שטאָט. קאָלאָנעס רויטאַרמייער האָבנ זיכ געצויגנ צומ פראָנט.

ווענ שמײַע איז הײַנט געקומענ צו דער אַרבעט אַפ דער צווייטער וואַכטע, האָט ער געטראָפנ א גרויסנ גערודער אַפנ זאַוואָד־הויפ. פונ די צעכנ האָט מענ אַרויסגעטראָגנ די לעצטע מאַשינעס, אָנגעלאָדנ זיי אַפ אָפענע פּלאַטפאָרמעס, געפּאַקעוועט דאָס פאַרבליבענע געווער, אַפגינ אײַנגעשטעלט אינעמ צונויפגעשטוקעוועטנ פּאַנצער־צוג די האַרמאַטנ אונ קוילנוואַרפער. איבערנ הויפ האָט דער ווינט געטראָגנ דאָס אַש פונ פאַרברענטע פּאַפּירנ. אַלצ איז געטאָנ געוואָרנ אינ גרויס אײַלעניש, אונ די אַרבעטער האָבנ זיכ אַרומגעטראָגנ פאַרדײַגעטע, אָנגעכמורעטע, גע־זעגנענדיק זיכ מיטנ זאַוואָד.

שמײַע איז אַרומגעגאַנגענ איבערנ גרויסנ הויפ מיט א שווער גע־מיט אונ ניט געוווסט, צו וואָס מע נעמט זיכ. ער איז צוגעגאַנגענ צומ עשעלאָנ, געקומענ העלפנ שלעפנ די מאַשינעס אונ קאַסטנס.

די זונ האָט זיכ שוינ געזעצט, ווענ דער לעצטער צוג איז אַרויס־געפאָרנ פונעמ הויפ. ניט וויסנדיק, ווו אהינצוטאָנ זיכ, איז שמײַע אַרײַנ אינ קאָנטאָר. בא דער הרובע איז געשטאַנענ אַנ עלטערער אַר־בעטער אונ געוואָרפנ אינ פײַער פּעק מיט פּאַפּירנ. דערזעענ שמײַענ, האָט ער אימ געגומענ פאַנאַנדערפרעגנ, ווער ער איז, אונ געהייסנ באַלד לויפנ צומ וואָקזאַל, עפּשער וועט ער נאָכ פּאַקנ א צוג.

שמײַע האָט אָפּגעזוכט כאַצקלענ, זיי האָבנ זיכ אַרײַנגעכאַפּט אינ שטוב, גענומענ די זעקלעכ אַפ די פּלייצעס, זיכ אָפּגעזעגנט מיט זייער אַלטער באַלעבאָסטע אונ אַוועקגעלאָזט זיכ מיט די פּוסטע געוואָרענע גאַסנ צומ וואָקזאַל.

— וווהינ וועלנ מיר זיכ ווײַטער שלעפּנ? — האָט זיכ אויסגעזידלט דער באַלעגאָלע.

— מיר'נ קומענ אַפנ וואָקזאַל, וועט מענ אונדז זאָגנ.

אָבער אַפנ וואָקזאַל האָבנ זיי שוינ קיינ צוג ניט געטראָפנ, אונ ס'איז געבליבנ נאָר איינ אויסוועג — מע זאָל זיכ לאָזנ צומ דניעפּער, צומ פּאָרט, עפּשער וועט מענ נאָכ דאָרט טרעפנ א שיפ.

אַפנ ברעג האָט געווימלט מיט מענטשנ. די הילצערנע טײַכ־שטוב איז געווענ באַלאַגערט מיט ווײַבער, קינדער, פאַרוווּנדעטע רויטאַרמייער,

פויערימ מיט זעק אונ פעק. ס'איז געשטאַנענ א טומל, א געוויינ, א געשריי ביזנ הימל. די אײַנציקע שיפ, וואָס האָט זיכ געפונענ באַמ ברעג, איז געווענ אָנגעשטאָפּט מיט מענטשנ, קאָפּ אפ קאָפּ.

דורכגעריסנ זיכ דורכ דער וואַכ אונ ארופ אפנ דעק, האָבנ שמײַע מיט באַצקלענ זיכ פאַרוקט אינ א ווינקל אונ זיכ ווי-עס-איז אײַנגעמאָס־טעט צווישנ די קלומקעס אונ מענטשנ. אפ זיי האָט געקוקט די טונקעלע שטאָט מיט די סילועטנ פונ די גרויסע אָנגעכמורעטע מויערנ אונ סעדער. אונ נאָר די לעוואָנע האָט מיט א קאַלטער, אומהיימלעכער שײַנ באַ־לויכטנ דעמ בריק, וואָס איז געהאַנגענ איבערנ טײַכ אונ געוואָרפנ א מעשונעדיקנ שאָטנ אפנ וואַסער.

— פאַרוואָס שטייענ מיר אזוי לאַנג? — האָט אויסגעשריענ א קליינוווּקסיקער, דיקער מיליטערמאַנ אינ א לאַנגנ שינעל ביז די פיאַטעס, מיט ברילנ אפ דער קורצער נאָז.

— מע דאַרפ צוװאַרטנ, ביז עס וועט ווערנ ליכטיק. — האָט זיכ אָנגערופנ שמײַע, אָנקוקנדיק דעמ מיליטערמאַנ, וואָס איז געשטאַנענ אָנגעשפאַרט אָנ דער פאַרענטשע.

— טשודאַק, מע מוז דורכפאָרנ די בריקנ, קאַלזמאַנ ס'איז פינצ־טער! — האָט דער פאַרשוינ גוטמוטיק דערווידערט אונ געסטאַרעט זיכ דערזענ אינ דער פינצטער דעמ אייזע־געבער, — איכ זע, אז דו פאַר־שטייסט אזוי אינ סטראַטעגיע, ווי איכ.

— ווי איר, באַוועד דאָקטער, אינ א קרענק, — האָט זיכ אָנגערופנ א פאַרוונדעטער רויטאַרמייער, וואָס איז געלעגנ אפ דער באַנק, אונ דער ארומיקער אוילעמ האָט אויסגעשאָסנ א געלעכטער.

— קראַנקער, שטיל זאָל זײַנ! — האָט דער דאָקטער א זאָג געטאָנ מיט א באַפעלערישנ טאָנ.

שמײַע האָט געקוקט אפנ דאָקטער אינ דער פינצטער אונ ניט אויסגע־האַלטנ:

— ווי איכ האָב געהערט נאָרוואָס, זײַט איר א דאָקטער.

— א דאָקטער, איז וואָס האָט איר געוואָלט?

— נײנ, איכ האָב גאָרניט געוואָלט, איכ וואָלט נאָר א באַלנ געוועג וויסנ, פונוואַנענ נעמט איר עס, אז איכ פאַרשטיי ניט אינ מילכאָמע־זאַכנ? איכ זע, אז אפ אײַנ זייצ נאָכ א שפּאָגל-נײַער שינעל, ערשט פונעמ צײכהאוז, אונ איכ האָב פאַר דער מילכאָמע שוינ אָפגעטראָגנ אונ אויסגעריבנ זעקס שינעלנ אונ עפּשער צוואַנציק פאָר פאָדעשוועס, — האָט שמײַע ארײַנגעזאָגט, פאַרסליבעט ווילינגעריש א ציגאַר מאַכאָר־קע אונ גענומענ אויסקלאַפנ פונ דער קרעסילע פײַער.

— איר וועט עפּשער פאַרייכערנ? — האָט ער פאַרגעלייגט דעמ נײַעמ באַקאַנטנ, האַלטנדיק האַרט פאַר יענעמס פּאָנעמ דעמ קנויט אונ באַשיטנדיק זײַנ נײַעמ שיבעל מיט א וויכער פונקענ. דער דאָקטער האָט זיכ אָפּגעטרייסלט אונ בערויגעזלעכ זיכ אָנגערופנ:

— איכ רייכער ניט אונ אייצע אײַכ אויכ ניט. דאָס געזונט איז טײַערער.

— אײַ, דאָקטער, דאָקטער. איכ זע, אז איר זײַט נאָכ א גרינער דאָק־טער. קיינ פּולווער נאָכ ניט געשמעקט. א סאָלדאט וועט קיינמאָל ניט אייצענענ אופהערנ רייכערנ. ווי קאָנ א סאָלדאט לעבנ אָנ מאַכאָרקע?

אינ דער מינוט האָט שמײַע דערפילט, ווי באַצקל האָט אימ מיט קאם א שלעפּ געטאָנ בײַ דער פּאָלע.

— וואָס ווילסטו?

— הער אופּ, שמײַע, האָסט שוינ געפּאַקט מיט ווערמענ צו דאַבערנ.

— וואָס בייזערט זיכ אזוי אײַער שאָכנ? — האָט דער דאָקטער מיט א שמייכל א ווונק געטאָנ אופ באַצקלענ.

— ווייס איכ וואָס! הערט זיכ ניט צו צו אימ, ער איז, ווי א בייזע שוויגער. א טעווע בײַ א מענטשנ — טאָג ווי נאַכט זיכ האַלטנ אינ איינ בלאָזנ. זאָגט מיר נאָר, פּאַניע, מײַנ איכ, באַוואָר דאָקטער, בײַ אײַכ איז ניטאָ אזא רעצעפּט, ער זאָל זיכ אופהערנ עסנ די גאַל?

— יאָ, פאַראַנ, געוויס, — האָט זיכ דער דאָקטער פריילעכ אָנגע־רופנ, — אָבער דערווײַל וועלנ מיר אָפּ אימ אויספּרוּוונ פּראָפילאַקטיקע.

— א גרויסע זאַכ בײַ מײַנ באַצקלענ פּראָפילאַקטיקע, אז קיינ רועכ נעמט אימ ניט. איר גיט אימ עפּעס א רעכטע רעפּוע.

דער דאָקטער האָט זיכ פאַנאַנדערגעלאַכט, אונ בײדע האָבנ זיכ דערפילט אזוי היימיש, ווי זיי וואָלטנ געווענ אַלטע גוטע־ברידער.

פונעמ בערג האָבנ עטלעכע סאָלדאַטנ, איבער די קעפּ פונ די מענטשנ, אַרופגעשלעפּט אופנ דעק צוויי קוילנוואַרפער אונ גענומענ צו־פעסטיקנ זיי צו די אָנגעוואָרפענע קאַסטנס.

— וואָס זשע, מיר פאָרנ מיט קלעזמער? — האָט שמײַע א פרעג געטאָנ באַמ דאָקטער.

— אפּנעמ אזוי. איכ באַגלייט פאַרוווּנדעטע אונ קראַנקע רויט־אַרמייער, סע גייט זיי טאַקע נאָר אָפּ א שיסערײַ, — האָט דער דאָקטער געקנייטשט מיט די אַקסלענ.

— נישקאָשע, מיט געווער איז פריילעכער.

— ווענ וועט זיכ עס שוינ ענדיקנ? — האָט דער דאָקטער צעפירט מיט די הענט.

א שווער געלאָדענע גייט שוינ די שיפ אינמיטנ טײַכ, עס זשומענ אונ שוימענ אונטער די רעדער בייזע כוואליעס, אונ פונ דער נאכט טראָגט זיכ דאָס ווײַטע געברומ פונ הארמאטנ. דער דאָקטער האָט אויס־געשפּרייט אפ א באנק זײַנ שינעל, ארויסגעשלעפּט פונעמ טשעמאָדאנ א קישעלע, עס אונטערגעלייגט צוקאָפּנס אונ באלד אײַנגעשלאָפנ. שמײַע האָט זיכ אויסגעצויגנ אפנ דעק, זיכ גענומענ אײַנהערנ, וויאזוי סע בושעווענ די כוואליעס באמ באָרט, געקוקט, ווי די לעוואָנע מיט די שטערנ טוקנ זיכ אונ שפּיגלענ זיכ אינעמ וואסער. א קיל ווינטל האָט א בלאָז געטאָנ פונעמ הויכנ ברעג אונ אָנגעוואָרפנ אפ אימ א קעלט. אונ, עפּשער, איז אימ קאלט געוואָרנ דערפונ, וואָס אָט איז ער שוינ ווידער אינ וועג אונ ער ווייסט ניט, צו א וועלכנ ברעג די שיפ וועט אימ צושלאָגנ. די ארומיקע מענטשנ זײַנענ אײַנגעשלאָפנ אפ זייערע פּעק אונ זעק. פונ אומעטום האָט זיכ געהערט א טיפער, שווערער אָטעמ פונ מידע שלאָפנדיקע מענטשנ. נאָר שמײַע איז אינ דער נאכט ניט געשלאָפנ. ער האָט זיכ געדרייט פונ איינ זײַט אפ דער אנדערער, גערייכערט א ציגאר אונ, פארטאָנ אינ זײַנע מאכשאָוועס, ווי דורכ א נעפּל, זיכ אײַנגעקוקט אינ די ברעגנ, אפ די געדיכטע סעדער אונ קרוטשעס, וואָס האָבנ זיכ גע־שווארצט פונ ביידע זײַטנ טײַכ.

דער באַגינענ איז געקומענ מיט א הויכנ פייגל־געזאַנג. די גרויסע זונ, וואָס האָט זיכ ביז העלפט ארויסגערוקט אפנ האָריזאָנט, האָט באַ־גילדעט די סעדער, וואָס זײַנענ שוינ געווענ אָפּגעשאָטנ מיט ווײַנשל אונ קארשנ. דער גאנצער ארומ, דער טײַכ אונ די סעדער, דער הימל אונ די וועלדלעכ, די טוועס אפ די פעלדער — אלצ האָט געאָטעמט מיט לעבנ, מיט פרישקײַט, אונ ווענ ניט דאָס בוכקענ פונ הארמאטנ, וואָלט מענ ניט געגלייבט, אז עס גייט נאָכ ערגעץ א ביטערע מילכאָמע. שמײַע איז געזעסנ אונ געקוקט א פארגאפטער אפ אָט דעמ וווּנדערלעכנ קאַנט, וואָס מע מוז איצט פארלאָזנ אונ זיכ שלעפּנ דער רועכ ווייסט וווּהינ. ער האָט אליינ ניט געפילט, ווי ער האָט אָנגעהויבנ אונטערברומענ זײַנ באליבט סאָלדאטיש לידל, אונ ניט באמערקט, ווי דאָ אונ דאָרט האָט מענ זיכ אופגעכאפט פונעמ שלאָפ אונ מע הערט זיכ אײַנ אינעמ געזאנג. עס האָט אימ קיינער ניט פאָרגעוואָרפנ, לעמײַ ער שטערט שלאָפנ. נאָר איינ באצקל האָט ניט אויסגעהאלטנ, אונ ווי נאָר ער האָט געעפנט אנ אויג, זיכ אָנגערופנ:

— ער שלאָפט ניט, א פאָהיבעל. — אונ, וואָרטשענדיק, זיכ איבערגע־קערט אפ דער צווייטער זײַט אונ אריבערגעצויגנ איבערנ קאָפּ דעמ שינעל.

שמײַע האָט זיך אומגעקוקט אפנ שלאָפנדיקנ דאָקטער. דאָס פולע קײַלעכדיקע פּאָנעם זײַנס איז געװענ באַשײַנט פונ דער זונ אונ באַשטעקט מיט קלײנע טראָפּנס שװײס. דאָס היטל איז אים אַראָפּגעפאַלנ, אונ שמײַע האָט דערזענ זײַנ הוילנ קאָפּ, װו ס'איז ניט געװענ קײנ אײנ האָר אפ א רעפוע.

ער האָט א טאָרע געטאָנ דעמ דאָקטער אונ אים אָנגעטאָנ דאָס היטל.

— דאָקטער, שטײט אופ, עס איז שוינ גרױסער טאָג.

— װאָס איז געשענ, א? — האָט דער דאָקטער זיך א הײב געטאָנ פונעמ אָרט אונ א דערשראָקענער זיך גענומענ ארומקוקנ, װי ער זאָל ניט װיסנ, אפ װאָס פאַר א װעלט ער געפינט זיך.

— איר האָט מיר געזאָגט, אז ס'איז שעדלעכ צו רײכערנ, נאָר בא אונדז אינ פאָלק האָט מיר אמאָל א פעלדשער געזאָגט, אז שלאָפנ אפ דער זונ איז נאָכ שעדלעכער.

— שפּײַט אימ אינ פּאָנעמ אַרײַנ, אײַער צעדרײטנ פעלדשער! — האָט װי ניט מיט זײַנ שטימ זיך צעשריגנ דער דאָקטער, — ער איז א גראָבער יונג, אײַער פעלדשער. אז דו רײכערסט, שלינגסטו אײַנ ניקאָטינ. דו װײסט, װאָס הײסט ניקאָטינ? אונ װאָס א מענטש שלאָפט מער, אלץ געזינטער איז פאַרנ מענטשנ. איר גלײבט ניקאָטינ, פּאַסקודסטװע, סאַמ־האָמאָװעס צו שלאָפ?..

דער דאָקטער האָט זיך אזױ צעהיצט, אז ער האָט פאַרגעסנ אױסזידלענ דעמ שאָכנ, לעמײַ ער האָט אימ איבערגעשלאָגנ זײַנ געשמאַקנ שלאָפ. איצט האָט ער זיך אװעקגעלאָזט איבערנ דעק צו זײַנע כאַלאָמ. דורכגעשמועסט זיך מיט זײ אונ איבערגעטאַפּט בא אלעמענ די דױפּעקס, איז ער צוריקגעקומענ אונ װידער זיך באַגעגנט מיט שמײַעס שמײכלענדיקנ פּאָנעמ.

— איר װײסט, — האָט דער דאָקטער א קװײטש געטאָנ מיט די אקסלענ. — איכ קוק אפ אײַכ אונ קאָנ ניט באַנעמענ, װאָס פאַר א מענטש איר זײַט! קוקט מענ אפ אײַכ, קאָנ זיך דאַכטנ, אז אפ דער װעלט איז גאָר ניט אזױ שלעכט, אונ קײנ צאָרעס זײַנענ נישטאָ, אונ די מענטשהײַט לעבט ניט איבער אזא גרױסע טראַגעדיע, אזא קאַטאַסטראָפע! איר פאַרשטײט, א קאַטאַסטראָפע! — האָט דער דאָקטער זיך אָנגעכאַפּט פאַר דעמ לעצטנ װאָרט אונ גענומענ עס סמאַקעװענ, — די צײַט װירקט ניט אפ אײַכ, װי דאָס אלץ זאָל זיך גאָר צו אײַכ ניט אָנקערנ. איר װײסט ניט, װאָס דער מאָרגנ װעט אײַכ ברענגענ, אונ איר לאַכט. די װעלט ברענט, אונ אײַכ הײבט עס ניט אָנ צו ארנ.

— יאָ, פּאַניע, מײנ איכ, כאַװער דאָקטער, איכ בינ גאָר אנ אנדער

מענטש. איר, דאָקטער, ווענ איר דערזעט א מענטשנ, איז דאָס ערשטע, וואָס עס קומט אײַכ אפנ געדאנק, איז: אפ וואָס פאר א קרענק לײַדט דער מענטש אונ וואָס וואָלט מענ אים געדארפט אויסשנײַדנ. צו אײַכ, דאָקטער, אז סע פאקט זיכ א מענטש מיט א שוואכנ מאָגנ, מיט א טשאַכאָטקע, מיט קראנקע נערווג אונ צוועלפ טויזנט אנדערע כאלאסנ. זײַט איר אפנ זיבעטנ הימל! וואָס מער דער מענטש איז ניט נאָרמאַלנע, אלצ מער אינטערעס האָט ער פאר אײַכ. אונ איכ בינ אזא פארשוינ, וואָס איכ האָב מיכ פײַנט צו גראָבנ זיכ צוליב פראקטיקע אינ יענעמס געדעריימ. איר זײַט גערעכט, ס'איז טאקע שווער אפ דער וועלט. נאָר ווענ מע זאָל זיכ ארײַנלאָזנ אינ מאָרע־שכוירע, וואָלטנ מיר געהאט א שיינ פאָנעמ. איר דארפט פארשטיינ, אז איכ בינ א מענטש א בלעכער, וואָס זיצט כאמע פונ אויבנ, דאָס הייסט אפנ דאַכ, אונ זעט, וואָס עס טוט זיכ אפ דער וועלט. איכ האָב שוינ געזענ, וואָס עס איז געווענ, אונ איכ זע, וואָס עס וועט זײַנ.

— וואָס זשע וועט זײַנ?

— וואָס הייסט, וואָס וועט זײַנ? די סאָוועטסקע וולאסט וועט זיכ אומקערנ אונ מע וועט נאָכ מאכנ א לעבנ.

— אָט דאָס זעט איר פונעמ דאַכ? א שיינעמ דאנק אײַכ... — האָט געזאָגט דער דאָקטער אונ ארויסגענומענ פונ זײַנ אינסטרומענטנ־רענצל א שטיקל קאָלבאס מיט ברויט אונ א מעסערל אונ מעכאבעד געווענ זײַנ בײַעמ באַקאַנטנ. זיי זײַנענ געשטאַנענ אָנגעשפארט אינ דער פארענטשע אונ, פארטיפט אינ דער אכילע, געקוקט אפנ וואסער. שמײַע האָט מער קיינ וואָרט ניט אויסגערעדט, ער האָט געקײַט אפ ביידע באקנ אונ געשטילט דעמ הונגער.

— וואָס האָט איר זיכ אזוי פארטראכט? — האָט זיכ דער דאָקטער אָנגערופנ.

— איכ טראכט. וואָס דענ זאָל איכ טאָנ? איכ קוק זיכ ארומ... א וועלט! איר זײַט עפּעס א מיוונ אפ אונדזער שיינער וועלט? א גוטער באַלמעלאָכע האָט זי געשטעלט. דו קוקסט אָפט אפ דער וועלט אונ ווייסט נישט, צי האָלסטו זי בענטשנ צי שעלטנ. אז דו פארגעסט אמאָל אינ דײַנע צאָרעס, אונ דו נארסט נאָכ אָפ די קישקע מיט שוירפּיע, מיט א שטיקל קאָלבאס, רעדסט זיכ דורכ מיט א קלוגנ מענטשנ, באטראכטסט גוט די מאמזערסטע די וועלט מיט דײַנע צוויי אָפענע אויגנ, זעסטו, אז ניט קיינ קאליקע האָט זי געמאכט. טו א קוק, ווי די זונ ווארעמט — א מעכײַע! הײַנט באטראכט נאָר דעמ טײַכ מיט דער שיפ, וואָס שווימט אזוי פרײַ. טו א קוק, ס'ארא סעדער אונ פעלדער — זיי קאָנענ אָנהאָ־

דערווענ די גאַנצע וועלט, אונ מע וואָלט אַלע געלעבט ווי אינ אַ גאַניידנ. איז פונוואַנענ, זאָגט מיר, נעמענ זיך אַזויפיל רוכעס, גידעריקע ברוגזמ, וואָס פאַרפאַסקודיענ די שיינע וועלט?

— אוי, סאָלדאַט, איר זײַט דאָך עפּעס אַ גאַנצער פילאָסאָפ, — האָט דער דאָקטער אויסגעשאָסנ אַ געלעכטער, — וואָס זשע האָט איר מיר גאָר געברײַעט, אַז איר זײַט אַ בלעכער?

— וואָס זשע דענ בינ איך, ניט קיינ בלעכער? אַ פּאָווערענע? — שמײַע האָט זיך אַנידערגעזעצט אונ זיך גענומענ אײַנהערנ אינעם טומל, וואָס האָט זיך מיטאָמאָל אופגעהויבנ צווישנ אוילעמ אפנ דעק. פלוצלינג האָט ער דערהערט אַ שיסערײַ, וואָס האָט זיך געטראָגנ פונעמ הויכנ ברעג. ווײַזט אויס, אַ באַנדע האָט זיך דאָרט פאַרשטעקט אונ וויל אײַ-בערכאַפּנ די שיפ. די רויטאַרמייער, וואָס זײַנענ געשטאַנענ בײַ די קוילנ-וואַרפער, האָבנ אַרויסגעלאָזט עטלעכע לאַנגע אָטשערעדנ איבערנ ברעג אונ איבערנ נאָענטנ דערפל, פונוואַנענ מע האָט געשאָסנ, אונ אינגיכנ איז ווידער געוואָרנ שטיל, ווי פריער. אפ דער צווייטער זײַט דעק זײַנענ געווענ עטלעכע פאַרווונדעטע, אונ דער דאָקטער איז אַהינ אַוועקגעלאָפנ געבנ הילפ.

ער האָט זיך אומגעקערט אַ פאַרשוויצטער, דער דאָקטער, אונ מיט אַ האַנטעך גענומענ אויסווישנ די הענט.

— איר זעט? — האָט ער זיך אָנגערופנ, — איר זיצט רויק, אונ איך וועל איצט האָבנ אַ נײַ שטיקל אַרבעט, זיך פאַרנעמענ מיט די פרישע פאַרווונדעטע. אָט דאָס איז דאָס לעבנ פונ אַ דאָקטער. — ער האָט אַרויסגענומענ אַ פלעשעלע מיט עפּעס אַ פליסיקײַט אונ גענומענ אײַנ-רײַבנ די הענט. כאָטש כאַציקל דער באַלעגאָלע איז געשטאַנענ היפּש אינ אַ זײַט, נאָר זײַנ נאָז האָט באַלד דערשמעקט דעמ רייעכ פונ ספּירט, אונ ער איז צוגעגאַנגענ אַהער.

— זע נאָר, ווער האָט דאָס אַזוי פרי שוינ גענומענ אַ שנעפּסל אונ אַ גוטנ-ברודער פאַרגעסנ? — האָט זיך מיט פאַרוואָרפ אָנגערופנ דער באַלעגאָלע. דער דאָקטער האָט אימ באַטראַכט פונ קאָפּ ביז די פיס אונ אַ שמייכל געטאָנ:

— יאָ, איך זע, איר זײַט ווערט איינער דעמ צווייטנ, אַזוי ווי אײַנ מאַמע וואָלט אײַך געהאַט.

כאַציקל האָט פאַרשטאַנענ, אַז ער וועט בײַמ דאָקטער גאָרניט פועלנ, האָט ער זיך אַ קראַץ געטאָנ אינ דער פּאָטיליצע אונ מיט אַ פאַרומערטער מינע אַ זאָג געטאָנ:

— אײַ, פּאַנייע דאָקטער, ווענ מײַנ מאַמע וואָלט געווענ וויסנ, צו

וואָס איכ וועל קומענ, וואָלט זי מיכ גאָר אפ דער וועלט ניט געבראכט. גאָט האָט מיר געהאָלפנ א גוטנ־ברודער, אונ ער שלעפט מיכ ארומ, ווי א בער. דו קאָנסט מיר ניט זאָגנ, שמיִע, ווהינ פאָרנ מיר? ווער וואַרט אפ אונדז?

— נאָר ניט געזאָרגט, — האָט זיכ אָנגערופנ שמיִע, — מיר זײַנענ ביז איצט ניט פארפאלנ געוואָרנ, וועלנ מיר זיכ שוינ ווײַטער אויכ ווי־ עס־איז אנ אייצע געבנ.

— כאפט דיכ דער שוואַרציאָר, שמיִע, א גאנצ לעבנ האָב איכ געוווּסט, ווהינ איכ פאָר, נאָר. זינט איכ האָב זיכ מיט דיר סקאָמפּאַ־ ניִעט, זאָל איכ אזוי וויסנ פונ א בייזנ פּעטשאטעק, ווי איכ וויים, ווהינ דו שלעפסט מיכ אונ וווּ מיר זײַנענ אינ דער וועלט.

לאנגע מעסלעסנ איז די שיפ געגאנגענ אראָפּ־וואסער אונ געזוכט אנ אָרט, וווּ זיכ אָפּשטעלנ. פונ די ארומיקע שטעטלעכ אונ דערפער זײַנענ אָנגעקומענ שלעכטע גרוסנ, אונ מע האָט זיכ געדארפט דורכשלאָגנ טיפער, נענטער צו דער טאווריִע, ווו ס׳איז פאראנ, ווי מע דערציילט, ברויט אונ וווּ עס קער שוינ איצט זײַנ רויק.

אלצ אָפּטער אונ אָפּטער האָט שמיִע איצט געטראכט וועגנ אָט דעמ קאָנט, וואָס האָט זיכ, ווי ער האָט זיכ דאָס אמאָל, מיט יאָרנ צוריק, פאָרגעשטעלט, געמוזט געפינענ ערגעצ איבער יאמענ אונ אָקעאנענ. אלצ אָפּטער האָט ער זיכ גענומענ דערמאָנענ אינ זײַנ גוטנ־ברודער, יאָסל קאָרסונסקי, מיט וועלכנ ער איז געווענ אפנ פראָנט. ווענ כאצקל פלעגט זיכ ערגעצ אוועקדרייענ, אונ שמיִע פלעגט בלײַבנ אליינ, פלעגט ער אָפּטער אָנהייבנ ארויסשלעפנ פונ אונטער דער באנק דאָס סאָלדאטישע רענצל אונ פאנאנדערוויקלענ דאָס פעקעלע, ווו ס׳איז געלעגנ די פאָטאָ־ גראפיע פונ דער אומבאקאנטער פרוי אונ די עטלעכע בריוו, וואָס זי האָט געשריבנ צומ מאנ, אָפּגעבליאקעוועטע אונ אויסגעריבענע פונ דער צײַט. נאָר דעמ אדרעס האָט ער אלצ ניט געקענט פאנאנדער־ קלײַבנ.

אָט האָט זיכ די שיפ אָפּגעשטעלט היפשע עטלעכע ווערסט פאר קא־ מערינעסלאוו, אונ מע האָט איבערגעגעבנ, אז ווײַטער טאָר זי ניט גייִנ— דער סויבע איז אינ שטאָט, מע האָט געמוזט פארקערעווענ אפ צוריק.

— סטאָפּ! — האָט שמיִע אָפּגעגעבנ א קאָמאנדע זײַנ גוטנ־ברו־ דער. — צוריק פאָר איכ ניט.

— וואָס זשע וועלנ מיר טאָנ?

— מיר וועלנ זיכ פארנעמענ אינ א זײַט, צופוס. ניט אומזיסט האָבנ

מיר האָב געדינט אינ פּעכאָטע. קלאָג ניט, כאָצקל, ערגעץ דאָ ניט ווײַט וועלנ מיר האַלטנ סטאַנציע.

שמעיע מיטנ כאַווער האָבנ פֿאַרלאָזט די שיפּ אונ זיכ אַוועקגעלאָזט צופוס. ווו מע האָט געקאָנט, איז מענ אונטערגעפֿאָרנ. זיי זײַנענ געגאַנגענ פונ דאָרפֿ צו דאָרפֿ, ווו איבערגענעכטיקט, ווו איבערגעכאַפּט עפּעס אונ געגאַנגענ ווײַטער. שטילערהייט האָט דער בלעכער זיכ גענומענ דערפֿרעגנ, ווו זײַנענ ערגעץ אינ דעם קאַנט די אַלטע ייִדישע קאָלאָניעס, צי האָט עמעצער ניט געהערט וועגנ אַ ייִדישנ פויער מיטנ נאָמענ יאָסל קאָרסונסקי. ניינ, קיינער האָט וועגנ אימ ניט געהערט.

אַז זיי האָבנ אָנגעשפּאַרט צום אינגוליעץ, וואָס האָט זיכ געשלענגלט צווישנ די פֿאַרלאָזטע, מיט הויכנ ווילדגראָז פֿאַרוואַקסענע סטעפּעס, אונ אָנגעטראָפֿנ די ערשטע ייִדישע פּויעריִמ, האָבנ זיי גענומענ גייג פֿונ קאָלאָניע צו קאָלאָניע. קינד-אונ-קייט איז אַרויסגעגאַנגענ פונ די הײַזער באַטראַכטנ די צוויי אומבאַקאַנטע אָרכימ. מע האָט זיי פֿאַרופֿנ אינ שטוב אַרײַנ, מעכאַבעד געווענ מיט פֿרישער מילכ אונ געשמאַקנ ווייצענעמ ברויט, פֿאַנאַנדערגעפֿרעגט, וואָס הערט זיכ אָפּ דער וועלט. אָפּגעגעסנ, אָפּגערוט, זײַנענ זיי געגאַנגענ ווײַטער.

שוינ עטלעכע מאָל האָט דער באַלעגאָלע פֿירגעוואָרפֿנ שמעיענ אונ געזידלט אימ, לעמײַ סע נעמט ניט קיינ סאָפּ צו זייער וואָגלעניש. ער האָט שוינ ניט קיינ קויעכ צו שלעפּנ די פֿיס. אונ עק זאָל דאָס נעמענ. נאָר עס האָט אימ ניט געהאָלפֿנ. שמעיע האָט איצט געהאַט אינ זינענ נאָר איינ זאַכ — די צאַוואָע פֿונ זײַנ כאַווער, פֿונ יאָסל קאָרסונסקי. ער איז אימ איצט די גאַנצע צײַט געשטאַנענ פֿאַר די אויגנ. שמעיע האָט שוינ אַפֿילע שטילערהייט אָנגעטראָפֿנ אָפּ אַ שפּור, מע האָט נאָכ אָבער געדאַרפֿט דורכגיינ גוטע עטלעכע צענדליק ווערסט מיטנ ברעג טײַכ.

די זונ האָט שוינ גענומענ פֿאַרגיינ, ווענ פֿאַר זייערע אויגנ איז אַרויסגעשווומענ אַ דאָרפֿ מיט עטלעכע שורעס ליימענע הײַזלעכ, איינס ענלעכ אָפּנ אַנדערנ, וואָס האָבנ זיכ געצויגנ פֿונ אַ קרומענ באַרג-אַרופּ ביזנ סאַמע ברעג טײַכ. דאָס דאָרפֿל איז געווענ אײַנגעטונקט אינ סעדלעכ, אינ גרינס. בײַ יעדנ שטיבל — אַ שטייענערנ פּלויטל. נאָר די הײַזער, זעט זיכ אָנ, האָט מענ שוינ לאַנג ניט געשמירט, ס'איז קיינעמ, אָפּאָנעמ, אינ קאָפּ ניט געקראָכנ.

שמעיע האָט זיכ אַראָפּגעלאָזט מיט דער באַלקע. ער האָט געשטעלט ברייטע טריט. דאָס פּאָנעמ איז געווענ פֿאַרשוויצט, אונ דער שווייס האָט עמ צעווירעט אינ קויטיקע פּליאַמעס. די פֿיס האָבנ געבראָכנ, דאָס זעקל אָפּ די פּלייצעס אונ דער שיבעל אָפּ דער האַנט, האָט זיכ אימ אויסגע-

דוכט, ווענג הונדערט פוד. וואָס נעענטער ס'איז אָנגעקומענ אנטקעגנ דאָס דאָרפ, אלץ שטארקער האָט אימ דאָס הארצ גענומענ קלאפנ. פארוואָס — האָט ער אליינ ניט געוווּסט.

אראָפּבארג האָבנ צוויי פאסטעכלעכ געטריבנ אינ קאָלאָניע ארייַנ די טשערעדע, וואָס האָט אופגעהויבנ א גערידכטנ שטויב אונ א געפילדער. אפ די אקסלענ בא די פאסטעכלעכ זייַנענ געהאנגענ גרויסע טאָרבעס אונ אינ די הענט האָבנ זיי געטראָגנ לאנגע צווייַגנ, מיט וועלכע זיי האָבנ פונ מאָל צו מאָל אונטערגעטריבנ די קי, וואָס זייַנענ געקראָכנ אינ הענזעק. ווענ די טשערעדע האָט זיכ דערנעענטערט צומ שליאכ, האָט שמייַע דערזענ צוויי שווארצע פארמוריזעטע יונגלעכ מיט קוטשעראווע האָר, אינ צעריסענע היטלעכ, אינ העמדלעכ, וואָס זייַנענ ניט אפ זיי געניייט געווענ. ביידע יונגלעכ — קליינע, פעסטע, בייגעווּדיקע — האָבנ מיט דערשראָקענע אויגנ אָנגעקוקט די צוויי אומבאקאנטע פארשטויבטע מענטשנ, א סוידע געטאָנ זיכ, זיכ אָפגעשטעלט, געוואָלט דורכלאָזנ די פארשוויינע פארבייַ זיכ, נאָר דאָס עלטערע פאסטעכל האָט ניט אויסגעהאַלטנ אונ פרייליכ א געשריי געטאָנ:

— היי, פעטערס, גיט פארייכערנ!

— מאמזיירים, — האָט זיכ שמייַע קלוימערשט צעבייזערט, — איר רייכערט שוינ? אונ דאוונענ קענט איר?

די יונגלעכ האָבנ אויסגעשאָסנ א געלעכטער אונ זיכ געלאָזט לויפנ אינ א זייַט.

— זעסט, זיי האָבנ דיכ גלייַכ דערקענט, זיי זענ, אז סע גייט א גאזלענ.

— הערט, אָדלערלעכ, אגו, זאָגט נאָר, ווי הייסט דאָס דאָרפ?

— ס'איז ניט קיינ דאָרפ, ס'א קאָלאָניע.

— וויאזוי הייסט זי בא אייַכ? קומט נעענטער.

— וויאזוי זי הייסט? מיר רופנ זי „די שטילע באלקע".

ביסלעכווייַז זייַנענ די פאסטעכלעכ געוואָרנ דרייסטער, זיי זייַנענ צוגעגאנגענ נעענטער, נאָכ אלץ געקוקט מיט כשאד אונ נייַגיר אפ די צוויי מאָדנע אָרכים. דאָס גרעסערע פאסטעכל האָט ארויסגענומענ פונ דער טאָרבע א פאָר עפל אונ דערלאנגט זיי אפ אנ אויסגעצויגענער האנט, ווי נאָכ מוירע האָבנדיק, אז די פרעמדע מענטשנ זאָלנ אימ ניט פארשלעפנ. נאָר איצט, ווענ שמייַע אונ כאצקל זייַנענ געגאנגענ מיט זיי זייַט-בא-זייַט אונ געקייַט די עפל, האָבנ זיי זיכ דערפילט מיט זיי גאָר היימלעכ.

— ווו האָט איר גענומענ אזויפיל בעהיימעס אונ שאָפ? — האָט

שמײַע א פרעג געטאָן באַם עלטערן פּאַסטעכל, גלעטנדיק אים איבערן קוטשעראַווע קעפּל.

— דאָ װױנען בא אונדז עטלעכע רײַכע באַלעבאַטים, זײ האָבן א סאַך.

— װען מיר האָבן כאָטש א קעלבל... — האָט זיך אָנגערופן דאָס קלענערע ייִנגל, א רעגע געטראַכט און צוגעגעבן: — אָט װעט זיך דער טאַטע אומקערן פון דער פּאָזיציע, װעט ער קויפן א בעהײמע.

— װען דאַרף ער קומען?

— װער װײסט? ער שרײַבט ניט. קײן בריװ גײען ניט.

— שוין לאַנג?

— אװאַדע, מיר װאַרטן אױף אים. װען איך האָב אײַך דערזען, האָב איך זיך דערשראָקן, איך האָב געמײנט, אַז דער טאַטע גײט, — האָט אַרײַנגעשטעלט דער עלטערער.

— װיאַזױ הײסט ער, דער טאַטע אײַערער?

— דער טאַטע? יאָסל...

— און די פאַמיליע?

— קאַרסונסקי... װאָסי דען? — האָט זיך דאָס קלענערע ייִנגל דער־שראָקן פאַר דער פראַגע, אױף װעלכער ער האָט ניט געװאַרט.

שמײַע איז געבליבן שטײן א געפּלעפטער און זיך ניט געקאָנט רירן פונעם אָרט. איבערן לײַב איז אים דורכגעלאָפן א קעלט. אין קאָפּ האָט א שפּאַר געטאָן דאָס בלוט. ס'האָט בא אים אָפּגענומען דאָס לשון. ער האָט מער ניט געקאָנט שטעלן קײן טראָט.

— און די מאַמע אײַערע װוּ איז? — האָט זיך אין עטלעכע מינוט אַרום אָנגערופן דער בלעכער, אַרומנעמענדיק די ייִנגלעך און זײ צוגע־דריקט צו זיך.

— די מאַמע אַרבעט בא אורעם־עזרען אױפן װײַנגאָרטן.

— פעטערס, איר זײַט אױך סאָלדאַטן? װוּ איז אײַער ביקס?

— יאָ, איך בין אױך געװען א סאָלדאַט.

— און אױף דער מילכאָמע זײַט איר אױך געװען?

— אװאַדע.

— מײַן טאַטע איז אױך אױף דער מילכאָמע.

איצט איז שױן שמײַע ניט געגאַנגען. די פיס האָבן אים אַלײן גע־טראָגן. ער האָט געקוקט אױף די צװײ שײנע ייִנגלעך, און טרערן האָבן א שפּאַר געטאָן פון זײַנע אױגן. ער שטעלט זיך ניט פאָר, װיאַזױ ער װעט איבערטרעטן די שװעל פון זײער שטוב, װיאַזױ װעט ער איבער־געבן זײער מוטער די בײזע בשורה.

— װוּ װױנט איר? — האָט ער סאָפּקאָלסאָפּ געפרעגט.

— אָט דאָ ניט ווײַט, לעבנ יאַר.

באַם אַרײַנגאַנג אינ דאָרפ אונ באַ די הײַפלעכ זײַנענ געשטאַנענ די מעלקערנס אונ געוואַרט אַפּ די בעהײמעס. מע האָט ניט געוווּסט, פּאַרוואָס האָבנ זיכ די פּאַסטעכער אַזוי פאַרהאַלטנ. מע וואָלט זיי געווענ אָפּגעשפּילט א פּעטשאַטעק, נאָר דערזענ די אומבאַקאַנטע מענטשנ, די סאָלדאַטנ, האָט מענ פאַרגעסנ אָנ די יינגלעכ אונ פאַרשאָטנ די אָרכימ מיט פראַגנ.

נאָר שמײַע האָט געענטפערט קורצ, ווי ניט גערנ אונ איז אַוועק מיט די יינגלעכ ווײַטער, צו זייער שטיבל, איבערלאָזנדיק באַצקלענ צווישנ די גאַסטפרײַנטלעכע סאָלדאַטקעס.

צוגעגאַנגענ צומ פלויטל, האָט ער דערזענ א שוואַרצכיינעוודיקע פרוי מיט צוויי גלאַנציקע צאַרטע קאַרע אויגנ. זי האָט שאַרפ אָפּגעמאָסטנ מיטנ בליק דעמ פרעמדנ מענטשנ אינ די סאָלדאַטסקע קליידער, באַמערקט, אַז ער קאָנ איר נישט קוקנ גלײַכ אינ די אויגנ, דערפילט, אַז דער סאָלדאַט האָט איר געבראַכט א שווערע בסורע. איר פּאָנעמ האָט זיכ גלײַכ געענדערט, פאַרצויגנ געוואָרנ מיט טיפנ צאַר, אונ זי האָט אויסגעבראָכנ א געוויינ.

צווייטער טייל

צוויי באַסענעס מיט א גענט

אַפנ פלאַטשיקנ פעלדז, וואָס שווענקט זיכ העכער האַלב אינ דעמ טײַכ איננוליעצ, זיצט שמײַע, פאַרקאַטשעט די הויזנ אַריבער די קני, דאָס העמדל צעכראַסטעט. ער איז פאַרטאָנ אינ כאַפּנ פיש. זײַנע שווערע הענט אונ דאָס פּאָנעמ זײַנענ פאַרברויננט פונ דער סאַרפּענדיקער זונ אונ פונ די סטעפּישע ווינטנ. קיינער וועט ניט זאָגנ, אַז ערשט א יאָר, ווי ער האָט זיכ באַזעצט אַפּ דער ערד אונ איז געוואָרנ א פויער. ער פאַרוואַרפט די ווענטקע אינ וואַסער אונ שפּירט נאָכ, ווי א פעט זילבערנ פלאָטקעלע גאַנוועט זיכ אונטער צומ שנירל אונ פאַרטײַעט זיכ, ווי סע וואָלט געוואָלט איבערכיטרעווענ דעמ פישער — א כאַפּ טאָנ דאָס לאַנגע רויטע ווערעמל, וואָס באָמבלט זיכ אַפנ האַטשעקל אונטערנ וואַסער אונ אַנטרונענ ווערנ דערמיט. שמײַע כאַפּט פונ מאָל צו מאָל א קוק אַפנ עמער מיט די אָנגעכאַפּטע פישלעכ, וואָס צאַפּלענ זיכ אונ פרוווּנ זיכ פונ דאָרט אַרויסוואַרפנ. ווײַט־ווײַט אינ סטעפּ, אַפנ סאַמע הימל־ראַנד פאַרגייט

שוין די זון, וואָס האָט אָן ראַכמאָנעס געפּאַליעט דעם גאַנצן טאָג, און באַצירט אַ גרויסן שטיק הימל מיט טויזנטער קאָלירן. אַרום-און-אַרום איז אַזוי שטיל, אַז מע קאָן הערן דאָס פליגל-געפּאָכ פון די פייגל, וואָס טראָגן זיך האַסטיק־שנעל איבערן טייַכ, אַנרירנדיק מיט די פליגל די לייַכטע לויטערע כוואַליעס.

גאַנץ אָפּט, נאָכ אַ שווערן טאָג האָרעוואַניע אין פעלד, קומט ער אַהער, שמײַע, אָפּן טייַכ זיך אָפּבאָדן אין דעם מעכבײַעדיקן, פרישן וואַסער און פאַרטריבן אַנכאַפּן אַ ביסל פיש. ער האָט ליב באַקומען אין אַ שטילן באַגינען אָדער פאַרנאַכטלעכ, נאָכ דער אַרבעט אין פעלד, אַרויסגיין אַהער, אָפּן ברעג. דאָ, דאַכט זיך אים, ווערן אים לויטערער די געדאַנקען. דאָ רוט ער אָפּ מיט אַלע זייַנע אייוורים, ער קומט צו זיך נאָכ דעם, וואָס ער האָט איבערגעלעבט די לעצטע צייַט אין דאָרף.

ווען מע זאָגט אים פאַראַיאָרן, בײַם ער מיט כאַצקלען זייַנען אַהער געקומען, טראַכט זיך שמײַע, אַז אַזוינס וועט מיט זיי פּאַסירן פאַר איין יאָר, וואָלט ער, עפּשער, לעכאַטכילע פאַרקערעוועט אָפּ אַן אַנדער וועג. אָבער ניין, איצטער טוט אים גאָרניט ניט באַנק. דאָס מאַזל האָט אים ניט אָפּגענאַרט.

ער דערמאָנט זיך זייַנע ערשטע טריט דאָ אין דאָרף נאָכ דעם, ווי ער איז געקומען און אָנגעזאָגט רייזלען די בייזע בסורע, וואָס האָט איר שיר דאָס לעבן ניט געקאָסט. ער האָט זי באַרויִקט דעמלט, ניט געלאָזט פאַלן, געהאָלפן איר אָפּן גאָרטן, צוגעדעקט דעם דאַכ, וואָס האָט געראַנען, פאַריכט דאָס שטיבל, אַ ביסל אָנגעטאָן אירע צוויי יינגלעך, וואָס זייַנען אַרומגעגאַנגען באָרוועס און נאַקעט. טאָג און נאַכט האָט זי געהאָרעוועט בײַ פרעמדע מענטשן, בײַ אַווראָם־עזרען, און איז קוים דורכגעקומען מיטן שטיקל ברויט. ער האָט איר געהאָלפן, שמײַע, מיט וואָס ער האָט נאָר געקאָנט, זיך געטיילט מיטן לעצטן ביסן. זאָל אים אָבער אײַנפאַלן אין קאָפּ, אַז פאַר זײַן הילף, פאַר די טויוועס, וואָס ער טוט רייזלען, זאָל ער גאָר פאַרלאַנגען פון איר זי זאָל ווערן זײַן ווײַב? זי איז טאַקע אַ שיינע, כיינעוודיק ווײַבל. וויפל מאָל האָט ער כיישעק געהאַט זי אַרומנעמען, אויסקושן זי, נאָר, וואָס הייסט, ער וועט דאָס טאָן? און אירע וווּנדן האָבן זיך נאָכ ניט פאַרהיילט, יאָסל שטייט איר נאָכ פאַר די אויגן.

נאָר אָט ער, כאַצקל, אַזאַ טרייפענער ביין, ווי ער האָט זיך אַרויסגעוויזן, ער האָט זיך צו איר צוגעטשעפּעט און ניט געלאָזט עטעמען: אין איין קאָל — זי זאָל פאַר אים כאַסענע האָבן און — האָדיע. ער, שמײַע, האָט גוט געוווּסט, אַז זי קאָן כאַצקלען ניט אָנקוקן, ער האָט

געפילט, צו ווען עס ציט איר האַרצ, נאָר ער האָט אפילע מוירע גע־האַט וועגנ דעמ צו טראַכטנ.

אײנמאָל, דערמאָנט זיכ שמײַע ווײַטער, ווענ ער איז זיכ פאַרזעסנ בא איר אינ שטוב אונ זיי האָבנ לאַנג גערעדט, האָט זי אים פּלוצלינג אַרומגענומענ אונ א קוש געטאָנ. ער האָט זיכ פונ אומדערוואַרטקײַט פאַרלוירנ אונ געמיינט, אז ער וועט אַרײַנ אינ דער ערד. ער האָט זי צוגעדריקט צו זיכ אונ דערזענ אינ אירע גרויסע קאַרע אויגנ טרערנ.

אינ יענעמ אָפּדערנאַכט זײַנענ זיי לאַנג געזעסנ אַפ דער פּריזבע, ווענ די גאַנצע קאָלאָניע איז געשמאַק געשלאָפנ, אונ צומ ערשטנ מאָל אינ לעבנ האָט ער, שמײַע, פאַרלוירנ דאָס לאָשנ.

פונ יענעמ אָפּדערנאַכט האָט זיכ עס טאַקע אָנגעהויבנ. ווי נאָר ער פלעגט קומענ א ביסל שפּעטער אַהיימ, אינעמ שטיבל, וואָס ער מיט באַצקלענ האָבנ בעשוטפעס אויסגעבויט, אזוי פלעגט אים באַצקל נעמענ דערגיינ די יאָרנ, אָדער ער פלעגט אָנהייבנ רײדנ וועגנ רייזלענ וואָס אינ דער קאָרט, אָדער זיכ אַרופוואַרפנ אַפ שמײַענ, אז ער קוילעט אים אַוועק אָנ א מעסער, שטייט אים אינ וועג. זינט דעמאָלט איז צווישנ זיי איבערגעלאָפנ א שוואַרצע קאַץ. טאָמער פלעגט באַצקל דערזענ, ווי שמײַע טראָגט איר אַרײַנ אינ שטוב אָנ עמער וואַסער אָדער צעהאַקט א שײַטל האָלצ, איז ער גרייט געווענ אים דוירעס זײַנ. וואָס איז אָבער רייזל שולדיק, וואָס באַצקל איז איר אויכ געוואָרנ א דאַמ-סוינע אונ לאָזט זי די גאַס ניט דורכגיינ?

א שמייכל באַווײַזט זיכ אַפ שמײַעס פּאָנעמ, ווענ ער דערמאָנט זיכ, ווי פונ צולאָכעס איז באַצקל דער באַלעגאָלע געוואָרנ אָנ אָפּטער גאַסט בא אַזוראָמ־עזרענ מיט זײַנ פאַרזעכנ טעכטערל, דער געשטופּלטער בלומע, טעג אונ נעכט פאַרבראַכט דאָרט, גענומענ אַרומפּאָרנ מיטנ אַלטנ בלוט־זויגער איבער די מערק אײַנהאַנדלענ פערד אונ בעהיימעס, געוואָרנ א שותעפ מיט אָט דעמ רעציייעכ, וואָס רײַסט שטיקער פונ די אָרעמע קאָ־לאָניסטנ.

אָט פונקט אזוי, ווי איצט, איז ער אײנמאָל געזעסנ, שמײַע, אַפנ גרויסנ שטיינ לעבנ וואַסער. דער עמער איז שוינ פול געווענ ווי אָנ אויג, עס האָט זיכ אָנגערוקט די נאַכט, אונ ער האָט זיכ געקליבנ גיינ אַהיימ. ערשט ער הערט, ווי עמעצער לויפט אַהער אָנ א נעשאָמע. ער טוט א קוק — ס'איז רייזל. זי האָט ניט געקאָנט אויסריידנ קיינ וואָרט, ניט געקאָנט כאַפּנ דעמ אָטעמ:

— וואָס איז געשענ, רייזל?

— אוי, אָנ אומגליק! באַצקל צעוואַלגערט אײַער שטיבל.

ער האָט זי גענומען באַרויקן:

— רייזל, עס קאָן ניט זײַן. ס'האָט זיך אײַך מיסטאָמע אויסגעדוכט. וואָס האָט ער צום שטיבל?

— ער איז געקומען מיט אַווראָם־עזרעס כעווּרע, אַלע זײַנען טויט־שיקער, זיי צעוואַלגערן אײַער שטיבל, און מע פֿירט אַוועק אַפֿילע די שטיינער.

שמחה האָט גאָרנישט ניט געזאָגט. ער האָט צונויפֿגענומען די ווענט־קעס און זיך געלאָזט גיין אַרויף־באַרג. ווען ער איז אַרײַן אין דאָרף, האָט ער דערזען כאַצקלען שטיין באַם שטיבל מיט צונויפֿגעלייגטע הענט, מיט דעם ציבעק אין די ציין.

— זאָגט אים, דעם גאַזלען, אַז איך טייל זיך פֿון אים אָפּ, — האָט זיך אָנגערופֿן כאַצקל, שמייכלענדיק אין די וואָנצעס, — איך וועל נאָר צונעמען מײַן העלפֿט.

אַ גרויסער עולם איז זיך צונויפֿגעלאָפֿן צום שטיבל. ווער עס האָט געלאַכט, ווער עס האָט מיטגעפֿילט שמחהן און געזידלט דעם באַלעגאָלע. שמחה האָט זיך שיר ניט אַרופֿגעוואָרפֿן אָף זײַן געוועזענעם גוטן־ברודער, נאָר ער האָט זיך אײַנגעהאַלטן און געזאָגט:

— אַבי איך האָב זיך דערשראָקן, געמיינט, אַז ער וויל צונעמען דאָס גאַנצע שטיבל. אויב נאָר האַלב, מאַכט ניט אויס. אַ דאַנק אים, וואָס ער לאָזט מיר כאָטש אַ האַלב שטיבל.

ווי אַ צערייצטע כײַע האָט כאַצקל גענומען צעוואַלגערן די ווענט, שלײַדערן די ברעטער, אויסזעצן די פֿענצטער.

— זאָגט דעם כאָכעם, — האָט זיך אָנגערופֿן שמחה מיט אַ רויִקער שטים, — אַז ער זאָל צוואַרטן, אָט וועל איך אײַנהייצן דעם אויוון, וועט ער זיך צונעמען אַ האַלבן רויך. און זאָל ער ניט פֿאַרגעסן צונעמען אַ האַלבן אָפּטריט.

די ווײַבער האָבן געלאַכט. עס האָבן זיך דערהערט בייזע אויסגע־שרייען:

— אַווראָם־עזרעס יוירעש. דער אייבערשטער האָט פֿײַן צונויפֿ־געפּאָרט.

— די באַנדיטן האָבן אַזוי ניט געטאָן.

— אַ פּאַטעפּאַלנעסט פֿון אַ הונט!

ס'איז נאָך גוט, וואָס דער רעגן האָט גענומען צעטרײַבן דעם עולם, דערמאָנט זיך איצט שמחה מיט אַ שמייכל, אַניט וואָלט מען אים דאָרט, אַווראָם־עזרעס איידעמל, געשפּאָלטן דעם קאָפּ.

פארנ אוועקגיינ איז יעדער איינער צוגעגאנגענ צו שמייענ, גערופ: צו זיכ, גרייט געווענ אָפּטרעטנ דאָס געלעגער, אבי ער זאָל זיכ ניט נעמענ צום הארצנ. נאָר ער האָט דעמלט געוואָלט איינ זאַכ — מע זאָל אים לאָזנ צורו. ער האָט אליינ ניט געוווּסט, פונוואנענ עס האָט זיכ צו אים גענומענ אזא מידקייט. עס האָט אים ניט באנק געטאָנ דאָס שטיבל, זיינ הארעוואניע. ער האָט קיינמאָל ניט געציטערט איבערנ פארמעגנ, ס'איז אים נאָר געווענ א גרויסער ביזאָיענ פאר דער קאָלאָניע, פאר די מענטשנ. אלע ווייסנ דאָכ, אז דאָס האָט ער אהער אראָפּגע־בראכט באציקלענ. איצט, האָט ער געטראכט, איז שוינ טאקע א סאָפ. אויס גוטברודערשאפט. אָפּגעגעט זיכ מיט באציקלענ אפ אייביק. ער האָט זיכ קוים דערוואָרט, ביז דער אוילעם איז זיכ צעגאנגענ. ער דאַרפ ניט, אז מע זאָל אים באדויערנ, ער האָט פיינט, אז מע האָט אפ אים ראכמאָנעס.

ווענ ער איז געבליבנ אליינ, האָט ער פרייער אָפּגעאָטעמט. ארייַנ־געגאנגענ אינ דער נאכלע, האָט ער ניט אָנגעצונדנ פייער, צונויפגעשארט אינ א ווינקל דעמ אָפּגעפאלענעמ ליימ, אונטערגעשטעלט א מולטער, ווו ס'האָט גערונענ פונ דער סטעליע. א וואָרפ געטאָנ זיכ איבעמ אָנטאָנ אפנ בעט, האָט ער פארייכערט אונ פארזונקענ אינ שווערע מאכשאָווּעס.

ס'איז שוינ געווענ נאָכ האלבער נאכט, ווענ ער האָט דערהערט א קלאפ אינ טיר אונ אפנ שוועל האָט זיכ באוויזנ רייזל. אנ אויסגעווייקטע פונעמ רעגנ, איז זי געשטאנענ אנטקעגנ אים, ציטערנדיק פאר קעלט, אונ ניט געקאָנט ארויסריידנ קיינ וואָרט.

— רייזל... אינ אזא רעגנ? — האָט ער זיכ אָנגערופנ אונ דערפילט מיטאמאָל, ווי דאָס גליק אליינ, מיט וועלכנ ער וועט זיכ שוינ קיינמאָל ניט צעשיידנ, וואָלט ארייַנ צו אים אינ שטוב. ער האָט ניט געוווּסט, ווו זאָל ער זי אוועקזעצנ, וואָס פארא ווערטער זאָל ער איר זאָגנ. ער האָט דערפילט, אז זיינ איינציקער עמעסער פרייַנט אפ דער וועלט איז אָט די פרוי מיט די צארטע קארע גלאנציקע אויגנ, וואָס זייַנענ פול מיט טרערנ.

— נעמט אראָפּ דעמ שאל, ער איז נאס.

— א דאנק, — האָט זי געזאָגט אונ זיכ צוגעזעצט אפנ טאבורעטל, וואָס ער האָט איר דערלאנגט.

— איכ וועל באלד אָנצינדנ פייער. — אונ שמייע האָט זיכ געלאָזט גיינ צום אייוועלע.

— מע דאַרפ ניט — האָט זי זיכ אופגעהויבנ פונעמ אָרט, — איכ האָב נאָר געוואָלט אייכ בעטנ... איכ גיי גלייַכ אהיימ.

רייזל האָט אים ארייַנגעקוקט אינ די אויגנ, ארומגענומענ מיט אירע שטארקע הענט זיינ קאָפּ אונ זיכ צוגעטוליעט צו זיינ ברוסט.

— שײַנע, איר זאָלט פונ מיר קײנ שלעכטס ניט טראכטנ... זײַט מויחל... וואָס קומט מיר פאַר אזא זאכ... איכ האָב אײַכ ליב...

ער איז געזעסנ א גליקלעכער, מיט שײַנענדיקע אויגנ אונ געפילט, אז דאָ אנטקעגנ אימ איז ניט יענע רײזל, יאָסל קאָרסונסקיס ווײַבל, וואָס איז אימ גלאט אזוי געפעלנ געוואָרנ, נאָר זײַנ אײגענער גורל, צו וועלכנ ער האָט זיכ די גאנצע צײַט געצויגנ, געגאנגענ בלינד צו אימ דורכ אלע פײַערנ, דורכ אזויפיל שווערע, געפערלעכע וועגנ. מיט א קלאפנדיק הארצ האָט ער געהערט, וואָס זי דערצײלט, אונ יעדעס וואָרט אירס האָט זיכ מיט א זיסנ ווײטעק געלײגט אפ זײַנ נעשאָמע.

רײזל האָט אימ דערצײלט, ווי זי האָט דאָרט ניט געקאָנט אײַנשטײנ אינ דער מעהומע ארומ שטיבל, ניט געקאָנט דאָס צוזענ, אונ זי איז אוועקגעלאָפנ אהײמ, פארקײטלט די טיר, זיכ ארײַנגעוואָרפנ אינ בעט, פארגראָבנ דעמ קאָפּ אינ קישנ אונ אָנגעהויבנ ווײנענ. זי האָט געוואָלט אײַנשלאָפנ, נאָר דער שלאָפ האָט זי ניט גענומענ, האָט זי זיכ אופגעהויבנ אונ גענומענ ארויסקוקנ אינ פענצטער. דער הימל איז געווענ א בײזער, א פארמאָרעשכוירעטער. דער ווינט האָט געפײַפט, אינ סעדל האָבנ גערוישט די בײמער. מיטאמאָל האָט א גאָס געטאָנ א גוס־רעגנ, א מאבל, ס׳איז איר געוואָרנ דושנע, די באקנ האָבנ איר אָנגעהויבנ פלאמענ, ס׳האָט איר עפּעס גענומענ קלינגענ אינ די אויערנ. ניט אנ־דערש, האָט זי א טראכט געטאָנ, אז ער, שמײַע, דערמאָנט זי אינ דער מינוט. זי געדענקט אלײנ ניט, ווי זי האָט ארופגעכאפּט אפ זיכ דעמ שאל, שטילערהײט, קעדײ ניט אופוועקנ די קינדער, זיכ ארויסגעגאָנוועט פונ שטוב אונ זיכ געלאָזט אונטערנ רעגנ ארופנבארג, צו אימ. אינעמ גאנצנ דאָרפ איז ניט געווענ צו זענ קײנ ברעקל שײַנ, נאָר בא אוורעמ־עזרענ איז געווענ ליכטיק אינ אלע פענצטער. עס האָבנ זיכ פונ דאָרט געטראָגנ שיקערע קוילעס, מע האָט די געשטופּלטע מויד פארקנאסט פארנ באלעגאָלע. אוי, האָט זיכ איר געוואָלט צוליפנ צו די פענצטער אונ פארוואַרפנ מיט שטײנער אלע, וואָס זײַנענ געזעסנ אינ שטוב. נאָר זי איז גיכער אנטלאָפנ פונ דאָרט, זיכ געגאנוועט מיט די גערטנער, אז קײנער זאָל זי ניט זענ. זי ווײסט אלײנ ניט, פארוואָס האָט זי ארומגע־כאפּט אזא מוירע אונ אומרו, ווענ זי איז געגאנגענ צו אימ. אפ די שפּיצ פינגער איז זי צוגעגאנגענ צומ אויסגעבראָכענעמ פענצטער פונעמ צע־וואלגערטנ שטיבל. דערזענ אינעמ אָפּגלאנצ פונעמ קלײנעמ פײַערל פונ־נעמ ציגאַר זײַנ פארטרויערט פּאָנעמ, האָט זי זיכ דערשראָקנ, רײזל, זיכ אָפּגערוקט פונעמ פענצטערל. זי האָט ניט געוווסט, וואָס מע טוט — ארײַנגײנ אָדער ניט? זי איז געשטאנענ בא זײַנ טיר, אונ ס׳האָט איר

אויסגעפּעלט אָטעם, און מיטאמאָל, ווי זי וואָלט זיך איבערגעשראָקן פאַר אירע געדאַנקען, האָט זי זיך באַהאַלטן הינטער דער טיר. איר האָט זיך געדאַכט, אַז די גאַנצע קאָלאָניע, קינד־און־קייט, איז ארויס אין גאַס קוקן, ווי זי לויפט צו שמעונען אינמיטן דער נאַכט.

— טראַכט ניט וועגן זיי, — האָט שמעון געזאָגט, אַרומנעמענדיק זי, — ס'וועט אונדז זיין גוט.

אין דרויסן האָט דער רעגן זיך געשטאַרקט, און פון דער סטעליע האָט ניט אויפגעהערט צו רינען. די אונטערגעשטעלטע מולטער איז שוין געווען פול, דאָס וואַסער איז אַריבער איבערן ברעג, נאָר ניט רייזל, ניט שמעון האָבן עס שוין ניט באַמערקט...

ערגעץ ווייט אויפן ראַנד הימל האָט דער קאַיאָר אַ ציונד געטאָן די כמאַרעס, ווען רייזל האָט זיך אויפגעהויבן און, אויסמיידנדיק שמעונס בליק, זיך געלאָזט גיין צו דער טיר. אירע באַקן האָבן געפלאַמט. שמעון האָט געקוקט אויף איר בייגעוודיקן, שטאַרקן קערפּער, און זי האָט אים אויסגעזען שענער ווי טאָמיד, ליבער, ווי פריער. זי האָט גענומען אויפן אַקסל דעם שאַל און אַרויסגעקוקט אין פענצטער, צי האָט זיך נאָך קיינער ניט באַוויזן אויפן גאַס.

— פאַרוואָס גייסטו אַזוי גיך אַוועק, רייזל?

— מענטשן וועלן שוין באַלד אויפשטיין...

— נו, און אַז מענטשן, איז וואָס? — האָט ווער זי אַרומגעכאַפּט און גענומען קושן, — אַז מענטשן, איז וואָס... מיר האָבן באַ זיי געגנוועט?

— זיי וועלן דאָך אויף מיר זאָגן, אַז איך בין וואָס אין דער קאָרט.

— זיי וועלן אויף דיר גאָרניט זאָגן, רייזל, דו ביסט מיין ווייב. אַזוי זאָלסטו אַלעמען זאָגן, רייזל, דו ביסט מיין ווייב!

איר פּנים האָט זיך צעשיינט. זי האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיינע הענט און, שוין שטייענדיק אויף יענער זייט שוועל, אַ זאָג געטאָן:

— ס'ווערט שוין שפּעט. כ'וועל גיין צוגרייטן עסן. זאָלסט שפּעטער צו מיר קומען, וועלן מיר אינאיינעם איבערבייסן. הערסט, שמעון.

ניט אומקוקנדיק זיך, האָט זי זיך געלאָזט איבער דער גאַנצער לענג פון דער גאַס, פילנדיק, ווי שמעון באַגלייט זי מיטן בליק. אויפן האַרצן איז איר געווען גרינג. איצט האָט זיך איר דאַפקע געוואָלט, אַז עמעצער זאָל איר אַנטקעגנקומען, אָבער די גאַס איז געווען פּוסט.

קאָלאָניסטנ אײַלנ צו פערעקאָפ

מע האָט שוינ לאנג אראָפגענומענ די טוווע פונ די פעלדער, אפנ הארצנ איז געוואָרנ פרייליכער, האָט זיכ פארדרייט א נײַע זאווערוכע: ווראנגעל, פערעקאָפ. דער אָפהילכ פונ די שלאכטנ, וואָס האָבנ זיכ צעפלאקערט דאָ ניט ווײַט, האָט אופגערודערט די קאָלאָניעס באמ אינגוליעצ.

אינ אײנעמ א פארטאָג, ווענ דאָס דאָרפ איז נאָכ געשמאק געשלאָפנ, האָט זיכ דערהערט א הילכיקער געזאנג מיט א געפײַפ.

שמײַע האָט זיכ אופגעהויבנ פונעמ געלעגער אונ גענומענ ארופשלעפנ אפ זיכ דאָס אָנטאָנ. ער איז ארויס אינ דרויסנ אונ דערזענ, ווי פונ די שכײנעסדיקע קאָלאָניעס פאָרנ אָנ א שיר פורלעכ, געלאָדענע מיט ברויט אונ קארטאָפל, רײַטער אפ אויסגעפאשעטע פערד.

פונ אלע זײַטנ האָט זיכ אָנגעהויבנ צונויפלויפנ אנ אוילעמ. קינד־אונ־קייט איז געקומענ א קוק טאָנ אפ די פרײַע געסט אונ זיכ דערוויסנ, וואָס איז געשענ אונ וווהינ פאָרט מענ עס מיט אזא געזאנג אונ פײַפערײַ. יאטלעכ האָבנ זיכ ארופגעדראפעט אפ די ביימלעכ, קעדיי בעסער הערנ אונ זענ, וואָס דאָ וועט פאָרקומענ.

אָנגעשפארט אינ א וואָגנ, איז געשטאנענ א יונגערמאנ פונ א יאָר עטלעכע אונ צוואנציק, מיט א קאָזאקישער קובאנקע אפנ קאָפ, מיט א בלויער, אויכ א קאָזאקישער, זשופאנקע אונ מיט א נאגאנ אפ א לאנגנ רימענ.

שמײַע האָט אינ אימ דערקאָנט שלוימע אָוורוצקינ, דעמ „קאָמבעדטשיק” פונעמ שכײנישנ דאָרפ. איז ער צו אימ צוגעגאנגענ אונ אָפגעגעבנ א ברייטנ שאָלעמ־אליכעמ.

די ווײַסע־כעווערעניקעס, וואָס האָבנ ארומגערינגלט דעמ בראוונ באָכער, האָבנ מיט פארווונדערונג געקוקט, ווי ער שרײַבט עפעס אינ א ביכעלע אונ לעקט אלע ווײַלע מיט דער צונג דעמ בלויענ בלײַער. ער האָט, ווײַזט אויס, אלײנ ניט באמערקט, ווי די צונג איז בא אימ געוואָרנ זוי א שטיקל מילצ.

— פעטער שלוימע, וואָס טוט איר, איר מאכט קאליע די צונג! — האָט אויסגערופנ א יאטל, אונ די ארומיקע האָבנ אויסגעשאָסנ א געלעכטער אונ זיכ צעלאָפנ. דער פארברוינטער יונג האָט מיטנ ארבל א וויש געטאָנ די צונג אונ זיכ צעלאכט:

— אנו, מאמזיידימ, פארוואָס שלאָפט איר ניט? צעגייט זיכ אהיימ.

— זאָגט אונדז אַפֿיער, כאַווער שלוימע, וווּהין איר פֿאָרט, וועלן מיר אוועקגיין.

— מיר פֿאָרן צו בערעקאָפּ.

— נאָך וואָס?

— נאָך לידלעך. פֿאַרשטאַנען? מאַרש פֿונדאַנען!

די יאַטלעך האָבן זיך נאָך שטאַרקער צעלאַכט, אַרומגערינגלט אים און גענומען טאַפּן זײַן באַגאַן.

— אָט האָסטו דיר, אַ נײַ שפּילכל. — האָט ער זיך ווי אַ בייזער געטאָן, — איך וועל אײַך בעסער אָפּשפּילן אויפֿן פֿידעלע, — ער האָט אַרויסגעריסן באַם פֿערד פֿון הריווע אַ האָר, גענומען איין עק אין די ציין, דעם צווייטן אין דער האַנט, אַ שפּיל געטאָן מיטן פֿינגער, די בעוורע האָבן זיך אויש געקאַטשעט פֿאַר געלעכטער.

— פֿעטער שלוימע, שפּילט נאָך אַ ביסל.

— וואָס זשע ווילט איר, איך זאָל אויסרײַסן אַלע האָר באַם פֿערד? ער וועט ווערן פּליכעוואַטע.

פֿון אַלע זײַטן זײַנען געגאַנגען צום פּלאַץ קאָלאָניסטן. מע האָט זיך געגריסט מיט שלוימען און מיט אומגעדולד געוואַרט, וואָס וועט ער זאָגן. ווען דער גאַנצער עולם איז שוין געווען אויף אָרט, האָט שלוימע אָוורוצקי אַלעמען אָפּגעמאָסטן מיט זײַנע פֿרײלעכע אויגן און אַ פֿרעג געטאָן:

— און ער ווו איז, אײַער פֿאָרעץ?

אַלע האָבן פֿאַרשטאַנען, וועמען ער מיינט, און איינער פֿון די יונגען, דער לאַנגער אַזריעל, וואָס איז געזעסן רײַטנדיק אויף אַ קליין פֿערדל און האָט קימאַט אָנגערירט מיט די פֿיס די ערד, האָט זיך שולדיקלעך אָנגערופֿן:

— שוין צוויי מאָל בין איך געפֿלויגן צו אוורום-עזרען. וואָס זשע, באַ מײַן שקאַפֿע זײַנען קאַזיאָנע פֿיס?

— וואָס זשע וואַרט ער, מע זאָל אים ברענגען מיט קלעזמער?

— ער זאָגט, אַז ער האָט נאָך ניט איבערגעביסן, און פֿאַרן עסן, זאָגט ער, גייט קיין טאַנץ ניט, ער זאָגט, אַז ס׳ברענט ניט.

— גיי זאָג אים, אַז ס׳ברענט יאָ! — האָט זיך אָנגעצונדן שלוימע, — גיי זאָג אים, אַז טאָמער וועט ער ניט קומען, וועל איך נאָך אים אַליין גיין. און זײַן נײַעם געניידעם ברענג אויך אַהער. ווי הייסט ער דאָרט?

— כאַצקל.

— כאַצקל? זאָל זײַן כאַצקל, אַבי **גיבער**.

— מיילע, איכ קאָנ צופאַרנ באַכאמאָל, — האָט זיכ אָנגערופנ דער באָבער. — אז איכ זאָג אימ, אווראָמ־עזרענ, אונ ער לאכט זיכ נאָר אויס פונ מיר.

— וואָס האָסטו אימ, אשטייגער, געזאָגט, אזריעל?

— וואָס הייסט וואָס? כ'האָב אימ געזאָגט, אז סע רופט אימ שלוימע אָווריצקי.

— וואָס זאָגסטו אימ שלוימע אָוורוצקי? שלוימע האָט בא אימ די בעהיימעס געפאשעט.

— וואָס זשע דענ זאָל איכ אימ זאָגנ?

— גיי זאָג דעמ פּאַרעצ, אז סע רופט אימ ניט שלוימע דער פּאַס־טעכ, נאָר דער פּאַרזיצער פונ „קאָמנעזאמ”, פאַרשטייסט?

— איכ האָב אימ געזאָגט, אז די וולאסט רופט אימ.

— אונ ער וואָס?

— אונ ער זאָגט, אז ער הערט אונדז, ווי די ראבע קאַצ.

— אונ דו וואָס האָסט אימ געזאָגט?

— וואָס האָב איכ אימ געזאָגט? וועסט דענ איבעררייד אזא פּיס־קאָטש? ער שיט, ווי פונ א לעכערדיקנ זאַק, אונ לאָזט קיינ וואָרט ניט אויסריידנ.

— אונ דו?

— אונ איכ? איכ האָב אימ ארויסגעשטעלט א פייג אונ געזאָגט, אז די סאָוועטסקע וולאסט וועט אימ קירצנ די יאָרנ.

— אונ מער גאָרניט?

— מער גאָרניט. ער האָט געזאָגט, טאָמער קומט מענ אימ נאָכ־אמאָל וועקנ, וועט ער מיט א דישל אונדז שפּאַלטנ די קעפּ.

שלוימע איז א רעגע געשטאַנענ, געטראַכט, נאָכדעמ ארויסגערופנ פונ אוילעמ נאָכ א פּאָר געזונטע יונגענ אונ געזאָגט צו זיי:

— כאַפּט זיכ צו מיט אזריעלנ. אונ אויב ער וועט זיכ בריקעווענ, אווראָמ־עזרע, זאָלט איר אימ געבנ צו פאַרשטיינ.

די כעוורע זיינענ אוועקגעריטנ. אינ עטלעכע מינוט ארומ האָט זיכ אהער דערטראָגנ א גרויסער טומל.

— וואָס איז? אָט א טייוול, א שטיקל טומל ער מאַכט עס. — אלע האָבנ זיכ אומרויק איינגעקוקט אינ יענער ריכטונג, ווו עס שטייט די גרויסע רייכע שטוב, אונ מע האָט דערזענ, ווי אווראָמ־עזרע צייטליכ גייט אינ איינע אונטערוועש, מיט דער לאַנגער שווארצער דעליע אויפ די אַקסלענ, מיט דער יאַרמולקע אויפנ געשוירענעמ קאָפּ: ער איז געווענ

צעטראָגנ אונ אינ קאָס, די העלע אראָפּגעלאָזטע וואָנצעס — צעשווי־ בערט, אונ דאָס קינדלעכדיקע, רויטלעכע פּאָנעם, די גרויסע וואַסערדיקע אויגנ — דערשראָקנ.

— וואָס טוט זיכ דאָ? ווו איז עס געהערט געוואָרנ אזא כאַזערײַ...

— אווראָם־עזרע, וואָס זשע, מיר האָבנ, מיינט איר, שאַמאַסימ? אז די וולאָסט רופט, דאַרפ מענ קומענ.

— אז איכ ווײס שוינ אלײנ ניט, ווער ס'איז די וולאָסט! א ליאַדע גאָרניט איז געוואָרנ א מאַכער. האָקלאָל, שלוימע, וואָס ווילסטו זאָגנ?

— נו, אונ נאָכ אײַער איידעמ, נאָכ כאַצקלענ, דאַרפ מענ אויכ שיקנ שאַמאָסימ? נײַע פּריצימ האָבנ זיכ אינ קאָלאָניע געיאַוועט, — האָט שלוימע אומצופרידנ א זאָג געטאָנ.

— ער איז קראַנק אונ קאָנ ניט קומענ, איכ וועל אימ איבערגעבנ.

— נו, מײַלע, מיר וועלנ אָנהייבנ, — שלוימע האָט זיכ אופגע־ הויבנ אפנ פּורל אונ, באַטראַכטנדיק דעמ עולעמ, געזאָגט:

— כאַווײרימ אונ בירגער! וואָס איז דאָ לאַנג צו ריידנ, די וולאָסט אונדזערע שטעלט זיכ פעסט אפ די פיס. נאָר דער באַראָנ ווראַנגעל איז געבליבנ שטעקנ אינ קרימ מיט דער גאַנצער קאָנטרע־ וואָליוציע, וואָס מיר האָבנ פונ אומעטומ פאַרטריבנ. נאָכ איינ רעכטנ יעצ אונ מיר וועלנ דערטרינקענ ווראַנגעלנ אינ יאַמ, אניט וועט ער אונדז נעמענ פאַרנ גאָרגל. אונטער פּערעקאָפּ וואַרטנ אפ אונדז אונדזערע ברידער רויטאַרמייער. ווער ס'איז געווענ אפנ פראָנט, דער ווייסט, אז אָנ ברויט אונ פלייש איז די מילכאָמע קיינ מילכאָמע ניט, אונ דער סאָלדאַט — קיינ סאָלדאַט ניט. די קאָלאָניעס האָבנ זיכ צונויפ־ גערעדט אונ צונויפגענומענ פאַר דער רויטער ארמיי ברויט, גרויפּנ, פלייש, צונויפגעקליבנ א ביסל פערד אונ וועגענער. עס גייענ פרײַוויליק אונדזערע בעסטע יונגענ זיכ שלאָגנ פאַר דער וולאַסט... ווער עס האָט א האַרצ, זאָל געבנ, וואָס ער קאָנ, ווערמענ ס'איז טײַער אונדזער נײַע מעלוכע, זאָל גיינ מיט אונדז!

— איז נאָכ דעמ האָסטו מיכ, שלוימע, געשיקט רופנ? ווילסט מיכ עפּשער מאַכנ פאַר א סאָלדאַט?

— פונ אײַכ ווילנ מיר נאָר אײנס — ברויט אונ פערד.

— וואָס זשע, ס'איז בא מיר א פערד־זאַוואָד? צאָרעס האָב איכ, ניט קיינ פערד. אונ ווו זאָל איכ אײַכ נעמענ ברויט? ס'איז דענ הײַנטיקס יאָר געראָטנ?

— זאָל ער געבן דאָס ברויט, וואָס ער האָט אין דער ערד פאַרגראָבן. א ראַכמאָנעס אף אים, נעבעך.

— מע דאַרף פאַר אים צונויפנעמען.

— ברויט וועל איך געבן א פּאָר זעקלעך. נאָר פערד? שיסט מיך, האָב איך ניט.

עס האָט זיך אופגעהויבן א טומל. דער עוילעם האָט זיך צוגערוקט נענטער צו שלוימען, און ער האָט גענומען פאַרשרײַבן, וואָס יעדערער גיט. עטלעכע יונגע זינען צוגעגאַנגען און געבעטן, ער זאָל זיי נעמען מיט זיך, אפן פראָנט.

שמיניע איז געשטאַנען מיט ריזלען א ביסל אין דער זײַט. מיטןאַמאָל האָט ער זי אָנגענומען בא דער האַנט און א זאָג געטאָן:

— ריזל, איך גיי מיט זיי.

— ביסט משוגע? — האָט זי דערשראָקן אים אָנגעקוקט, — קאַרג זיך אויסגעוואַלגערט אין די אָקאָפּעס? זאָלן גיין די יונגערע.

— נישקאָשע, ריזל, פאַר א געשלאָגענעם סאָלדאַט גיט מען צוועק ניט קיין געשלאָגענע, — האָט שמיניע זי א גלעט געטאָן איבערן קאָפּ און איז צוגעגאַנגען צו שלוימען.

שלוימע האָט אים א קלאַפּ געטאָן איבער דער פּלייצע און זיך אָנגערופן:

— מאָלאָדיעץ, שמיניע, מיר וועלן נאָך א ביסל א וואָיעווע טאָן. דערפאַר וועלן מיר שוין אף דער עלטער רויק זיצן אפן אויוון.

צווישן עוילעם איז געוואָרן א גערודער. מע האָט אָנגעהויבן צונויפטראָגן צו די וועגענער זעקלעך ברויט, קאַרטאָפל, א טייל איז זיך צעגאַנגען אהיים גרייטן זיך אין וועג אַרײַן, נאָר איין אווראָם-עזרע איז געשטאַנען, ווי ניט אים מיינט מען.

— איז וואָס זשע, מוסיע צייטלין, מיר האָבן דאָך קיין צײַט ניט.

— וואָס ווילסטו פון מײַנע יאָרן, שלוימע, נעם א כאַלעפּ און שנײַד מיר איבער דעם האַלדז, איך האָב ניט קיין פערד.

— זעט, איר זאָלט קיין כאַראָטע ניט האָבן, — האָט זיך צעשריִען שלוימע. — איך נעם עס ניט פאַר־מײַנעטוועגן, נאָר צוליב די, וואָס גייען בלוט פאַרגיסן פאַרן לאַנד.

דער אַלטער האָט אין דער באַגלייטונג פון א פּאָר יונגען זיך געלאָזט גיין צו דער שטוב. ער איז געגאַנגען פאַמעלעך, געפּלאָנטערט מיט די פיס, געקרעכצט און געשאָלטן די גאַנצע וועלט. עפּעס האָט ער אָפּגעצויגן יעדע רגע, ווי ער וואָלט געוואַרט אף א נס.

מיטאמאָל האָבנ עטלעכע יונגלעך זיך צעשריענ, טײַטלענדיק מיט די פינגער צומ סטעפּ:

— פּעטער שלוימע, ער אנטלויפט מיט די פערד.

— ווער?

— כאַצקל! אָט פליט ער אינ סטעפּ מיט די פערד, איר זעט?

שלוימע מיט נאָך עטלעכע יונגענ האָבנ זיך שנעל אופגעזעצט רײַטנדיק אונ אוועקגעיאָגט אינ סטעפּ, נאָך כאַצקלענ.

שמײַע האָט א ווײַלע נאָכגעקוקט נאָכנ געיעג אונ זיך אוועקגע־לאָזט מיט רייזלענ אהיימ. אָנגעטאָנ דאָס סאָלדאטישע היטל, דאָס אָפּ־געבליאַקעוועטע העמדל, גענומענ דעמ שינעל, דאָס רענצל, וואָס איז שוינ אויסגעווענ מיט אימ, ווו די וועלט האָט אנ עק, האָט ער זיך אומגעקוקט אפ רייזלענ אונ דערזענ, אז יענע זיצט באַמ פענצטער א פאַרוויינטע אונ נעמט ניט אראָפּ פונ אימ קיינ אויג.

— וואָס איז מיט דיר, רייזל? באטראכט נאָר, וואָס דו טוסט, — האָט שמײַע מיט הארציקנ פאָרוואורפ א זאָג געטאָנ. ער איז צוגעגאנגענ צו איר אינ צערטלעך זי ארומגענומענ: — זײַ ניט קיינ נארעלע. ווײַ־בער, ווײַבער, איר זײַט געראָטנ איינס אינ דאָס אנדערע, ווי איינ מאמע וואָלט אײַך געהאט.

— אָט, דו הייבסט שוינ אָנ דײַנע שטיק? דער סאָלדאט האָט זיך שוינ אינ אימ צערעדט. גייסט פונ מיר אוועק, קאָנסטו מיר אויך ניט זאָגנ א פּאָר ווערטער אָנ א געלעכטער.

— ווער גייט אוועק פונ דיר? איך? זאָל יענער אײַנעמענ א מיסע־משונה, ווער עס וויל אוועקגיינ פונ אזא טײַער ווײַבל. איך וועל זיך איינגיכנ אומקערנ.

— זאָל גאָט העלפנ, נאָר איך ווייס, אינ וואָס פאַר א פײַער דו גייסט. זע, זאָלסט זיך כאָטש היטנ.

— אײַ, רייזל, עפּעס הייב איך דיך ניט אָנ צו פאַרשטיינ. די ארבעט אפנ פעלד האָבנ מיר שוינ געענדיקט, קיינ דעכער זע איך עפּעס ניט, מע זאָל דארפנ פאַריכטנ, איז שטעל זיך פאָר, אז איך בינ אוועקגעגאנגענ אפנ אָסיענ זוכנ עפּעס ארבעט אינ שטאָט, זיך א ביסל דורכפאָרנ א קוק טאָנ אפ דער וועלט.

— אונ פאַרוואָס רירנ זיך ניט פונעמ אָרט די צייטלינס, כאַצקל?

— דאָס, מײַנ טײַערע, איז שוינ גאָר אנ אנדער זאך. איך גיי זיך שלאָגנ פאַר מײַנ וולאסט, אונ שלאָגנ וועל איך זייער וולאסט. שמײַע איז אזא מענטש, וואָס וויל אָפּלעבנ זײַנ לעבנ, קיינער זאָל אימ ניט

קאָנען אופוואַרפן, אַז עמעצער האָט פאַר איִם בלוט פאַרגאָסן. איך בין שוין ניט קיין יונגעלע, איך זאָל מיך איצט לערנען אַנדערש...

— וואָס רעדסטו? איך זאָג דיר דען כאָלילע עפּעס אַנדערש? איך זאָג, ס׳איז מיר ביטער און פינצטער פאַרבליבן אָן דיר. איך האָב אַליין ניט ליב קיין פּאַסקודניאַקעס.

— אַט! דאָס הער איך רייד. נאָר ניט געזאָרגט, און מע דאַרף ניט וויינען, סאָלדאַטקע מײַנע.

— ס׳איז דיר גרינג צו זאָגן „מע דאַרף ניט וויינען“.

— איז אויב אַזוי, וויין זיך אויס דאָ אין שטוב, און אַז דו וועסט מיט מיר אַרויסגיין צו מענטשן, זאָלסטו זיך האַלטן, ווי א סאָלדאַט. און די אויגן זאָלן זײַן טרוקן.

— נו, אַבי זאָלסט זיך נאָר אומקערן געזונטערהייט. דו דאַרפסט לעבן צוליב מיר און צוליב דײַנע קינדער און צוליב דעם, וואָס איך וועל דיר געבאָרן.

שמײַע האָט זי אַרומגענומען, צוגעדריקט צו זיך און דערפילט, ווי אונטערן האַרצן האָט זיך בא איר א שטויס געטאָן א נײַ לעבן.

— וועגן דעם, שמײַע, האָסטו, ווײַזט אויס, פאַרגעסן, — האָט זי שטיל צוגעטענהט.

— ניין, איך האָב ניט פאַרגעסן, — האָט שמײַע געענטפערט, און זײַן פּאָנעם איז טרויעריק געוואָרן, ער האָט איר נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר די כעווריע האָבן שוין געשריען, ער זאָל גיין גיכער, מע וואַרט אויף איִם.

ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען מיט רייזלען אויפן פּלאַץ, זײַנען אַלע געווען גרייט, די וועגענער זײַנען שוין געווען אָנגעלאָדן, מע האָט זיך שוין צעזעגנט מיט די אייגענע, מיט די פרײַנט. דער פּלאַץ האָט גע-ווימלט מיט מענטשן — ווײַבער, מיידלעך, קינדער. כעוורע מיט קליי-מעקלעך אויף די פּלייצעס זײַנען שוין געשטאַנען אַרום די פורלעך, און שלוימע אָוורוצקי האָט אויסגערופן זייערע נעמען.

ווען מע האָט דערזען שמײַען מיט רייזלען, זײַנען אַלע אַנשווייגן געוואָרן. ער איז געווען עלטער פון אַלע, וואָס האָבן זיך פאַרשריבן אויפן פראָנט. די יונגע זײַנען געווען אָנגעטאָן ווער וואָס סע האָט געהאַט, — ווער אין א רעקל, ווער אין א דאָרפישער סוויטקע, ווער אין א העמדל, ווער מיט שקראַבעס אויף די פיס, און ווער באָרוועס, נאָר ער, שמײַע גאַזלען, איז אַרוים אין זײַן שינעל, דאָס היטל מיט דער פּליאַמע פון דער קאָקאַרדע עטוואָס אויף א זײַט, די טונקעלע וואָנ-

צעס וווילינגעריש צוגעקעמט, — אזוי האָט ער געהאט דעמ אָנבליק פונ אנ עמעסנ זעלנער.

אפ אלע וועגעלעכ האָט מענ זיכ אָנגעהויבנ פאנאנדערוקנ, גע־מאכט פאר אימ אנ אָרט, געבעטנ זיכ זעצנ, נאָר שמיִע איז א ווײַלע געשטאנענ אונ מיט א שמייכעלע אָנגעקוקט די בעוורע אפ די פורנ. אומ־צופרידנ א שאָקל געטאָנ מיטנ קאָפ, האָט ער אויסגעשפיגנ דאָס שטיקל ציגאַר פונ די ציינ אונ אויסגעשריענ:

— עפשער וועט איר אראָפקריכנ פונ די וועגענער? וואָס זײַט איר, סאָלדאטנ, צי מעכוטאָנים, וואָס פאָרנ אפ א כאסענע?

די בעוורע האָבנ זיכ צעלאכט אונ, אפ זיי קוקנדיק, אויכ דער ארומיקער אוילעמ. מע האָט אָנגעהויבנ אראָפקריכנ פונ די וועגענער, אונ שמיִע האָט דערלאנגט א קאָמאנדע:

— סטאנאָוויס! ראווניִיס!

די בעוורע האָבנ זיכ אוועקגעשטעלט. אנדערע האָבנ ניט געקאָנט געפינענ קיינ אָרט, אונ צווישנ אוילעמ האָט זיכ דערהערט א גוט־מוטיקער געלעכטער.

— סמירנאָ! — האָט שמיִע איבערגעשריענ דעמ טומל, — נישקאָשע, איכ וועל אײַכ אויסמושטערנ, ס'איז א כארפע צו קומענ אינ פאָלק, אז מע ווייסט ניט פונדאנענ אהער!

— נעמ זיי אינ דער ארבעט, שמיִע, נעמ זיי! — האָט זיכ אָנגע־רופנ שלוימע אָורוצקי, — מע דארפ זיי א ביסל צולערנענ.

נאָכ האלבנ טאָג איז אלצ געווענ גרייט, אונ א עטלעכע צענדליק פרײַוויליקע רויטארמייער אונ היגטער זיי די קאָלאָניסטנ מיטנ אָבאָז האָבנ זיכ געלאָזט מיטנ שליאכ אפ קאכאָווקע. קינד־אונ־קייט האָט זיי באגלייט אינ וועג.

בא דער זײַט פונעמ שליאכ, מיט דער סטעזשקע, וואָס האָט זיכ געשלענגלט אינ דער הויכער סטערניע, איז געגאנגענ שמיִע, אונ רייזל האָט אימ געהאלטנ אונטער דער האנט. זי האָט אָנגערוקט דעמ שאל איבער די אויגנ, ער זאָל ניט זענ אירע טרערנ, זי איז געגאנגענ מיט אנ אראָפגעלאָזטנ קאָפ אונ ניט געוווסט, וויאזוי זי וועט זיכ שיידנ. עס האָט זיכ איר ניט געגלייבט, אז ער וועט באלד פונ איר אוועקגייג, אונ ווער ווייסט, צי וועט זי נאָכ אמאָל הערנ זײַנ הארציק וואָרט, זײַנ קלוגנ וויצ, זײַנ שמייכל, וואָס העלפט פונ אלע צאָרעס ווי א גוטע רעפועָ. דאָ דערבײַ זײַנענ געלאָפנ אירע צוויי שווארצע ציגעלעכ. זיי האָבנ זיכ גאָר ניט געקאָנט זאט אָנקוקנ אינ זייער פעטער, וואָס איז איצט נאָכ מער אויסגעוואקסנ אינ זייערע אויגנ.

— איר זאָלט אונדז ברענגענ פונ דער מילכאָמע שיינע מאַטאַנעס!— האָט זיכ אָנגערופנ דאָס קלענערע יינגל.

— וואָס, אשטיינער, ווילסטו, זאָל איכ דיר ברענגענ?

— איר זאָלט מיר ברענגענ א ביקס אונ א סאַכ הילזעס.

— אפ קאַפּאָרעס, קינדער, דאַרפט איר האָבנ די ביקס, — האָט שמעיע געזאָגט, ארומנעמענדיק די יינגלעכ, — לאָמיכ שוינ בעסער אַפּוואָיעווענ פאַר אײַכ אויכ, אונ א סאָפּ, זאָל שוינ ווערנ א פּאָראַדעק אפ דער וועלט. א פאַסקודנע זאַכ א מילכאָמע.

באַם בריק האָט שלויכע אָוורוצקי אָפּגעשטעלט די פורנ אונ געזאָגט צו די באַגלייטער:

— א שיינעם דאַנק אײַכ, מײַנע טײַערע, נאָר איצט קערט זיכ אום אהיימ, מירנ שוינ ווײַטער אלייג געפינענ דעם וועג. געזעגנט זיכ.

אינ עטלעכע מינוט ארום האָט דער אַבאָז זיכ גערירט פונעם אָרט, נאָר שמעיע האָט זיכ נאָכ א ביסל פאַרהאַלטנ מיט רייזלענ. זיי זײַנענ געשטאַנענ לעבנ בריק, אָנגעשפּאַרט אינ דער פּאַרענטשע, אונ געקוקט אפנ לויטערנ וואַסער פונעמ אינגוליעצ, אפנ נידעריקנ רוישיקנ טשערעט.

— נו, האָדיע, ווײַנ ניט, טײַערע, — האָט ער ארומגענומענ רייזלענ. — מיר וועלנ נאָכ דערלעבנ, אז אלע סאָנימ וועלנ פּלאַצנ. היט זיכ אָפּ אונ היט די קינדער. זאָלסט מיר האָבנ א גוטנ זונ, — ער האָט זיכ מיט איר צעקושט אונ איז אוועק.

שמעיע האָט געשפּרײַזט מיט א ברייטנ טראָט, ניט ארומקוקנדיק זיכ אינ די זײַטנ. ער האָט זיכ מער ניט געוואָלט באַגעגענענ איצט מיט רייזלס פאַרוויינטנ בליק. קעגנ דעמ אייגענעמ ווילנ האָט ער זיכ אָפּגעשטעלט אפ אײנ רעגע אונ זיכ אומגעקוקט צום בריק, ווו עס זײַנענ נאָכ געשטאַנענ מענטשנ. ער האָט דערזענ פונדערווײַטנס רייזלענ. זי האָט געפאָכעט מיטנ טיכעלע, אונ דאָס ווינטל האָט געשויבערט אירע האָר, געפּאָלדעוועט איר שאַל, דאָס לײַכטע קלייד. ער האָט דערפילט, ווי טרערנ האָבנ אימ גענומענ שטיקנ אינ האַלדז. ער האָט אראָפּגענומענ דאָס היטל, א פאָכע געטאָנ מיט דעמ אינ דער לופטנ אונ מיט גיכע טריט אוועקגעלאָזט זיכ אָניאָגנ די כעוורע.

— וואָס איז דאָס פאַר א שטיק, כעוורע, עס טוענ אײַכ שוינ ווייי די פּיסנאָהעס? — האָט ער א געשריי געטאָנ אפ די באָכערימ, וואָס האָבנ זיכ אָנגעהאַלטנ בא די וועגענער.

— וואָס זשע, שמעיע, מע טאָר ניט?

— אונ ווי האָט איר געמיינט, וואָיאַקעס! — האָט שמעיע זיכ קלוימערשט צעבייזערט, — א רוסישער סאָלדאַט אינ פּאָכאָד טאָר זיכ

ניט נאכגעבנ. ס'מעג דונערנ אונ בליצנ, צעשיידט זיכ ניט דער רוסישער סאלדאט מיט דער סקאטקע, מיט דער לאפעטע, מיטנ ראנעצ, מיט דער ביקס. אלצ קומט צוניצ. וואס זיינענ מיר עפעס — ענגלישע סאלדאטיקלעכ, וואס שפאצירנ אפ דער מילכאמע אינ קורצע הייזלעכ אדער אינ קליידלעכ מיט סאטינענע ליפטשיקעס!

כעוורע האבנ זיכ צעלאכט. אינ דער קאלאנע איז געווארנ פריילעכער. אציננד זיינענ זיי געגאנגענ דורכ סטעפעס, פארשלאגענע מיט פיריי, פאלינ אונ בודיאקעס, סטעפעס פארלאזטע, ניט געזייטע. סוסליקעס האבנ אויסגעצויגנ די העלדזלעכ, א רגע זיכ איינגעהערט אינעמ גערודער אונ זיכ צעלאפנ אינ זייערע לעכער. כעוורע קאלאניסטנ האבנ געקוקט אפנ פוסטנ סטעפ אונ זיכ פארטראכט.

— וואס איז דאס, קינדער? מע האט, דאכט זיכ, אראפגעלאזט די נעזער? — האט שמייע איבערגעריסנ די שטילקייט, — אנו, דערלאנגט נאר א ליד, אז דער הימל זאל זיכ שפאלטנ!

אונ ער האט אנגעהויבנ מיט זיינ ברוסטיקער, ניט הויכער, נאר אנגענעמער שטימ זינגענ דאס אלטע סאלדאטישע ליד וועגנ קאזאק, וואס איז אוועק אפ דער מילכאמע אונ די קאלע האט אימ געשענקט א טיכל. שלוימע אורוצקי האט אונטערגעכאפט דאס ליד, אונ גלייכ האבנ אויכ די איבעריקע גענומענ נאכזינגענ אונ אופגעריודערט דעמ פוסטנ, אומעטיקנ סטעפ, אונ ווער ס'האט ניט געקאנט די ווערטער, האט געזונגענ דעמ ניגנ, אונ מיטאמאל איז עפעס גרינגער געווארנ צו גיינ, אונ דער אומרו האט גענומענ אפטרעטנ.

דער קאמאנדארמ אונ דער בלעכער

— ביז הייניטיקנ טאג האב איכ ניט געוווסט, פונוואנענ נעמט זיכ דאס ווערטל: „אפגעטאנ אפ טערקיש”, — האט זיכ אנגערופנ דער בלעכער צו די רויטארמייער, וועלכע זיינענ געגאנגענ מידע אונ פארשטויבטע, אנהאלטנדיק זיכ בײַ דער בעדארקע, אפ וועלכער ס'איז געשטאנענ א קוילנווארפער מיט פולע קעסטלעכ פאטראנעס, — מע שטעלט פאר דיר אוועק א טערקישנ וואל, וואס קיינ רועכ קאנ אימ ניט נעמענ, פונ יענער זייט באזעצט זיכ דער שווארציאר, ווראנגעל, האגלט מיט סנאריאדנ אונ קוילנ, אונ גיי זיי א בעריע דערקלייב זיכ צו אימ.

— וואס זשע מיינסטו, מע וועט זיכ צו אימ ניט דערקלייבנ? —

האָט א זאָג געטאָנ מיט זײַנ הייזעריקלעכער שטימ דער ראָטנער קאָמאנדיר דובראווינ, א הויכער באָכער מיט צוויי גרויסע גרינע אויגנ אונ א פלאקסענער קוטשמע, וואָס קריכט אימ די גאנצע צײַט ארויס פונ אונטערנ קורצנ, גרינעמ דאשעק, — נאָכ עטלעכע טעג, אונ ער וועט ברעכנ דעמ קאָפּ, דער פארקויפטער הונט, וואָס וויל אונדזער מעלוכע דערווערגנ. די טעג וועט מענ אימ געבנ אינ די ציינ, פארשטאנענ? אָט!

— אונ פונוואנענ ווייסטו עס, כאווער ראָטנער? — האָט עמעצער א פרעג געגעבנ.

דער ראָטנער האָט זיכ ארומגעקוקט אונ אָנגעבויגנ זיכ צו זײַנע סאָלדאטנ, ווי ער וואָלט זיי וועלנ פארטרויענ א סאָד:

— דער קאָמאנדארמ אליינ קומט, מיכאיל וואסיליעוויטש פרונזע. ער וועט אליינ קאָמאנדעווענ מיט דער שלאכט. פארשטאנענ? אָט... לענינ האָט אימ געשיקט אהער. וואָס זשע, וויפל קאָנ זיכ ציענ דער קריג! דאָס פאָלק בידעוועט, אונ מע דארפ א סאָפ מאכנ צו וראנגעלנ מיט דער גאנצער אנטאנטע, פארשטאנענ? מיכאיל וואסיליעוויטש וועט אימ ווײַזנ, דעמ טײַוול.

די רויטארמייער האָבנ זיכ אײַנגעהערט אינ די רייד פונ זייער יונגנ ראָטנעמ. ווענ דער וועג איז א שווערער, אונ דער אוילעמ איז מיד, גייט ער שטענדיק אומבאמערקט צו צו די שוואכערע אונ אויסגעמאטערטע אונ פארפירט מיט זיי א שמועס. דעמלט פארגעסנ זיי אינ דער מידקײַט אונ עס ווערט, דאכט זיכ, גרינגער צו גיינ.

— מיכאיל וואסיליעוויטש וועט קומענ... א סימענ, אז עס וועט זיכ גיכ אָנהייבנ.

— דו האָסט אימ אמאָל געזענ? — האָט שמײַע א פרעג געטאָנ באמ קאָמאנדיר.

— וואָס זשע, איכ האָב אימ ניט געזענ? ער איז דאָכ אנ אונדזעריקער, אנ איוואנאָוואָ־וואָזנעסענסקער. פארשטאנענ? אָט. דאָס איז א מענטש — א גאָלדענע נעשאָמע! א גרויסער באָלשעוויק! אינ אַלע טורמעס אויסגעזעסנ, אפ קאטאָרגע געווענ. דער קייסער האָט באפוילנ אימ אויפהענגענ, איז ער אנטלאָפנ פונ דער טורמע. דאָס צווייטע מאָל האָט מענ אימ פארמישפּעט צומ שיסנ — האָט ער זיכ ווידער פונעמ טויט געראטעוועט. אזעלכע מענטשנ דארפ מענ זוכנ מיט ליכט, פארשטאנענ? ער האָט זיכ געשלאָגנ אינ די אָרענבורגער סטעפּעס אונ אינ באשקיריע. איכ האָב זיכ דאָרט אויכ געשלאָגנ מיט אימ צוזאמענ.

די סאָלדאטנ האָבנ ניט באמערקט, ווי ס'האָט גענומענ צופאלנ

די נאכט. פֿון סטעפּ האָט אָנגעהויבן בלאָזן א קאַלטער ווינט, וואָס האָט דורכגענומען אַף דורך און דורך.

ס׳איז שוין געווען גוט פֿינצטער, ווען מע האָט זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן סטעפּ אַף אָפּרו. דער פּאָלק האָט זיך גענומען איינאָרדענען ניט ווייט פֿונעם שליאַך. מע האָט צונויפֿגעשטעלט די ביקסן אין פּי־ראַמידעס און אָנגעצונדן שייטערס. שמיִע איז אַראָפּגעשפּרונגען פֿון זײַן פֿערד, אויסגעשפּאַנט דאָס פֿערד, פֿאַרפֿענטעט דעם די פֿיס און מיט א שטויס געטאָן אין רוקן:

— איצט, ברודער־לעבן, קאָנסטו טאָן, וואָס דײַן הארץ גלוסט, ווּעסטו געפֿינען א ביסל גראָז, איז דאָס דײַנס, עלע ניט, זאָלסטו אַף מיר קיין פֿאַריבל ניט האָבן.

דאָס פֿערד איז אוועקגעשפּרונגען איבערן האַרטן סטעפּ, וואָס איז שוין געווען פֿאַרקאָוועט פֿונעם ערשטן פֿרעסטל. רויטאַרמייער האָבן זיך ווער צונויפֿגעהרודעט אַרום די שײַטערס, ווער אַרומגעגאַנגען הין און צוריק, קלאַפּנדיק א פֿוס אין א פֿוס.

שמיִע, א פֿאַרפֿרוירענער, א צונויפֿגעקאָרטשעטער אינעם שינעל, האָט זיך צוגעשאַרט צו א ווײַטן שײַטער, וווּ עטלעכע סאָלדאַטן האָבן אוועקגעשטעלט קאָכן א קעסעלע טיי. ער האָט זיך צוגערוקט צום פֿײַער און גענומען וואַרעמען די פֿאַרקאַליעטע פֿינגער.

— א מעשוגענע קעלט. סע באַשלאָגט אַזש דער ציגײַנער־שער שוויים. — האָט זיך אָנגערופֿן שמיִע.

— ס׳וועט דיר איינגיכן ווערן הייס, — האָט זיך עמעצער פֿון דער פֿינצטער אָנגערופֿן, — דאַרטן, בא פּערעקאָפּ, וועלן מיר זיך אַלע דער־וואַרעמען, אַזש די טשובעס וועלן שוויצן.

שמיִע האָט דערהערט א קענטלעכע שטים און זיך אײַנגעקוקט אין דער פֿינצטער. אַף א פּורל איז געזעסן א רויטאַרמייער, אײַנגע־דרייט אין א שינעל. שמיִע איז צוגעגאַנגען און דערקענט שלוימע אָורוויצקין. מע האָט זיך אייגנס מיטן אַנדערן דערפֿרייט, ווי מע זאָל זיך ניט געווען זען גאַנצע צען יאָר, כאָטש די עטלעכע וואָכן, וואָס זיי זײַנען געווען צעשיידט, זײַנען טאַקע געווען גלײַך צו יאָרן. אין פֿאַרשיידענע, אָבער שבייגעסדיקע פּאָלקן האָבן זיי ביידע דורכגעמאַכט גרויסע, בלוטיקע שלאַכטן אונטער קאַכאָווקע.

— נו, שלוימע, מע לעבט נאָך, הייסט עס!

— דערווײַל לעבט מען, און וואָס וועט מאָרגן זײַן, וועלן מיר מאָרגן זען.

— דו האָסט קיינעם ניט באַגעגנט פֿון אונדזערע כעוורע?

— באַגעגנט, אָבער דאָס איז נאָכ געווענ פאַר די שלאַכטנ, — האָט זיכ אָנגערופנ שלוימע אונ ארויסגעשלעפּט א שטיקל צײַטונג מיט א קעסטעלע מאַכאָרקע, קעדיי מעכאַבעד צו זײַנ דעמ לאַנדסמאַנ מיט א ביסל רויכ. — אונ דו האָסט אויכ קײנעמ ניט באַגעגנט?

— באַגעגנט אײַזיקנ, לייזערנ, מוישע בערדיטשעווסקי האָב איכ געזענ, ווי מע האָט אימ געפירט א שווער פאַרווונדעטנ אינ שפּיטאָל, צי לעבט ער נאָכ? מיט מיר אינ איינ ראָטע איז געווענ ארנ שערמאַנ, ער איז דערהאַרגעט געוואָרנ. — האָט שמײַע א זאָג געטאָנ מיט א געפאַלענער שטימ, זיכ ארופגעזעצט לעבנ שלוימענ אויפנ פורל אונ זיכ צוגעטוליעט צו אימ.

— ארנ שערמאַנ? א שאָד, א טײַערער באָכער.

— נו, וואָס קאָנ מענ מאַכנ, א באָכער איז ער געווענ א הייסער, נאָר א גרינגער סאָלדאַט, — האָט שמײַע פאַרדראָסיק א מאַכ געטאָנ מיט דער האַנט אונ זיכ פאַרצויגנ מיטנ ציגאַר, — זאָג נאָר, אפּ אײַנ זײַנענ אויכ געגאַנגענע טאַנקענ? ווער האָט זיי אויסגעטראַכט? מע זאָגט, אַז די ענגלענדער האָבנ עס צוגעשיקט ווראַנגעלנ א מאַטאָנע אָט די טאַנקענ. פאַרשטייסט. צוויי אַזעלכע בערג האָבנ גענומענ פויזענ צו אונדזערע אָקאָפּעס, איז אונדז אַלעמענ אַוואַדע געוואָרנ קאַלעמוטנע אינ בויכ. איכ ווייס ניט, דו האָסט זיי געזענ? זיי וואַרפנ אָנ אַנ אימע, די מאַשינעס. אַזאַ כײַע ווערט דיר אָנטרעטנ אויפנ פוס, קאָנ דיר אויסוואַקסנ א מאָזאָל. א טאַנק האָט זיכ אָפּגעשטעלט לעבנ שערמאַנס אָקאָפּ, האָט דער באָכער א וואָרפ געטאָנ אינ אימ די לעצטע גראַנאַטע, אונ אַז סע האָט ניט געהאָלפנ, האָט ער זיכ א הייב געטאָנ אונ זיכ געלאָזט מיט דער ביקס צומ טאַנק, אונ טאַקע ניט ווײַט פונ אימ דערהאַרגעט געוואָרנ. א ווילער יונג, זאָל ער דאָרט האָבנ א ליכטיקנ גאַנעידנ.

אַלע סאָלדאַטנ, וואָס זײַנענ געשטאַנענ לעבנ פורל אונ באַמ נאָענטנ שײַטער, זײַנענ צוגעגאַנגענ הערנ, וואָס סע דערציילט דער אומבאַקאַנטער סאָלדאַט. מע האָט זיכ אינ אימ אײַנגעקוקט אונ געשאָקלט פאַרדײַגעט מיט די קעפּ:

— הע, ווענ נאָר ווראַנגעל שטייט אינ קרימ, וואָלטנ מיר אימ שוינ לאַנג דערטרונקענ אינ יאַמ, דאָרטנ שטייט אָבער דער ענגלענדער מיטנ פראַנצויז... א האַלבע וועלט.

— נישקאָשע, זיי וועלנ גיכ האָבנ די מאַפּאָלע, — האָט זיכ אָנגערופנ שמײַע.

— פונוואַנענ ווייסטו?

— פרונזע אַלייִנ איז אהער געקומענ.

— ווער האָט דיר געזאָגט?

— וואָס הייסט, ווער? דער ראָטנער דובראווינ האָט געזאָגט.

— אונ פונוואַנענ ווייסט ער?

— ער איז פרונזעס א זעמליאַק.

— בודיאָני אונ וואָראָשילאָוו גייענ אויכ אהער. ס׳וועט ווערנ יאָמטעוו.

דער האָרניסט האָט אָנגעזאָגט, מע זאָל זיכ אופהייבנ אינ וועג אריינ, אונ ס׳איז געוואָרנ א גערודער.

שמינע האָט אריינגעשטעקט שלוימענ די האנט, אים צוגעווונטשנ, מע זאָל זיכ דערלעבנ זענ נאָכ דער שלאכט געזונט אונ מיט אלע אייווערימ, אונ איז אוועקגעלאָפנ צו זיינ פערדל, וואָס איז שוינ געשטאַנענ גרייט באמ שליאכ. פונ אלע זייטנ האָבנ זיכ געהערט אויסגעשרייענ, קאָמאנדעס, הירזשערײַ פונ פערד. אינ אלע עקנ האָבנ דערברענט פארלאָזטע שײַטערס. מיטנ שליאכ איז געגאַנגענ די קאוואלעריע, אונ דאָס קלאפנ אונ טראסקענ פונ די פידקאָוועס האָט פארטויבט דעמ געפילדער. עס האָבנ זיכ דורכגעטראָגנ מיט א גרויסנ טומל פאנצעראווטאָמאָבילנ אונ אָפגעסאמט די קאלטע לופט מיטנ שארפנ רייעכ פונ בענזינ. פארביי האָבנ זיכ שווער דורכגעקײַקלט מעשונעדיק-גרויסע הארמאטנ, וואָס אזעלכע האָבנ נאָכ די סאָלדאטנ קיינמאָל ניט געזענ. דאָס הארצ האָט זיכ געפרייט, צוזעענדיק, וואָס פאר א גרויסער קויעכ עס גייט, אונ ס׳איז אלעמענ געוואָרנ פרייִלעכער אפ דער נעשאָמע.

ווענ דער באגינענ האָט א ווונק געטאָנ, האָט זיכ אינ הימל דערהערט א גערויש פונ א מאָטאָר. עס האָט זיכ באוויזנ אנ עראָפלאנ מיט רויטע שטערנס אפ די פליגל. עס האָט זיכ א שאָט געטאָנ פלוגבלעטלעכ — דאָס האָט זיכ דער קאָמאנדארמ געווענדעט צו די פאָלקנ, מע זאָל דערלאנגענ וראנגעלנ דעמ לעצטנ קלאפ, אימ אראָפווארפנ אינ שווארצנ יאמ.

רויטארמייער האָבנ געכאפט די פלוגבלעטלעכ, גייענדיק, זיי געלייענט, אונ דערנאָכ באהאלטנ, ווי א טאליסמאנ, אינ קעשענע.

דער ראָטנער דובראווינ האָט געשײַנט, ער האָט געטראָגנ אינ דער האנט עטלעכע בלעטלעכ אונ געשמייכלט צו זײַנע סאָלדאטנ, ווי אייגנער רעדט: „נו, וואָס האָב איכ אײַכ געזאָגט?”

דעמ גאנצנ טאָג אונ א שטיק אפדערנאכט איז מענ געגאַנגענ. אָפגעשטעלט האָט מענ זיכ אינ א פארברענטנ דאָרפ. ווײַטער איז געווענ דער סיוואש, דער טערקישער וואל, וראנגעל, שלאכט. סאָלדאטנ

האָבנ זיכ גענומענ אײַנאָרדענענ אפ נאַכטלעגער, יעדערער פאַרטאָג אינ זײַנע מאכשאָוועס.

נאָר אָט איז ווידער געוואָרנ טומלדיק. דער ראָטנער דובראַווינ האָט פונ ערגעצ געבראַכט א פעקל מיט מאַטאָנעס, וואָס עס האָבנ צוגעשיקט אפנ פראָנט די אַרבעטער פונ מאָסקווע און לענינגראַד, פונ קיִעוו און כאַרקאָוו. ס׳איז געווענ ערעוו דעמ אָקטיאַבער־יאָמטעוו, און די מאַטאָנעס זײַנענ אָנגעקומענ צו דער רעכטער צײַט.

שמײַע האָט גענומענ זײַנ מאַטאָנע, אויפגעוויקלט דאָס פעקעלע און ארויסגענומענ פונ דאָרטנ א פּאָר וואַרעמע הענטשקעס און א פּאָר שקאַרפעטנ, א נאָזטיכעלע און א קעמעלע. ער האָט באַטראַכט די ליבע, היימישע זאַכנ, און אפנ האַרצנ איז אימ געוואָרנ וואַרעמ. אינ איינער א שקאַרפעטקע האָט ער געפונענ א קלײנ בריוועלע, איז ער צוגעגאַנגענ צומ שײַטער און גענומענ לייענענ. עס האָט געשריבנ א פרוי, וואָס האָט פאַרלוירנ איר מאַנ אפנ פראָנט. דער בריוו איז געווענ פונ קיִעוו, און שמײַע האָט זיכ דערמאָנט אינ יענע טעג, ווענ ער איז אַהינ געקומענ פונ זײַנ פאַרברענטער היימ. ער האָט זיכ פאַרטראַכט. פאַר די אויגנ איז אימ איצט געשטאַנענ זײַנ רייזל, זי האָט שוינ מיסטאָמע אימ לאַנג געבוירנ א זונ אָדער א טאָכטער. קיינ בריוו האָט ער נאָכ פונ איר ניט געהאַט, און ווער ווייסט, צי וועט ער שוינ האָבנ. דער פאָלק איז די גאַנצע צײַט אינ וועג. און דער אַדרעס בײַט זיכ זייער אָפט. עס האָט אימ ווידער גענומענ באַאומרויִקנ, וואָס אינ דאָרפ איז געבליבנ כאַציקל מיט זײַנ מיִעסער מישפאָכטע, זיי וועלנ דאָרטנ גענוג ווייטעק רייזלענ פאַרשאַפנ. ווער וועט איר קומענ צו הילפ? ער האָט זיכ איצט ניט געקאָנט באַפרײַענ פונ די שווערע געדאַנקענ וועגנ דער היימ, וועגנ זיכ. אָט גייט ער אינ פײַער, און ווער ווייסט, צי איז אימ נאָכ באַשערט זיכ אומקערנ אַהיימ. אַזויפיל כעוורע, וואָס זײַנענ מיט אימ אַהער געקומענ אפנ פראָנט, זײַנענ שוינ אומגעקומענ.

שמײַע האָט זיכ אײַנגעאָרדנט מיט עטלעכע רויטאַרמייער אפ נאַכטלעגער אונטער א געמויערטער וואַנט, וואָס איז אַלפי נעס געבליבנ שטייענ ניט גערירט. ער האָט צונויפגעשלעפט שטיקלעכ ברעטער, שפענער, שטרוי און צעלייגט א שײַטערל. סאָלדאַטנ האָבנ אָנגעשעפט וואַסער אינ די קעסלעכ און געשטעלט קאָכנ טיי. מע האָט גערעדט וועגנ די מאַטאָנעס, וואָס האָבנ דערוואַרעמט די סאָלדאַטישע הערצער, מע האָט געלייענט די בריוולעכ פונ פרעמדע, אומבאַקאַנטע מענטשנ, און מע האָט געפילט אינ זיי אַזויפיל האַרציקײַט און ליבע, גלײַכ עס וואָלטנ זיי געשריבנ מוטערס, שוועסטער, קאַלעס. אָט די בריוו זײַנענ

פאר זיי געווען די גרעסטע באַלױנונג פאר זײער שווערער און געפער-לעכער סאָלדאַטישער מי. נאָר אָט איז ווידער אַלץ שטיל געוואָרן. מע האָט געפרוּווט כאַפּן אַ דרעמל פאר דער שלאַכט, נאָר די קעלט האָט דורכגענומען אַלע ביינער, און מע האָט ניט געקאָנט צומאַכן מיט קיין אויג. גוט, וואָס די טײַ איז אופגעזאָדן, און מע קען זיך אַ ביסל דער-וואַרעמען. פונעם גרויען, בלאַטיקן סיוואַש האָט געבלאָזן אַ בייזער ווינט, און סאָלדאַטן האָבן געשאָלטן דעם „פוילן יאַם", וועלכן ס'וועט אויסקומען פאָרסירן.

— דער רועב ווייסט אַניך, בעוורע, — האָט זיך אָנגערופן שמײַע, אומטערוואַרטנדיק אַ שטיק האַלץ אין שנײַטער, — פאַרוואָס שלאָפט איר ניט, קאָן איך ניט פאַרשטיין.

— פאַרוואָס שלאָפסטו ניט?

— איך? איך בין אַן עלטע, געדרויבעטע פעל. איך האָב זיך שוין אויסגעלערנט אָפּנאַרן דעם שלאָף, — האָט זיך אָנגערופן שמײַע און גענומען פאַנאַנדערבינדן דאָס סאָלדאַטסקע זעקל, — איך זע, אַז פון זיצן ליידיק וועט גאָרניט אַרויסקומען, מע דאַרף כאַטש אָפּקאָכן אַ קאַשע, — און ער האָט גענומען פאַרשיטן גרויפּן אינעם קע-סעלע.

ער איז געזעסן אָנגעשפּאַרט אין אַ שטיין, עטוואָס אָפּגערוקט פו-נעם שנײַטער, הייבנדיק זיך פון די קנאַקנדיקע פונקען, וועלכע זײַנען געפלויגן פונעם פײַער, וואָס האָט באַלויכטן זײַן אָפּגעצויגן, פאַר-ברויגט, פאַרוואַקסן פּנים. מיט די מידע, רויטלעכע אויגן האָט ער געקוקט דאָ אויף קעסעלע, דאָ אויף די פאַרמאַטערטע סאָלדאַטן. ער האָט זיך אײַנגעהערט אינעם געברום פון די האַרמאַטן, וואָס האָט זיך געטראָגן פון דער ווײַט. וואָס שפּעטער אין דער נאַכט, אַלץ שטילער איז גע-וואָרן דער געברום, און שמײַע האָט אָנגעהויבן פאַמעלעכן אונטערזינ-גען, ווי ער זאָל מיט דעם וועלן אײַנשלעפערן זײַנע מידע באַוויירים:

אויף די פעלדער, ווײַטע פעלדער,
דאָרטן ליגט אַ יונגער זעלנער,
ס'האָט זײַן פערדל דאָס געטרײַע.
אים באַגלייט צו דער לעווײַע.
קומט אַ פויגל אָן צו פליען,
אויף זײַן קיווער אָפּצורוען,
אוי, דו פויגל, שוואַרצער פויגל,
וואָס ס'טו מיר פאַרמאַכט די אויגן...

ער האָט געזונגען, און אין פֿאַרשיידענע זײַטן האָבן שוין סאָלדאַטן גענומען אונטערזינגען דעם ניגון.

שמײַע האָט ניט באַמערקט, ווי ס'איז צו זײַן שײַטערל שטילער־הייט צוגעגאַנגען א מיטלוווּקסיקער מיליטערמאַן מיט א ברייט, אָפֿן פּנעם, אין א לאַנגן שינעל מיט א באַראַשקענעם היטל אויפֿן קאָפּ. צוויי ליכטיקע אויגן האָבן פֿון דער זײַט אָנגעקוקט דעם סאָלדאַט, וואָס איז געזעסן באַם שײַטער, געמישט די קאַשע און אונטערגעזונגען. דער אומבאַקאַנטער האָט זיך צוגעזעצט אויף א קלעצל, זיך אײַנגעהערט אין דער האַרציקער ליד און קיין וואָרט ניט אַרויסגעבראַכט. דער בלעכער האָט ניט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ, נאָר דערהערט, אַז עמעצער איז צוגע־גאַנגען און דערפֿילט דעם ריח פֿונעם ציגאַר, האָט ער זיך אָנגערופֿן:

— לאָז איבער „סאָראָק".

יענער האָט אים געגעבן דאָס רעשט פֿונעם ציגאַר, שמײַע האָט זיך א פּאָר מאָל מיט דעם פֿאַרצויגן און, ניט אויפֿהערנדיק זינגען, זיך אַלץ געפּאָרעט אַרום קעסעלע. ער האָט אַרויסגעשלעפּט פֿון דער כאָליעווע זײַן קופּערנעם לעפֿל, אויסגעמישט די קאַשע, א פּרוּוו געטאָן, אַראָפּ־גענומען דאָס קעסעלע און גענומען עסן.

— א גוטע קאַשע האָט זיך בא דיר באַקומען, סאָלדאַט? — האָט דער אומבאַקאַנטער געפֿרעגט.

— וואָס זשע, פֿאַר אַזויפֿיל יאָרן מילכאָמע זאָל איך זיך נאָך קיין קאַשע ניט אויסלערנען קאָכן? א שיינער סאָלדאַט וואָלט איך געווען. — האָט שמײַע צווישן א לעפֿל הייסער קאַשע און א רעגע בלאָזן געענט־פֿערט. — וואָס פֿרעגסטו גאָר? נעם א לעפֿל און פּאַרוּוך.

— איך האָב ניט מיט זיך קיין לעפֿל.

— קיין לעפֿל האָסטו ניט? וואָס זשע פֿאַר א סאָלדאַט ביסטו? אויף דער מילכאָמע דאַרף א סאָלדאַט שטענדיק געדענקען דרײַ וויכטיקע זאַכן: זיך ניט שיידן מיטן לעפֿל און מיטן קעסעלע, זיך ניט קריגן מיטן קעכער און ניט אָפּשטיין פֿון דער קיך.

די סאָלדאַטן, וואָס זײַנען נאָך ניט געשלאָפֿן, האָבן אויסגעשאָכן א געלעכטער, און דער אומבאַקאַנטער מיליטערמאַן, וואָס איז געזעסן עטוואָס אין א זײַט, אין דער פֿינצטער, האָט זיך אויך צעלאַכט.

— א מענטש זאָל גאָר קומען אויפֿן פֿראָנט אָן א לעפֿל, — האָט זיך שוין שמײַע ניט געקאָנט באַרויקן, — מיסטאָמע האָסטו דײַן ביקס אויך ערגעץ איבערגעלאָזט? אָ, ווען דו ביסט בא אונדז אין דער ראָטע, וואָלט דיר דער ראָטנער דובראָווין אַרײַנגעשאָטן דרײַ נאַריאַדן ווניע אָטשערעדי, וואָלסטו געוווּסט, ווי אַזוי פּאַטערן דעם לעפֿל. נו, מיילע,

וואַרט אַ רעגע,—האָט שמײַע גוטמוטיק געזאָגט,—אַט וועל איך דיר באַלד אַנטלײַענ מײַנ לעפֿל, וועסטו פֿאַרזוכנ די קאַשע, גאָר געדענק, מער זאָלסטו זיך אָנ אַ לעפֿל ניט אַרומדרייענ.

שמײַע האָט אויסגעווישט מיט אַ שטיקל פּאַפּיר דעם לעפֿל, זיך אויסגעקערעוועט, דערלאַנגט דאָס קעסעלע מיטנ לעפֿל דעמ אומבאַ־קאַנטנ אונ זיך באַגעגנט מיט יענעמס גרויסע, שמייכלענדיקע העל־בלאָווּלעכע אויגנ, וואָס האָבנ אימ אופֿמערקזאַמ אָנגעקוקט. דער בלע־כער האָט איצט דערזענ דאָס באַראַשקענע היטל, דעמ גוט־געניטנ שינעל אַפֿ די ברייטע פּלייצעס פֿונ דעמ מיליטערמאַנ אונ איז געבליבנ זיצנ אינ פֿאַרלעגנהײט.

— געשמאַקע קאַשע, — האָט יענער זיך אָנגערופֿנ. — אונ דאָס, אַז מע טאָר ניט אַפֿ דער מילכאָמע גייג אָנ אַ לעפֿל, ביסטו גערעכט. — האָט דער אומבאַקאַנטער גוטמוטיק געשמייכלט.

עטלעכע סאָלדאַטנ האָבנ זיך אופֿגעהויבנ פֿונ די ערטער אונ, קוקנ־דיק אַפֿ דעמ קאָמאַנדיר, גענומענ רײַבנ די הענט פֿונ קעלט.

— מע הערט ניט דאָרטנ, ס׳וועט גיכ ווערנ וואַרעמער? — האָט זיך שמײַע אינ אַ ווײַלע אַרומ אָנגערופֿנ.

— אַבי מע האָט געזאָגט, אַז אינ קרימ איז שטענדיק היימ. מיר כאַפּנ אַ רעכטנ ציטער, — האָט עמעצער פֿונ אַרומ שײַטער אַרײַנ־געשטעלט.

— האָב צײַט אַ ביסל, כאַפּ ניט, ס׳וועט אונדז אינגיכנ ווערנ הייס, — האָט אַ דריטער געזאָגט.

— ווענ די אינטענדאַנטסטווע וואַרפֿט אונטער אַ ביסל וואַרעמ אָנ־טאָנ. באַטאָג איז נאָך נישקאָשע, נאָר באַנאַכט איז קאַלט.

— איר ווייסט ניט, כאַווער נאַטשאַלניק, מיר׳נ גיכ געבנ וואַרגנעלג אינ די ציינ?

— מע דאַרפֿ אימ גיכער דערטרינקענ אינ יאַמ, וועלנ מיר דעמלט פֿאָרנ צו אונדזערע ווײַבער, — האָט זיך אָנגערופֿנ דער בלעכער.

— דאָס ווייסט מענ אָנ דיר. פֿרונזע מיכאַיל וואַסיליעוויטש האָט דאָכ געזאָגט...

— אַ שווער שטיקל אַרבעט. די גאַנצע בורזשואַזיע, גאַנצ אייראָפּע האָט זיך צונויפֿגענומענ אינ קרימ. זיי האָבנ אַ סאַכ האַרמאַטנ אונ טאַנ־קענ.

— נישקאָשע, מיכאַיל וואַסיליעוויטש וועט קומענ, וועט ער זיי ווײַזנ.

— לעניג האָט אימ געזאָגט, — האָט זיך אָנגערופֿנ אַ סאָלדאַט, צו־רוקנדיק זיך נעענטער צומ פֿײַער, — פֿאָר, מיכאַיל וואַסיליעוויטש, אונ

דערלאַנגט אימ, ווראַנגעלנ, אינ די ציינ אזוי, אז די גאַנצע בורזשואַזיע זאָל פאַרזאָגנ קינדס־קינדער צו אונדז ניט קריכנ.

— יאָ, איר האָט געזענ, וויפל קאַוואַלעריע עס איז אהער געקומענ?

— אונ האַרמאַטנ, אונ בראָנעוויקעס. נישקאָשע, מיר'נ אימ איננ־ברעכנ!

— וועסט אימ איינברעכנ... — האָט זיכ ביידלעכ אָנגערופנ א סאָל־דאַט, וואָס איז געזעסנ די גאַנצע צייט באַ דער זייט אונ ניט אויסגערעדט קיינ וואָרט, — אונ דעמ סיוואַש וויאַזוי וועסטו דורכגיינ? דאָס איז א האַרט ניסל, עפּעס א טייכ אונ ניט קיינ טייכ, א יאַמ אונ ניט קיינ יאַמ, א בלאָ־טע אונ ניט קיינ בלאָטע, רופנ האַלטנ זיכ נאָר אופ איינעמ סיוואַש.

— נישקאָשע, פרונזע וועט אַלצ באַטראַכטנ.

— וויאַזוי וועט ער אָבער דאָס מיליטער אריבערפירנ איבערנ סיוואַש?

— יאָ, כעווערע, ס'איז אנ איידל שטיקל אַרבעט אריבערגיינ דעמ „פוילנ יאַמ", — האָט זיכ אופגעהויבנ דער בלעכער, — ווענ איכ האָב געלערנט אמאָל אינ כיידער, האָט מענ מיר דערציילט, אז ביים מוישע־ראַבייני האָט ארויסגעפירט די יידנ פונ מיצראַימ, זיינענ זיי אויכ אָנ־געקומענ צו א טויטנ יאַמ. וויאַזוי גייט מענ אריבער? האָט זיכ מוישע גענ־דרייט דעמ קאָפּ, אונ ער האָט געפונענ אנ אייצע. ער האָט גענומענ זיינ שטעקנ אונ מיטנ שטעקנ געשפּאָלטנ דעמ יאַמ. אַלע זיינענ אריבערגע־גאַנגענ, אפילע די פיאַטעס ניט פאַרנעצט אונ אפילע קיינ קאַטער ניט געכאַפּט.

דער אומבאַקאַנטער האָט זיכ הילכיק צעלאַכט אונ מיט אימ צוזאַמענ אַלע איבעריקע.

— אונדזער שמייע גאַזלענ וועט אייכ צוטראַכטנ...

— וויאַזוי האָט איר געזאָגט — „שמייע גאַזלענ"? פאַרוואָס עפּעס— „גאַזלענ"? — האָט זיכ אָנגערופנ דער אומבאַקאַנטער.

— ער איז מיט דעמ צונעמעניש אינ פּאָלק געקומענ.

— הערט זיי ניט, כאַווער נאַטשאַלניק, וואָס זיי ברייענ, — האָט דער בלעכער א מאַכ געטאָנ מיט דער האַנט אונ גענומענ אויסווישנ דאָס קעסעלע, — דאָס שלעפּט זיכ נאָכ פונעמ שטעטל, די רייכע באַלעבאַטימ האָבנ מיר אזא נאָמענ געגעבנ, ווייל איכ האָב ליב זאָגנ דעמ עמעס אינ די אויגנ.

— זאָגסטו, אז מע דאַרפ מיט א שטעקנ שפּאַלטנ דעמ סיוואַש? — האָט דער אומבאַקאַנטער זיכ אופגעהויבנ פונעמ אָרט אונ אָפּגעטרייסלט דעמ שינעל, — נישקאָשע, מיר וועלנ אימ אריבער אָנ א שטעקנ, ווי מיינסטו?

— איכ מיינ, אז מיר'נ אריבער, זאָל נאָר קומענ צו אונדז מיכאיל וואסיליעוויטש.

דער מענטש מיטנ ברייטנ אָפּענעמ פּאָנעמ אונ קלוגע העל־בלאָווע אויגנ האָט מיט א ווארעמענ, הארציקנ בליק געקוקט אפנ בלעכער:

— ביסטו, הייסט עס, א „גאזלענ"?

— ניקאק ניעט! — האָט זיכ דער בלעכער א שטעל געטאָנ אנטקעגנ דעמ קאָמאנדיר, אונ אלע סאָלדאטנ, אפ אימ קוקנדיק, האָבנ זיכ אופגעהויבנ אפ די פיס.

— וויאזוי זשע הייסטו אינ דער עמעסנ? — האָט ער א פרעג געטאָנ דעמ בלעכער.

— שייע איזראילעוויטש ספּיוואק, — האָט ער אָפּגעהאקט.

— שייע איזראילעוויטש ספּיוואק? — האָט יענער איבערגעפרעגט, אייַנקוקנדיק זיכ אינעמ בלעכערס פּארויטלטנ אונ עטוואָס אופגערודערטנ פּאָנעמ.

— טאק טאָטשנאָ! — האָט יענער ווידער געענטפערט מיט א געהעכערטער שטימ.

— נו, גוט, וועלנ מיר צוזאמענ גייַנ אפ קרימ. אונ אז מיר'נ זיכ דאָרטנ באגעגענענ, זאָלסטו אָפּקאָכנ אזא קאשע, ווי הייַנט, — האָט דער אומבאקאנטער דערלאנגט דעמ בלעכער די האנט אונ א זאָג געטאָנ:

— לאָמיר זייַנ באקאנט, — פרונזע...

— פרונזע? — האָט שמייַע קוימ ארויסגעבראכט. א דערשטוינטער, א צוגעשמידטער צומ אָרט איז ער געבליבנ שטיינ, נאָכקוקנדיק דעמ מענטשנ אינעמ לאנגנ שינעל, וואָס האָט זיכ געלאָזט גייַנ צו דער באלקע.

— פרונזע...

— פרונזע...

שמייַע איז נאָכ עטלעכע מינוט געשטאנענ א געפּלעפטער אונ געקוקט אינ דער ריכטונג, וווּהינ דער קאָמאנדארמ איז אוועק. די רויט-ארמייער האָבנ ארומגערינגלט דעמ בלעכער אונ גענומענ טרייַבנ פונ אימ קאָטאָוועס.

— לאכט אייַכ, קינדער, געזונטערהייט, אָבער מיט וועמענ האָט דער קאָמאנדארמ געגעסנ קאשע פונ אייַנ קעסעלע? נישקאָשע, ער האָט זיכ אפ מיר ניט באליידיקט, ער איז, זעט אויס, אויכ א ביוואלע סאָלדאט... ווייַ, ווו איז דער ראָטנער דובראווינ? ער וועט זיכ דערוויסנ, ווער ס'איז בא אונדז געווענ, וועט ער זיכ אופעסנ לעבעדיקערהייט.

צוויי טעג האָט שמייַע ניט געקאָנט קומענ צו זיכ. א גרויסע פרייד האָט אימ געווארעמט דאָס הארצ פונ אָט דער באגעגעניש. נאָר דער

ראָטנער דובראָווינ האָט אימ ניט אופגעהערט הריזענ, לעמינ איז ער גלייכ ניט אוועקגעלאָפנ אימ רופנ, ער זאָל קאָנענ אָפּראַפּאָרטירנ דעמ קאָמאַנדאַרמ וועגנ זיינ ראָטע. וואָס איז שייעכ די סאָלדאַטנ, האָבנ זיי זיכ גאָר ניט געקאָנט אָנריידנ אונ געהאַלטנ אינ איינ איבערדערציילנ מיט אַלע איינצלהייטנ די געשיכטע, וויאַזוי דער בלעכער האָט גערעדט מיטנ קאָמאַנדאַרמ.

נאָר ווי די מיינסטע זאָל ניט זיינ, האָט שמינע זיכ געפילט דערהויבנ, אונ ער איז ארומגעגאַנגענ א ליכטנדיקער. זאָל ער זיכ נאָר אומקערנ א לעבעדיקער צוריק אהיימ, אינ דער קאָלאָניע, וועט ער שוינ האָבנ וואָס צו דערציילנ.

שפּעט אינ דער נאַכט, ווענ א געדיכטער נעפל האָט פאַרצויגנ אַלצ ארומ, האָבנ די רויטאַרמייער, ווער אפ קליינע שיפלעכ, ווער אפ א קלאָצ, ווער אפ א שטיקל אָפּגעבראָכענעמ פּאַרקנ, ווער שווימענדיק אונ ווער צופוס, אָנגעהויבנ פאָרסירנ דעמ סיוואַש. עס האָט געבלאָזנ א נאַסער, איינגעזעסענער ווינט אונ געוואָרפנ פונ די פיס די רויטאַרמייער, וואָס זיינענ שטומ געגאַנגענ אינ דער פוילער נעצ מיט קעסטלעכ קוילנ אונ סנאַריאַדנ אפ די פּלייצעס, באַהאַנגענ מיט ביקסנ אונ גראַנאַטעס. ערגעצ ווייט האָט ניט אופגעהערט צו ברומענ דעמ סוינעס ארטילעריע, אונ פונ צייט צו צייט זיינענ איבער די קעפ דורכגעפלויגנ מוירעדיקע סנאַריאַדנ, וואָס זיינענ אהער געשיקט געוואָרנ פונ די קריגס-שיפנ. פורלעכ, געלאַדענע מיט האַרמאַטנ אונ קוילנוואַרפער, זיינענ געזונקענ אינ שליימ. האָבנ די סאָלדאַטנ אונטערגעכאַפּט זיי אפ די הענט. אזוי, קוימ שלעפּנדיק די פיס אינ דער געדיכטער בלאָטע, שווער באַלאָדענע מיט מאַסע, איז מענ געגאַנגענ פאָרויס.

שמינע האָט געטראָגנ אפ די פּלייצעס די שווערע רער פונעמ קוילנוואַרפער. ער איז געווענ דורכגענעצט אפ דורכ אונ דורכ. דער קאַלטער, פוילער ווינט האָט זיכ איינגעגעסנ אינ די ביינער, נאָר א באַנאָסענער מיט שוויס, איז ער געגאַנגענ ווייטער, וואַרפנדיק פונ צייט צו צייט א ווערטל.

— איכ בינ מעקאַנע יענעמ, ווער עס האָט לאַנגע פיס, — האָט ער זיכ שטיל אָנגערופנ צו די ארומיקע. דער ראָטנער דובראָווינ האָט זיכ קוימ איינגעהאַלטנ פונ א שמייכל, נאָר אומקוקנדיק זיכ אפנ באַריידעוודיקנ סאָלדאַט, האָט ער פאָרט א צישע געטאָנ:

— קיינ קלאַנג זאָל איכ פונ דיר מער ניט הערנ. אפילע איצט קאָנסטו זיכ ניט איינהאַלטנ...

— זײַ אַ בעריע און האַלט זיך אײַן, אַז דו האָסט אָנגעשעפּט פולע קאָליעווועס מיט וואַסער, — האָט שמײַע געענטפערט.

איבערן נעפּלדיקן כווישעב האָבן ארומגעבלאָנדזשעט פאַרשלאָפענע, פאַרכאַלעמטע פּאַסן שײַן פון פּראָזשעקטאָרן. אָפּגעשטעלט זיך אַף אײן אָרט, האָבן זיי מיטאַמאָל געגומען האַסטיקער שנײַדן דעם הימל איבערן סיוואַש, וווּהין ס'האָט שוין אָנגעהויבן צוקומען דאָס וואַסער. אַ שווערער סנאַריאַד האָט אופגערודערט דעם ארום, און מיטאַמאָל האָבן די פײַנטלעכע באַטאַרייעס אַלע פּאַראַמאַל אָנגעהויבן קלאַפּן איבערן „פוילן יאַם". ארום און ארום האָבן זיך מיט קאָכיקן געוווי געלייגט סנאַריאַדן, פאַרגיסנדיק די רויטאַרמייער מיט וואַסער און בלאָטע. אַף אײן רעגע האָט זיך די קייט פאַרהאַלטן, נאָר דער ראָטנער דובראַווין האָט ווידער אַ צישע געטאָן:

— וואָס האָט איר זיך אָפּגעשטעלט? פאָרויס! נאָך מיר!

פאָלגנדיק פון די פיס אונטער דער שווערער לאַסט, האָבן זיך די רויט-אַרמייער דערנעענטערט צום געגאַרטן ברעג.

שמײַע איז ארויסגעקראָכן אַפן ברעג אַ פיטש-נאַסער, ציטערנדיק פאַר קעלט. אַ דאַמף האָט געזעצט פון זײַן נאַנצן דורכגעווייקטן און דורכגע-שוויצטן קערפּער, פון דעם אָנגעדראָלענעם שינעל. ער איז געווען פאַרטויבט פונעם שטאַרקן סנאַריאַדן-געוווי און שיסערײַ. דובראַווין האָט בײַ אים אַראָפּגענומען פון דער פּלייצע די שווערע רער, מע האָט אַפּגיך צונויפגע-שטעלט דעם קוילנוואַרפער און זיך אַ וואָרף געטאָן פאָרויס נאָכן ראָטנעם, וואָס האָט זיך געריסן אין פײַער אַרײַן.

ס'איז שוין געווען ליכטיק, ווען מע האָט דורכגעריסן די טראַנשייעס און דראָט-פאַרצוימונגען און זיך אַריבערגעקליבן איבערן טערקישן וואַל. די לופט איז געווען אָפּגעסאַמט מיטן פולווער-רויך. בײַ דער קאַרגער זון-שײַן האָבן געגלאַנצט סנאַריאַדן-שפּליטערס, וואָס האָבן געדיכט באַדעקט דעם וואַל, דעם סטעפּ, די שטעגן און וועגן. פון אַלע זײַטן האָט זיך צום הימל געצויגן אַ געדיכטער, שוואַרצער רויך. פונעם יאַם האָבן ביז אופגעהערט צו קלאַפּן די האַרמאַטן פון די שיפן. פון די פײַנטלעכע טראַנשייעס און אָקאָפּעס האָט געהאָגלט מיט קוילן.

אָנגעבויגענערהייט איז שמײַע געלאָפן מיט זײַן קוילנוואַרפער פון אײן פּאָזיציע צו דער אַנדערער, איז יעדעס מאָל אַ פאַל געטאָן צו דער ערד, גע-עפנט אַ שיסערײַ און, ביז פאַרהאַלטנדיק זיך, געלאָפן ווײַטער נאָכן ראָט-נעם דובראַווין.

ווען דאָס געשלעג האָט זיך שוין געגומען אויסלעשן, די מאַסע רײַטער און פאַנצער-אויטאָמאָבילן, וואָס האָבן זיך דורכגעריסן פאָרויס, האָבן איבערגעטראָגן די שלאַכט טיף אין סטעפּ, — איז אַ שווערער סנאַריאַד

געפאַלנ אונ אופגעהויבנ א גאַנצנ וויכער ערד אונ שפּליטערס לעבנ דעמ קוילנוואַרפער. עס האָט א וואָרפ געטאָנ שמײַענ אינ דער זײַט, אימ פאַרשאָטנ מיט ערד. פאַר די אויגנ האָט זיכ אימ אויסגעלאָשנ די שײַנ, ווי ער זאָל בלינד ווערנ. ער האָט דערפילט א גרויסנ ווייטעק אינ פוס אונ אינ דער זײַט. איבערנ פּאָנעמ האָט גערונענ בלוט אונ זיכ צונויפגעמישט מיטנ שטויב אונ מיטנ שווייס.

ווענ ער האָט אופגעעפנט די אויגנ, האָט ער דערזענ לעבנ זיכ דובראַווינענ, וואָס האָט אימ מיט א טיכעלע ארומגעווישט דאָס פאַרבלוטיקטע פּאָנעמ:

— ספּיוואַק, דו לעבסט? — האָט ער געמורמלט שמײַענ אונ ניט געלאָזט אימ ווײַטער צומאַכנ די אויגנ. — די סאַניטאַרנ אהער! דאָס טראָגבעטל!

שמײַע האָט זיכ עטוואָס אונטערגעהויבנ פונ דער ערד, זיכ ארומגעקוקט אונ דערזענ, אז זײַנ קוילנוואַרפער וואַלגערט זיכ אינ א זײַט מיט די רעדער ארופ, א צעמאַזיקטער, א טויטער. דובראַווינ האָט אימ דערלאַנגט זײַנ באַקלאַזשקע מיט וואַסער, אראָפּגענומענ פונ זיכ דעמ שינעל, וואָס איז געווענ צעהאַקט פונ שפּליטערס אונ קויטיק פונ בלוט אונ ערד, אונ אימ צוגעדעקט.

— וואָס האָסטו געזאָגט, ראָטנער? — האָט זיכ אינ א ווײַלע ארומ, ווענ ער איז געקומענ צו זיכ, אָנגערופנ דער פאַרווונדעטער, — צי איכ לעב, א? דו זעסט דאָכ... זאָג בעסער, ווו זײַנענ אונדזערע?

— גענומענ פּערעקאָפּ... די ווײַסע לויפנ... — האָט זיכ צעשײַנט דער ראָטנער.

שמײַע האָט שווער געאָטעמט. ס'איז אונטערגעקומענ א דאָקטער אונ גענומענ איבערבינדנ אימ די ווונדנ. עס זײַנענ שוינ לעבנ אימ געשטאַנענ צוויי סאַניטאַרנ מיט א טראָגבעטל.

ווענ דער דאָקטער האָט אָפּגעטאָנ זײַנס אונ איז אוועק, האָט שמײַע געבעטנ די סאַניטאַרנ, זיי זאָלנ אימ העלפנ זיכ אופהייבנ. דער בלעכער איז א רעגע געשטאַנענ, זיכ ארומגעקוקט, אונ אײַנגערעדט די סאַניטאַרנ, זיי זאָלנ אימ דערלאַנגענ א שטעקנ אונ די ביקס, וואָס איז געלעגנ אַפ דער ערד, האָט ער געמאַכט א פּאָר טריט אונ, פאַרטײַענדיק דעמ ווייטעק, זיכ געלאָזט פּאַוואָליע גיינ אהינ, וווהינ עס איז אוועק דובראַווינ מיט דער ראָטע. אָנשפּאַרנדיק זיכ אינ שטעקנ, מיט דער ביקס אַפנ האַלדז, איז ער טראָט בא טראָט געגאַנגענ פאָרויס מיטנ אײַנציקנ פאַרלאַנג — אָניאָגנ זײַנ ראָטע אונ דערגיינ מיט איר ביזנ סאָפ. אָט האָט ער דערזענ א פורל מיט סנאַריאַדנ, האָט ער זיכ אָפּגעשטעלט אונ געבעטנ, מע זאָל אימ צופירנ.

— ווּהינ? ווארט אוים באמ שליאכ, וועט מענ דיכ אָפּפירנ אינ שפּי־טאָל.

— מײַנ ראָטע איז אהינ אוועק, — האָט ער געוויזנ אינ דער ריכטונג, ווו דער אָנגריפ איז געגאַנגענ, — פיר מיכ א ביסל צו.

ווענ דער ראָטנער האָט ווידער דערזענ שמײַענ, איז ער געוואָרנ אוי־פער זיכ. אינ דער זעלבער צײַט אָבער איז זײַנ הארצ געוואָרנ פול מיט ליבע אונ אכטונג צו אָט דעמ ביט־יונגנ אונ טרײַענ סאָלדאט.

— פארוואָס האָסטו זיכ ניט געלאָזט אָפּפירנ אינ שפּיטאָל? — האָט ער אימ פאָרגעוואָרפנ.

— גישקאָשע, ראָטנער דובראווינ, שײַע ספּיוואק לעבט נאָכ. אָט וועט זיכ די שלאכט פארענדיקנ, וועלנ מיר נאָכ מיט דיר נעמענ א קויסע.

— דאָס איז גוט, אָבער פארוואָס האָסטו ניט אויסגעפּילט דעמ באפעל?

— וואָס פאר א באפעל?

— אינ שפּיטאָל... פארוואָס שלעפּסטו זיכ נאָכ אונדז?

— אזויפיל זיכ אָנגעהאָרעוועט, כאָווער קאָמאנדיר, אריבער דעמ סי־וואש, גענומענ דעמ טערקישנ וואל, אונ איז עס האלט שוינ אָט באמ סאָפ, ווילסטו ניט, איכ זאָל זײַנ מיט אײַכ?

שמײַע האָט צונויפגענומענ אלע קויכעס אונ איז געגאַנגענ ווײַטער. ער האָט זיכ באמיט ניט אָפּשטײַנ פונ די עטלעכע פארבליבענע סאָלדאטנ פונ זײַנ ראָטע, וואָס זײַנענ געווענ מיד אונ אויכ שיר ניט געפאלנ פונ די פיס.

— איכ פארשטיי ניט, וואָס פאר א מענטש דו ביסט, — האָט זיכ דער ראָטנער ניט געקאָנט באַרויִקנ, — א מענטש זאָל זײַנ אזא אקשנ.

— ראָטנער, איכ האָב דיכ געהאלטנ פאר א קלוגנ, אונ איצט ווײס איכ ניט, וואָס איז מיט דיר געוואָרנ. די גאנצע ארמיי טראָגט זיכ אהינ, פאָרויס, אפ קרימ, אונ שמײַע זאָל גייג צוריק? ס'איז מיר שווער? נו, אונ אפ זיכ גיב א קוק, מײַנסט, ביסט איצט שענער פונ מיר? טרײַב מיכ ניט, איכ וועל צוביסלעכ גײנ מיט אײַכ, ראָטנער.

— רופ מיכ ניט ראָטנער. — האָט זיכ דובראווינ אָנגערופנ מיט א געדריקטער שטימ, — זעסט דאָכ, וואָס פונ מײַנ ראָטע איז געבליבנ... אזעלכע ווונדערע מענטשנ זײַנענ אומגעקומענ אפנ וואל. אדלערס! האָסט געזענ, ווי מע איז געגאַנגענ אונטער די קוילנ... פארשטאַנענ?..

— פארשטאַנענ, פארשטאַנענ. — האָט זיכ אָנגערופנ שמײַע אונ זיכ אָפּגעשטעלט איבערכאַפּנ דעמ אָטעמ. ער האָט געקוקט אפ דעמ שטראָמ, וואָס האָט זיכ געטראָגנ פאָרויס, אפ קרימ. עס זײַנענ געפלויגנ אָנ אָפּשטעל פארשטויבטע אונ נאסע רײַטער. עס האָבנ דורכגעיאָגט טאטשאַנקעס מיט

צעהיצטע און צעפּאַטלטע פערד. עס האָבן זיך דורכגעקײַקלט אַבאַזן מיט סנאַריאַדן, קוילן, ברויט און האָבער. די פּעכאָטע איז געגאַנגען מיט א גיכן טראָט. די שלאַכט האָט זיך אַריבערגעטראָגן אַלץ ווײַטער. דער טומ־פּער געהילך פון די האַרמאַטן האָט גענומען ווערן היזעריקער און שטי־לער. די מידע פאַרשוואַרצטע סאָלדאַטישע פּנימער האָבן געשטראַלט פון פרייד.

שמײַע האָט זיך אָבער אַלץ געשראָקן, עס זאָל אים ניט אויסקומען פאַרבלײַבן אינמיטן סטעפּ. ער האָט דערפילט, אַז סע ווערט אים שווער צו טראָגן די ביקס, האָט ער זי אויסגעטאָן פונעם האַלדז און גענומען אַפן אַקסל, ווי מע טראָגט א קאָראָמיסל. די בינטן זײַנען דורכגעזעצט געוואָרן, און די ווונדן האָבן ווײ געטאָן, ניט אויסצוהאַלטן. די שטיוול זײַנען נאַס און פאַרבלאָטיקט און וועגן עפּשער צען פוד. ער האָט פאַרביסן די ליפּ ביז בלוט און איז געגאַנגען ווײַטער, פילנדיק, ווי די קויכעס פאַרלאָזן אים. ער האָט נאָך קיינעם אין לעבן ניט מקנא געווען. נאָר איצט האָט ער מיט אַזויפיל קינאה געקוקט אַף די סאָלדאַטן, וואָס גייען פאָרויס מיט שנעלן טראָט.

די זון האָט זיך אויפגעהויבן העכער, און פון די פעלדער האָט זיך אָנ־געהויבן וויקלען א לײַכטן רויך. די פאַרגעלטע גרעזלעך באַם וועג זײַנען ווי צוריק לעבעדיק געוואָרן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז די בלאַסע בוריאַנען בײַטן צוביסלעך זייער קאָליר. עס איז געוואָרן גרינגער צו עטעמען. דער שיינער האַרבסטיקער טאָג איז איצט געווען די בעסטע באַלוינונג פאַר די מענטשן, וואָס אײַלן פון איין פײַער אין צווייטן.

דובראָווין מיט די עטלעכע סאָלדאַטן פון זײַן ראָטע, וואָס זײַנען פאַר־בליבן נאָכן שטורעם פונעם טערקישן וואַל, האָבן זיך געסטאַרעט ניט אָפּשטיין פונעם אָנגרײַפנדיקן שטראָם. עס האָט זיי נאָר פאַרהאַלטן שמײַע ספּיוואַק. ווען דער ראָטנער האָט דערזען, וואָס פאַרא ווייטיקן יענער לײַדט, האָט ער פעסט באַשלאָסן, אַז מיטן ערשטן אַנטקעגנדיקן פורל וועט ער אים אָפּשיקן אין שפּיטאָל.

עס האָט זיך דערהערט א גערויש פון א מאָטאָר. פון דער באַלקע האָט זיך מיט א שווערן קרעכץ געהויבן אַן אויטאָמאָביל. אויסגעגלײַכט זיך מיט דובראָווינס הײַפל רויטאַרמייער, האָט זיך די מאַשין אָפּגעשטעלט. ס'איז פון איר אַרויס א ברייטפּלייציקער מיליטערמאַן אין א לאַנגן, גוט־צוגע־פּאַסטן שינעל. די סאָלדאַטן זײַנען געבליבן שטיין אומבאַוועגלעך — מע האָט דערקענט דעם קאָמאַנדאַרם. יאָ, ס'איז געווען דער זעלבער מענטש, וואָס איז אין יענער נאַכט פאַרן שטורעם געזעסן לעבן שמײַעס שײַטער און פאַרזוכט זײַן קאַשע.

באַם בלעכער האָט פאַרכאַפּט דער אָטעם. אַף זײַן אויסגעשמירטן און פאַרוואַקסעגעם פּאָנעם האָט זיך אויסגעגאָסן אַ גליקלעכער שמייכל. ער האָט אָנגעשטרענגט אַלע קויכעס, געגומען די ביקס צום פוס און באַגריסט דעם גרויסן קאָמאַנדיר „פּאָ־יעפרייטאָרסקי".

דער קאָמאַנדאַרם האָט אַ קוק געטאָן, ווי דער פאַרוווּנדעטער באַגריסט אים, אַ שמייכל האָט אַ שפּיל געטאָן אין זײַנע וואָנצעס, און ער האָט אַ ווינק געגעבן צו זײַן אַדיוטאַנט: „אַן עכטן סאָלדאַט דערקענט מען גלײַך".

— ווו ביסטו פאַרוווּנדעט געוואָרן? — האָט געפרעגט דער קאָמאַנ־דאַרם.

— באַם טערקישן וואַל האָט עס מיך אַ דראַפּע געטאָן. — האָט שמײַע געפּרוּווט באַהאַלטן דעם ווייטאָק.

— און וווּהין שלעפּסטו זיך?

— מיר גייען אַף קרים... דאַיאָש קרים! — האָט אויסגערופן דער בלעכער.

— איך וועל דיר געבן „דאַיאָש קרים..." פאַרוואָס גייסטו ניט אין שפּיטאָל? ווער איז דײַן קאָמאַנדיר? — האָט דער קאָמאַנדאַרם באַטראַכט די אַרומיקע.

דער ראָטנער דובראַוויןֿ איז אונטערגעלאָפן און אַף אַ קאָל אויס־געשריִען:

— דער ראָטנער קאָמאַנדיר דובראַווין הערט! — ער האָט זיך אויס־געצויגן אין זײַן גאַנצער לענג און מיט אומרויִקע אויגן געקוקט אַפן קאָמאַנדאַרם.

— פאַרוואָס האָסטו דײַן סאָלדאַט ניט אָפּגעשיקט אין שפּיטאָל?

— ער וויל ניט אויספילן מײַן באַפעל, — האָט דער ראָטנער אַ פאַרלוירענער געזאָגט.

— סאָלדאַט, פאַרוואָס פאָלגסטו ניט דײַן קאָמאַנדיר? — האָט פּרובירט זיך אָנגערופן, באַטראַכטנדיק שמײַען מיט זײַנע קלוגע העל־בלאָוולעכע אויגן.

— ער פאָלגט שטענדיק דעם קאָמאַנדיר, — האָט דובראַווין צוגעגעבן, — איך בין מיט אים די גאַנצע צײַט און זע. ער איז מיטן קוילן־וואַרפער דער ערשטער אַריבער דעם סיוואַש און אַוועקגעלייגט אַ סאַך ווײַסע.

אָנגעשטרענגט האָבן די סאָלדאַטן געקוקט אַף יעדער באַוועגונג פונעם קאָמאַנדאַרם און מיט צאַפּלדיקע הערצער געוואַרט אַף זײַן וואָרט. נאָר שמײַע האָט זיך אָנגערופן:

— איך פיל אויס אײַער באַפעל, איך גיי אַף קרים.

— דאָס איז גוט, וואָס דו פֿילסט אויס מײַנ באַפֿעל, נאָר פֿאַרוואָס גייסטו ניט אינ שפּיטאָל?

— דאָס האַרצ לאָזט מיכ ניט אינ אַזאַ צײַט אָפּשטיינ פֿונ מײַנ ראָטע. אַלע גייענ פֿאָרויס, אונ איכ — צוריק גאָר? כוצ דעמ, האָב איכ ניט ליב קיינ דאָקטוירימ מיט קיינ פֿעלדשערס. איכ בינ שוינ אָפּ מײַנ לעבנ גענוג געווענ בא זיי אינ די הענט. מע דאַרפֿ גיינ אינ אַטאַקע, אונ זיי טאַפּנ בא דיר דעמ דויפּעק אונ מעסטנ די היצ.

פֿרונזע האָט זיכ צעלאַכט אונ, אַפּ אימ קוקנדיק, אַלע אַרומיקע:

— וואָס הייסט, דו האַלטסט נישט פֿונ קיינ דאָקטוירימ? אָנ זיי קאָנ מענ זיכ ניט שלאָגנ, — אונ נאָכ אַ קורצער פּאַוזע האָט דער קאָמאַנדאַרמ צוגעגעבנ: — איכ בינ אויכ געווענ אַמאָל אַ פֿעלדשער.

שמײַע האָט זיכ פֿאַרלוירנ אונ ניט געוווּסט וואָס צו ענטפֿערנ:

— איר זײַט געווענ אַ פֿעלדשער? עס קאָנ ניט זײַנ!

— געווענ, געווענ אַ פֿעלדשער, — האָט דער קאָמאַנדאַרמ זיכ אָנגערופֿנ אונ גענומענ פֿאַריכטנ דעמ בינט, וואָס איז בא שמײַענ אַראָפּגעפֿאָרנ פֿונ דער האַנט.

— פֿונ פֿעלדשערס האַלט איכ יאָ, פֿונ דאָקטוירימ האַלט איכ ניט, — האָט שמײַע אונטערגעשמייכלט.

— ווי איז דײַנ נאָמענ? — האָט דער קאָמאַנדאַרמ אַ פֿרעג געטאָנ באַמ פֿאַרוווּנדעטנ אונ עפּעס שטילערהייט אַ זאָג געטאָנ דעמ אַדיוטאַנט.

— כאַווער קאָמאַנדאַרמ, איכ בעט מיר מויכל זײַנ, — האָט זיכ אָנגערופֿנ שמײַע, — צומ ערשטנ מאָל טרעפֿט עס מיט מיר... איכ וועל גיינ אינ לאַזאַרעט.

— פּרוּוו מיר נאָר ניט גיינ, — האָט פֿרונזע אימ אַ דראָע געטאָנ מיטנ פֿינגער אונ מילד געפֿרעגט: — דײַנ פֿאַמיליע?

— שמײַע איזראַיליעוויטש ספּיוואַק.

— שמײַע איזראַילעוויטש ספּיוואַק? — האָט פֿרונזע איבערגעפֿרעגט, אונ אַפּ זײַנ הויכנ שטערנ, וואָס איז געווענ עטוואָס פֿאַרברוינט פֿונ דער זונ, זײַנענ זיכ צונויפֿגעלאָפֿנ קנייטשעלעכ. ער האָט אָנגעשטרענגט דעמ זיקאָרנ אונ דורכדרינגלעכ אָנגעקוקט דעמ בלעכער.

— ניט מיט דיר האָב איכ עס דאָ ניט לאַנג געגעסנ קאַשע אינ אַ דאָרפֿ?

— מיט מיר, כאַווער קאָמאַנדאַרמ. מיט מיר!

— אָט דאָס איז דער, ווער עס האָט מיכ אַזוי פֿאַרשעמט, — האָט דער קאָמאַנדאַרמ געזאָגט צו זײַנ באַגלייטער, אָנווײַזנדיק אַפּנ בלע-

כער, — איכ האָב דערנאָכ באַפוילנ, מע זאָל מיר אינ פעלדטאַש אַרײַנלייגנ א לעפל.

דער אַדיוטאַנט האָט געבראַכט פונעמ אווטאָמאָביל א קליינ קעסטעלע, אונ פרונזע האָט פונ דאָרטנ אַרויסגענומענ א צייכנ, וואָס האָט געשײַנט אַקעגנ דער זונ מיט גאָלד אונ ווײַסנ עמאַל. זײַנ פּאָנעמ איז געוואָרנ ערנסט־שטרענג, אונ ער האָט זיכ אָנגערופנ:

— רויטאַרמייער שײַע איזראַיליעוויטש ספּיוואַק! אינ נאָמענ פונ דער רעגירונג פונ דער סאָוועטישער סאָציאַליסטישער רעפּובליק ווערט איר באַלוינט מיט אַנ אָרדענ...

בא שמײַענ האָבנ זיכ אָנגעהויבנ טרייסלענ די הענט. ער האָט געקוקט אַפנ קאָמאַנדאַרמ, אַפ די אַרומיקע אונ ניט געוווּסט, צי ס'איז וואָר צי א שייגער כאָלעמ. פרונזע האָט אימ צוגעשרויפט דעמ אָרדענ צומ העמדל, אימ א דריק געטאָנ די האַנט, אונ באַפוילנדיק נאָכאַמאָל דעמ ראָטנעמ, ער זאָל די מינוט אָפּשיקנ דעמ פאַרווונדעטנ אינ שפּיטאָל, האָט זיכ דער קאָמאַנדאַרמ אַרײַנגעזעצט אינ אווטאָמאָביל אונ שנעל זיכ אַוועקגעלאָזט פאָרויס, אַהינ, פונוואַנענ עס האָט זיכ געטראָגנ דער טעמפּער געהילכ פונ האַרמאַטנ.

שמײַע איז נאָכ אַלץ געשטאַנענ אָנגעשפּאַרט אַפ דער ביקס. ער האָט זיכ ניט געקאָנט אָפּווענדנ פונ דער מאַשינ, וואָס איז שנעל געפלויגנ איבערנ סטעפּ, איבערלאָזנדיק נאָכ זיכ א זײַל געדיכטנ שטויב.

די רויטאַרמייער האָבנ אימ אַרומגערינגלט אונ גענומענ באַטראַכטנ דעמ פינקלדיקנ צייכנ, וואָס האָט געשײַנט אַפנ צעריסענעמ אונ פאַרבלוטיקטנ העמדל. שמײַע איז געווענ צערודערט, אינ זײַנע אויגנ זײַנענ געשטאַנענ גרויסע טרערנ פונ פרייד. ער וואָלט איצט געלאָפנ אינ שלאַכט, ער וואָלט געגאַנגענ אינ פײַער אונ אינ וואַסער, נאָר דער קאָפּ האָט זיכ מוירעדיק געדרייט, אונ אינ די אויגנ האָט גענומענ ווערנ פינצטער. די כאַווײרימ האָבנ אימ אַוועקגעזעצט אַפ א שטיינ באַמ וועג אונ גענומענ מינטערנ:

— האַלט זיכ, ספּיוואַק, די קאַרעטע וועט מענ באַלד ברענגענ.

— איכ דאַרפ ניט קיינ קאַרעטע, עס וועט באַלד איבערגיינ.

ער האָט זיכ א וואַקל געטאָנ אַפנ שטיינ אונ מיטאַמאָל דערפילט דעמ שאַרפנ רייעכ פונ פּאָלינ, פונ טשערעט, פונ וואַסער. ס'האָט זיכ אימ אינ דער מינוט אויסגעדוכט, אַז ער זעט פאַר זיכ א טײַכ, דאָס איז דער טײַכ אינגוליעצ בא אימ אינ קאָלאָניע. ער פאַרוואַרפט די וועדקע אינ וואַסער אונ כאַפּט פיש. אָט קומט אימ פאַר די אויגנ רייזל, דאָס ווײַב. זי טראָגט אימ אַנטקעגנ א קליינ קאַראַפוזל, וואָס זי

האָט אימ געבוירנ. איכ אירע אויגנ זעט ער טרערנ. זי וויינט, אונ ער ווייסט ניט, וואָס איז איר געווינ. דאָס קינד האָט א שמייכל געטאָנ צו אימ... אונ פּלוצעמ איז דאָס אַלצ פאַרשווונדנ פונ זײַנע אויגנ. ער זעט שוינ ניט ניט רייזלענ, ניט דאָס קינד, ניט דעמ אינגוליעצ, ביז די הייט — אַלצ ווערט אויסגעמישט, אונ ער פאַלט אומ אפ דער אופגע־רודערטער ערד.

שמײַע איז געקומענ צו זיכ אונ דערזענ אומבאַקאַנטע מענטשנ אינ ווײַסע כאַלאַטנ, וואָס האָבנ אימ געטראָגנ צו א סאַניטאַר־קאַרעטע, אונ דעמ ראָטנעמ דובראַווינ, וואָס האָט אימ עפּעס אַרײַנגעשריענ אינ אויער.

— ראָטנער דובראַווינ, — האָט זיכ מיט א שוואַכער שטימ אָנ־גערופנ שמײַע, אונ אפ זײַנע איבערגעטריקנטע ליפנ האָט זיכ צעשפּילט א ווייטעק־שמייכעלע, — וואָס איז מיט מיר, איכ שטאַרב? וווּהינ פירט מענ מיכ?

— וואָס רעדסטו, טײַערער? — האָט אימ דער ראָטנער א קוש געטאָנ אינ שטערנ, — רייד ניט קיינ נאַרישקײַטנ, וואָס הייסט, דו שטאַרבסט? לעבנ דאַרפ מענ, פאַרשטאַנענ? לעבנ!

אינ א מאָולדיקער שאָ

ס'איז שוינ איבערגעלאָפנ א שטיק צײַט, זינט שמײַע האָט זיכ אומגעקערט אהיימ פונ אנ אָדעסער שפּיטאָל, אונ נאָכ איצט נעמט אימ אָפּט קיינ שלאָפ ניט. ווי נאָר ער מאַכט צו מיט אנ אויג, אזוי קומט אימ צו כאָלעמ דער ראָטנער דובראַווינ, אונ שמײַע הייבט זיכ אָנ אפּ אימ בייזערנ, לעמײַ ער טרײַבט אימ אינ לאַזאַרעט אינ דער צײַט, ווענ די גאַנצע ראָטע, אַלע דיוויזיעס טראָגנ זיכ פאָרויס. סע זשומעט נאָכ אימ אינ קאָפּ דער געדודער אונ געהילכ פונ די האַרמאַטנ אונ כיוואַש, באַמ טערקישנ וואַל. ער הייבט זיכ אופ פאַר די העגעפ, גייט אַרויס אונ זעצט זיכ אפּ דער פּריזבע. די זונ איז נאָכ ניט אופגעגאַנ־גענ. אפ די גראָזנ ליגט א זילבערער טוי. אומרויִק רוישט דער טשע־רעט באַמ ברעג טײַכ, אונ עס דערטראָגט זיכ פונ ווײַט די שטילע צוויטשערײַ פונ די וואַכע לערכעס. דער באַגינענ שיילט זיכ פאַמעלעכ אויס פונ דעמ בלאַס־אויסגעשטערנטנ הימל, אונ די ערשטע זונ־שטראַלנ באַשײַנענ די אומענדלעכע גרינע פעלדער, וואָס גיסנ זיכ צו־נויפ מיטנ האָריזאָנט. שמײַע זשמורעט צו אנ אויג, פרוּוודיק גע־

נעבנ די פייגלענ, ער וויל פארגעדענקענ דעמ אָנקומ פונעמ גאָלדענעמ פרימאָרגנ, און עס וווּנדערט אימ, וואָס אלע מאָל זעט אויס אָט דער קאנט אינ זײַנע אויגנ אלצ שענער און ווערט אימ אלצ מער אײַנגעבאקנ אינ הארצנ.

דער פרימאָרגנ איז שוינ ברייט ארײַנגעפאָרנ אינ סטעפ, און שמײַע זיצט נאָכ אלצ אפ דער פריזבע בא זײַנ שטיבל. בא דער זײַט ליגט זײַנ גראָבער שטעקנ, אָנ וועלכנ ס'איז אימ נאָכ שווער צו גיינ. דאָס העמד איז צעשפיליעט און צעכראסטעט. א פארשײַט ווינטל פארגאנ־ וועט זיכ צו אימ אינ בוזעמ און פרישט אָפ זײַנ פארוואקסענע ברוסט. אָט צערוישנ זיכ איבערנ קאָפ די יונגע ביימעלעכ. ער באטראכט דאָס גרויע געמויערטע פלויטל, וואָס איז מיט גראָזנ פארוואקסנ, דעמ דאכ— מע וואָלט אימ שוינ געדארפט פאריכטנ. יאָ, עס ווארט דאָ אפ אימ א סאכ ארבעט, נאָר רייזל לאָזט אימ נאָכ דערווײַל גאָרנישט נית טאָנ. זי האָט אימ קוימ דערלעבט צו זענ א לעבעדיקנ, היט זי אימ אָפ, ווי דאָס אויג אינ קאָפ.

די קאָלאָניע דרעמלט נאָכ, און ס'איז אינ דרויסנ פריש און מעכײַע־ דיק. ארומ איז שטיל, אז מע קאָנ, דאכט זיכ, הערנ, ווי סע זשומעט א זשוקל, וואָס פויזעט איבער די פאראיאָריקע פארגעלטע בלעטער. שמײַע נעמט ארויס דאָס קיסעטל, פארדרייט א ציגאר מאכאָרקע, נאָר אָט דער־ הערט ער פליצלינג, ווי עס טראסקעט איבערנ וועג א פור. ער האָט זיכ אופגעשטעלט און זיכ אײַנגעקוקט אפנ טראקט. אינ עטלעכע מינוט ארומ איז צו זײַנ הייפל צוגעפאָרנ א בריטשקע, און ס'זײַנענ פונ איר ארונטערגעקראָכנ אווראָמ-עזרע און כאצקל.

— א, שאָלעמ־אליכעמ, שמײַע, גוט-מאָרגנ דיר, וואָס מאכסטו אינ געזונט? — האָט אווראָמ־עזרע אויסגעשטרעקט זײַנ ברייטע האָריקע האנט, נאָר דערזענ, אז שמײַע קלײַבט זיכ נית ענטפערנ, האָט ער זי צוגענומענ און א גלעט געטאָנ מיט איר די ברייטע באָרד.

— א טײַערע פאָגאָדע, א? אזא פאָגאָדע איז ווערט א מאיאָנ- טעק, וואָס זאָגסטו, שמײַע? — האָט ער פאָרגעזעצט.

— איכ האנדל נית מיט קיינ פאָגאָדע, — האָט זיכ דער בלעכער אָנגערופנ און, רייכערנדיק דעמ ציגאר מאכאָרקע, געקוקט אינ סטעפ

— ס'איז דיר נאָכ אוואדע שווער צו גיינ... אײַ, אײַ, אײַ.

דער בלעכער האָט א קוק געטאָנ אפנ אלטנ און א קוויטש געטאָנ מיט די אקסלענ. כאצקל האָט שמייכלענדיק געקוקט אפ זײַנ אמאָליקנ פרײַנט, געקלאפט מיט דער פוזשעלע איבער דער כאָליעווע. דערנאָכ האָט ער זיכ צוגעזעצט לעבנ שמײַענ און א זאָג געטאָנ:

— וואָס איז, באַלטאַכלעס, דו דערקאָנסט שוינ גאָר קיינ מענטשנ נישט? פרונזע האָט דיר טאַקע געגעבנ אַנ אָרדענ, נאָר ס'איז נאָכ ניט העפקער־פּעטרישקע, האָסט נאָכ ניט אָנגעכאַפּט דעמ ריבוינע־שעל־אוילעמ פאַר די פּיאַטעס.

— המ, המ, גראָבער יונג, נעמ איינ שטומעניש, — האָט אווראָמ־עזרע זיכ אַ בייזער געטאָנ אַפּנ איידעמ, נאָר שמייע האָט געריכערט אונ געשוויגנ, גלייכ ניט אימ מיינט מענ. אווראָמ־עזרע האָט ארויסגענומענ א קעסטל פּאַפּיראָסנ אונ אונטערגעטראָגנ שמייענ.

— נא, וואַרפּ אוועק דיינע קאָרעשקעס, האָב ראַכמאָנעס אַפ דיינ הארצ, פאַרייכער בעסער א גוטנ ציגאַר טוטינ.

— א שיינעמ דאַנק אייכ! — האָט שמייע אָפּגעהאַקט.

— דו ביסט, שמייעניו, אַ מאָדנער מענטש, — איז אווראָמ־עזרע געוואָרנ אופגערעגט, — וואָס איז אזוינס? וואָס בייזערסטו זיכ אַפ אונדז? לוידניי, וואָס איר האָט אונדז דעמלט אָפּגעקוילעט אָנ א מעסער, צוגענומענ די בעסטע פערד אונ אַפ צוריק אפילע קיינ פּידקאָווע ניט געבראַכט, ביסטו נאָכ גערעכט? וואָס בלאָזסטו זיכ אַפ אונדז, ווי אַנ אינדיק?

שמייע האָט זיכ אופגעהויבנ פונעמ אָרט אונ איז צוגעגאַנגענ צומ טויער, קלוימערשט גענומענ זיכ אייסעקנ מיט דער פרענט, נאָר גלייכ איז ארומ אימ אויסגעוואַקסנ אווראָמ־עזרע, אוועקגעלייגט אַפ זיינ אַקסל די בערישע האַנט אונ זיכ צעשמייכלט.

— נו, האָדיע, שמייע, האָדיע. כאַפּט עס דער רוּעכ, מיר זיינענ דיר אַלצ מויכל. דאַנקענ גאָט, וואָס דו האָסט זיכ אומגעקערט א לעבעדיקער. — אונ ווייזנדיק מיט דער האַנט אַפּנ פורל, צוגעגעבנ: — מיר האָבנ דיר דאָ געבראַכט א זעקל מעל, א ביסל פלייש, קאַרטאָפּליעס. נעמ אונ פּאָפּראָווע זיכ, ביסט שוינ באַלד איינ קיינ מענטשנ ניט געראָטנ.

כאָטש איינ שטוב איז געווענ פוסט, האָט דער בלעכער אפילע ניט געטראַכט נעמענ זייערע מאַטאָנעס. ער האָט קיינ וואָרט ניט ארויסגעבראַכט, ניט אופגעהויבנ זיינ בליק, אונ, שווייגנדיק אזוי, זיכ געלאָזט צו דער טיר.

— שמייע־לעבנ, פּראָווע ניט דיינע סאָלדאַטסקע שטיק, — האָט זיכ אָנגערופנ כאַצקל, — וואָס מאַכסטו זיכ פאַר א גאַנצנ יאַ־טעבע־דאַמ? נעמ דאָס ביסל פּראָדוקטנ אונ פאַרטיק מיט די פּיש! דאַרפסט ארופנעמענ אַפ זיכ א ביסל הויט אונ פלייש. פּאַרגעס ניט, אז דיינ רייזל איז נאָכ א ווייבל, וואָס קאָטאָרע... — האָט ער מאַמזעריש א מאַכ געטאָנ מיט אַנ אייגל.

דערזען, אַז דער אַלטער שלעפּט שוין די טאָרבעס פונעם וואָגן, האָט שמעיע זיך אָנגערופן:

— נעמט עס אײַך צו און קוויקט זיך מיט דעם אַליין! איך דאַרף ניט אײַער לאַסקע.

פון דער שטוב איז אַרויסגעגאַנגען רייזל און, דערזען די אומדער־וואַרטע געסט, געבליבן שטיין, ווי געפּלעפט.

— וואָס איז געשען?

— כ׳ווייס וואָס! — האָט אוורהם־עזרע געזאָגט, — נעם, רייזל, שלעפּ אין שטוב אַרײַן. איר וועט רײַך ווערן, וועט איר אָפּגעבן, מיר זײַנען דאָך פאַרט עפּעס ייִדן, שכנים, וויפל לעבט מען דען אויף דער וועלט? זאָל שוין נעמען אַ סאָף צו אונדזער קריגערײַ, לאָמיר לעבן בעשאָלעם.

רייזל איז געשטאַנען אַ ווײַלע, קוקנדיק אויפן מאַן, אויף די זעקלעך און ניט געוווּסט וואָס צו טאָן.

— וואָס זשע טראַכסטו נאָך? נעם עס אַרײַן אין שטוב און קאָך עפּעס אויף פאַר דײַן סאָלדאַט, פאַר די קינדער. איך ווייס דאָך, אַז אין שטוב האָסטו ניט קיין לויט מעל.

רייזל איז צוגעגאַנגען צו אַ זעקל, גענומען עס שלעפּן אין שטוב. נאָר שמעיע האָט אַן אויפגעבראַכטער זיך צעשריגן:

— איך דאַרף ניט זייערע נעדאָוועס, רייזל, ריר זיך ניט צו צו די זעק!

— ס׳איז ניט קיין נעדאָווע, שמעיע, מיר׳ן זיי אומקערן.

— איך זאָל דערפון ניט הערן! האָסט שוין פאַרגעסן? פאַרוואָס האָבן זיי דיר קיין פונט מעל ניט געוואָלט אויסלײַען, ווען דו ביסט געווען אָן מיר? דײַנע ייִנגלעך האָבן בײַ זיי געפּאַשעט די כודאָבע, און דאָס פּיצל קינד אונדזערס איז שיר ניט אויסגעגאַנגען אָן אַ ביסל מילך. ווײַל איך לעב, וועל איך צו זייער לאַסקע ניט אָנקומען! בישקאַ־שע, אָט וועל איך זיך שטעלן אויף די פיס, וועל איך זיך אַרויסכאַפּן אין שטאָט עפּעס פאַרדינען, וועלן מיר האָבן ברויט ביזן בײַעם.

רייזל האָט אַ רעגע געקוקט אויפן אויפגערודערטן מאַן און זיך צו־געזעצט אויף דער פּריזבע, וואַרפנדיק פון מאָל צו מאָל אַ הונגעריקן בליק אויף די זעקלעך, וואָס זײַנען געלעגן לעבן פּורל. נאָר זי האָט גע־שוויגן, זי ווייסט גוט, אַז ס׳וועט איר אַלצייַנס ניט העלפן, צו וואָס זשע זאָל זי אים אַרויסברענגען פון די קיילים, שמעיען?

— אַז מע קאָן שוין מיט אים קיין וואָרט ניט רײדן! — איז אוור־ראָם־עזרע, קנײטשנדיק מיט די אַקסלען, צוגעגאַנגען צו רייזלען. —

מענטשנ ווערנ געגליכנ צו כײַעס. דו קאָנסט דאָכ, רייזעלע, אונדזער האַלאָווא, דעמ פּרינצעראַטעל אונדזערנ שלוימע אָוורוצקינ? איכ בעט דיכ, שמײַע, וואָס האָט ער זיכ צו מיר צוגעטשעפּעט, ווי א פּיאַווקע? וואָס וויל ער, אראָפּנעמענ פונ מיר דאָס לעצטע העמד? הער א מײַסע, אײַנמיטנ דער נאַכט שיקט ער מיכ רופנ. וואָס איז? איכ זאָל געבנ ברויט פאַר די אַלמאָנעס אונ פאַר די דעמאָביליזירטע סאָלדאַטנ. דאָס גיב אימ זריע, דאָס גיב צאָרעס, בויכ־ווייטיק. א רעציייעכ אפ מײַנ קאָפּ! ערגער ווי מאַכנאָ. הער א מײַסע, טאָג ווי נאַכט טרייבערט ער מיר די קישקעס. איכ האָב שוינ מיט אימ געפּרוווט ריידנ טערקיש אונ טאָטעריש אונ — ווי אַנ ארבעס צו דער וואַנט. ער זאָגט, אז ער וועט דאָ אײַנפירנ איינ קאָלאָניע אזא פאָראַדעק מיט די באַלעבאַטימ, ווי אפ דער מילכאָמע. אוי, ריבוינע־שעל־אוילעמ, פאַרוואָס האָט מענ אימ אפנ פראָנט אראָפּגעשאָסנ נאָר איינ פוס?

— וואָס זשע ווילט איר פונ מיר? — האָט שמײַע אימ איבערגעשלאָגנ.

— גאָרניט. סע רעדט זיכ אזוי, איכ דערצייל דיר נאָר. ביסט דאָכ מיט אימ, מיט שלוימענ, ווי זאָגט מענ עס... א פּאָניבראַט.

— נעכטנ שיקט ער אונדז ווײַטער אמאָל רופנ, דער פרעדסעדאַטעל דײַנער, — מישט זיכ ארײַנ כאַצקל, — וואָס איז שוינ ווידער פאַר א נײַעס? אזוי ווי ס׳האָט זיכ אָנגעהויבנ דער פּאַרזיי, אונ עס זײַנענ פאַראַנ קאָלאָניסטנ, וואָס האָבנ אונדז פאַרקויפט זייער ערד, זאָלנ מיר צוריק אומקערנ די ערד אונ דערצו זיי נאָכ געבנ זריע אונ די אָקסנ אונדזערע, דאָס הייסט גיב זיי דאָס שליסעלע אונ וויַז זיי, וווּ דאָס געלט ליגט. איכ האָב אימ אָנגעהויבנ עפּעס זאָגנ, איז ער געוואָרנ מאָלערעציכע אונ האָט אופגעהויבנ אפ מיר זײַנ קוליע. ווענ ניט אווראָמ־עזרע, שפּאַלט ער מיר דעמ קאָפּ. הער נאָר א מעשוגענער, ער לאָזט זיכ גאָר ניט ריידנ. גיב דו מיט אימ א רייד, שמײַע.

— וואָס? — האָט זיכ אָנגעצונדנ שמײַע. — אנו, קײַקלט זיכ אוועק צו אַלדי שווארצע יאָר מיט אײַערע טאָרבעס! וואָנ פונדאַנענ, קוילער!

— שמײַע, פאָלג מיכ, ווארפ אוועק די אַלטע כעשבוינעס. לאָמיר לעבנ בעשאָלעמ. זאָג אימ, שלוימענ, זאָל ער זיכ אופהערנ טשעפּענ צו אונדז, — האָט זיכ געבעטנ אווראָמ־עזרע, — דײַנ וואָרט איז דאָכ בא זיי איינ סאָוועט טויראַס־לאָקשנ. ווייסט דאָכ: פרידע קאָזא דאָ וואָזא אי סקאָזשע ציגעלע מע. א בארג מיט א בארג גייט זיכ ניט צונויפ, נאָר א מענטש מיט א מענטש... וועסט נאָכ אמאָל דאַרפנ צו אונדז אָנקומענ.

— ווער? איכ וועל צו אײַכ אָנקומענ? — האָט שמײַע שוינ רויִקער א זאָג געטאָנ. — איר וועט דאָס ניט דערלעבנ! איר קאָנט מיכ נאָכ ניט!

— ווער־ווער, נאָר איכ קאָנ דיכ, — האָט זיכ ארײַנגעמישט באצקל.

— אײַ, אײַ, צוליב וואָס איז דער קריג! — האָט אווראָמ־עזרע פרומ געשאָקלט מיטנ קאָפּ, — ייִדנ זאָלנ זיכ זײַנ דאמ־סאָנימ, א ביזאָיענ! ס'איז בעפירעש געשריבנ אינ דער הייליקער טוירע...

— איכ ווייס ניט, וואָס סע שטייט געשריבנ אינ דער הייליקער טוירע, — האָט זיכ ווידעראמאָל אָנגעצונדנ שמײַע, — איכ ווייס נאָר, אז איר האָט זיכ פאר אונדזער קאָלאָניע שוינ אויסגעפּײַנט. מע וועט אײַכ אָפּדאנקענ פאר אלצ! איר קאָנט גיינ!

— וואָס זשע, שמײַע, דו טרײַבסט אונדז שוינ ארויס פונ דײַנ הייפל? — האָט אווראָמ־עזרע א בייזנ שמייכל געטאָנ, — אויב אזוי, קאָנ איכ דיר דערמאָנענ אונדזער כעשבנ. דאָס הייפל איז שוינ לאַנג נישט דײַנס, נאָר מײַנס. ווענ דו ביסט געווענ אפּ דער פּאָזיציע, האָט דײַנ רייזל גענומענ בא מיר פיר פּוד קאָרנ אונ פארזעצט דאָס שטיבל...

— וואָנ פונ מײַנ הויפ! — האָט שמײַע פארהויבנ דעמ שטעקנ, אונ זײַנע שווארצע בלישטשענדיקע אויגנ האָבנ זיכ אָנגעגאָסנ מיט רעציכע, — אוועק פונדאנענ מיט גוטנ!

— זע נאָר, ער איז שוינ געראָטנ אינ שלוימענ. א פּאָרל פונ גאָט. — האָט זיכ מיט א געמאכט שמייכעלע אָנגערופנ אווראָמ־עזרע, — וואָס זשע מיינסטו, איכ וועל זיכ פאר דיר איבערשרעקנ? געפונענ א שרעקעוודיקנ! קומ, באצקל, א גאזלענ בלײַבט א גאזלענ. — אונ אווראָמ־עזרע האָט גענומענ די זעקלעכ אונ זיי ארופגעוואָרפנ צוריק אפּ דער פור: — נישקאָשע, ער וועט פוכנענ פאר הונגער, וועט ער אליינ קומענ צו מײַנ שוועל.

— איר וועט דאָס ניט דערלעבנ, בלוטזויגער!.. — האָט שמײַע אויסגעשפּיגנ אונ איז א צערודערטער ארײַנ אינ שטוב.

— שמײַע, וואָס דארפסטו זיכ מיט די הינט קריגנ? — האָט זיכ אָנגערופנ רייזל, צוזעצנדיק זיכ לעבנ אימ, — אז אלצ איז אינ זייערע הענט, אונ מיר מוזנ שטענדיק אָנקומענ צו זיי.

— נישקאָשע, רייזל, מיר וועלנ נאָכ דערלעבנ די צײַט, ווענ זיי וועלנ צו אונדז אָנקומענ. מיינסט, אומזיסט האָבנ מיר בלוט פארגאָסנ?

— וואָס זשע דארפסטו נאָכ איצט פאטערנ דײַנ בלוט. דארפסט עסנ, דארפסט זיכ פאריכטנ, אונ אינ שטוב איז ניטאָ קיינ איבעריק שטיקל

ברויט. כאפט זיי דער מאלעכ־האמאָוועס, גערארפט נעמענ און פארטיק. וואָס דארפ מענ זיכ קריגנ. בא אזעלכע באנדיטנ איז אנ אווייניקע נע־מענ? ס'איז דאָכ סניווי פרעמדע האָרעוואניע.

— ניט אומזיסט זאָגט מענ אפ אייכ, ווייבער, אז איר האָט לאנגע האָר אונ א קורצנ זיקאָרנ. דו האָסט שוינ פארגעסנ, וויפל זיי האָבנ בא דיר בלוט פארצאפט. איכ פארגעס גאָרניט, אונ מיכ קאָנ מענ ניט אונטערקויפנ, כ'וועל בעסער שטארבנ.

— דערווייל זיינענ זיי אפנ פערדל, — האָט זיכ רייזל אָנגערופנ,— ווער עס האָט די מיע, זאָגט מענ, דער האָט די דייע.

— אזוי זאָגסטו? „ווער עס האָט די מיע, דער האָט די דייע"? — האָט שמייע איבערגעכאזערט, אונ נאָכ א רעגע שווייגנ צוגעגעבנ: — נארעלע, דאָס איז אמאָל געווענ. איצט וועט זיינ אנדערש. די באָלשעווי־קעס זיינענ אינ די טורמעס געזעסנ, אפ קאטאָרגע געגאנגענ, קיינ סי־ביר, אונטער פערעקאָפ זיכ געשלאָגנ, עס זאָל זיינ אנדערש, — וועט זיינ אנדערש. פארשטייסטו?

— מיילע, וואָס וועל איכ זיכ מיט דיר שפארנ. זאָל זיינ, ווי דו זאָגסט. וואָלסט אָבער געדארפט כאָטש ארייננגיינ אינ סאָוועט. וועדליק איכ פארשטיי פונ אווראָמ־עזרעס רייד, טיילט מענ שוינ זריע אונ ערד. א פאָר פערד צומ פארזייענ וועט מענ דיר אויכ אויסלייענ. נישקאָשע, האָסט פארדינט בא דער וולאסט, מע זאָל דיר געבנ דעמ ערשטנ.

אינ קאָלאָניע איז נאָכ קיינמאָל ניט געווענ אזוי לעבעדיק, ווי אינ די טעג, נאָר רוישיקער ווי אומעטומ איז געווענ אינ דאָרפס־ראט. טאָג אונ נאכט — פול מיט מענטשנ.

ווענ ס'איז אהער אינ איינעמ א פרילינג־פרימאָרגנ ארייננגעקומענ שמייע, האָט אימ דער אוילעמ גלייכ ארומגערינגלט אונ גענומענ פא־נאנדערפרעגנ, ווי פילט ער זיכ, צי וועט ער שוינ גיכ אוועקוואָרפנ דעמ שטעקנ. יונגע כעוורע אונ קינדער האָבנ זיכ זאָט ניט געקאָנט אָנקוקנ אינעמ אָרדענ, וואָס האָט געשיינט אפ זיינ כאקענעמ העמדל.

שמייע האָט זיכ דורכגעשטויסנ דורכ דער ענגשאפט אינ פול-גע-פאקטנ צימער, ווו ס'איז געזעסנ אינ א וואָלקנ פונ מאכאָרקע־רויר אונ ארייננגעקוקט אינ די פאפירנ שלוימע אָוורוצקי.

— א גאסט! א גאסט! שאָלעמ־אלייכעמ, שמייע, זעצ זיכ צו! — האָט דער פאָרזיצער זיכ אָנגערופנ אונ אימ געוויזנ אפ א בענקל. ער האָט זיכ אופגעהויבנ אפ די קוליעס אונ דערלאנגט שמייענ איבער אלעמענס קעפ די האנט.

— גוט, וואָס דו ביסט געקומען, — האָט זיך שלוימע אָנגערופן צום בלעכער, — מיר דרייען זיך דאָ די קעפּ און ווייסן ניט וואָס צו טאָן. אָבער, רוק זיך נאָר צו... ערד האָבן מיר ווייניק. מיט וואָס זי באַ־אַרבעטן — נאָך ווייניקער. זריע — אפילו שפּיץ מעסער. הײַנט זײַ א בעריע, צעטייל דאָס אַלץ, און אַלע זאָלן זײַן צופרידן.

דער בלעכער האָט א ווײַלע געקוקט אויף צעטל, און אויף זײַן פּאַ־נעם האָט זיך באוויזן דאָס אַמאָליקע גוטמוטיקע שמייכעלע. ער האָט א גלעט געטאָן די וואָנצעס, ארויפגערוקט אויף שפּיץ קאָפּ דאָס היטל און געזאָגט:

— דאָ זײַן א בעריע איז טאַקע גאַנץ שווער. אין דער גראַמאַטיקע בין איך א קנאַפּער וויסער. נאָר מע דערציילט אזא געשיכטע...

שמײַע האָט ניט באוויזן אָנהייבן זײַן געשיכטע, ווי ס'איז אַרײַנ־געלאָפן אין א נעשאָמע אזריעל:

— וואָס זיצט איר דאָ... מע שלאָגט דאָרטן, מע קוילעט...

אַלע האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון די ערטער.

— ווו שלאָגט מען?

— ווער קוילעט?

— אזריעל, זעץ זיך צו, דערצייל מיט א טאַלק, וואָס איז געשען?— האָט שלוימע אָוורוצקי געגומען די קוליעס אונטער די פּאַכוועס און איז ארויסגעגאַנגען פון הינטערן טיש.

— אווראָם־עזרע מיט כאַצקלען, מיט דער גאַנצער קאָמפּאַניע זיי־ערער זײַנען אָנגעפאַלן אין פעלד אויף די קאָלאָניסטן, וואָס אַקערן אויף זײַן ערד, און סע טוט זיך כווישעך. מע האָט גערעליען געשפּאָלטן דעם קאָפּ.

— און וואָס טוט די מיליציע?

— וואָס מיר מיליציע? דרײַ מענטשן — אויך מיר מיליציע.

דער אוילעם האָט זיך אוועקגעלאָזט אין פעלד.

אין פעלד, לעבן די צעוואָרפענע זעקלעך זריע, האָט מען דערזען שטיין אווראָם־עזרען מיט א שטיק האָלץ אין האַנט. ער איז גע־ווען צעבראָסטעט און אויפגערעגט. ניט ווײַט פון אים איז געשטאַנען כאַצקל דער באַלעגאָלע מיט א לאַנגן דישל און עטלעכע געדונגענע, אומבאַקאַנטע מענטשן. דערזעענדיק דעם גרויסן אוילעם, וואָס איז אהער אָנגעלאָפן, האָבן זיי זיך פאַרלוירן, געבליבן שטיין ניט אהין, ניט אהער.

די ווײַבער האָבן זיך גלײַך צונויפֿגעכאַפּט און גענומען מינטערן דעם אַלטן געדאַליען, וואָס איז געלעגן אויף דער אויפֿגעאַקערטער ערד אַ צעמאַזיקטער און קוים געאָטעמט.

שלוימע אָוורוצקי איז געשטאַנען אַ פֿאַרצאָרנטער און געקוקט אויפֿן צעבלוטיקטן קאַלאַניסט.

— אַוורהם־עזרע, איר האָט, דאַכט מיר, געטײַנעט, אַז מע דאַרף לעבן בשלום, — האָט ניט אויסגעהאַלטן שמײַע, — אין דער טוירע, זאָגט איר, שטייט געשריבן...

— אַזוי וועט זײַן מיט אַלעמען, ווער ס'וועט אָנרירן מײַן ערד! — האָט אַוורהם־עזרע אויסגעשריגן.

— שיר ניט געהרגעט אַ מענטשן — רעצייעך!

— ס'איז מײַן גוטס, מײַן ערד! — האָט אַוורהם־עזרע ניט אויפֿגעהערט גוואַלדעווען, — כ'וועל קיינעם ניט אָפּגעבן!

— עפּשער וועט איר שרײַען אויפֿן טאַטן אויף אײַערן? — האָט ניט געקאָנט מער אײַנשטיין רויק שלוימע און זיך געלאָזט גיין צו אַוורהם־עזרען, — וואַרפֿט נאָר אַוועק אײַער פּלאָקן.

אַוורהם־עזרע האָט זיך אָפּגערוקט אין אַ זײַט און גענומען קלאַפּן זיך מיטן קולעק אין קאָפּ:

— גאַזלען! ווען מע קומט צו דיר און מע נעמט צו דײַן גוטס, וואָלסטו אויך געשוויגן? גראַבעזשניקעס! מײַנע אָקסן! מײַן זריע! מײַן ערד! בלוט וועט זיך גיסן!

— נו, מיילע, איר ווילט ניט מיט גוטן... — האָט שלוימע זיך אָנגערופֿן. — מיך וועט איר ניט איבערשרעקן. איך האָב שוין אויף מײַן לעבן אַזעלכע צאַצקעס, ווי איר, געזען. — און ער האָט אַ געשריי געטאָן: — אַנו, וואַרפֿט אַלע אַוועק די דרוקעס! נאָר גיכער!

צווישן אוילעם איז געוואָרן שטיל. אַוורהם־עזרע האָט, ווישנדיק מיטן אַרבל דעם שווייס, זיך געלאָזט אַראָפּ־באַרג, צו דער קאָלאָניע. כאַצקל האָט זיך אַרומגעקוקט און באַמערקט, אַז די עטלעכע געדונגענע זײַנען אַנטרונען, האָט ער זיך אויך אַרויסגערוקט פֿונעם אוילעם און אַוועקגעגאַנגען באַכן שווער.

— קאָלאָניסטן, וואָס שטייט איר, די ערד איז אײַערע. אַנו, נעמט זיך צו דער אַרבעט, — האָט שלוימע פֿריילעך זיך אָנגערופֿן, און אַלע האָבן זיך אַ נעם געטאָן — ווער שפּאַנען די אָקסן, ווער צונויפֿנעמען די צעוואָרפֿענע זעק מיט זריע, ווער מעסטן דאָס פֿעלד.

עטלעכע באראנעס האבנ צעקרישלט די אופגעאקערטע ערד, פונ וועלכער ס'האט זיכ געהויבנ א געדיכטער שטויב. די זייערס האבנ זיכ געלאזט גיינ אונ צעשאטנ דעמ גערשטנ.

— אינ א מאזלדיקער שא! — האט זיכ אנגערופנ שמײַע.

— אינ א מאזלדיקער שא! — האבנ זיכ געהערט אויסגעשרייענ פונ אלע זײַטנ.

שלוימע אוורוצקי האט זיכ צוגעזעצט אפ א זעקל טווע, זיכ אײַנ־געקוקט אינעמ אופגערודערטנ סטעפ אונ א רופ געטאנ שמײַענ:

— זעצ זיכ צו א ביסל.

— א שיינע וועסנע הייבט זיכ אנ, — האט שמײַע זיכ צעשמייכלט, צוזעצנדיק זיכ אפנ צווייטנ זעקל, וואס איז געלעגנ דערבײַ, אונ האט ארויסגענומענ דעמ קיסעט.

— נו, איצט וועלנ שוינ די קאלאניסטנ א ביסל קומענ צו זיכ.

— שוינ צײַט, וויפל קאנ מענ לעבנ, ווי די זלידניעס? וואס זאגסטו, שמײַע?

— וואס קאנ איכ זאגנ? — האט זיכ דער בלעכער געשמאק פאר־צויגנ מיטנ ציגאר, — איכ קאנ נאר זאגנ איינ זאכ — זאל זײַנ מיט מאזל!

נאכעס פונ קינדער

— עס זײַנענ פאראנ מענטשנ, וואס קאנענ ניט פארלײַדנ קיינ שכיינימ, — זאגט שמײַע דער בלעכער, — רעדט איר זיי ארויס דאס ווארט „שכיינימ”, אזוי ווערט זיי ניט גוט אפנ הארצנ. איכ פארשטיי ניט, ווי קאנ מענ עס גאר לעבנ אנ שכיינימ! עס טרעפט, ס'איז דיר אנגעזאליעט אפנ הארצנ. ווער קאנ העלפנ? גוטע שכיינימ. עס טרעפט בא דיר א סימכע. ווער קומט צו דיר זיכ פרייענ? דײַנע שכיינימ. דו צעקריגסט זיכ אמאל מיטנ ווײַב. ווער קומט אונטערגיסנ בוימל אינ פײַער? ווידעראמאל שכיינימ.

צו מײַנע שכיינימ האב איכ קיינמאל קיינ טײַנעס ניט געהאט. עמעס, איכ האב אויכ אזעלכע שכיינימ, וואס ס'איז אנ אווירע, וואס די ערד טראגט זיי. מע האלט נאר אינ איינ טראכטנ, וויאזוי פאר־זשעבערעוועט מענ די וועלט, וויאזוי פאמפעט מענ אויס באמ קאלאניסט דעמ לעצטנ גראשנ. ס'איז א גליק, וואס די מאכט איז ניט זייערע,

אניט וואָלט מען געמוזט אַנטלויפן אין דער וועלט אַרײַן. און מער פון אַלעמען בין איך מיט שלומען זיי גרויס אין די אויגן.

זיי מיינען, אַז ווען ניט מיר, וואָלטן זיי זיך איצט געקאָנט צעהו־ליען, — אַ גבֿבֿטיקער טאָג! זיי פאַרשטייען ניט, אַז ס'איז שוין ניט זייער צײַט.

— וואָס פאַר אַ כלעבאָראַב איז שמײַע גאזלען, — טײַנעט אוו־ראָם־עזרע, — אַז ער איז ניט אויסגעוואַקסן אַף דער ערד.

— ווי זשע דען בין איך אויסגעוואַקסן, אפֿן הימל? איך אַרבעט ניט געטרײַ אַף דער ערד? אַבי, זאָל זיך עמעצער פּרוּוון מיט מיר פאַר־וועטן, ווען איך גיי נאָכן אַקער? פאָרט פון קינדווײַז אָן אַ באַלמעלאָ־כע. אַז איך גיי אַרוּם אַ טאָג אָן אַרבעט, איז בײַ מיר דער טאָג אַ פאַרפאַלענער. צו וואָס איך זאָל זיך ניט נעמען, האָב איך ליב, עס זאָל אָפּגעטאָן ווערן ראַיעל. איר מעגט שוין אַ באַלג זײַן אַ קוק טאָג אַף מײַן פעלד און אַף מײַן גאָרטן, ווי־אַזוי זיי זײַנען באַאַרבעט. און עס סטײַעט מיר נאָך צײַט אַף אַנדערע זאַכן אויך. אַז אין פעלד איז קיין אַרבעט ניטאָ, נעם איך דאָס ביסל קלאַפּער־געצײַג און לאָז זיך צו די שכיינים פאַריכטן זיי די רעדער. און טאָמער צעברעכט זיך בײַ עמעצן אַ ראָד, אַ וועגעלע, אַ טאַפּליע, קומט מען אויך צו מיר, און טאָמער דאַרף עמעצער שטעלן אַ נײַע כאַטע, קאָן מען זיך אויך ניט באַגיין אָן שמײַען.

מײַן רייזל בייזערט זיך אַמאָל אַף מיר, אַלעמאָל איך נעם זיך צו אַלע אַרבעטן. נאַרעלע, — זאָג איך איר, — פאַרוואָס זאָלן מענטשן ניט געניסן פון מײַן אַרבעט? עס וועלן אַוועקגיין יאָרן, איך וועל שוין זײַן אַלט און גרוי, וועל אַרומגיין מיט אַ שטעקעלע, און יונגע בעוורע וועלן אַרומלויפן איבער דער קאָלאָניע, לאַכן, שטיפן, זינגען, וועל איך זיי קענען צורופן און באַווײַזן: איר זעט דאָס הויז? דאָס האָב איך צו דעם צוגעלייגט אַ האַנט. איר זעט אָט די סעדער, די ווײַנגערט־נער, — דאָס האָב איך זיי פאַרפלאַנצט! קיינער וועט מיר ניט קאָנען אויסוואַרפן, אַז כ'האָב אומזיסט געגעסן ברויט. איז דאָס ניט קיין גרויסע פרייד? אַף אַרבעט שטייט די וועלט.

און אַז עס טרעפט, ס'ווערט מיר ענג, אַפֿן פעלד איז ניט געראָטן, פויל איך זיך ניט, איך נעם מיר דעם אינסטרומענט און גיי אוועק קיין בערסאָן אָדער קיין קאַטערינעסלאַוו אַף אַרבעט. איך זיץ דאָרט אַף אַ בוידעש און אַמאָל צוויי, און קער זיך אום אַהיים מיט ברויט און קוי־לעטש.

איינמאָל גיי איך מיר אַזוי איבער די שיינע גאַסן פון קאַטערינעס־

לאוו. איכ האָב גראָדע פּאַרענדיקט דעקנ דעמ דאַכ פונעמ נאַראָבראַז, פאַרדינט א ביסל מינצ, אײַנגעקויפט דעמ ווײַב, די קינדער שיינע מאַטאָנעס, אונ איכ גיי מיר צומ וואָקזאַל. ס'איז געווענ פונקט ערעוו־יאָמטעוו, ערשטער מײַ. אַלע גאַסנ אונ סעדער, די הײַזער אונ באַלקאָנענ זײַנענ פײַנ אויסגעפּוצט מיט רויטע פאָנענ, מיט גרינס. דער אוילעמ איז פאַרטאַראַראַמט, עס שפּילט די מוזיק, אונ אינ האַרצנ איז אַזאַ פרייד, אַז עס גלוסט זיכ אַרומנעמענ יעדנ מענטשנ, זיכ פרייענ, טאַנצנ. איכ גיי מיר אַזוי אונ באַטראַכט אַלע ווינקעלעכ פונ שטאָט. די ביימער האָבנ זיכ צעגרינט, אונ סע שמעקט אינ די סעדער — א מעכײַע! איכ גיי אונ טראַכט, אַז אָט, נאָכ די עטלעכע ביטערע יאָר, ווערט שוינ אַפ דער נעשאָמע פריילעכער. גיי איכ מיר, ווי א שטאָט-באַלעבאָס, אונ זינג זיכ אונטער א לידל, איכ כאַפּ זיכ ארײַנ אינ א בופעט אונ נעמ א פײַנעמ לעכאַימ, אונ ביז איכ פאַרשלעפּ זיכ אַזוי זינגענדיק צומ וואָקזאַל, דערווײס איכ זיכ, אַז מײַנ צוג האָט נאָכ צוריק מיט א שאָ א פײַפּ געטאָנ— אונ א גוטנ טאָג מיט דער קאַפּאָטע! שמײַע איז געבליבנ א היגער. ער וועט שוינ מוזנ האַלטנ יאָמטעוו אָט דאָ אינ שטאָט. איכ עס זיכ אופּ לעבעדיקערהייט. איכ האָב דאָכ געשריבנ אַהיימ רייזלענ, אַז איכ קומ צו פאָרנ אונ מיר'נ איניינעמ פּראַווענ יאָמטעוו! נאָר וואָס וועסטו טאָנ? א פאַרפאַלענע זאַכ! שפּאַנ איכ שוינ פונעמ וואָקזאַל צוריק אינ שטאָט ארײַנ, איכ זינג שוינ נית אונ בינ אינ קאָפּ אַפ זיכ אונ אַפ דער גאַנצער וועלט. ס'איז נאַכט. אינ די הײַזער צינדט מענ אָנ די שײַנ. אַפ די סטויפּעס ברענענ שוינ די גרויסע לאַמטערנס. אַפ די באַלקאָנענ לײַכטנ רויטע, גרינע, בלאָע לעמפּלעכ. עס הענגענ רויטע לײַוונטנ, פאָרטרעטנ, פּלאַקאַטנ. די גאַסנ זײַנענ פול מיט מענטשנ, אַלע יאָמטעוודיקע, פאַרפּוצטע, נאָר איכ איינער גיי מיר אַרומ, ווי א שעפּסל, וואָס האָט זיכ אָפּגעשלאָגנ פונ דער טשערעדע.

איכ בינ ארײַנגעקומענ אינ דער שטוב, ווו איכ האַלט שטענדיק סטאַנציע, אונ אײַנגעשלאָפנ, ווי א געהאַרגעטער. פאַרטאָג האָבנ מיכ אויפגעוועקט פונ שלאָפ די מוזיקאַנטנ, וואָס האָבנ זיכ צעשפּילט אַפ דער גאַס נית ווײַט פונ מײַנ פענצטער. עס האָבנ אַזוי גענומענ האַקנ די פויקנ, אַז איכ האָב געמיינט, אַרטילעריע שיסט שוינ ערגעצ נאָענט, בינ איכ אַראָפּגעשפּרונגענ, ווי אַנ אָפּגעבריטער, פונ בעט. איכ טו א קוק אינ פענצטער — סע טוט זיכ כוישעכ! די גאַס איז שוינ פול מיט אוילעמ, אָט גייענ מענטשנ מיט רויטע סטענגעס אַפ די אַרבל, מיט קווײַטנ אונ פאָנענ. עס טראָגט זיכ א געזאַנג, אונ די טרומייטנ שפּילנ אַפ וואָס די וועלט שטייט! אַפ אַזאַ סימכע בינ איכ נאָכ, זינט איכ לעב,

ניט געווענ. איך כאַפּ אַפּ זיך ארופ דאָס אָנטאָנ, לויפ ארויס אינ דרויסנ אונ איך בינ שוינ אויך אינ קאָנ.

איך שטיי צווישנ אוילעמ באַמ ברעג טראָטואַר אונ קוק, ווי עס גייענ די קאַלאָנעס, ווי די מענטשנ שײַנענ, ווי די מוזיקאַנטנ ארבעטנ עס אויס אַפּ זייערע אינסטרומענטנ. אונ דער אוילעמ זינגט. איך שטיי מיר אַזוי אָנגעשפּאַרט אינ א בוימ אונ ווייס ניט, אַפּ וואָס פאַר א וועלט איך געפינ זיך. די אויגנ צעלויפנ זיך אינ אַלע זײַטנ, אונ איך קוועל אָנ, ווי א קליינ קינד. אָט גייט איבער דער גאַס א קאַלאָנע קינ־דער. אַלע זײַנענ זיי פאַרפּוצט אינ שפּאָגל־נײַע בגאָדימ אונ אַלע טראָגנ רויטע פענדלעכ. מע גייט, מע זינגט, מע טאַנצט. איך קוק אַפּ די קינ־דער, אונ דאָס הארצ פרייט זיך אינ מיר. אוואַדע, ווענ איך בינ געווענ אינ זייערע יאָרנ, האָב איך דענ געוווּסט פונ אַזאַ פרייד? אינ זייערע יאָרנ האָט מיך שוינ דער טאַטע גענומענ צו דער ארבעט אונ האָט גע־זאָגט:

— גענוג, שײַע, ביסטו געזעסנ אַפּ מײַנ קאַרק, צײַט א טראַכט טאָנ וועגנ טאַכלעס, קריכ אַפּנ דאַכ.

אַזוי האָט מענ מיכ אינ טאָג פונ בארמיצווע, צו דרײַצנ יאָר, געבענטשט, אונ פונ דעמאָלט אָנ בינ איך געוואָרנ א בלעכער. שטיי איך אַזוי פאַרטראַכט, קוק אַפּ די פריילעכע כעוורע, אונ עס קומענ מיר אַפּנ זינענ מײַנע קינדער, ליזע מיט איציקנ. ווענ זיי לעבנ, וואָלטנ זיי אויכ אַזוי געגאַנגענ צוזאַמענ מיט אַלע, געטראָגנ פענדלעכ אונ געזונגענ. נאָר ווער ווייסט, ווו זייער געביינ איז אַהינגעקומענ? אונ די קינדער גייענ אונ זינגענ, אונ זייער געזאַנג צעגייט זיך מאַמעש אינ יעדער אייווער. איך טו זיך א שפּאַר דורכ נעענטער, איך וויל זיך בעסער אינ זיי אײַנקוקנ. די מיליציאָנערנ פאַרשטייט זיך, בייזערנ זיכ, לעמײַ איך צעשטער זיי די אָרדענונג, נאָר איך הער זיי, ווי דעמ פאַראַיאָריקנ שניי. אונ אַזוי ווי איך שטיי אונ טײַנע זיך אויס מיט א מיליציאָנער, דערזע איך א שוואַרצ מיידעלע, מיט קוטשעראַווע שוואַרצע הערעלעכ, דאָס פּענעמל שײַנט פונ פרייד, זי זינגט אונ טאַנצט אונטער, א לעבעדיקע, א רירעוודיקע, א שיינהײַט. אונ סע גיט מיר פּלוצעמ א טיאַכקע אינ הארצנ — איך קאָנ שווערנ, אַז זי איז ענלעכ אַפּ מײַנ ליזענ, ווי אײנ מאַמע וואָלט זיי געהאַט! אונ איך צעלאַכ זיך אַפּ א קאָל: „מעשוגענער, וואָס קריכטו דיר אינ קאָפּ? זינט דו לעבסט, גלייבסטו ניט אינ קיינ ניסימ". די קאַלאָנע קינדער איז שוינ ווײַט, נאָר דאָס הארצ לאָזט מיכ עפּעס ניט רוענ, איך קאָנ ניט אײַנשטיינ אַפּ איינ אָרט: „שוטע, פאַרוואָס האָסטו ניט געקאָנט

צוגיינ בעענטער, א פרעג טאָנ, ווער זײַנענ עס די קינדער, פונוואַנענ? אײַ, דער מיליציאָנער וועט זיכ בייזערנ. לעמײַ איכ צעשטער דעם סטרוי, מיילע, וועל איכ זײַנ צעקריגט מיט אײַנ מיליציאָנער. אונ איכ לאָז זיכ לויפנ דעריאָגנ די קינדער. איכ צעשטויס דעם אוילעמ, מע איז אָפּ מיר אינ קאַס, די מיליציאָנערנ פײַפנ, נאָר זיי מעגנ פײַפנ וויפל זיי ווילנ, איכ לויפ אָנ א נעשאָמע אונ דעריאָג די קינדערשע קאָלאָנע העט־העט אַפנ בארג, אונ איכ זוכ אָפּ דאָס שווארצע מיידעלע אונ גיב א פרעג, ווי הייסט זי, ווי איז איר נאָמענ, אונ איכ פאַל שיר ניט כאַ־לאָשעס... ליזע ספּיוואק! זי האָט ניט קיינ טאטנ אונ ניט קיינ מאַ־מענ, לעבט אינ א קינדער־היימ דאָ ניט ווײַט, אַפנ בארג. איכ בלײַב שטיינ א געפּלעפטער, אונ איבערנ לײַב גייט מיר דורכ א קעלט. דאָס מיידעלע קוקט מיכ אָנ, ווייסט ניט פונ וואָס צו זאָגנ, אונ איכ טרעט פונ איר ניט אָפּ, אונ דער וואסערפירער שטייט מיר אינ די אויגנ.

מענטשנ טײַערע, זאָגט מיר נאָר, וויאַזוי זאָל איכ אײַכ דערציילנ וועגנ מײַנ גליק? איכ שטיי מיט מײַנ קינד אונ לאַכ אונ וויינ, אונ ווייס ניט, וואָס איכ זאָל מיט אונדז ביידנ טאָנ? איכ כאַפּ אָנ ליזעס לערערקע אונ הייב זי אָנ קושנ, אונ וויינ גאָרניט, וויאַזוי זי אָפּ־דאנקענ, זאָגט זי מיר, אַז אָפּדאנקענ דארפ איכ ניט זי, נאָר די ראטנ־מאכט, וואָס האָט צונויפגענומענ די קינדער, וועלכע האָבנ פארלוירנ אינ יענע שווערע יאָרנ די עלטערנ אונ האָט זיי געמאכט פאר מענטשנ.

— ליזע, טעכטערל, אונ וווּ איז אונדזער איציק? פארוואָס, איז ער ניטאָ מיט דיר?

דערציילט זי מיר, וויאַזוי מע האָט זיי ביידנ געבראכט צו פירנ אינ א גרויסער שטאָט. רויטארמייער האָבנ צוגענומענ איציקנ מיט זיכ, אונ זי, ליזענ, האָט מענ אָפּגעגעבנ אינ א קינדער־היימ, אונ פונ דעמלט אָנ ווייסט זי ניט, וווּ ער איז אהינגעקומענ.

איכ נעמ זי אָנ בא דער האַנט אונ וויל זיכ שוינ מיט איר לאָזנ צומ וואָקזאל, אוועקפירנ זי אהיימ, נאָר — דאָס ניט. די לערערקע לאָזט ניט. מע פירט מיכ ארײַנ אינ א סאָד. צווישנ ביימער שטייט א שיינ מויערל. דאָ געפינט זיכ דאָס קינדער־הויז. עס רופט מיכ ארײַנ צו זיכ די פארוואלטערנ, זייער א פײַנע פרוי. זי פרעגט מיכ פאנאנדער, הערט מיכ אויס, נאָר וועגנ צונעמענ דאָס קינד, זאָגט זי, דארפ מענ נאָכ א טראכט טאָנ. ליזע האָט א גאָלדענעמ קאָפּ צו דער לער, אונ אינ קאָלאָניע איז נאָכ קיינ גוטע שול ניטאָ. כוץ דעמ שפּילט ליזע זייער גוט פיאנע, אונ די לערער זאָגנ, אַז עס קאָנ פונ איר אויסוואקסנ א טאלאנט!

צוויי טעג האָב איך פאַרוויילט אינ קינדער־היימ, פאַרבראַכט מיט מײַנ קינד, געגאַנגענ מיט דעמ שפּאַצירנ, אײַנגעקויפט מאַטאַנעס, געמאַכט צאַצקעס פאַר אַלע קינדער, אַרומגעזענ דעמ דאָב, און מע האָט מיר אײַנגערעדט, אַז איך זאָל זי דערווײַל איבערלאָזנ, ניט איבערשלאָגנ איר דאָס לערנענ. אפנ דריטנ טאָג לאָז איך זיך צומ וואָקזאַל. איך גיי און בינ צופרידנ מיט דער וועלט. איך שפּאַנ א שיקערער פונ פרייד.

אָט פאַר איך שוינ, באַר דער צוג, דוכט זיך מיר, שלעפּט זיך, ווי מיט אָקסנ. איך וואָלט שוינ א באַלנ געוועזנ גיכער זײַנ אינ דער היימ, אַוועקזעצנ באַמ טיש דאָס ווײַב מיט די קינדער, די שכיינימ, און פּראַווענ א סימכע.

אפ אונדזער פּאָלוסטאַנאָק טרעפ איך אָנ א קאָלאָניסט, א גוטנ שאָכנ, מיט א וואָגנ, און מיר זעצנ זיך אַרײַנ און טראָגנ זיך אַוועק מיט א טראַסק איבערנ סטעפּ און ליידיקנ אויס פאַרייִנוועגס א פלעשעלע, און מיר צעזינגענ זיך הויך אפ א קאָל, אַז אַלע שכיינימ זײַנענ אַרויסגעלאָפנ פונ די הײַפלעך.

— זעט נאָר, דער שאָדנ האָט זיך אָפּגעזוכט.

— שמײַע, ווו ביסטו עס פאַרפאַלנ געוואָרנ?

— דײַנ רייזל האָט זיך שוינ אויסגעוויינט די אויגנ, ווי ווערט עס א מענטש פאַרפאַלנ אפ אַזא צײַט? האָסט דאָך איר צעשטערט דעמ יאָמטעוו.

און רייזל לויפט אַרויס אַנטקעגנ אָנ א נעשאָמע, זי וויינט, און טײַנעט, און שווערט, אַז מער וועט זי מיך שוינ ניט אַרויסלאָזנ אפ יענער זײַט שוועל. זי האָט שוינ איבערגעטראַכט גאָט ווייסט וואָס, און איך כאַפּ פונ איר אַרײַנ יענעמ פּסאַק, ווי אַמאָליקע צײַטנ!

איך גיי מיר פּאַוואָליע און זינג זיך אונטער, און דער אוילעמ, די שכיינימ, זאָלנ לעבנ און געזונט זײַנ, רינגלענ מיך אַרומ, באַגלייטנ מיך ביזנ הויפ.

— מענטשנ, וואָס איז מיט אימ? עפּשער דאַרפ מענ צו אימ רופנ א דאָקטער?

— שמײַע, וואָס פאַר א זיגנעניש איז אפ דיר פּלוצעמ אָנגעפאַלנ?

— פרעגט ניט, טײַערע! אפ אַלע גוטע פרײַנט געזאָגט געוואָרנ אַזא פרייד. רייזל, גרייט באַר צומ טיש און רופ צונויפ אַלע שכיינימ!

און רייזל בייזערט זיך שוינ ניט, זי לאַכט:

— מעשוגע, אפ מײַנ וואָרט! וואָס פאַר א שכיינימ אינמיטנ־דערינענ? גיי, לייג זיך בעסער צו שלאָפנ.

— וואָס פאַר א שלאַפֿן איבמיטן העלן טאָג? רייזל, שיק רופֿן אהער די קלעזמער. זאָלן זיי שפּילן! זאָלן זיי א קלאַפּ טאָן א פֿריילעכס!

איך האָב צונויפֿגערופֿן מײַנע בעסטע שכנים, און מע האָט גענומען א קויסע אַלע סאָנים אָפּ צעזעצעניש, און איך האָב זיי אוועקגעלייגט די גאַנצע געשיכטע, וואָס איז מיט מיר פֿאַרלאָפֿן אין קאַטערינעסלאַוו. מיר האָבן זיך אַלע געפֿרייט און געווּנטשן איינער דעם אַנדערן א גליקלעכן לעבן און א סאַך נחת פֿון אונדזערע קינדער.

נאָכעס פֿון קינדער און פֿון דער וועלט

— ס'זײַנען דאָ ווײַבער אויף דער וועלט, וואָס הייבן אָן דערגיין דעם מאַן די יאָרן גלײַך נאָך דער חתונה, און מײַנע, — זאָגט שמעיע, — האָט זיך צו מיר גענומען ערשט אין זיבן יאָר אַרום, נאָך דעם, ווי מע איז זיך צונויפֿגעגאַנגען. ס'איז געווען נאָך יענעם אָפּדערנאַכט, ווען שלוימע אָוורוצקי האָט צונויפֿגערופֿן דעם גאַנצן עולם פֿון דער קאָלאָניע אין קלוב אַרײַן, און ס'איז אַוועק א רייד וועגן שאַפֿן א קאָלכאָז.

שמעיע האָט שוין צו יענער צײַט פֿאַרמאָגט א שטיקל באַלעבאַטישקײַט: א העקטאַר ערד, א פּיצל ווײַנגאָרטן, א טעלעצע, א באַרענע, נאָר אויף אַן איינן פֿערדל האָט ער זיך נאָך אַלץ ביטו געקאָנט אַרומפֿאַרבעטן. און ברויט איז דאָס יאָר אויך געווען קוים־קוים די נעשאָמע צו דערהאַלטן. אַז עס פֿלעגט קומען דער פֿרילינג, פֿלעגט ער זיך גוט אָנמוטשען, ביז ער האָט ערגעץ געקראָגן א פֿערדל בא א „באַלעבאָס”, וואָס האָט בא אים אַראָפּגעשונדן די הויט פֿאַר דעם, און אַז ס'פֿלעגט אים ווערן גאָר ענג, פֿלעגט ער פֿאַרלאָזן די היים און זיך אַוועקלאָזן אין שטאָט אַרײַן עפּעס פֿאַרדינען.

איצט, אַז די פּויערים האָבן זיך אויף דער הייסער פֿאַרזאַמלונג אָנגעהויבן קריגן און אָמפּערן מיט די טאַקיפֿע באַלעבאַטים, האָט שמעיע גענומען א וואָרט און געבעטן, מע זאָל אים גלײַך פֿאַרשרײַבן אין קאָלכאָז. די באַלעבאַטים האָבן זיך אויף שמעיען אַרופֿגעוואָרפֿן, גענומען זידלען אים, שרײַען, נאָר אים האָט עס וויי־ביק־וואָס געאַרט, און אַז ער איז שפּעט באַנאַכט געקומען אַהיים, האָט אים ערשט דאָס ווײַב זײַנס, רייזל, אָפּגעשפּילט א חתונה:

— וואָס דארפסטו איינרייסנ די וועלט מער פונ אלעמענ? דו ווילסט, די קוילער זאָלנ דיר אויסשלאָגנ די טאפליעס, ווי מע האָט עס געטאָנ בא שלוימע אָוורוצקינ?

— נארעלע, וואָס זשע ארט עס דיכ? — זאָגט צו איר שמעיע, — עס גייט שוינ צו ווינטנ, וועט זיינ מער לופט אינ כאטע.

— געדענק, שמעיע, מיינע ווערטער, אווראָמ־עזרעס קאָמפּאניע וועט דיר צעברעכנ די ביינער.

— דאָס וועלנ מיר נאָכ זענ. איכ בינ, רייזל, א מענטש מיט שטארקע ביינער.

— וואָס זשע מיינסטו, שמעיע, האָסט שוינ בא מיר געפּויעלט? אָט נעמ איכ טאקע די טעלעצע, וואָס דארפ זיכ שוינ באלד אָפּקעלבנ, אונ פיר זי דיר אָפּ אינ דיינ קאָלכאָז?

— וואָס עפּעס מיינער? ער איז מיינער, אונ דיינער, אונ אלע־מענס.

— דו האָסט זיכ פארשריבנ, קאָנסטו גיינ, אונ איכ טראכט אפילע ניט דערפונ.

— דו לאכסט, רייזל.

— ווער לאכט, איכ לאכ? — האָט רייזל זיכ צעשריענ, — א שיינ געלעכטער, זיכ קוימ מיט צאָרעס געשטעלט אפ די פיס, ווילסטו מיטאמאָל אלצ כאָרעוו מאכנ?

— וואָס האָסטו אזוינס, — ענטפערט איר שמעיע, — איכ זאָל עס דיר כאָרעוו מאכנ? צענ יאָר, אז מיר אקערנ מיט דער נאָז די ערד, אונ מיר זיצנ נאָכ אלצ בא א צעבראָכענער קאָרעטע.

— אונ דארטנ אינ קאָלכאָז האָט מענ דיר אָנגעגרייט פאר־טיקע?

— וואָס רעדסטו, רייזל, — טענעט שמעיע מיט הארצ, — דו זעסט דאָכ, וואָס עס טוט זיכ. די גאנצע קאָלאָניע גייט כאָדאָראָם. צוליב דעמ האָבנ מיר פארגאָסנ בלוט, מע זאָל זיכ אייביק בוקנ פאר אווראָמ־עזרענ מיט זיינ איידעמל? וואָס ארט דיכ, די מעלוכע וועט אונדז אראָפּברענגענ טראקטאָרנ, זריע, מאַשינעס, עלעקטרע. ס'וועט זיינ א לעבנ! מיר וועלנ דאָ אליינ זיינ די באלעבאטימ!

— ווייסטו וואָס, — זאָגט רייזל א ביסל שטילער, — גיי דיר אליינ אינ קאָלכאָז, אונ אז ס'וועט דארטנ זיינ גוט, וועסטו מיר שיקנ א דעפּעשע. טאָמער קומ איכ ניט, זאָלסטו אָבער ווימנ, אז איכ בינ אוועק מיט די קינדער אונ מיט דער טעלעצע פונ דיינ שטוב, — האָט זיכ רייזל מיטאמאָל צעוויינט.

— פע, רייזל, דאָס איז שוינ ניט אינ אונדזער טעווע, גאָר ניט שיינ! ווילסטו, הייסט עס, קומענ אפ גרייטנ? אזוינס האָב איכ זיכ פונ דיר ניט געריכט, — האָט שמיִע געזאָגט, צוזעצנדיק זיכ צו איר אונ גלעטנדיק אירע האָר.

אָט אזוי האָבנ זיי זיכ צעקריגט אונ זיכ איבערגעבעטנ אונ ווי־דער צעקריגט, ניט געשלאָפנ די נאכט, ביז אינ דער קריג האָט זיכ גאנצפרי אריינגעמישט דער בריוונטרעגער, וואָס האָט געבראכט א גרויסנ קאָנווערט. ווענ שמיִע האָט אימ אופגעעפנט, איז ער געבליבנ א געפלעפטער: זיינ זונ, איציק ספיוואק, האָט זיכ אָפגעזוכט!

נאָכ דעמ, ווי שמיִע האָט געפונענ זיינ מיידעלע, ליזענ, האָט ער אָנגעהויבנ גלייבנ, אז אויכ דער זונ, איציק, לעבט געווים, נאָר זיי ווייסנ ניט איינס פונ צווייטנ, אונ ער האָט צעשיקט בריוו אינ אלע עקנ לאנד, נאָכגעפרעגט זיכ. ער האָט אפילע אָנגעשריבנ וואָראָשילאָווג אונ בודיאָנינ, צו ווייסנ געבנ, ווער ער איז אונ פונוואנענ, אונ גע־בעטנ מיטיילנ, עפשער ווייסנ זיי, ווו ס׳איז אהינגעקומענ זיינ זונ איציק ספיוואק, וואָס רויטארמייער האָבנ אימ אונטערגעקליבנ אפ א וואָקזאל אינ די שווערע יאָרנ. אונ אָט, נאָכ א סאכ כאדאָשימ קלאָר־פּאָט איז געקומענ די פרייליכע בסורע — א בריוו מיט א פאָטאָגרא־פיע פונ איציקנ.

שמיִע האָט ניט ארויסגעלאָזט דאָס בילד פונ דער האנט, ניט געקאָנט אָפרייסנ דאָס אויג פונ דעמ יונגנ מיליטעריש־אונטערגעצוי־גענעמ כעווראמאנ מיטנ שטייפנ געשוירענעמ קאָפ. ער איז געשטאנענ, דער יאט, אינ דער גאנצער לענג בא א קליינ טישל מיט בלומענ, די שטיוול האָבנ געגלאנצט, אונ דאָס פּאָנעמ האָט אויסגעזעענ אָנגע־שטרענגט אונ בראוו. דאָס שלאנקע, שווארצע באָכערל קוקט אראָפּ פונעמ בילד אפנ טאטנ פארוונדערט אונ ארויסרופעריש. שמיִענ האָט זיכ אזש דער קאָפּ פארדרייט פאר פרייד, ער בייזערט זיכ שוינ ניט אפ רייזלענ. ער האָט שוינ איגנאנצנ פארגעסנ אינ דעמ קריג.

אינ שטוב זיינענ זיכ צונויפגעלאָפנ אלע שכיינימ, אופגעהויבנ א גרויסנ געפילדער. די פאָטאָגראפיע פונעמ יונגנ, אומבאקאנטנ קורסאנט איז געגאנגענ פונ האנט צו האנט.

— זעט נאָר א באָכער, דער טאטע מיט די ביינער!

— ער איז אויכ אזא גאזלענ, ווי דו, שמיִע?

— דעמ טאטנס וויפראווקע.

— וואָס קאָנ מענ זענ אפ א קארטע?

— פונוואנענ איז אָנגעקומענ דער בריוו?

שמײַע האָט אָנגעהויבנ באַטראַכטנ דעמ קאָנווערט מיט די שטעמפּ־לענ און גאַדלעסדיק אויסגערופנ:

— פונ לענינגראַד, מיט אַנ אַדרעס.

ער האָט איצט געשײַנט פונ גליק, זיכ ניט געקאָנט געפינענ קײנ אָרט. און אינ עטלעכע טעג אַרומ, ווענ ס'האָט זיכ אײַנגעשטילט די זאַווערוכע, האָט ער גענומענ דאָס סאָלדאַטישע רענצל און זיכ גע־לאָזט צומ פּאָלוסטאַנאָק — ער פאָרט צוגאַסט צומ זונ. רײזל האָט אימ דאָפּקע אָפּגערעדט פאָרנ אינ אַזאַ צײַט, ווענ אינ דאָרפ איז אַנ איבערקערעניש, נאָר שמײַע האָט מער ניט געקאָנט אײַנזיצנ אַפ אַנ אָרט, און ער האָט זיכ געלאָזט אינ וועג אַרײַנ.

א באַקלעפּטער מיט שנײ־ראָסע און א דורכגעפראָרענער ביז די בײנער, איז שמײַע צוגעפאָרנ אַפנ שליטל צו דער קלײנער, אינ שנײ פאַרזונקענער אײַזנבאַנ־בודקע און דערזענ פליִענ אינ דער שנײיִקער מידבער א לאַנגנ צוג, וואָס האָט זיכ אינ סטעפּ, באַמ קלײנעמ פּאָלו־סטאַנאָק, פאַרהאַלטנ אינגאַנצנ אַפ אײנ מינוט. שמײַע האָט זיכ פלינק אַרײַנגעכאַפּט אינ אַנ ענגנ וואַגאָנ און באַלד זיכ גענומענ אײַנ־אָרדענענ.

— א טײַערע זאַכ צו פאָרנ מיטנ צוג, — האָט ער זיכ אָנגערופנ, ווענ ער איז אַרופגעקראָכנ אַפ דער אײבערשטער באַנק, — איצט אַרט מיכ שוינ גאָרניט, איכ פאָר! — און ער איז גלײַכ אײַנגעשלאָפנ מיט א געשמאַקנ, געזונטנ שלאָף.

עטלעכע מעסלעס איז דער צוג געגאַנגענ דורכ פאַרשנײטע פעל־דער און וועלדער, דורכ סטאַנציעס און פּאָלוסטאַנקעס, און שמײַע, ווי נאָר ער איז זיכ אויסגעשלאָפנ, איז ער אַראָפּגעקראָכנ פונ דער באַנק, זיכ אײַנגעאָרדנט באַמ פענצטער און איז גלײַכ באַקאַנט גע־וואָרנ מיט אַלע פּאַסאַזשירנ.

— א קלוגע זאַכ א צוג, — האָט שמײַע געטראַכט, — פאַר עט־לעכע טעג פאָרסטו אויס א שטיק לאַנד, און דו קאָנסט פאַרײַנווענס זיכ דערווּסנ, וואָס עס טוט זיכ אַפ דער וועלט, א סאַכ מער, ווי פאַר א גאַנצ יאָר אינ דער הײמ. פּאַסאַזשירנ קומענ אַרײַנ און קריכנ אַראָפ, און יעדער אײנער, ווי נאָר ער זעצט זיכ צו און פאָרט אַפ עטלעכע ווערסט, אַזוי ווערט ער גלײַכ הײמיש, און איר דערווּסט זיכ באַלד, ווער ער איז, פונוואַנענ ער איז, וווּהינ ער פאָרט, וואָס הערט זיכ בא אימ אינ דער הײמ, צי זײַנענ גוט אופגעגאַנגענ די ווינטער־טוועס, און צי זײַנענ שוינ אינ די דערפער פאַראַנ א סאַכ קאָלכאָזנ. דו פאָרסט און פאָרסט, און זעסט פאַר די אויגנ דײַנע שײנע מעדינע,

אירע שטעט אונ דערפער, אירע מענטשנ מיט זייערע כאראקטערנ. די מענטשנ זײַנענ שוינ גאָר אנדערע מענטשנ, שוינ ניט יענע, מיט וועלכע ער האָט זיכ אינ די שווערע יאָרנ ארומגעשלעפּט אפ די דעכער, אינ די טעפּלושקעס. א סאכ פּראָסטע מענטשנ פאָרנ אינ צענטער מיט עפּעס א וויכטיקער שעליכעס. באָכערימ אונ מיידלעכ קערנ זיכ אומ פונ די קאניקולנ אינ די אינסטיטוטנ. דער גאנצער שכיינעסדיקער וואַגאָנ איז פול אָנגעשטאָפּט מיט גאָלדענע יינגלעכ, זיי איילנ אינ דאָנבאס אינ די שאכטעס, אפ די זאוואָדנ. מע זינגט דאָ אונ דאָרט לידער, אונ דער צוג גייט דאפקע ניט געכאפּט. אפ יעדער סטאנציע, בא יעדער סטויפּ שטעלט ער זיכ אָפּ, ווי ער זאָל וועלנ באטראכטנ, צי לוינט פאָרנ ווײַטער אינ אזא פּראָסט צי ניט. נאָר וואָס ארט עס שמײַענ, ער הערט זיכ דערווײַל אָנ אזויפיל נײַס, רעדט זיכ אָנ מיט אזויפיל מענטשנ, אז ער באמערקט ניט אפילע, ווי די צײַט לויפט.

אזוי פּאַוואָליע, ניט געכאפּט, איז שמײַע ארײַנגעפאָרנ קיינ לענינגראד. ער האָט מיט לויכטנדיקע אויגנ באטראכט די וואונדערלעכע שטאָט, ארומגעגאנגענ איבער די ברייטע, שיינע פּראָספּעקטנ אונ פּלעצער, איבער וועלכע ער האָט געשפּאנט מיט יאָרנ צוריק, ווענ ער איז נאָכ געווענ א סאָלדאט, אונ א וועלט מיט געדאנקענ אונ זיכרוינעס האָט פארכלינעט דעמ קאָפּ. ער האָט אָבער קיינ צײַט ניט געהאט מיט זיי זיכ אָפּצוגעבנ. ער האָט זיכ געײַלט. ער האָט ארויסגעשלעפּט דעמ קאָנווערט פונ קעשענע, נאָכאמאָל אונ נאָכאמאָל דורכגעלייענט דעמ אדרעס אונ גענומענ זיכ דערפרעגנ, ווו איז דאָ ערגעצ די פּעכאָטנע שול, ווו עס לערנט זיכ זײַנ זונ. דערזענ דורכגייענ עפּעס א גרויסנ נאטשאלניק, האָט זיכ שמײַע דערפרייט, ווי ער וואָלט באגעגנט א קאָרעוו, אונ אימ אָפּגעשטעלט. יענער האָט אימ פּינקטלעכ דערקלערט, אז די שול מוז ער זוכנ ערגעצ אינ צארסקאָיע סעלאָ.

— הערט נאָר א מײַסע! — איז שמײַע געבליבנ שטיינ געפּלעפּט, — איציק ספּיוואַק, זײַנ זונדל, לערנט זיכ אינ צארסקאָיע סעלאָ? דאָרטנ, ווו עס האָט אמאָל געלעבט ניקאָלקע מיט זײַנ גאנצער כאליאסטרע?

אינ א שאָ ארומ איז שוינ שמײַע געזעסנ אינ א דאטשע-צוג אונ געפאָרנ ווײַטער. אזויפיל געפאָרנ, וועט ער פאָרנ נאָכ א ביסל. ער שטייט באמ פענצטער אונ קוקט. אינ וואגאָנ איז פול מיט יונגע פריילעכע כעוורע, ארבעטער, רויטארמייער, קינדער — מע פאָרט אינ צארסקאָיע סעלאָ אָנקוקנ די שיינע פּאלאצנ, די וואונדערלעכע פאָנטאנענ, גליטשנ זיכ אפ דער אָזערע, אפ די סאזשאלקעס. „וואָס ווייסט

איר, קינדער? — טראַכט זיך שמײַע, — נאָר פון די ביכלעך ווייסט איר, וואָס דאָ איז אַמאָל געווען".

„אַמאָל איז געווען א קיי־יי־סער..." — הייבט זיך אָן בא אים באָמבלען אן אַלטער פאַרגעסענער ניגון, — און איצט איז שמײַע... וואָס איז שמײַע דער בלעכער? שמײַע איזראַיליעוויטש ספּיוואַק? אַ מענטש! א מענטש גלײַך מיט אַלע! אָט פאַרווילט זיך אים אינמיטן־דערינען פאָרן קיין לענינגראַד, אין צאַרסקאָיע סעלאָ צו זײַן זון, זעצט ער זיך און פאָרט. איצט, — שמייכלט שמײַע, — וועט ער שוין טאַקע זען, ווי איז עס דאָרטן געווען אין דער עמעסן. — און ער צעלאַכט זיך אויף א קאָל, דערמאָנענדיק זיך, ווי ער האָט עס אַמאָל צוגעטראַכט פאַר די ווײַבער א באָבע־מײַסע מיטן קייסער און מיט דער פרינצעסן, און מיט דער גאַנצער איבערקערעניש, וואָס ער, שמײַע, האָט גע־מאַכט.

עס איז נאָך געווען ליכטיק, ווען שמײַע איז אָנגעקומען אויפן אָרט, באַטראַכט דאָס וווּנדער־שיינע ווינקעלע, וואָס געפינט זיך אין שכיינעס מיט לענינגראַד. די ביימער און קוסטעס זײַנען גרוי געווען פון שניי, און א שיר פייגל זײַנען אַרויסגעפלויגן איבערן פאַרק מיט א פריי־לעכן געפילדער. און אַרום איז אַזוי שיין און גוט! שמײַע שפּאַצירט פּאַוואָליע אַרום, קוקט אָן די הײַזער, די גלײַכע געסלעך. קליי־נע קינדער טראָגן זיך ווינטערדיק־פאַרשנײַט אויף שליטלעך און גלי־טשערס, ער גייט איבערן ווינטערדיקן פאַרק, און עס דאַכט זיך אים, אַז ער איז אַרײַנגעפאַלן אין גאַניידן. און אַזוי ווי ער שפּאַנט און באַוווּנדערט די שיינע וועלט, דערזעט ער מיטאַמאָל דעם פּאַלאַץ, ער צעעפנט מויל און אויערן. שמײַע, אַז ער דערזעט א שיין שטיקל אַר־בעט, בלײַבט ער שטיין, און ס'ווילט זיך אים דאָס היטל אַראָפּנעמען, אָפּגעבן קאָוועד דעם באַלמעלאָכע, וואָס האָט עס געמאַכט. ער האָט דאָך ערשט געזען לענינגראַד מיט זײַנע ברייטע גאַסן, מיטן טײַך, וואָס פאַרגייט זיך דורך די שענסטע פּלעצער און גאַסן פון שטאָט, געזען די פײַנע בריקן און דעם שטאָלצן פּיאָטערן, וואָס פליט אויף זײַן צעהיצטן פערד, אָבער דאָ, באַם פּאַלאַץ, איז ער געבליבן שטיין און קיין וואָרט ניט געקאָנט אַרויסברענגען. נאָר אָט כאַפּט ער זיך: „נאַר איינער, וואָס האָסטו זיך אָפּגעשטעלט? ביסט, דאַכט זיך, געקומען זען זיך מיטן זון, וואָס דו האָסט געמיינט, אַז ער איז שוין א פאַרפאַלענער", און לאָזט זיך ווײַטער גיין און פרעגט זיך אַלץ פאַנאַנדער, ווו איז דאָ ערגעץ די פעכאָטנע שול. לאַנג אָבער האָט ער שוין ניט געדאַרפט אַרומגיין זוכן. אויפן פאַרשנייטן פּלאַץ

האָט ער דערזען, ווי א גאנצע קאָמאנדע יונגע קורסאנטנ ליגנ אינ
שנײ בא די קוילנוואָרפערס אונ לערנענ זיכ שיסנ. יונגע, פארפא־
ליעטע בעוורע — א שײנקײט אפ זײ צו קוקנ. אונ אלע טראָגנ זײ
ווײסע שעפּסענע פעלצלעכ, גוטע פוישטנ, בײזנקע ביקסנ. — אָט דאָס
וואקסנ קאָמאנדירנ — טראכט זיכ שמײע אונ גײט צו צו א באָכער
אונ הײבט זיכ אָנ דערפרעגנ, צי ווײסט ער ניט, ווו געפינט מענ אי־
ציק ספּיוואק, א קורסאנט. אונ ער זאָגט אימ זײנ פאמיליע, אונ
וואָס ער קער זיכ מיט אימ אָנ, אונ דער בעוורעמאנ לויפט גלײכ אוועק,
אונ אינ עטלעכע מינוט ארומ קערט ער זיכ אומ מיט א גאנצער
כאָפּטע קורסאנטנ, אונ שמײע דערזעט צווישנ זײ א שוואַרצינעוו־
דיקנ שלאנקנ יאט מיט פײַערדיקע, ציגײַנערשע אויגנ, אונ זײ כאפּנ
זיכ ארומ קושנ. אָט שפּאנט ער שוינ מיטנ זונ איבערנ פּארק אונ
פילט ניט דעמ פראָסט. ער קאָנ זיכ אינעמ זונ זאט ניט אָנשפּיגלענ,
ער גײט מיט אימ האנט בא האנט, אונ איציק דערצײלט אימ, ווי עס
האָבנ אימ צוגענומענ די רויטארמײער, אונ ווי ער האָט געלעבט אינ
פּאָלק, ווי ער איז געווענ אפנ פראָנט אונטער ווארשע, ווי מע האָט
אימ, ווענ ער איז אונטערגעוואקסנ, אוועקגעשיקט לערנענ זיכ אהער,
אינ דער מיליטערישער שול. אונ אויכ שמײע האָט אימ גענומענ
אויסדערצײלנ ווענג זײַנ לעבנ. ווענג דער מאמעס טויט, ווענג דער
שוועסטערקע ליזענ אונ ווענג דער קאָלאָניע, ווענג זײַנ נײַער הײמ
אפנ אינגוליעצ.
סאָפ טאָג האָט שמײענ אופגענומענ בא זיכ אינ קאבינעט דער
נאטשאלניק פונ דער שול, א פעסט־געבויטער, גראָוולעכער קאָמבריג,
מיט שלאכט־אָרדענס אפ דער ברוסט. ווי אנ אלטער באוער, האָט ער
א קלאפּ געטאָנ דעמ גאסט איבער דער פלײצע, מעכאַנעד געווענ אימ
מיט א זאטנ, סאָלדאטסקנ וואַרמעס, זיכ צעשמועסט ווענג די לעצטע
שלאכטנ פאר דער ראטנ־מאכט, אונטער פּערעקאָפּ, ווי זײ האָבנ בײ־
דע, ווי ס׳לאָזט זיכ אויס, זיכ געשלאָגנ בישכײנעס. דער נאטשאלניק
האָט נאָכ וואַרמעס ארומגעפירט שמײענ באווײַזנ די שול אונ די
ציכטיק־רײנע צוגעפוצטע קאזארמעס, דעמ רויטנ ווינקל, אונ זײ האָבנ
נאָכ לאנג גערעדט ווענג סיוואש, ווענג דעמ שטורעמ פונ פּערעקאָפּ,
ווענג יענע שווערע אונ העלדישע טעג.
אלצ איז אימ דאָ, שמײענ, געוואלדיק געפעלנ, נאָר מער פונ אלצ—
איציק. א שײנ יונגל ווי גאָלד, הײַנט א לאָשנ, ווי ס׳רעדט רוסיש, א
גראמאָטנער, א קלוגער, לערנט גוט, האלט זיכ פראָסט, אונ נא־
טשאלסטווע האלט פונ אימ א וועלט.

אז ס'איז געקומענ די צײַט זיכ געזעגענענ, האָט שמײַע זיכ ניט געקאָנט אָפּרײַסנ פונעמ זונ, פונ זײַנע כאַווײרים. אוי, ווי זיי זײַנענ אימ אלע אײַנגעבאקנ געוואָרנ אינ הארצנ, אָט די כעוורעלײַט, מיט וועלכע ער האָט זיכ באַקענט ערשט צוריק מיט עטלעכע טעג! וואָס פאר א מענטשנ, אשטייגער, איז שמײַע מיטנ קורסאַנט קארימ גאַלימאָוו פונ באשקיריע אָדער מיט איוואַנ סעמענקאָנ פונ טשערני־גאָוו, צי מיט גורגענ מארגוליאַנענ אונ אליִאַ קעצכאָוועלי פונ די בערג, מיט ניקאָלײַ פעטראָוונ פונ פענזע — איציקס גוטע־ברידער? נאָר אלע זײַנענ זיי אימ געוואָרנ אזוי נאָענט אונ טײַער, ווי אייגענע קינדער. אונ אלע האָבנ זיי אימ באַגלייט צומ וואָקזאַל. מע פרייט זיכ, מע וויצלט זיכ. דער זאָגט א ווערטל, אונ שמײַע דארפ, פארשטייט זיכ, אינ קעשענע נאָכ קיינ ענטפער ניט קריכנ, גיט ער גלײַכ אפּנ אָרט דרײַ ווערטלעכ רעשט, אונ מע קאטשעט זיכ פונ געלעכטער. ס'איז אפילע קיינ צײַט ניט געווענ א טראכט צו טאָנ, אז אָט צעשיידט מענ זיכ מיטנ לײַבלעכנ זונ, ווער ווייסט אפּ וויפל צײַט? שמײַע פארבעט די כעוורע, זיי זאָלנ קומענ זומער אינ קאָלאָניע צו אימ אינ געסט, וועט ער זיי מעכאבעד זײַנ מיט גוטע ווײַנטרויבנ אונ מיט ווײַנ, אונ מע וועט א הוליע טאָנ פאר אלע יאָרנ. נאָר דער צוג פײַפט שוינ, אונ אָט כאפּט זיכ שמײַע ארומ קושנ אונ — א גוטנ טאָג! א גליקלעכנ שליטוועגס! — שרײַענ אלע כעוורע. זיי פאָכענ מיט די היטלענ, שרײַענ עפּעס נאָכ, נאָר די ווערטער הערט ער שוינ ניט, שמײַע.

ער גייט איבערנ וואגאָנ אנ אופגערודערטער, שמייכלט פאר זיכ, אונ דער אוילעמ קוקט אימ אָנ אונ ווייסט ניט, וואָס איז אפּ אימ אזוי די סימכע. גיי דערצייל דער גאנצער וועלט, פארוואָס איז דיר אזוי גוט אפּנ הארצנ! נאָר ווער קאָנ דאָס אינ אזא רעגע בלײַבנ אליינ מיט זיכ, פארשלאָסנ, פארטראכט? שמײַע אוואדע ניט: אָט זיצט ער אפּ דער באנק, אונ איז שוינ ווײַטער אויסגעבונדנ מיט אלע פאסאזשירנ. דער דערציילט עפּעס אונ איז מעכאבעד מיט פלעצלעכ, יענער מיט א פאָר עפּל. אָט דערלאנגט מענ אימ א פרישע צײַטונג, א ביכל, מע טרינקט טיי. אינ וואגאָנ ווערט לעבעדיק, פריילעכ, ווי אייגענער מיטנ אנדערנ וואָלט געווענ פונ לאנג באקאנט.

דאָרטנ — דער זונ, זײַנע כאווײרימ, דאָ — די גוטמוטיקע, פראָסטע מענטשנ — די פאסאזשירנ: ארבעטער, פויערימ, מיליטערישע — אָנ א שיר טײַערע, גוטע מענטשנ. עכ, ווי ס'איז גוט צו לעבנ אפּ דער וועלט, ווענ ס'רינגלענ דיכ ארומ מענטשנ, די וועלט אליינ!

סע זידט, ווי אינ א קעסל

„מײַנ ליבער און טײַערער זונ איציק! דאָס שרײַבט דיר דײַנ טאַטע, וואָס ווינטשט דיר מאזל, און גליק, און געזונט, און קאָוועד פונ מענטשנ, און כיינ אינ די אויגנ בײַ דײַנע לערער און בײַ נאטשאַלסטווע, און צוויישנס, בעט איכ דיר, זאָלסט מיר פארצײַענ, ווי אנ אייגענעמ טאטנ, טאָמער וועט מײַנ בריוול ניט זײַנ אזוי פויגלדיק, ווי בײַ די גרויסע שרײַבער, וואָרעמ ס'איז נאָכ א גזעס, וואָס איכ האָב אינ מײַנ פאָכאָדנע לעבנ ניט פארגעסנ די עטלעכע לאָפעטעס מיט קאָטשערעס, וואָס איכ האָב זיכ יונגלווײַז אויסגעלערנט אינ טאַלמוד-טוירע. דו ווייסט דאָכ גוט, אז איכ בינ געוואקסנ בײַ ניקאָלקענ, בײַמ קייסער, ווי קראָפעווע, און קיינער האָט ניט געטראכט, אז א פאָשעטער מענטש זאָל אויכ אמאָל דארפנ קענענ האלטנ א פענ אינ דער האנט, און דאָס ביסל רוסישע גראמאָטע, וואָס איכ פארמאָג, האָב איכ זיכ אויסגעלערנט ערשט צומ סאָפ פונ דער מילכאָמע, אינ די אָקאָפעס, פונ די בלעטער, וואָס די באָלשעוויקעס האָבנ פאר אונדז, סאָלדאטנ, ארויסגעלאָזט. כ'האָב נאָכ דעמלט רעכט ניט פארשטאנענ, ווער זײַנענ זיי, די באָלשעוויקעס, נאָר די אויגנ האָבנ זיי מיר געעפנט. כ'האָב אָנגעהויבנ זענ, ווו איכ געפינ זיכ אינ דער וועלט. דו מיט דײַנע כאווײרימ — איר זײַט געוואקסנ בײַ א גוטנ טאטנ, בײַ דער ראטנ-מאכט, וואָס האָט אײַכ באשוכט, באקליידט, געהאָדעוועט, אוועקגעזעצט אינ ווארעמע שקאָלעס, אוועקגעלייגט ביכער מיט העפטנ, מיט פענעס און געגעבנ לערער און פראָפעסאָרנ, און געזאָגט: לערנט, קינדער, און זײַט מענטשנ! זאָלט איר טאקע לערנענ און אָפהיטנ די מאכט, ווי דאָס אויג אינ קאָפ, אנדערש וועלנ זיכ יאָווענ נײַע שלעק, נײַע פעטליורעס און ווראנגעלס, און ס'וועט ווידער ווערנ ביטער. זאָלסטו טאקע זענ גוט לערנענ און טאקע דערבײַ גוט שיסנ אויכ, וואָרעמ מיר וועלנ נאָכ מיזאסטאם ווידעראמאָל מוזנ נעמענ די ביקס און דערלאנגענ דעמ לעצטנ קלאָפ דער בורזשואזיע און דער אנטאנטע, וואָס שארפט שוינ דארטנ פונ יענער זײַט גרענעצ אירע ציינ. נאָר מיר דאכט זיכ, אז איכ בינ שוינ פארקראָכנ אינ א זײַט, דו פארשטייסט דאָכ, אזויפיל יאָרנ האָב איכ קיינעמ ניט געשריבנ קיינ בריוו און דאָ, אז איכ האָב שוינ יאָ וועמענ צו שרײַבנ, וועל איכ דיר טאקע פארשיטנ מיט בריוו און דיר ארויסשרײַבנ אלצ, וואָס סע טוט זיכ בײַ אונדז אינ קאָלאָניע, וויאזוי ס'קאָכט זיכ בײַ אונדז, ווי אינ א

קעסל פון א פאַראַוואָז, און וויאַזוי די גוירים אין דאָרף, די פּאָס־קודניאַקעס, ווילן זיך ניט א רוק טאָן פון בענקל, און לאָזן ניט אויפ־הייבן דעם קאָפּ דעם פראָסטן אָרעמען פויער, וואָס האָט זיך געשלאָגן ביז בלוט פאַר דער מאכט און פאַר דער ערד און פאַר א גוט לעבן, וואָס אונדזערע „באַלעבאַטים" ווילן אונדז עס צעשטערן, נאָר ס'וועט זיי העלפן, ווי א טויטן באַנקעס.

איך יענע ברייוולעך האָב איך דיר געשריבן, וויאַזוי אוראַם־עזרע, זיין איידעמל כאַצקל מיט זייער קאָמפּאַניע זינגער האָבן געטאָ־טשעט דאָס דאָרף, ווי די ווערעם. בעשאַסן הונגער האָבן זיי באַ די קאַלאָניסטן אָפּגעקויפט פאַר א פודל ברויט, פאַר א זעקל קאַרטאָפליעס די ערד, די סעדער, מיט אַלע זייערע פּאַטרעכעס און אַדהאַיאָם מוזן באַב אַלע צו זיי אָנקומען, און ער, אוראַם־עזרע, איז געוואָרן רייך, ווי קוירעך, און בלאָזט זיך ווי אַן אינדיק. אויב מיר וועלן זיי ניט אָפּשטעלן, זע איך ניט פאַרן פראָסטן מענטשן אין קאָלאָניע קיין ראַטונעק. וואָרעם וואָס קאָן איך, אשטייגער, מאכן, אז קיין פערדל האָב איך ניט, און קיין מיסט אפילע פאַרן פיצל ערד גיט ניט די טעלעצע. העכער א האַלב דאָרף האָט ניט מיט וואָס די ערד צו באַ־אַרבעטן. וואָס זשע מיינסטו טאַקע, טייערער איציק, געבירט אונדז טאַקע די ערד א מאַפּאָלע. קיין ברויט אָפּן יאָר סטייעט ניט, און ס'איז טאַקע גוט ביטער. דערפאַר באַ אוראַם־עזרען ברעכן זיך די שפּייכלערס פון גוטס. די שטאַלן זיינען פול מיט כודאָבע, און דער געלער הונט באַגראָבט אין דער ערד דאָס ברויט, די טווע פוילט באַ זיי אין די קעלערס, אבי עס זאָל ניט אָנקומען דער מעלוכע.

מיר ווייסן אָבער, אז אַזוי קאָן ווייטער ניט זיין. די זאַוואָדן אַרבעטן שוין אויס טראַקטאָרס מיט מאַשינעס, און אָסער, אויב איך וויים, וואָס מ'וועט דערמיט טאָן, אויב ס'וועט בלייבן אַזוי, ווי ס'איז געווען, דאָס הייסט, אָן קאָלכאָזן. לאָמיר זאָגן, אז מע וועט שוין מיר געבן א טראַקטאָר, וואָס וועל איך מיט אים טאָן? כ'וועל אים איינ־זאַלצן? בעקיצער, מיר האָבן דאָ אויסגעאַרבעט א פּלאַן, אז מע דאַרף מאכן אין קאָלאָניע א קאָלכאָז, און מע וועט אַרבעטן קאָלעקטיוו, צו־זאַמען, און ווער ס'וועט בעסער אַרבעטן, דער וועט מערער האָבן, און די מעלוכע וועט אונדז העלפן, און ס'וועט ווערן א לעבן!

נו, פאַרשטייסטו דאָך אַליין, אז פאַר אוראַם־עזרען איז גאָר ניט קיין כעשבן צו האָבן אַזא שאָבן אין קאָלאָניע, ווי א קאָלכאָז. קריכט ער טאַקע פון דער הויט און טוט דעם דאָרף צאָרעס. ווען איך בין

בא דיר, טײַערער זונ, געווען צוגאַסט, האָב איכ דיר דערציילט וועגנ מײַנ שאָכנ לייבעש יאַכניסנ, א פּאַטאָמסטווענע אָרעמער פּויער, מיט א גרויסער פאַמיליע, האָט ער זײַנ ערד פאַרקויפט אוראָם-עזרעס קאָמפּאַניע אונ מיט ווײַב אונ קינדער געאַרבעט בא דעם רעצייעכ פּאַנשטשינע אונ געשטאָרבנ דרײַ מאָל א טאָג פאַר הונגער, כוץ וועטשערע.

אונ דאָ, אַז ס'האָבנ זיכ אָנגעהויבנ די פאַרזאַמלונגע, ווו מע האָט גערעדט וועגנ בויענ א קאָלכאָז, איז ער ארויסגעגאַנגענ צום טיש, לייבעש יאַכנים, אונ געזאָגט, אַז מע זאָל אים פאַרשרײַבנ מיט זײַנ גאַנצער מישפּאָכע, ווײַל מער קאָנ ער שוינ ניט אויסהאַלטנ פונ זײַנע באַלעבאַטימ, ער ווערט דערשטיקט, אונ אַז דער איינציקער ראַטונעק זײַנער איז נאָר דער קאָלכאָז. אונ וואָס מיינסטו, ווענ לייבעש יאַכנים איז באַנאַכט געגאַנגענ אַהיימ פונ דער פאַרזאַמלונג, איז אים באַפאַלנ אוראָם-עזרעס קאָמפּאַניע אונ מ'האָט אים נעבעכ אָפּגעשלאָגנ די לונגענ. איצט כראַקעט ער שוינ מיט בלוט, אונ די דאָקטוירימ זאָגנ, האַלעוויי זאָל ער דערציִענ ביז וועסנע. אונ אָט דאָ, צוריק מיט א שטיקל צײַט, זײַנענ די באַנדיטנ אָנגעפאַלנ אַפ שלוימע אָורוצקינ, אונ ער האָט זיכ פונ זיי קוימ אָפּגעשלאָגנ מיט די קוליעס. אַנומלטנ איז אַראָפּגעפאָרנ אַנ אופּאָלנאָמאָטשענע אופּמאָנענ בא אוראָם-עזרענ דעמ ברויט-שטײַער, וואָס ער איז שולדיק געווענ, האָבנ די פּאַסקודניאַקעס אונטערגעצונדנ די שטוב, ווו דער גאַסט האָט גענעכטיקט. אונ כוץ דעמ אַלעמענ, טײַערער איציק, אַזוי ווי זיי פילנ שוינ זייער נאָענטנ סאָפּ, וואָרעמ עס גייענ שוינ אַהער אַפ די בערסאָנער סטעפּעס טראַקטאָרס מיט מאַשינעס, אונ א קאָלכאָז וועט זײַנ, זיי מעגנ זיכ אַפילע שטעלנ מיטנ קאָפּ אַראָפּ אונ מיט די פיס ארופּ, זײַנענ זיי געוואָרנ מעסוקנ נאַכאַלנע אונ האָבנ אָנגעהויבנ שנײַדנ די כודאָבע, אונ יענע וואָכ האָט מענ בא זיי געפונענ פאַרגראָבנ אונ פאַרפוילט איינ דער ערד דרײַ גריבער מיט ברויט, וואָס מע וואָלט געקאָנט דערמיט אָנהאָדעווענ א גאַנצע שטאָט מיט ארבעטער. מיט די באַלעבאַטימ האָט עס אָנגעהויבנ מאָרדעווענ, ווי איינ א קאַדאָכעס, אונ אַלץ צוליבנ קאָלכאָז. נאָר זייער לידל האָבנ זיי שוינ אָפּגעזונגענ, ווי ס'פלעגט זאָגנ אונדזער ראַטנער דובראַווינ אונטער פּערעקאָפּ. נאָכ א ביסעלע, אונ מירנ זיכ שטעלנ אַפ די פיס, אונ מיר וועלנ אָפּדאַנקענ אונדזער פּאַרטיע, ווי טרײַע זינ דאַנקענ אָפּ א גוטנ טאַטנ, וואָרעמ אַלע האָבנ מיר איינ אינטערעס, ווי זאָגט אונדזער פּאָרזיצער פונ סאָוועט שלוימע אָורוצקי — אַז די פּאַרטיע, די באָלשעוויקעס, האָבנ זיכ פאַר עפּעס גענומענ, וועלנ זיי עס אויספירנ.

נאָר וואָס זשע, טײַערער איציק, ניט אזוי גרינג וועט דאָס אָנקומענ, מע וועט זיכ נאָכ דארפֿנ גוט א בּאָרע טאָנ אונ צולייגנ האָרעוואניע, נאָר, בּישקאָשע, מיר זײַנענ געווינט אונטערשטעלנ א פּלייצע, אונ ס'וועט זײַנ, פֿארהאָפֿנ מיר, גוט, ווײַל זינט דײַנ טאטע שײַע ספּיוואק געדענקט זיכ, לעבּט ער טאָמיד מיט האָפֿענונג אונ פֿאלט בּא זיכ קיינמאָל ניט אראָפּ. אײַ, אווראָם־עזרעס קאפּעלע האָט מיר די טעג אונטערגעוואָרפֿנ אונטער דער טיר א בּריוול, וווּ זיי שרײַבּנ מיר, אז טאָמער וועל איכ ניט אופֿהערנ בּורענ דעמ אוילעמ קעגנ זיי אפֿ די סכאָדנ, וועלנ זיי מיר אָפּטאָנ אזוי, אז וויפֿל איכ וועל לעבּנ, וועל איכ זיי האָבּנ צו געדענקענ, מע וועט מיכ אונטערציגדנ, אָפּסאמענ מײַנ טעלעצע, איבּערהאקנ די פֿיס אונ אנדערע שיינע זאכנ, נאָר מיילע, זאָלנ זיי שרעקנ די גענדז אפֿנ בּוידעמ, איכ בּינ ניט פֿונ די שרעקעוודיקע, אונ דאָרטנ, וווּ סע גייט וועגנ איבּערעס פֿונ א גאנצער קאָלאָניע, וועט מיכ גאָרניט אָפּהאלטנ, ס'איז געקומענ אונדזער צײַט, אונ ניט פֿונ קיינ גוט לעבּנ מוזנ זיי, נעבּעכ, אונטערווארפֿנ מיר אזוינע ליבּע־בּריוולעכ. דאָס איז א גוטער סימענ, אז זיי ליגנ שוינ טיף אינ דר'ערד, אזוי פֿארשטיי איכ.

אונ וואָס וועט זײַנ ווײַטער, וועלנ מיר נאָכ זענ. מיר האָבּנ אזא פּארטיע, אזא מאכט, מיט אזעלכע פֿעסטע פּלייצעס, אונ האָבּנ זיכ אפֿ וועמענ אָנצושפּארנ. איכ וואָלט דיר נאָכ א סאכ געקאָנט ארויסשרײַבּנ, וויאזוי ס'קאָכט אונ ס'זידט איצט בּא אונדז אינ קאָלאָניע, נאָר ס'וועט קיינ פּאפּיר ניט סטײַענ, אונ דער לאָמפּ אפֿ דער וואנט הייבּט זיכ עפּעס אָנ צו לעשנ — ס'גייט אויס דער קעראָסינ.

פֿונ ליזענ קריג איכ אָפֿט גוטע בּריוולעכ, אונ איכ קלײַבּ זיכ, ווי נאָר מ'וועט מאכנ א טאָלק אינ קאָלאָניע, צו איר אראָפּכאפּנ, אונ בּא מיר איז דערווײַל מער קיינ בּײַס ניטאָ, עמעס, רייזל הייבּט מיר אָנ צוביסלעכ דערגיינ די יאָרנ. מע האָט אפֿ איר אָנגעוואָרפֿנ א פּאכעד, זי ציטערט, אז אויבּ מע וועט מאכנ א קאָלכאָז, וועט מענ בּא איר צונעמענ די טעלעצע, אונ די מולטער, אונ די טעפּ, אונ די קינדער. הײַנט פֿארשטייסטו שוינ, ווער זיי זײַנענ, אונדזערע קולאקעס מיט זייערע אונטערלעקער. נאָר ווייסט דאָכ, ווײַבּער, אז זיי נעמענ זיכ ארײַנ אינ קאָפּ א מאנקאָליע, וועסטו זי מיט קיינ דרוקעס ניט ארויסשלאָגנ בּא זיי. נאָר, בּישקאָשע, מיר וועלנ מיט איר דורכקומענ. ערגער איז מיט אווראָמ־עזרעס קאָמפּאניע. נאָר וואָס דענ — מיט פּעטליורעס, מיט וראנגעלנ, מיט אלע איבּעריקע שלעק האָבּ מיר זיכ דאָכ ספּראוועט, וועלנ מיר זיכ אויכ איצט יאָקאָס אָנ אייצע געבּנ. מע זאָגט, אז עס

קומענ צו אונדז צו פאָרנ מענטשנ פונ דער שטאָט, פארטייִנע, באָל־שעוויקעס, הייסט עס, אונ זיי וועלנ אויכ אונטערהעלפנ, דאָס דאָרפ זאָל זיכ גיכער שטעלנ אפ די פיס, אונ דיר, איציק, אונ אלע דײַנע כאווײרימ קורסאנטנ, אונ דעמ נאטשאלניק, מיט וועלכנ איכ בינ גע־ווענ אונטער פערעקאָפ, דאנק איכ שטארק, אונ אלע קאָלאָניסטנ אונד־זערע דאנקענ שטארק, וואָס איר ווילט נעמענ שעפסטווע איבער אונד־זער קאָלכאָז.

פארבלײַב געזונט אונ שטארק, ליבער זונ איציק, אונ פארגעס ניט אָנ דײַנ טאטנ, אונ גיב איבער דעמ שענסטנ גרוס אלע דײַנע כאווײרימ, אונ דעמ נאטשאלניק, אונ זומער־צײַט זאָלט איר אלע, לעמאנ-האשעמ, קומענ צו אונדז אינ קאָלכאָז, וועט איר זײַנ אָנגע־לייגטע געסט, אונ אז ס׳וועט זײַנ עפעס נײַס, וועל איכ גלײַכ ארויס־שרײַבנ, אונ נײַס וועט מיסטאָמע זײַנ א סאכ אינ די נאָענטסטע טעג. שרײַב אָפטע בריוולעכ, פויל זיכ ניט אונ פארגעס ניט מײַנ אדרעס.

פונ מיר, דײַנ טאטע שײַע ספיוואק".

ווענ ס׳איז געקומענ דער פרילינג

ס׳איז שוינ ניט געווענ די צײַט, ווענ מע האָט געקאָנט דערווארטנ נײַע וויוגעס אונ זאווייעס. האָט זיכ נאָכ דעמ הימל פארגלוסט א שטיפ טאָנ, האָט ער אויסגעשאָטנ נאָכ א ביסל קוטשעראווע נאסנ שניי, א דריי אונ א בלאָז געטאָנ אינ די קוימענס, נאָר דאָס איז שוינ ניט גע־ווענ קיינ ווינטער. די זונ האָט אָנגעזאָגט, אז דער שניי וועט שוינ אָט־אָט צעשמאָלצנ ווערנ אפ די פעלדער, אונ דער ווינט האָט פונ אימ געריסנ שטיקער, אימ געגעסנ אונ געשלונגענ.

אינ קאָלאָניע איז געוואָרנ אלץ פרייליכער, מע האָט זיכ געגרייט צומ קאָלווירטישנ פארזיי.

מער פונ אלע איז געווענ פארטאָג אינ דער ארבעט שלוימע אורוויצקי. נאָכ דעמ, ווי מע האָט אימ אויסגעוויילט פארנ פאָרזיצער פונ דעמ אָקאָרשט געשאפענעמ קאָלעקטיוו, האָט ער ניט געוווּסט פונ קיינ רעגע רו. מענטשנ האָבנ אפ אימ געקוקט אונ געוווּנדערט זיכ, פונוואנענ נעמט זיכ עס צו אימ אזויפיל קויעכ, ווי באווײַזט ער עס אומעטומ אפנ אײַנציקנ פוס מיט די קוליעס.

שפּעט אינ דער נאַכט האָט ער אָנגעקלאַפּט צו שמײַענ אינ פענצטער און איז אַרײַנגעקומענ אינ שטוב מיט נאָכ עטלעכע קאָלאָניסטנ. רײזל, װאָס איז נאָכ געזעסנ בײַ דער הרובע און געשטריקט אַ קינדערשנ זאָק, האָט מיט פֿאַרװוּנדערונג אָנגעקוקט די אָנגעבעלצטע קאָלאָניסטנ, װאָס האָבנ אַרײַנגעבראַכט אַ קעלט אינ שטוב. אַרופֿגעכאַפּט אַפֿ זיכ די װאַרעמע שאַל, האָט זי נאָכ אײַליקער גענומענ שטריקנ, װאַרפֿנדיק כאָשעדיקע בליקנ אַפֿ די שכײנים, װאָס האָבנ זיכ באַלעבאַטיש אױסגעזעצט אַפֿ דער לאַנגער באַנק און זיכ שטילערהײט גענומענ סודענ מיט שמײַענ. װענ שמײַע האָט זיכ אָבער אָפּגיכ גענומענ אָנטאָנ, האָט זיכ רײזל אַ כאַפּ געגעבנ פֿונעמ אָרט און בײז זיכ אָנגערופֿנ:

— שלוימע, װאָס איז דאָס פֿאַרא סודעס? איר גײט באַגאַנװענ אַ קלױסטער? איכ װעל שמײַענ אינערגעצ ניט לאָזנ!

— ער װעט זיכ באַלד אומקערנ, — האָט געזאָגט שלוימע אָװרוצקי.

— איר מײנט, איכ װײס ניט, אַז איר גײט אַרױסזעצנ אָװראָמ־עזרענ פֿונ דאָרף?

— שאַ, ס'איז דענ אַ סאָד, רײזל? דער גאַנצער סכאָד האָט דאָכ אַזױ באַשטימט!

— טוט אײַכ, װאָס איר װילט, נאָר מײַנ שמײַע װעט ניט גײנ. ער װעט זיכ ניט מישנ.

— פֿאַרװאָס?

— איכ װיל ניט האָבנ קײנ כײלעק אינ דעמ.

— פֿע, רײזל, פֿאַר דיר פּאַסט גאָר ניט אַזױ צו רײדנ, — האָט זיכ אָנגערופֿנ דער עלטערער קאָלאָניסט גדאַליע מיטנ דאַרנ לענגלעכנ פּאָנעמ. — װעמענ נאָכ האָט אָװראָמ־עזרע פֿאַרזאָפּט אַזױפֿיל בלוט, װי דיר? נו, און דאָס האָסטו שױנ פֿאַרגעסנ, װי ער האָט מיר אַמאָל דעמ קאָפּ געשפּאָלטנ? אַפֿ אַזאַ רעציײעכ איז ניט שײַעכ קײנ ראַכמאָנעס.

— װי איר װילט זיכ, נאָר שמײַע װעט ניט גײנ שפּאַלטנ קעפּ!

— אַז װער רעדט פֿונ קעפּ, — איז גדאַליע אַנ אופֿגערעגטער אופֿגעשפּרונגענ פֿונעמ אָרט, — מע װעט אימ פּאָשעט מעשאַלײעכ זײַנ פֿונ דער קאָלאָניע, ער זאָל אונדז מער ניט קאָנענ קאַליע מאַכנ.

— איכ װיל ניט, אַז שמײַע זאָל האָבנ לײבעש יאַכניסעמ סאָפּ. מיט אָװראָמ־עזרעס קאָמפּאַניע זאָל מענ זיכ בעסער ניט אָנהײבנ. שמײַע, בלײַבסט אינ שטוב!

— שרײַ ניט אזוי, רײזל, — האָט זיך אָנגערופנ שמײַע אונ איז צוגעגאַנגענ צו איר, װעלנדיק זי באַרויִקנ, — האָסט טאַקע מוירע פאַר מיר, צי דו זשאַלעװעסט זײ? זעסט דאָך, דאָס גאַנצע דאָרפ גײט קעגנ אים, קעגנ אװראָם־עזרענ.

— אונ דו װעסט ניט גײנ, זאָג איך דיר!

— װײסטו װאָס, שמײַע? — האָט זיך אַרײַנגעמישט שלוימע אָװרוצקי — בלײַב דאָ, אונ מיר װעלנ שוינ אַלײנ גײנ.

— אָט האָסטו דיר! — האָט שמײַע גענומענ אַרופציִענ אָפ זיך דאָס שעפּסענע פּעלצל, — איך װאָלט זיך טאָמיד געװענ צוהערנ, װאָס דאָס װײַב װעט מיר אײַזענ, װאָלט איך שוינ אויסגעזענ. א װײַב דאַרפ מענ שטענדיק אויסהערנ אונ טאָנ פאַרקערט.

רײזל איז רויט געװאָרנ. אירע אויגנ האָבנ זיך אָנגעצונדנ מיט א מאָדנעמ פײַער.

— נו, אונ אז דײַנ איציק אָדער ליזע װעלנ דיר עפּעס זאָגנ, װעסטו פאַר זײ לויפנ אינ פײַער אונ אינ װאַסער, א? טויזנט װערסט פאָרנ צומ זונ איז דיר ניט שװער געװענ, אונ פאָלגנ א װײַב...

— רײזל, װאָס איז מיט דיר? איך דערקענ דיך ניט הײַנט! װאָס פּראַװעסטו א מאָלע אָפּ אװראָם־עזרעס קאָפּ? גענוג, גײ לײג זיך שלאָפנ, — האָט שמײַע א זאָג געטאָנ, לאָזנדיק זיך צו דער טיר.

— זע, שמײַע, זאָלסט קײנ כאַראָטע ניט האָבנ, — האָט רײזל בײז זיך אָפּגעקערט אינ א זײַט אונ גענומענ װישנ די אויגנ.

אָפ שמײַעס פּאָנעמ האָט זיך באַװיזנ א װײטעק־שמײכעלע, ער האָט זיך איבערגעװונקענ מיט שלוימענ אונ, עפענענדיק די טיר, זיך אָנגערופנ:

— רײזל, איך האָב דיך ביז הײַנט געהאַלטנ פאַר א כאַכאָמע, זע, טו ניט קײנ נאַרישקײַטנ.

א פינצטערע ערעװ־פרילינגדיקע נאַכט איז געהאַנגענ איבער דער קאָלאָניע. אינ דרויסנ האָט געדרײט א פוילע זאַװערוכע. פונעמ סטעפּ האָט געבלאָזנ א בײַסיקער װינט. װענ זײ האָבנ זיך דערנעענטערט צומ הויפ, האָבנ זײ דערהערט די געשרײענ אונ גװאַלדנ, װאָס האָבנ זיך שוינ געטראָגנ פונ אװראָמ־עזרעס שטוב. קינד־אונ־קײט איז זיך אַהער צונויפגעלאָפנ. אװראָמ־עזרע האָט צוערשט געכאַפּט א האָלאָבליע אונ זיך געװאָרפנ אָפ שלוימענ, נאָר שמײַע האָט אים אָנגעכאַפּט בא דער האַנט, רויִק געבעטנ אים אָנטאָנ זיך אונ ניט פּראַװענ קײנ פוילע שטיק.

אווראָמ־עזרע איז געשטאַנענ בא דער טיר מיט א לאַמטערנ אינ די הענט, אונ זײַנע רויט־פאַרלאָפענע אויגנ האָבנ מיט רעציכע אָנ־געקוקט דעמ אוילעמ, ווי ער וואָלט פאַרגעדענקענ יעדנ איינציקנ.

— שיינ באַגייט איר זיכ מיט א מענטשנ. איר זאָלט אזוי צע־בראָכנ ווערנ, ווי ער צעברעכט מיכ. נישקאָשע, מיר האָבנ א גרויסנ גאָט אינ הימל, ער וועט איינ באַצאָלנ, האָלעדראַנצעס!

— אווראָמ־עזרע, איר זײַט דאָכ עפּעס א ייִד, וואָס דאַוונט אינ דרײַ פּאָר טפילנ. פאַרוואָס האָט איר ניט גערעדט מיט גאָט, ווענ איר זײַט דער גאַנצער קאָלאָניע דערגאַנגענ די יאָרנ אונ פונ יעדערנ גע־צאַפּט עמערווײַז בלוט? — האָט ניט אויסגעהאַלטנ שלוימע אָוורוצקי.

כאַצקל איז ארומגעלאָפנ איבער דער שטוב, ווי ער וואָלט זיכ קיינ אָרט ניט געקאָנט געפינענ, אונ פונ מאָל צו מאָל א וואָרפ געטאָנ א בליק, פול מיט רעציכע, אפ שמײַענ. אָט האָט ער זיכ לעבנ אימ אָפּ־געשטעלט אונ אופגעהויבנ די האַנט צומ הענעק, ווי ער זאָל אימ אָפּ־געבנ „טשעסט".

— וואָשע בלאַהאָראָדיע, שמײַע גאַזלענ, נו, איצט ביסטו שוינ צופרידנ? האָסט זיכ אינ מיר דערלעבט נעקאָמע? נא, קוילע, באַלע־באַטעווע, הוליע, גאַזלענ, הוליע!

שמײַע איז געשטאַנענ באַמ פענצטער אונ זיכ געמאַכט, אז ער הערט ניט, וואָס יענער רעדט צו אימ.

— ווענ איכ ווייס, אז דו וועסט מיר ווערנ אזא סוינע, וואָלט איכ דיכ דערשטיקט נאָכ פריִער מיט צענ יאָר.

— צוריק מיט צענ יאָר האָסטו צו מיר גאָרניט ניט געקאָנט האָבנ, אונ איכ צו דיר אויכ ניט, — האָט זיכ אָנגערופנ שמײַע, — צוריק מיט צענ יאָר ביסטו נאָכ געווענ א שטיקל מענטש. ווער איז דיר אָבער שולדיק, אז דו האָסט זיכ פאַרקויפט צו די קולאַקעס? האָב טײַנעס צו זיכ אַליינ, צו דײַנע גרויסע אויגנ, צו דײַנע לאַנגע הענט.

— דו ווילסט מיכ נאָכ אַלצ לערנענ כאָכמע, שמײַע! דו האָסט מיכ שוינ אויסגעלערנט. נישקאָשע, מיר וועלנ זיכ נאָכאַמאָל מיט דיר באַגעגענענ, נישקאָשע, גאַזלענ, א פאָהיבעל...

— עפשער וועסטו אופהערנ סטראַשענ די גענדז אפנ בוידעמ? — האָט שמײַע בייז א זאָג געטאָנ.

— וואַרט, איכ וועל זיכ נאָכ מיט דיר צערעכענענ! — האָט כאַצקל זיכ געוואָרפנ אפ שמײַענ, נאָר די קאָלאָניסטנ האָבנ אָנגעכאַפּט דעמ צערייצטנ באַלעגאָלע אונ אימ אוועקגעפירט צומ שליטנ.

— יידנ זאָלנ זיכ גאָר אזוי באַגיינ מיט יידנ... — האָט זיכ אווראָמ־עזרע אָנגעכאפּט באמ קאָפּ, — האָבנ מיר דענ ניט געקאָנט לעבנ צווישנ זיכ בעשאָלעמ?

— הערט אויס, אווראָמ־עזרע, — האָט שוינ אומגעדולדיק א זאָג געטאָנ שמיִע, — דאָס אלצ וועט איר אונדז בעסער אָנשרייבנ אינ א בריוול. טוט זיכ, זייט מויכל, אָנ און פאָרט. איר ווייסט גוט, אז אפילע א מאנ מיט א ווייב גייענ זיכ אמאָל ניט צונויפ מיט די כאראקטערס, וואָס זשע ווילט איר פונ די קאָלאָניסטנ, זיי זאָלנ מיט אייכ ווינענ אינ שכיינעס? זעצט זיכ אופ, זייט מויכל, און האָט אייכ א ליכטיקנ שליטוועגס!

די שליטנס האָבנ זיכ גערירט פונעמ אָרט און זיכ אוועקגעלאָזט צומ פאָלוסטאנאָק, און ערשט ווענ זיי זיינענ פארשוונדנ געוואָרנ אינעמ שניי־וויכער, אינעמ סטעפּ, איז דער אוילעמ זיכ צעגאנגענ אהיימ.

ווענ די קאָלאָניסטנ מיט די שליטנס האָבנ זיכ אומגעקערט פונעמ וועג, איז שוינ געווענ גרויסער טאָג. די עטלעכע אָנטרייבער — שלוימע, שמיִע און נאָכ א פּאָר קאָלאָניסטנ, וואָס האָבנ ארויסבאגלייט אווראָמ־עזרעס מיטנ געזינדל, האָבנ זיכ צוריקגעקערט מידע, פארפרוירענע, פארשאָטענע מיט שניי, נאָר צופרידענע, וואָס מ׳האָט שוינ אראָפּגעפּאטערט אזא אָל.

גייענדיק איבערנ צעקיסנעטנ שניי אהיימ, האָט שמיִע געפילט, אז עפּעס איז אימ היינט מאָרגנ שווער אפנ הארצנ. מיט יעדנ טראָט איז ער געוואָרנ אלצ אומרויקער. שוינ בא דער שטוב האָט ער באמערקט, אז אינווייניק איז עפּעס זייער שטיל, אזוי ווי ס׳וואָלט דאָרט קיינער ניט געווענ, אפ דער טיר האָט ער דערזענ הענגענ א שלאָס, און ער איז געבליבנ שטיינ א צערודערטער — קיינמאָל פארשליסט מענ ניט די טיר, טאָמיד געפינט זיכ עמעצער אינ שטוב. וואָס איז געשענ? א ווייַלע האָט ער זיכ ארומגעקוקט. די סטעזשקע איז געווענ פארוויט מיט שניי, און ס׳זיינענ ניט געווענ קיינ שפּורנ פונ טריט. אינ א ווינקעלע פונ דער פריזבע זיינענ געלעגנ די שליסלענ. האָט ער אופגעעפנט די טיר, אריבערגעטראָטנ די שוועל, און דאָס בלוט איז אימ אָפּגעפאלנ. אפ זייַנ פארוואקסנ פּאָנעמ האָט זיכ א מינע געטאָנ א ביטער שמייכעלע. שמיִע האָט אראָפּגעשלעפּט דעמ פּעלצ און זיכ צוגעזעצט אפ דער באנק. ס׳איז אריינגעקומענ א שכיינע, אימ באטראכט א רעגע, ווי זי וואָלט אינ זיינ בליק געוואָלט

איבערלייענענ, ווי פילט ער זיכ עפעס נאכ דעמ, ווי רייזל האט אימ אפגעטאנ אזא שפיצל, אונ געזאגט:

— איר הערט, שמילע, אײער ווײַב האט צוגענומענ מיט זיכ די קינדער מיט דער טעלעצע אונ איז אוועקגעגאנגענ צו איר מומע.

— וואס, זי האט מיכ אוועקגעווארפנ?

— איכ ווייס? זי האט מיר געזאגט, רייזל, איכ זאל אײַכ זאגנ, אז מער וועט איר פונ דא ניט זײַנ.

— נו, אונ א געט האט זי כאטש איבערגעלאזט? — האט שמילע זיכ פלוצלינג צעלאכט. די שכיינע איז געבליבנ געפלעפט, צעפירט מיט די הענט. איר לענגלעכ פאנעמ מיט די העלע ברעמענ, די גראבע ליפנ אונ די גרויסע טונקעלע אויגנ, וואס האבנ זיכ שוינ צופיל ארויסגערוקט, האבנ אויסגעדריקט פארלוירנקײַט.

— זע נאר, אונ איכ האב געמיינט, אז ס'וועט אימ כאטש א קאראבע טאנ, — האט זי סאפקאלסאפ ארויסגערעדט.

— סארע, וואס זשע קאנ איכ טאנ? זיכ הענגענ? מילע, כ'וועל זיכ שוינ מוזנ אפזוכנ אנ אנדערע, א יינגערע. ווי מיינט איר, סארע, איכ וועל נאכ געפעלנ אונדזערע מיידלעכ?

— אט א סאלדאט! — האט די שכיינע געשאקלט מיטנ קאפ. — גייט בעסער, שמילע, אונ בעט זי איבער, רייזלענ.

— אז איר זאגט דאכ אליינ, זי האט מיכ אוועקגעווארפנ, איז דאס, זעט אויס, א באשערטע זאכ, — האט שמילע אזוי ווי מיט ביטל א זאג געטאנ, אונ גענומענ אונטערפײַפנ, גלײַכ ווי די גאנצע געשיכטע וואלט אימ ניט אנגעגאנגענ. ער האט אומגעדולדיק געווארט, אז די שכיינע זאל שוינ גיכער אוועקגיינ אונ אימ איבערלאזנ אליינ.

פאטער געווארנ פונ דער שכיינע, האט ער גענומענ ארומגיינ איבער דער פוסטער שטוב, ווי ניט קיינ הינער. א מאדנער אומעט איז אימ באפאלנ. געוווינט, אז אינ שטוב זאל שטענדיק זײַנ טומלדיק אונ פריילעכ, די קינדער זאלנ אימ באפאלנ אונ רייזל זאל זיכ דא לעבנ אימ ארומדרייענ א פארהאוועטע, א צעפאליעטע, האט ער זיכ איצט אינ דער פוסטקײַט פונ שטוב געפילט דערשלאגנ, ער האט זיכ קיינ ארט ניט געקאנט געפינענ. אונ כאטש ער איז געווענ מוירעדיק פאר־מאטערט, האט ער זיכ אפילע ניט צוגעשפארט — ער איז ארומגע־גאנגענ איבער דער שטוב א פריטשמעליעטער אונ וויטעקדיק גע־שמייכלט צו זיכ אליינ: „רייזל זאל אימ גאר אנטאנ אזוינע ביזיוי־נעס! וויאזוי וועט ער זיכ באווײַזנ פאר מענטשנ?”

ווען ער האָט זיך צוגעזעצט אונ זיך גענומענ ארומקוקנ, האָט ער דערזען, אז אינ שטוב איז ריינ אופגעראמט אונ אלצ איז אפ אנ אָרט. אפנ אייוועלע איז געשטאנענ פאר אים אָנגעגרייט אנ איבערבייסנ, אונ אפנ קאָמאָדל איז געלעגנ א רייג אויסגעפרעסט העמד. א רעגע האָט אפ זיינ פּאָנעם א שיינ געטאָנ א שמייכל, נאָר ער איז גלייך ווידער געוואָרנ אומרויק אונ האָט זיך פארטראכט.

דערהערט טריט, האָט שמיַע זיך א כאפ געטאָנ פונעם אָרט אונ אפגיך אופגעעפנט די טיר. עס איז ארייַנגעקומענ שלוימע אָוורוצקי אים רופנ צו אווראָם-עזרענ אינ הויפ, וווהינ מע האָט שוינ גענומענ צונויפירנ דאָס ביסל קאָלווירטיש פארמעגנ.

— ווו איז ערגעצ דייַנ רייזל, די קינדער? — האָט שלוימע באַמערקט א פארוווּנדערטער.

— פרעג נית, שלוימע, זי האָט מיך אוועקגעוואָרפנ...

שלוימע האָט אָנגעשפּארט די קוליעס אינ ווענטל אונ, צוזעצנדיק זיך אפ דער באנק, זיך פאנאנדערגעלאכט.

— דו לאכסט? א שיינ געלעכטער, זי האָט צוגענומענ די קינדער, די טעלעצ, אונ א גוטנ טאָג מיט דער קאָפּאָטע.

— גיי שוינ, גיי, דו טרייַב נית קיינ קאָטאָוועס.

— זעסט דאָך, שלוימע, א פוסטע שטוב, אונ איך בינ שוינ, דאנקענ גאָט, א באָכער...

שלוימע האָט א רעגע באטראכט די אקוראט אופגעראמטע שטוב, די אויסגעוואשענע פּאָלנ, דעמ איבערבייסנ, וואָס איז געשטאנענ אפנ אייוועלע.

— איך זע, אז דו קאָנסט זיך באגיינ אָנ א באלעבאָסטע, — האָט ער זיך אָנגערופנ, — נישקאָשע, וועסט נית פארפאלנ ווערנ.

— וואָס מיינסטו, דאָס בינ איך אזא בעריע?

— ווער דענ האָט אופגעראמט אונ צוגעגרייט דיר עסנ?

— זי, רייזל, האָט, זעט אויס, אלצ אָפּגעטאָנ פארנ אוועקגיינ.

— אזוי גאָר? נו, וויבאלד אזוי, וועסטו זי איבגיכנ זענ צוריק, — האָט זיך שלוימע ווידער צעלאכט. — דאָס איז א ווייַבעריש שפיצל, איך קאָנ זיי גוט. אנו, דערלאנג נאָר צומ טיש, וועלנ מיר עפּעס איבערכאפּנ... אונ שטעל א קריגל ווייַנ, לאָמיר דערווארעמענ די נעשאָמע אונ פארטרייַבנ דעמ שלאָפ. מיר וועלנ שוינ אזוי גיך, שמיַע, נית רוענ — א וועלט מיט ארבעט!

אינ עטלעכע מינוט ארום זײַנענ זײ שוינ געזעסנ באַם טיש, דער־וואַרעמטע פונעם ווײַנ, געזעסנ, גערײכערט, גערעדט וועגנ דער הײַנטיקער געשעעניש, נאָר שמײַע האָט זיכ אַלצ ניט געקאָנט באַרויִקנ.

— דאָס, שמײַע, זײַנענ קלײנע צאָרעס, — האָט זיכ אָנגערופנ שלוימע, — מאַלע וואָס מע צעקריגט זיכ אַמאָל מיטנ ווײַב. טראַכט בעסער וועגנ דעמ, וויפל אַרבעט מיר האָבנ הײַנטיקע וועסנע. די באַלעבאַטישקײַט איז געוואָרנ אַ גרויסע, אונ מע וועט דאַרפנ, ווי די זאָגסט, דערלאַנגענ אַ פּלײצע.

— נו, שלוימע, — האָט שמײַע אויפגעהויבנ אַ גלאָז רויטנ ווײַנ, — לאָמיר אויסטרינקענ לעכאַיִמ. סע זאָל זײַנ מיט גליק, אונ די ווײַבער זאָלנ אונדז מער ניט דערקוטשענ... לעכאַיִמ!

זײ האָבנ ניט באַוויזנ אָפּעסנ, ווי מע איז געקומענ רופנ שלוימענ. זײ האָבנ זיכ בײדע אָנגעטאָנ אונ זיכ געלאָזט גײנ צו דער נײַער קאָל־ווירטישער באַזע, וואָס האָט זיכ אַזוי גרויסאַרטיק צעשפּרײט בא אַוורום-עזרענ אינ הויפ.

דאָס פּרעסטל האָט שוינ לאַנג געלאָזט, אונ די זונ, וואָס האָט זיכ דורכגעשלאָגנ דורכ די שווערע וואָלקנס, האָט גענומענ וואַרעמענ, שמעלצנ דעמ שנײ. דאָס דאָרפ האָט עפּעס אויסגעזענ יאָמטעוודיק. אַפּ דער קאָלווירטישער באַזע איז געווענ אַ גרויסע אויפלעבונג. די קאָ־לאָניסטנ האָבנ צונויפגעטראָגנ זײערע באַראָנעס, די זײעלקעס צומ גרויסנ טויק. מע האָט זיכ גענומענ פאַריכטנ דעמ פּלויט. שלוימע האָט געהײסנ אַראָפּנעמענ דעמ אַלטנ אויסגעקרימטנ טויער פונ די פּאַר־זשאַווערטע זאַוועסעס אונ אַוועקשטעלנ אַ הויכע, ברײטע אַרקע מיט אַ רויטנ לאָזונג פונ אויבנ, עס זאָל ווערנ אַ שײנער אַרײַנפאָר, עס זאָל האָבנ אַ פּאָנעמ פונ אַ קאָלווירט, אונ ניט פונ קײנ באַלעגופישער פּאַסטקע. שמײַע האָט אַראָפּגעוואָרפנ פונ זיכ דאָס פּעלצל אונ זיכ אַוועקגעשטעלט מיט דער האַק טעסענ קלעצער, ער האָט געאַרבעט מיט אימפּעט, אונטערגעזונגענ, אונ אַלע האָבנ, אַפּ אימ קוקנדיק, גע־אַרבעט פלינק אונ מיט כײשעק.

ווענ דער טאָג האָט זיכ גענומענ אויסלעשנ, איז שוינ דער טויער באַלד געווענ פאַרטיק. שמײַע איז געשטאַנענ אַ פאַרפּאַליעטער, די אויגנ האָבנ געשײַנט, ער איז פונ מאָל צו מאָל אָפּגעגאַנגענ אינ אַ זײַט אונ געכאַפּט אַ קוק אַפּ זײַנ געבײַ, צי איז אַלצ געמאַכט, ווי עס געהער צו זײַנ. אַפּ די טויקנ איז אויכ געווענ אַ גרויסער גערודער. אײניקע האָבנ גערײניקט די זריִע, געבראַכט אינ אָרדענונג דעמ אינ־ווענטאַר, אינ הויז האָבנ די מײדלעכ געוואַשנ אונ געשאָבנ, צונויפ־

געשטעלט די טישנ, ווי מע זאָל זיכ גרייטנ צו א כאַסענע. שלוימע אָוורוצקי איז ארומגעגאַנגענ איבערנ גרויסנ הויפ, געקוקט, ווי דער אוילעמ ארבעט, זיכ אָפּגעשטעלט, באַטראַכטנדיק אַלצ מיט זײַנ באַלעבאַטיש אויג. אינ אַלע ווינקעלעכ האָט געהערשט א גרויסע אופלעבונג. די קינדער, וואָס זײַנענ נאָכ קיינמאָל ניט אריבערגעטראָטנ אוראָמ-עזרעס שוועל, זײַנענ איצט ארומגעלאָפנ איבער דער שטוב אונ איבערנ הויפ מיט טומל אונ גערויש, זיכ געפּלאָנטערט אונטער די פיס, געליאַרעמט, געהאָלפנ, מיט וואָס זיי האָבנ נאָר געקענט, די עלטערע ברענגענ אינ אָרדענונג די ווירטשאַפט. שמײַע האָט ניט געקאָנט אָפּרײַסנ דאָס אויג פונ די קינדער, נאָר זײַנע האָט ער דאָ ניט געזענ. ער האָט ארײַנגעשטעקט זײַנ האַק אינ רימענ אונ זיכ געלאָזט גייענ צו דער קלוניע נאָכ עטלעכע ברעטער. געטראָפנ דאָ א פּאָר קאָלאָניסטנ, וואָס האָבנ שפּעטער פונ אַלע געבראַכט צו פירנ זייערע באַראַנעס אונ די פלושאַקעס, האָט ער זיי באַטראַכט אונ זיכ אָנגערופנ:

— איר ווייסט, זייער גוטע פלושאַקעס. ווענ מע וואַרפט זיי ארויס אונ מע קויפט נײַע, וואָלט געווענ א מיצווע. טאַקע קעדײַ געווענ זיכ בריקעווענ. אָט דאָס שיינע פאַרמעגנ האָט איר עס מוירע געהאַט ארײַנברענגענ אינ געשעפט? — ער האָט נאָכ א ביסל געכויזעקט פונ זיי, נאָר עמעצער פונ די אָנגעקומענע האָט אימ איבערגעשלאָגנ:

— זאָג נאָר, שמײַע, אונ וואָס האָסטו אזוינס ארײַנגעטראָגנ, וואָס דו ווערטלסט זיכ?

— וואָס הייסט, וואָס? מײַנ סאָוועסט, מײַנע הענט מיט דער נעשאָמע.

שמײַע האָט אפ זיכ געכאַפּט א זײַטיקנ בליק אונ אופגעהויבנ דעמ קאָפּ, עס האָט אימ עפּעס ווי א קיל געטאָנ אינעווייניק. ער האָט דערזענ, ווי בא דער זײַט איז געשטאַנענ רייזל, אָנגעטאָנ אינ איר גרויסער יאָמטעוודיקער שאַל. שמײַע האָט גענומענ אפנ אַקסל א פּאָר ברעטער, אונ גלײַכ ער זאָל זי ניט באַמערקנ, זיכ געלאָזט גייענ צומ טויער אונ מיט האַסט זיכ גענומענ צו דער ארבעט. נאָר אָט האָט ער דערהערט טריט. רייזל איז צוגעגאַנגענ, אראָפּגענומענ פונ דער הורבע שנייי זײַנ פעלצל אונ עס אימ אופגעהאַנגענ אפ די אַקסל:

— וואָס פאַר א היצ איז אפ דיר אָנגעפאַלנ, זיכ צעכראַסטעט! — האָט זי זיכ אָנגערופנ. — דו ווילסט זיכ צוקילנ? נאָר דאָס פעלט מיר.

— און דיר טוט טאקע באנק, טאָמער וועל איך זיך צוקילנ? — האָט ער ניט אויסגעהאלטנ איר בליק.

— נא, אקושנ, כאפ נאָר בעסער עפּעס איבער, — האָט זי אים א שטורכע געטאָנ אינ דער זייט מיט א פול שיסעלע געשמאקע, פעטע לאטקעס, — דו האָסט דאָך היינט ניט איבערגעביסנ.

— נישקאָשע, זאָרג זיך ניט פאר מיר, איך וועל יאקאָס פונ הונגער ניט שטארבנ.

— שא, וואָס רעדסטו מיט אזא קאס?

— וואָס זשע, רייזל, דו ביסט נאָך נערעכט?

— ניינ, דו ביסט גערעכט! קומ שוינ אהיימ. לאָז איבער א ביסל ארבעט אפ מאָרגנ, וואָס רייסטו, שמייע, אזוי אייננ די וועלט? זע נאָר, ווי איבער דיינ פּאָנעמ רינט דער שוויס. נאר איינער, וואָס טרייבסטו אזוי ארויס פונ זיך די נעשאָמע? סע ברענט?

— פונוואנענ ווייסטו, אז סע ברענט ניט? — האָט ער זיך אָנגערופנ, קוקנדיק אפ איר גוטמוטיק פּאָנעמ, וואָס איז איצט געווענ אי בערויגעזלעכ אי שולדיק, ווי בא א קינד, ווענ עס פארזינדיקט זיך מיט עפּעס.

— נו, גענוג, זאָל שוינ נעמענ א סאָפ! — האָט זי א זאָג געטאָנ, זעענדיק, ווי עס גייט אהער שלוימע אָוורוצקי, — קומ שוינ אהיימ.— אָבער דערזענ, אז שמייענ וועט זי איצט פונדאנענ ניט ארויסרייסנ, האָט זי זיך אליינ געלאָזט גיינ פונ הויפ.

שמייע איז געשטאנענ אָנגעשפּארט אינ פּלויט און נאָכגעקוקט, ווי רייזל דערווייטערט זיך. זי איז אפ א רעגע פארשווּנדנ אינ א זייטיק געסל, וווּ עס האָט געווינט איר מומע, און שמייע איז שוינ ווידער געוואָרנ אומרויק. נאָר אינ עטלעכע מינוט ארומ האָט ער באמערקט, ווי רייזל פירט דורכנ געסל די טעלעצע, און בא דער זייט גייענ די קלענערע קינדער. ער האָט פרייער אָפּגעאָטעמט און גענומענ פארדרייענ א ציגאר טוטינ.

שלוימע אָוורוצקי איז צוגעגאנגענ א שמייכלענדיקער צו שמייענ און א קלאפ געטאָנ אימ איבערנ אקסל:

— מאזלטאָוו דיר, שמייע! איצט זעסטו כאָטש, אז איך פארשטיי א געשעפט?

— איך זאָל אזוי וויסנ פונ א בייזער וועטשערע, — האָט שמייע א מאך געטאָנ מיט דער האנט און זיך גענומענ צו דער ארבעט. עס האָט אימ באנק געטאָנ, וואָס רייזל איז אזוי גיך פונדאנענ אוועק.

אים האָט זיך געוואָלט, זי זאָל איצט גראָדע שטיין א ביסל לעבן אים און קוקן, וויאַזוי ער ארבעט, נאָר זי איז שוין געווען ווייַט.

שמייַע האָט אָנגעהויבן אונטערזינגען א לידל. זייַן געזאַנג האָט זיך צעטראָגן איבערן הויף און זיך צונויפגעגאָסן מיטן געזאַנג פון די זעגן. די מיידלעך, וואָס זייַנען געשטאַנען אויבן טויק און געריייניקט די זריַע, האָבן אונטערגעכאַפּט די ליד, און זי האָט זיך א טראָג געטאָן, ווי אַ פליגלען, איבער דער קאָלאָניע און אַוועקגעפלויגן צום סטעפּ, צום אינגוליעצ.

מענטשן האָבן פארבייַגייענדיק זיך אָפּגעשטעלט, זיך פארקוקט אויף דעם לעבנסלוסטיקן בלעכער, אויף שמייַען, ווי ער פּוצט אויס דעם נייַעם טויער, ווי ער לייגט אַרייַן אין זייַן שטיקל ארבעט דאָס הארץ מיט דער נעשאָמע, אונטערזינגענדיק דערבייַ, און געפרעגט:

— שמייַע, וואָס פאר א זיגעניש איז אויף דיר אָנגעפאַלן, וואָס פאר א יאָמטעוו איז הייַנט בא דיר?

— א צווייענדיקער יאָמטעוו, מענטשן, — האָט שמייַע געענט-פערט שמייכלענדיק, — מיר זייַנען פּאָטער געוואָרן פון די שלעק, איז שוין אייַן יאָמטעוו? נו, און פון מייַן רייזלען איז ארויס דער דיבעק. ס'איז עפּעס הייַנט געוואָרן גרינגער צו עטעמען אויף אונדזער ערד.

— הער נאָר א מייַסע, קומט דיר דאָך מאַזלטאָוו?

— א צווייענדיקער מאַזלטאָוו, — האָט געענטפערט דער בלעכער, אָנגעשפּיגן אויף די שווערע אָדערדיקע הענט און זיך גענומען פלייַסי-קער צו דער ארבעט.

פיר אייצעס, וויאַזוי צו לעבן הונדערט מיט צוואַנציק יאָר

— שיידים ווייסן אייַך, ווייַבער, ווער און צוליב וואָס מ'האָט אייַך אויסגעטראַכט, — שמייכלט גוטמוטיק שמייַע. ער שטייט בא דעם וועכטער־ביידל אין עק פונעם צייַטיקן ווייַנגאָרטן און שטעלט אויף דער וואָג די גרויסע געפלאָכטענע קוישן מיט ווייַנטרויבן, וואָס די פרויען טראָגן יעדע ווייַלע אונטער. א באָרוועסער, אין דעם גרויסן שטרויע-נעם הוט אויבן קאָפּ, דאָס לייַכטע העמדל צעכראַסטעט, זעט ער טאַקע איצט אויס ווי א גוואַר — געזונט, ברייטפּלייציק, פרייִלעך. אויף זייַן פארברוינט פּאָנעם שטייען טראָפּנס שווייס. ער טוט א נעם אַ שווערן

קויש ווײַנטרויבנ, מעסט אים אָפּ מיט א גענייטנ בליק, טוט א שטעל אפּ דער גרויסער וואָג אונ רופט אוים:

— אנו, דערלאנגט, ווײַבער, דערלאנגט, שעמט זיכ ניט. אונדזער ווײַנגאָרטנ האָט אונדז האיאָר ניט פאַרשעמט, לאָמיר אים אויכ ניט פאַרשעמענ.

שמײַע הערט זיכ אײַנ אינעמ געזאנג, וואָס צעטראָגט זיכ איבערנ ווײַנגאָרטנ, אונ דאָס הארצ זײַנס פרייט זיכ.

— נו, וואָס זאָגט איר עפּעס, כעוורע, געפעלט אײַכ א קאָנצערט? — ווינקט שמײַע אונטער צו די עטלעכע שאָפערנ, וואָס זײַנענ אהער אראָפּגעקומענ פונ דער שטאָט נאָכ ווײַנטרויבנ אונ וואַרטנ, ביז מע וועט אָנלאָדנ זייערע מאשינעס. — שעמט זיכ ניט, קינדער, רײַבט, רײַבט, אונ זאָל אײַכ וווּיל באקומענ. בא אונדז אינ קאָלווירט, זעט איר, דאָכ, איז הײַנטיקס יאָר געראָטנ קיינ־אײַנהאָרע, — קאָנ שמײַע ניט אויפהערנ צו בארימענ זיכ פאַר די געסט, וואַרפט זיי אלעמאָל אונטער עטלעכע פרישע הענגלעכ אונ גיט דערבײַ צו פאַרשטיינ, פונ וואָס פאַר א סאָרט זיי זײַנענ, וואָס פאַר א טאַמ זיי האָבנ אונ וואָס פאַר א מינ ווײַנ מע מאכט פונ יעדנ טרויב. — איר מיינט, אז נאָר די ווײַנטרויבנ זײַנענ בא אונדז געראָטנ? — קאָנ שוינ שמײַע ניט איבערכאפּנ דעם אָטעמ, — טוט א קוק אפּ אונדזערע מוידנ — ווו וועט איר נאָכ געפינענ אזוינע! הײַנט זייער זינגענ!

עמעצער האָט אָנגעהויבנ קלאפּנ מיט א שטיק אײַזנ איבערנ רעלם, וואָס איז געהאנגענ אפּ א בוימ, דער אוילעמ האָט איבערגעריסנ די ארבעט, אונ מע האָט זיכ אויסגעזעצט אינ שאָטנ פונ די קוסטעס עסנ וואַרמעס. שמײַע האָט פאַרבעטנ די געסט אינ בײַדל, צעבונדנ דאָס זעקל אונ מעכאבעד געווענ זיי מיט דעמ, וואָס רייזל האָט אים מיטגעגעבנ. איצט, ווענ מע האָט זיכ אזוי היימלעכ אויסגעזעצט ארומ דעמ נידעריקנ, ניט געטעסעטנ טישל אונ אויסגעטרונקענ עטלעכע היפּשע קווערטלעכ יונגנ ווײַנ, איז שוינ שמײַע געווענ צופרידנ, וואָס ס'איז אָנגעקומענ א פרײַע מינוט אונ ער קאָנ א ביסל פאַרברענגענ מיט די געסט.

— איצט, כעוורע, זעט איר אליינ, איז שוינ בא אונדז אינ קאָלכאָז אנ אָרדענונג. אפּ מיר אזא יאָר. אָבער ביז מע האָט זיכ דערצו דערשלאָגנ, האָט מענ זיכ גענוג אָנגעבידעוועט. יאָ, ניט אומזיסט איז געווענ אונדזער האָרעוואניע! ניט אומזיסט האָסטו אומעטום אונטערגעשטעלט א פּלייצע, שמײַע, אונ אז דו גייסט זיכ איצט דורכ איבער

דער קאָלאָניע, דו זעסט די נײַע הײַזער, די שײנע גאַסנ, טראַכסטו זיכ, אַז אינ אַלצ האָסטו דײַנ בײלעק, דו האָסט דאָס געמאַכט מיט דײַנע אײגענע הענט אונ מעגסט זיכ פילנ, ווי אַנ עמעסער באַלעבאָס.

דו גייסט אָפּט אונ קלײַבסט נאַכעס פונ דײַנ הײמ. עפּעס האָט זי באַקומענ גאָר אַנ אַנדער אויסזעֹנ, די גאַסנ זײַנענ גאָר ניט יענע גאַסנ, וועלכע איכ האָב געטראָפנ, ווענ איכ בינ אַהער געקומענ. אונ די מענטשנ זײַנענ שוינ אויכ ניט די, וואָס געווענ. אָט קומט דער זומער-אָפּדערנאַכט, צינדנ זיכ אָנ אינ אַלע הײַזער די עלעקטרישע לאָמפּנ, די לאַמטערנס צעשײַנענ זיכ באַמ דאָרפ-ראַט אָפנ פּלאַצ, עס צעזינגט זיכ די ראַדיאָ — אַ מעכײַע. מיר האָבנ אָפנ בערג טײַכ פאַרפּלאַנצט אַ פײַנ סעדל. אַלע פאַרנאַכט קומענ אַהינ צו גײנ די קאָלאָניסטנ, אונדזערע מוזיקאַנטנ שפּילנ, אונ יונגוואַרג כאַפּט אַ טענצל, אַז דער טײַכ שפּאַלט זיכ. איכ קומ אויכ אַמאָל אַהינ, שלעפּט מענ מיכ אַרײַנ אינ קאָנ, אונ איכ בינ מיר ניט פויל, כ'שלעפּ אַראָפּ דעמ פּידזשאַק אונ קלאַפּ אָפּ אַ פאָלקע אָדער אַ פרײלעכס, אַז די כעוורע ווערנ צעשמאָלצנ פונ פאַרגעניגנ. ניִשקאָשע, שמײַע איז אַנ אַלטער סאָלדאַט, אונ ער האָט ליב דעמ טאַנצ. אַז איכ האָב געטאַנצט אינ די אַלטע ביטערע צײַטנ, פאַרוואָס זשע זאָל איכ מיכ שעמענ כאַפּנ אַ טענצל איצט, ווענ אָפנ האַרצנ איז פרײלעכ?

זומער-צײַט הײבנ זיכ אָנ צו אונדז אינ קאָלאָניע צונויפאָרנ געסט, עס קומענ זיכ צונויפ פונ אַלע עקנ לאַנד באָכערימ אונ מײדלעכ. ווער עס לערנט ערגעצ אינ דער גרויסער וועלט — אינ מאָסקווע, אינ לענינגראַד, אינ קיִעוו, ווער עס אַרבעט אָפּ די פאַבריקנ אונ זאַוואָדנ, ווער עס דינט אינ דער רויטער אַרמײ. אָט איז ערשט ניט לאַנג דאָ געווענ צוגאַסט מײַנ ליזע — איר האָט געמעגט אָנקוקנ אַ מויד, זי האָט שוינ געענדיקט אינ מאָסקווע די קאָנסערוואַטאָריע. אָט דאַרפ באַלד אַראָפּקומענ מײַנ איציק, אונ אָפּיצער! קײנ נאַכעס פעלט מיר ניט, נאָר אַזוי ווי אַ קינד מוז פּאָקנ אונ מאָזלענ, אַזוי מוז אַ מענטש האָבנ אַ צאָרע. אינ אַ שײנעמ פרימאָרגנ פאַרגלוסט זיכ אונדזער פּאָרזיצער שלוימע אָוורוצקינ מיט דער פאַרוואַלטונג מיכ מאַכנ פאַר אַ נאַטשאַל-ניק: איכ זאָל ווערנ דער בריגאַדיר איבער דעמ קאָלווירטישנ ווײַנגאָרטנ. איכ בינ געוואָרנ אַ גאַנצער ווײסער אינ ווײַנטרויבנ אונ האָב ליב באַקומענ די אַרבעט אָפנ ווײַנגאָרטנ, זאָל איכ, הײסט עס, ווערנ בריגאַדיר. נײנ, — זאָג איכ שלוימענ, — דאָס וועסטו בײַ מיר ניט פּויעלנ, — אונ איכ בעט זיכ בײַ אימ, ווי בײַ אַ גאַזלענ: — אַז איכ האָב ניט ליב צו

זײנ קײנ נאטשאלניק, דאָס גאנצע לעבנ בינ איכ א ריאדאָװאָי סאָלדאט, א יעפרײטער, ניט מער. פונ דער שװערסטער ארבעט זאָג איכ זיכ קײנ־מאָל ניט אָפּ, נאָר קײנ נאטשאלניק װיל איכ ניט זײנ: קאטשעט ער זיכ פאר געלעכטער אונ װיל אפילע ניט הערנ. אזױ איז באשטימט געװאָרנ אונ אזױ װעט דאָס זײנ, האָסטו געהערט אנ אומגליק?

— פע, — זאָגט ער מיר, — דו, שמײע, זאָלסט זיכ אָפּזאָגנ פונ ארבעט? ניט שײנ.

— װער, איכ זאָג זיכ אָפּ פונ ארבעט? איכ? א שײנע מײסע. גײ דערצײל אימ, װאָס עס קװעטשט מיכ. מײנ רײזל איז פארװאלטער אפּ דער פערמע, װעט זי מיר נעמענ דערגײנ די יאָרנ, מיסטאמ, אז אירע מעלקערנס ארבעטנ בעסער פונ מײנ בריגאדע. עס װעלנ צו מיר אָנהײבנ גײנ דעלעגאציעס פונ די מעלקערנס באטראכטנ מײנ ארבעט, אונ מע װעט אלע מאָנטיק אונ דאָנערשטיק קומענ מעלקנ בא מיר די נעשאָמע. אז איכ דארפ דאָס ניט האָבנ! אונ, כוץ דעמ, — טײנע איכ אײנ מיט שלוימענ, — בינ איכ שױנ א מענטש אינ די יאָרנ. איכ האלט שױנ בא דער האלבער מײע. זאָל מענ אװעקשטעלנ א יונגערנ פאר א נאטשאלניק. נאָר עס האָט מיר ניט געהאָלפנ, איכ האָב געמוזט זיכ אײנשפּאנענ, װי איר זעט, אונ שלעפּנ דעמ װאָגנ. אויב איר האָט א שטיקל יעדיע אינ דער זאכ, דארפט איר װיסנ, װאָס פאר א דעליקאטנע, אנ אײדעלע ארבעט דאָס איז. עס זײנענ דאָ מענטשנ, װאָס מײנענ, אז די װײנטרױבנ װאקסנ גלײכ אינ די געפלאָכטענע קױשנ, װאָס שטײענ אינ דער קאָאָפּעראציע. אָ, ביז זײ װאקסנ אויס, די װײנטרױבנ, קאָנענ ארויסקריכנ די אויגנ פונ קאָפּ! דאָס זײנענ אזױנע געװיקסנ, װאָס מע דארפ זיכ איבער זײ טרײסלענ, ארומגײנ, װי ארומ א ציטעריק קינד, ס'איז דיר ניט קײנ גערשטנ, װאָס צעשיטסט איבער דער ערד אונ סע װאקסט. כאָטש מיט גערשטנ איז אויכ געװנ אײסעק. א װײנגאָרטנ — דאָס איז װי א הײסער אויװנ, װו דו באקסט קױלעטש. פארקוקסטו זיכ אינ א זײט אפּ א רעגע, װערט דאָס פארברענט אונ אויס קױלעטש. הײנט אז איכ האָב א װײנגאָרטנ פונ אזױנע קנאפּע הונדערט העקטאר, פארשטײט איר דאָכ אלײנ, אז ס'איז א פײנ שטיקל ארבעט!

אָט הײבט זיכ אָנ דער פרילינג, זאָל ער לעבנ אונ געזונט זײנ. דער שנײ איז נאָרװאָס אראָפּגעקראָכנ פונ די פעלדער. קומסטו מיט דײנ בריגאדע אפּנ װײנגאָרטנ, אונ מע הײבט אָנ צעשארנ די בערגלעכ, מע דעקט אופּ די לאָזעס, װאָס דו האָסט אָסיענ־צײט אײנגעדעקט מיט ערד, דאָס פרעסטל זאָל זײ ניט צוקילנ, די אײדעלע געװיקסנ, מע גראָבט ארומ די קאָרטשעס אונ מע צעשטעקט די טיטשקעס. װײטער האָסטו א

דײַנע, אַז די זונ זאָל וואַרעמענ און דער רעגנ זאָל באַגיסנ, וואָרעמ אויב סע וואַרעמט נית און סע באַגיסט נית, איז טאַקע ביטער. אָט הייבנ זיכ אָנ אויספּיקנ די בלעטלעכ. דער ווײַנגאָרטנ הייבט אָנ גרינענ. דער־נאָכ הייבט זיכ אָנ די לאָזע וויקלענ ארומ די טיטשקעס, אַפֿ די דראָטנ, זיכ הייבנ אינדערלופֿטנ צו דער זונ און צו דעמ הימל. די בלעטלעכ ווערנ גרעסער און גרעסער, פֿאַרגעסט אונדז נית דער ריבויינע־שעל־אוילעמ און שיקט אָנ בייזע פֿליגלענ און זשוקלעכ און דער רועכ וויסט וואָס, און זיי הייבנ אָנ טאָטשענ די געוויקסנ, דאַרפֿ מענ אָנהייבנ באַשפּריצנ. העלפֿט דער אייבערשטער, און ס׳איז ניטאָ קיינ רעגנ, שפּאַנט זיכ איינ די גאַנצע קאָלאָניע און מע נעמט שלעפּנ וואַסער פֿונ־נעמ טײַכ אַפֿ צו באַגיסנ. מיט אַכצנ שווייסנ גייט מענ אָפּ, ביז מע דערלעבט צו זענ די פּאַרטיקע ווײַנטרויבנ. אָט הייבנ זיי זיכ אָנ אָנ־גיסנ מיט זאַפֿט און נעמענ שפּילנ אַנטקעגנ דער זונ מיט אַלע קאָלירנ, אָט דערנענטערט זיכ דער אָסיענ, און אַפֿנ ווײַנגאָרטנ ווערט יאָמטעוו. איר זעט דאָכ שוינ אַליינ, וואָס דאָ טוט זיכ איצטער. מע קוועטשט ווײַנ, מע פּאַקעוועט ווײַנטרויבנ אינ די קעסטלעכ, און מע פֿירט זיי מיט די מאַשינעס, מיט די צוגנ, מיט די שיפֿנ אינ אַלע עקנ לאַנד!

גייסט צו צו אונדזערע ווײַנקעלערס, ווערסטו שיקער פֿונ דעמ רייעכ, מע קוועטשט איינ אינ די גרויסע פּרעסנ די ווײַנטרויבנ, אַז די ווײַנ־קעלערס קרעכצנ אַזש. הונדערטער פֿעסער מיט ווײַנ שפּילנ שוינ. אונדזערע ווײַנענ שיקנ מיר אַוועק קיינ מאָסקווע, קיינ קיעוו, קיינ דאָנבאַס, מע שטעלט זיי צומ טיש אַפֿ די שענסטע סימכעס און יאָמטויוומ, אַפֿ כאַסענעס און מאָלצײַטנ. נישקאָשע, שמײַע מיט זײַנ בריגאַדע לעבנ נית אומזיסט אַפֿ דער וועלט. מיר האָבנ אינ איר אַ פֿײַנעמ כיילעק.

אָפּט קוקנ אַפֿ מיר די קאָלאָניסטנ, די געסט, וואָס פֿאָרנ אַהער אַראָפּ פֿונ אַלע עקנ לאַנד, און מע וווּנדערט זיכ:

— אײַ, שמײַע, זאָלסט אונדז לעבנ און געזונט זײַנ, דו ביסט שוינ אינ קאָלאָניע אַזויפֿיל יאָר, מיר זעענ דיכ אַלע טאָג, און עפּעס שטייסטו אַפֿ איינ אָרט. דו ווערסט גאָר נית עלטער. פֿאַרקערט, דו ווערסט נאָכ מיט יעדנ יאָר, דאַכט זיכ, יינגער, דערצייל אונדז, טײַערער, דעמ סאָד, פֿאַרוואָס דו עלטערסט זיכ נית?

— ס׳איז נאָכ ניטאָ קיינ אוקאַז פֿונ דער רעגירונג, — זאָג איכ, — שמײַע גאַזלענ זאָל אַלט ווערנ, ער האָט נאָכ אַ סאַכ אַרבעט אַפֿ דער וועלט.

נאָר אַז איר וועט צו מיר שטאַרק צושטיינ, וועל איכ אײַכ אַלפּי סאָד דערציילנ:

איכ האָב געהערט, אַז אונדזערע פּראָפעסאָרנ דרייענ זיכ די מויכעס און ווילנ דערגייִנ דעמ סאָד פונ אריכאס־יאָמימ, וויאַזוי, הייסט עס, דער מענטש זאָל לאַנג לעבנ. ווענ איכ בינ פאַראיאָרנ געווענ אַפ אַנ עקסקורסיע אַפ דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אויסשטעלונג, האָט מענ מיר אָנגעוויזנ אַפ איינעמ א פּראָפעסאָר, א פּיצינקער, א שטיקל הויט מיט ביינער, וואָס האָט זיכ געהאַלטנ פופציק יאָר אַפ זויערמילכ. יענע וואָכ האָב איכ געלייענט אינ די גאַזעטנ, אַז ער איז, נעבעכ, געשטאָרבנ. מע זאָגט אַפילע, אַז ער האָט איבערגעלאָזנ א סאַכ ביכער מיט אייצעס, וויאַזוי צו פאַרלענגערנ דאָס לעבנ. אינדערעמעסנ, וואָס איז דאָס פאַר א רעציכנע, וואָס אַז עס קומט ערשט צומ לעבנ, סטייִענ דיר קיינ יאָרנ ניט!

איכ האָב אויכ א שטיקל פּראַקטיקע אינ דער זאַכ, און כ׳דאַרפ אייַכ זאָגנ, אַז פונ קיינ פּראָשקעס, מיט וויטאַמינענ, מיט קאַלאָריעס האַלט איכ ניט, פונ א גוט שטיקל געבראָטנס, מיט א ביסל ווייַנ אָדער אויבסט זאָל מענ זיכ קיינמאָל ניט אָפּזאָגנ. נאָר איכ האָב מיר מייַנע אייגענע סודעס — פיר סודעס, וויאַזוי צו לעבנ ביז הונדערט מיט צוואַנציק יאָר און ניט אַלט ווערנ.

דער ערשטער סאָד איז — דער שערער. צו אימ מוז מענ זיכ אַרייַנכאַפּנ איינ מאָל אינ וואָכ, עס מעג אַפילע דונערנ און בליצנ. אינ דער אַרבעט זאָלסטו אַפ זיכ קיינמאָל קיינ ראַכמאָנעס ניט האָבנ, ניט שוינענ זיכ, ניט קלאָגנ זיכ. אַז דו טוסט א קוק, האָסט געמאַכט א פייַנ שטיקל אַרבעט — קומט דיר גלייַכ צו עטלעכע יאָר לעבנ. דערפאַר אָבער נאָכ דער אַרבעט טאָר מענ זיכ ניט אָפּלאָזנ, ניט פאַרלאָזנ קיינ באָרד, אַז מענטשנ זאָלנ דיר ציילנ דייַנע גרויע האָר, מע דאַרפ זיכ אָפּהיטנ, די וואָנצעס זאָלנ האָבנ א פּאָנעמ פונ וואָנצעס.

דער צווייטער סאָד — דאָס איז די שכיינימ. מיט די שכיינימ דאַרפ מענ לעבנ בעשאָלעמ, פריינטלעכ. די ערנסטע זאַכ צווישנ שכיינימ איז קינע. עס זייַנענ דאָ אַזעלכע, וואָס פאַרגינענ אייַכ ניט דעמ ביסנ, און דאָס זייַנענ גראָדע יענע, וואָס פוילנ זיכ אַרבעטנ אינ קאָלעקטיוו. קינע, זאָלט איר וויסנ, עסט אופּ פונדנ געזונט, נאָר איכ, זינט איכ קענ זיכ, בינ איכ קיינעמ ניט מעקאַנע, וואָס דענ, ביסט מיכ מעקאַנע, לעמייַ איכ לעב בעסער, איכ האָב מערער טעג, איז ווער לאָזט דיכ ניט? אַרבעט אַזוי, ווי איכ מיט מייַנ רייזלענ, מיט די קינדער — וועסטו ניט דאַרפנ מעקאַנע זייַנ און זיכ ניט הריזענ דאָס האַרצ, און וועסט לעבנ איבעריקע עטלעכע יאָר.

דער דריטער סאָד איז — נאַכעס פון קינדער. מײַנע בעווּרע, אַפילע די קלײנע, וואָס איך האָב מיר אָפּגעשפּאָרט מיט רײזלען, וואַקסן ווי אָפּ הײוון. שײנע, געזונטע — אַ מעכײַע אָפּ זײ צו קוקן. אַלע אַרבעטן, לערנען זיך, מע שרײַבט וועגן זײ אין די גאַזעטן, מע דרוקט זײערע פּאָטאָגראַפיעס, מע פּרעמירט זײ, מע קאָן זיך פון זײ גאָר ניט אָנלויבן. הײַנט דער נאַכעס, וואָס עס קומט מיר צו, ווען עס פּאָרן אַראָפּ איציקל מיט ליזען — זײ זײַנען בײַ מיר אויך אַוואַדע גאָלדענע באַלמעלאָכעס. זי גיט קאָנצערטן, און ער איז אַ קאַפּיטאַן, אַ נאַטשאַלניק פון אַ זאַסטאַווע אָפּ דער גרענעץ. איר פאַרשטײט דאָך אַלײן, קײן שלעכטן באַלמעלאָכע וועט מען דאָרט ניט אַוועקשטעלן.

דער פערטער סאָד איז — אַרבעט. זאָלסט ניט אַרומגײן לײדיק, ניט שלאָגן בײַדעקעס. אַרבעט גוט און איבערגעגעבן, וועסטו זײַן אַ לײַטי־שער מענטש, וועסט פון קײנעם קײן אוּמקאַוועד ניט האָבן, פאַרקערט, אַלע וועלן דיר אָפּגעבן קאָוועד, דו וועסט וויסן, אַז דײַנע יאָרן זײַנען אַוועק ניט אומזיסט. וועט דיר ווידער צוקומען אַ שטיק געזונט, וועסט האָבן פאַרגעניגן פונעם לעבן און וועסט גאָר קײנמאָל קײן צײַט ניט האָבן צו טראַכטן וועגן טויט.

יאָ, און נאָך אײן זאַך מוז איך צוגעבן — כ'האָב שיר פאַרגעסן. דאָס לעבן איז ניט קײן צוג — געקויפט אַ בילעט ביז דער סטאַנציע, זיך אַרײַנגעזעצט און — פאָר! נײן, אַזוי טוט זיך ניט. האָסטו קײנמאָל קײן צאָרעס ניט פאַרזוכט, זיך ניט צוגערירט צום לעבן, ניט אונטערגע־שטעלט קײן פּלײצע, וועסטו ניט פאַרשטײן, וואָס איז אַזױנס נאַכעס און דו וועסט דאָס ניט קענען שאַצן. הײַנט אַז איך, שײַע איזראַילע־וויטש ספּיוואַק, האָב איבערגעטראָגן אָפּ מײַנע פּלײצעס אַזויפיל צאָרעס, פרעג איך אײַך טאַקע, וויפל נאַכעס קומט מיר אַרויס בײַ דער וועלט?!

דריטער טײל

זײַ געזונט, הײם!

— ווען די דאָקטוירים שלעפּן אַרויס בײַ די אַלטע סאָלדאַטן אַלע שטיקלעך אײַזן און שטאָל פון זײערע לײַבער, וואָלט מען, דאַכט זיך, פון דעם געקאָנט אויסבויען אַ בריק. ווען מע קאָן צונויפנעמען אײנײנעם אַלע טרערן פון יענער מילכאָמע, וואָלט מען פון זײ געקאָנט מאַכן אַ

יאמ. ווענ די מענטשנ וואָלטנ פונ דעמ דאָזיקנ בריק אַרײַנגעקוקט מיפ אינ אָט דעמ יאמ, — טראַכט שמײַע, — וואָלטנ זיי שוינ לאַנג דערזענ, פונוואַנענ אַלע אומגליקנ נעמענ זיכ אפ דער וועלט, אונ וואָלטנ אינ אימ דערטרונקענ זייערע סאָנימ.

יאָ, דאָס לעבנ האָט שוינ באַקומענ אַזאַ שײַנ פּאָנעמ. ער, שמײַע, איז שוינ געוואָרנ אַזאַ בעקאָוועדיקער מענטש. וואָס איז אימ, אַשטײגער, אָפּגעגאַנגענ? אָפּגעאַרבעט דעמ טאָג אינ ווײַנגאָרטנ, געקומענ אַהײמ, איבערגעכאַפּט, אַרויסגעגאַנגענ אינ סעדל אונ זיכ אויסגעצויגנ אינ הויכנ גראָז אונטער די ווײַנשל־ביימלעכ, אַרײַנגעקוקט אינ אַ פרישער בלאַט, געכאַפּט אַ דרעמל, זיכ דורכגעגאַנגענ אינ סאָוועט אפ אַ זיצונג, אַראָפּגעפאָרנ אינ ראַיאָנ מיקויעכ אַ געזעלשאַפטלעכנ איניענ. אומעטומ זײַנענ אַלע טירנ געווענ פאַר אימ אָפנ, מע האָט געהאַט פאַר אימ דרערעכ־ערעצ אונ אָפּשײַ. ער האָט שוינ גאָר געטראַכט דעמ זומער אַוועקפירנ זײַנע ווײַנטרויבנ קיינ מאָסקווע, אפ דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אויסשטעלונג אונ באַקומענ פאַר זיי אַ גאָלדענעמ מעדאַל. ער האָט אינ אָסיענ גערעכנט דורכפאָרנ זיכ צומ זונ אונ צו דער טאָכטער צוגאַסט. מאַלע וואָס ער האָט געפּלאַנעוועט אומטאָג אינ יענעמ שײַנעמ זומער פונ 1941 יאָר! האָט זיכ אַרײַנגעמישט די מילכאָמע אונ אַלצ צעדרייט.

— שמײַע־לעבנ, וואָס דאַרפסטו אַזוי אײַנלײגנ וועלטנ מער פונ אַלע־מענ? — טײַנעט צו אימ שכיינימ. — צו דיר האָט די מילכאָמע קיינ שייכעס ניט. דו האָסט שוינ דײַנס אָפּגעדינט. איצט זאָלנ גיינ אפ דער מילכאָמע יינגערע פונ דיר.

שמײַע באַטראַכט די שכיינימ מיט זײַנ קלוגנ, גוטמוטיקנ בליק אונ רופט זיכ אָנ:

— נאַראָנימ, צו מיר האָט די מילכאָמע קיינ שייכעס ניט? צו וועמענ זשע האָט זי אַ שייכעס — צומ גראַפ באָברינסקי? אַנ אַלטער סאָלדאַט איז געגליכנ צו אַ גוטנ קאַוואַלעריסקע פערד, וואָס אַז עס דערהערט, ווי דער האָרניסט גיט אַ רופ, קאָנ עס שוינ רויק ניט אײַנשטיינ אפנ אָרט. אונ כוצ דעמ, ווער, אַשטײגער, קאָנ עס מיר אַראָפּוואַרפנ פונעמ כעשבנ? וואָס? איכ בינ עלטער מיט אַ מיטוואָכ פונ די, וואָס דאַרפנ איצט גיינ? בינ איכ אָבער פונ יענעמ מינ, וואָס ווערט ניט אַזוי גיכ אַלט, אונ ביפראַט נאָכ איצט, ווענ אפ אונדזערע קעפ רוקט זיכ אָנ אַזאַ כמאַרע.

די בסורע וועגנ דעמ, אַז עס האָט זיכ אָנגעהויבנ די מילכאָמע, האָט מענ שמײַענ געבראַכט צומ ברעג טײַכ, ווענ ער איז וויליונגעריש געזעסנ אפנ פלאַטשיקנ שטיינ, מיט פאַרקאַטשעטע הויזנ, די פיס אינ וואַסער, צעכראַסטעט די האָריקע ברוסט, אונ פאַרוואָרפנ די ווענטקע אינ

טײַכ ארײַנ. ווי אפּצולאַכעס, איז הײַנט דאָס פּישל געגאַנגענ אַזוי גוט, ווי קיינמאָל! ער האָט געכאַפּט אַזוינע עטלעכע קאַרפּנ, וואָס דאָס גאַנצע דאָרף וואָלט ארויסגעלאָפנ אָנקוקנ זיי.

שמײַע האָט געשפּאַנט מיטנ שליאַכ, די ווענטקעס פאַרוואָרפנ אפנ אַקסל, דער עמער מיט די פיש האָט זיכ אימ נאָכגעשלעפּט, ווי אַנ איבער־ריקער, אונ ער איז געווענ פאַרטאָנ אינ שווערע מאַכשאָוועס. עס האָט זיכ אימ עפּעס ניט געלייגט אפנ געדאַנק, אַז אַזוינס זאָל קאָנענ געשענ אַזוי אומגעריכט, פּלוצעמ.

ס'איז שוינ געווענ גרויסער טאָג, אונ ער האָט זיכ אַלץ קיינ אָרט ניט געקאָנט געפינענ, כאָטש די מילכאָמע האָט זיכ ערשט אָנגעהויבנ אונ די געשלעגנ זײַנענ געגאַנגענ ערגעץ ווײַט, אפ די גרענעצנ, נאָר שמײַענ האָט זיכ אויסגעדוכט, אַז זי גייט שוינ דאָ באַנט לעבנ זײַנ אײַ־גענער קאָלאָניע.

נאָכ האַלבנ טאָג איז צומ דאָרפראַט געקומענ צו פליענ א רײַטער פונעמ ראַיאָנ אונ האָט געבראַכט צו פירנ א גאַנצ פּעקל מיט פּאָוועס־טקעס. אָבער אָנ זיי האָט מענ שוינ אינ דאָרף פונ גאַנצ פרי אָנגענומענ גרייטנ אינ וועג ארײַנ די סאָלדאַטנ פונ זאַפּאַס אונ די יונגע פּריזיוונִי־קעס. פרויענ האָבנ געניײט סאָלדאַטישע זעקלעכ אונ געבאַקנ פלעצלעכ אינ וועג ארײַנ, מיידלעכ האָבנ זיכ געטוליעט צו זייערע כאָסאַנימ, באַהאַלטנ די טרערנ אונ זיכ געבייזערט אפנ שווערנ גוירל, וואָס איז זיי אויסגע־פאַלנ — אפ דער אומגעריכטער צעשיידונג. שמײַע איז ארומגעגאַנגענ פונ שטוב צו שטוב אונ מיט זײַנ דורכדרינגעוודיקנ בליק באַטראַכט, ווי־אַזוי מע ריכט אויס די כעוורע אינ וועג ארײַנ, צי גיט מענ זיי ניט קיינ איבעריקע מאַסע. ער ווייסט דאָכ, שמײַע, וואָס מע דאַרפ האָבנ אינ אַזאַ וועג. אונ צו זײַנ וואָרט האָט זיכ יעדערער צוגעהערט — פאָרט אָנ אַל־טער סאָלדאַט, געשמעקט פּולווער.

ווענ ער איז ארײַנגעקומענ צו זיכ אינ שטוב, האָט ער געטראָפנ רייז־לענ א פאַרטאָגענע אינ דער אַרבעט. זי האָט געניײט צוויי זעקלעכ פאַר ביידע עלטערע זינ, וואָס זי דאַרפ ארויסבאַגלייטנ אפנ פראָנט. אירע אויגנ זײַנענ געווענ פאַרוויינט. זי האָט אפ אימ ניט אופגעהויבנ דעמ בליק. שמײַענ האָט א טיאָכקע געטאָנ דאָס האַרצ. עפּשער האָט זי זיכ גראָד דערמאַנט אינ יענער צײַט, ווענ זי האָט אַזוי געניײט א סאָלדאַטיש זעקל פאַר איר ערשטנ מאַנ, פאַר יאָסל קאָרסונסקי, וואָס זי האָט ארויס־באַגלייט אפ דער מילכאָמע אונ ער האָט זיכ שוינ ניט אומגעקערט אַהיימ? ניט אַנדערש, אַז אָט די מאַכשאָווע האָט זי טאַקע געמוטשעט. שמײַע האָט עס אפ איר פּאָנעמ איבערגעלייענט אונ האָט אראָפגעלאָזט די

אויגנ צו דער ערד. ער איז שטילערהייט ארויסגעגאנגענ פונ דער שטוב אונ ווידער אנ א טאלק זיכ געלאזט גיינ איבער דער גאס. איצט, נאכ דעמ, ווי מע האט געבראכט צו פירנ דאס פעקל פאוועסטקעס, האט זיכ אפנ דארפ גלייכ דערפילט דער שווערער אטעמ פונ מילכאמע — עס גייענ אוועק די בעסטע באכערימ אונ יונגעלייט. אינ די שטאלנ זאטלט מענ די אויסגערוטע, קוילעכדיקע פערד, וואס זיינענ צוגעגרייט פאר דער ארמיי, מע פוצט אונ מע רייניקט די וואגנס, וואס וועלנ אפפירנ די קאלאניסנ אפ דער מילכאמע.

שמיע האט זיכ ווידער אומגעקערט אהיימ, זיכ אוועקגעלייגט אפ דער קאפקע אונ גענומענ אונטערברומענ אונטער דער נאז א ניגנ. ער האט זיכ איינגעהערט, ווי די באנימ ריידנ זיכ דורכ מיט דער מאמענ, בעשאס זי לייגט זיי צונויפ די זאכנ. דאס דארפנ זיי ניט, אונ דאס ווילנ זיי ניט. שמיע האט זיכ איינגעקוקט אינ די צוויי פארברוינטע יאטנ, וואס זיינענ אויסגעוואקסנ קימאט אפ זיינע הענט. ער געדענקט אזוי קלאר דעמ טאג, ווענ ער איז אהער אנגעקומענ אונ באגעגנט די צוויי פאסטעכלעכ, וואס האבנ געטריבנ די משערעדע פונ דער פאשע. אונ איצט? ער קוקט אונ גלייבט זיכ ניט. איי, ווי די צייט לויפט עס! דאכט זיכ, ערשט ניט לאנג זיינענ דאס געווענ קינדער, אונ איצט גייענ זיי ווערנ סאלדאטנ. פונ יענ־נער זייט פענצטער שטייענ צוויי יונגע, שיינע מיידלעכ אונ קוקנ ארויס, זייערע באכערימ זאלנ שוינ וואס גיכער ארויסגיינ צו זיי.

שמיע האט ניט געוווסט, וואס צו טאנ מיט זיכ. עפעס זיצט זיכ אימ ניט אפנ ארט. ער האט זיכ נאכ א ביסל ארומגעדרייט איבערנ שטוב, דערנאכ אוועקגעגאנגענ אינ צווייטנ צימער, אנגעטאנ דעמ נייעמ פידזשאק, צוגעשרויפט צומ לאצ זיינ ארדענ, אימ גוט אויסגעריבנ, ער זאל גלאנצנ, אונ זיכ ווידער געלאזט גיינ איבערנ דארפ. כאטש ס'איז נאכ ניט געווענ די צייט, נאר די פאסטעכער האבנ שוינ געטריבנ די טשערעדע פונ לאנקע. די בעהיימעס מיט די גרויסע אייטערס, זאטע אונ גאדלעסדיקע, האבנ זיכ צונויפגעשטויסנ בא דער קרענעצע, גענומענ גוואלדעווענ, מע זאל זיי אנפויענ, נאר קיינער איז היינט ניט ארויסגעגאנגענ אנגיסנ וואסער אינ די קארעטעס. שמיע איז דורכגעגאנגענ פארביי די רעדלעכ מענטשנ, וואס זיינענ געשטאנענ אפנ פלאצ אונ געהערט די ראדיא, אונ ער האט זיכ ניט אפגעשטעלט. ס'איז געשטאנענ א מעכייעדיקער זומער־טאג, די היצ האט שוינ א ביסל גענומענ פאלנ. קינדער האבנ זיכ געפליוסקעט אינ טייכ, ווי עס זאל גארניט געווענ פאסירנ. אפ די שטייענערנע פלויטלעכ ארומ די הייזער אונ אפ די פריזבעס זיינענ געזעסנ פארלעכ אונ האבנ זיכ געזעגנט. שמיענ איז עפעס מיטאמאל ענג געווארנ אינ דארפ, האט ער

אויסגעבראָכנ א דרענגל פונ א פּארקנ אונ זיכ געלאָזט אינ פעלד. ער איז געגאנגענ מיט דער געשלענגלטער סטעזשקע, וואָס איז פונ מאָל צו מאָל פארקראָכנ אינ הויכנ קאָרנ אונ ווידער זיכ פונ דאָרט ארויסגעגליטשט. איבערנ קאָפּ האָבנ, ווי אינ די שיינע צײַטנ, געצווישערט די פויגלענ, דאָס געשמאקע ווינטל, וואָס איז אלעמאָל אָנגעפלויגנ, האָט אָנגעטריבנ אפ די ווייצ-פעלדער לײַכטע כוואליעס, אונ שמײַע איז דערפונ געוואָרנ גרינגער צו עטעמענ. ער האָט איצט געטראכט וועגנ זײַנ זונ, איציקנ, וואָס געפינט זיכ ערגעצ אפ דער סאמע גרענעצ אונ קער איצט אינ דער שאָ אָפּהאלטנ די דײַטשישע כוואליעס. צי לעבט ער נאָכ? וואָס איז מיט אימ? שמײַע איז געגאנגענ פּאמעלעכ, ניט געאײַלט, פארטאָנ אינ זײַנע מאכשאָוועס. ער האָט אליינ ניט באמערקט, ווי די סטעזשקע האָט אימ פארפירט צומ ווײַנגאָרטנ. אקעגנ דער זונ האָבנ געשײַנט די הענגלעכ ווײַנטרויבנ, וואָס האָבנ זיכ געגאָסנ אָנגעגאָסנ מיט זאפט. טאָמיד איז דאָ, אפנ ווײַנגאָרטנ, געווענ אזוי ראַשיק, ס׳האָט זיכ געהערט די זינגערײַ פונ די מיידלעכ אונ פרויענ, וועלכע האָבנ דאָ גע־ארבעט, נאָר איצט איז דאָ געווענ שטיל, קיינ לעבעדיקע באַשעפעניש.

א מיידער, אנ אויסגעלײַדיקטער, האָט ער זיכ ווידער אומגעקערט אהיימ. ביידע יונגע זײַנע שוינ גרייט געווענ אינ וועג. בא דער טיר זײַנענ געשטאנענ צונויפגעבונדנ זייערע זעקלעכ. אינ שטוב איז געווענ פול מיט מענטשנ: שמײַעס גוטע-ברידער, שכיינימ. אפנ טיש זײַנענ שוינ האלב-אויסגעליידיקטע געשטאנענ די קריגלעכ אונ פלעשער פונ ווײַנ. דער אוילעמ איז שוינ געווענ גאָר פריילעכ, אונ אז מע האָט דערזענ שמײַענ, האָט מענ זיכ א לאָז געטאָנ צו אימ — ווו איז ער עס פארפאלנ גע־וואָרנ אפ אזא צײַט? מע האָט אימ גלײַכ אונטערגעטראָגנ א קוואָרט שטארקנ ווײַנ, א צווייטע אונ א דריטע, אונ שמײַע האָט אויסגעטרונ־קענ איינס נאָכאנאנדער פאר א גיכער מאפּאָלע פונ די סאָנימ, פאר אלעמענס געזונט, פאר דעמ, אז די באָנימ זאָלנ זיכ איבעריכנ אומקערנ מיט זיג אהיימ. דער ווײַנ האָט אימ גיכ א נעמ געטאָנ, זיכ צעשפּילט אינ אימ, אונ ער איז גלײַכ געוואָרנ אויפגעלעבט אונ פריילעכ, ער האָט ארויסגעטראָגנ אפנ גאנעק דעמ פּאטעפאָנ, אוועקגעשטעלט א פריילעכס, געהייסנ מאכנ א קרײַז, אראָפּגעוואָרפנ דעמ פּידזשאק אונ גענומענ טאנצנ. אזש דער גאנעק האָט געציטערט. פונ אלע זײַטנ זײַנענ זיכ צו־נויפגעלאָפנ שכיינימ, געקוקט, ווי שמײַע ארבעט מיט די הענט אונ מיט די פיס. אנדערע האָבנ אונטערגעהאָלפנ, געפּליעסקעט מיט די הענט, אונטערגעטופּעט, אונ אייניקע האָבנ זיכ, פארקערט, געבייזערט, לעמײַ ער טאנצט אינ אזא צײַט.

מער פון אלעמען האט זיך אף אים געבייזערט ריזל. זי האט אים געוואלט אפשטעלן, נאר ס'האט ניט געהאלפן. ער האט געהוליעט און אונטערגעגעבן איינעם אנדערע. דער קרייז האט זיך מיט יעדער מינוט פארברייטערט, און די קאלאניסטן האבן געטאנצט — די סאניום אף צעפיקעניש!

פון שמיען האט זיך שוין געגאסן דער שוויים, נאר ער האט נאך אלץ פלינק געטופעט מיט די פיס, געפאטשט מיט די דלאניעס איבער די כאליעוועס צום טאקט פון דער מוזיק, ביז ריזל איז צוגעגאנגען און אים אנגענומען בא דער האנט:

— עפישער וועט שוין זיין גענוג, מעשוגענער? דער סאלדאט האט זיך שוין איין אים צעשפילט!

שמיען האט זיך אינמיטן טאנץ אפגעשטעלט, געבליבן שטיין, ווי מע וואלט אים אפגעגאסן מיט קאלטן וואסער. ער האט שארף א קוק געטאן אפן ווייב און אומצופרידן א שאקל געטאן מיטן קאפ.

— דו ביסט לעבעדיק! — האט זי געטייטעט, — מיינע קינדער גייען אין פייער, אף דער מילכאמע, און דיר גייט נאך אן טאנצן!

— וואס זשע מיינסטו, טייערע מיינע, אז ס'איז א מילכאמע, דארפן מיר ארומגיין מיט אראפגעלאזטע קעפ? — האט שמיען זיך אנגערופן, — זאל דער דייטש גיין מיט אן אראפגעלאזטן קאפ. ער וועט באקומען, מירצעשעם, א וויסטן סאף. וועסט דערמאנען מיינע ווערטער. — שמיען האט פארדרייט א ציגאר טוטין, און אין מויעך האט אים געעגבערט: „מיינע קינדער גייען אין פייער". — טאקע, פונוואנען זאל איך וויסן, וואס הייסט גיין אין פייער? — האט ער ביטער א זאג געטאן צו ריזלען, אין אף זיין פאנעם, וואס איז מיטאמאל פארוואלקנט געווארן, זיינען זיך צונויפגעלאפן אלע קנייטשן. ער האט גענומען אף די אקסלען דאס רעקל און, מער ניט אויסריידנדיק קיין וואָרט, ארייננגעגאנגען אין שטוב.

ווען דער אוילעם איז זיך צעקראכן און ריזל מיט די זין זיינען ארייין אין שטוב, האבן זיי געטראפן שמיען אנגעטאן אין זיינע אלטע סאלדאטישע בגאדים, אונטערגעבונדן די גימנאסטיארקע מיטן גרויסן רימען. ער האט אויסגעטרייסלט דעם שטויב פונעם אפגעבליאקעוועטן סאלדאטישן זעקל, וואס מיט אים אף די פלייצעס איז ער דורכגעגאנגען טויזנטער ווערסט, און גענומען ארייינרוקן אהין א פאר גרעט, א האנטעך, א קווערטל.

— וווהינ קלײַבסטו זיכ? — האָט רייזל אים פארוווּנדערט אָנגעקוקט.

— וווהינ אַלע קלײַבנ זיכ, אַהינ קלײַב איכ זיכ, — האָט ער געענטפערט, ניט אָפּרײַסנדיק דעמ בליק פונעמ זעקל.

— אָבער פאָרט וווהינ? — איז זי צוגעגאנגענ צו אימ נעענטער, — וווהינ?

— איכ גיי אָפ דער מילכאָמע.

— מעשוגע, מײַנע סאָנימ! קוקט אימ אָנ, עמעצער שיקט דיכ דענ?

— דאָס האָרצ, — האָט שמײַע נאָכ א רעגע שווײַגנ א זאָג געטאָנ, באטראכטנדיק, צי האָט ער גאָרניט פאָרגעסנ.

רייזל האָט אימ א דערשטוינטע אָנגעקוקט, אַלצ געמיינט, אז ער שפּאסט. אז ער וועט זיכ גיכ איבערמאָרדעווענ. דערזענ אָבער, אז ער קלײַבט זיכ טאקע אָפ אַנ עמעסנ איג וועג, האָט זי אימ גענומענ בעטנ, אײַנריידנ, אײַנטײַנענ. ער האָט פונ גאָרנישט ניט געוואָלט הערנ און האָט זי געבעטנ, זי זאָל זיכ ניט ארײַנמישנ אינ זײַנע פלענער. ער האָט אָפּגעשרויפט פונעמ העמדל דעמ אָרדענ אונ דערלאנגט איר:

— נא, רייזל, זאָל דאָס פארבלײַבנ אינ שטוב. באהאלט, טאָמער וועט מיט מיר עפּעס טרעפנ אָפ דער פאָזיציע, זאָלנ די קינדער זענ, אז דער טאטע זייערער האָט זיכ אויכ אמאָל געשלאָגנ פאר אונדזער ראטנ־מאכט אונ אָפּגעגעבנ פאר איר דאָס לעבנ.

אינ שטוב איז געוואָרנ שטיל, מע האָט געקאָנט, דאכט זיכ, הערנ, ווי די הערצער קלאַפּנ. רייזל האָט מער קיינ וואָרט ניט ארויסגעבראכט. שמײַע האָט אָפּגעפוצט די שטיוול אונ זיכ געלאָזט צו דער טיר.

די קלענערע קינדער האָבנ גענומענ וויינענ, נאָר רייזל האָט זיי בארויקט אונ נאָר א שאָקל געטאָנ מיטנ גראָוולעכנ קאָפּ:

— וואָס וועט איר מיט אימ מאכנ, מיטנ אקשנ, דער סאָלדאט האָט זיכ שוינ ווידער אינ אימ צעבושעוועט. איר קאָנט ניט דעמ טאטנ אײַערנ?

— מע קאָנ אימ! עפּשער קאָנ מענ אימ פאר אַנ אומלײַט? פאר אַנ אויסוווּרפ? דאָס דאָרפ האָט עפּשער אמאָל געליטנ איבער אימ ביזיוינעס?

— שא, שא, מע טשעפּעט דיכ ניט.

— א דאנק, וואָס דו טשעפּעסט מיכ כאָטש ניט.

אינ דער אָנגעשטרענגטער שטילקײַט איז ער אָפ פונ דער טיר, זיכ מיט אַלעמענ שווײַגנדיק צעקושט אונ ארויס פונ דער שטוב.

אפנ פלאצ, לעבנ דאָרפישנ סאָוועט, איז געווענ פול מיט אוילעמ. די קינדער זײַנענ ארומגעשפּרונגענ ארומ די פערד מיט די אײַנגעפלאָכטענע סטענגעס אינ די הריוועס, געדרייט זיכ צווישנ די פורלעכ, וואָס

זײַנע געװען איבערגערעקט מיט אוקראַינישע טעפּיכלעך, האַרפּישע מוזי־קאַנטן האָבן געשפּילט אױף זײערע קײלים, נאָר ס'איז שױן ניט געװען יענע קאַפּעליע, װאָס האָט געשעמט אין דעם קאַנט, שױן ניט יענע שפּילן. מע האָט ניט געהערט אזריליק דעם פּױקער און שימען דעם פּלײטיסט. ס'האָט ניט געשפּילט לײזער גוראַלניק אױף זײַן פידעלע און פּײַטל גרינ־בערג אױפן טראָמבאָן — אַלע זײַנען זײ געשטאַנען מיט די זעקלעך אױף די פּלײצעס, אַרומגערינגלט פון די אײגענע, און זיך געזעגנט. אז מע האָט זיך אײַנגעהערט און צוגעקוקט, װאָס איז געװאָרן פון דעם קאָלװירטישן אָרקעסטער, האָט מען ערשט דערזען, װיפל מענטשן דאָס דאַרף דאַרף אװעקגעבן: די בעסטע מוזיקאַנטן, טענצער, די פאַרנעמסטע טראַקטאָ־ריסטן, קאָמבײַניאָרן, בריגאַדירן, די שענסטע געסט אױף סימכעס, אױף יאָמטױװים. די קאַפּעליע האָט דאַפקע געשפּילט מאַרשן, פרײלעכע ני־גונים, נאָר עפּעס האָבן זײ ניט געגומען באַם האַרצן.

דער אױלעם האָט געריידט צװישן זיך שטיל, װי מע װאָלט אױף עפּעס אַרױסגעקוקט. נאָר אָט האָט מען דערזען גײן אַהער שמײַען אין זײַן גאַנצן סאָלדאַטסקן הױלען, און מע איז אײנגאַנצן אָנשװײגן גע־װאָרן.

— זעט נאָר, שמײַע! װאָס האָט ער זיך אַזױ אױסגעפּוצט? — האָט דער אַלטער קיװע דער שמיד איבערגעריסן די שטילקײַט.

— אױפן פראָנט, — האָט דער בלעכער אַ זאָג געטאָן, זובנדיק מיט די אױגן צװישן אױלעם זײַנע יאָטן.

— װאָס זשע, ס'איז דען ניטאָ קײן יונגערס פון דיר? שױן אַ מענטש אין די יאָרן.

— און אַז ס'איז דאָ יונגערס, איז װאָס? איר מײנט, אַז נאָר אױף יונגע שטײט די װעלט? און מיר זײַנען שױן אַראָפּ פונעם אוטשאָט? די כװורע דאַרף מען ערשט לערנען האַלטן אַ ביקס, און איך בין שױן אַ פאַרטיקער סאָלדאַט.

דער אױלעם איז געװאָרן פרײלעכער, קוקנדיק אױף דעם לעבנסלוסטיקן גוטהאַרציקן באַאַרטן מענטשן, װאָס איז געשטאַנען, װי אַ סאָלדאַט, מיטן זעקל אױף די פּלײצעס, צװישן די יונגע כװורע, געהאַלטן זיך אַזױ געװײנלעך און גערעדט װעגן מילכאָמע, װי װעגן אַ פּאַשעטער, פּאַר־שטענדלעכער זאַך. פרױען האָבן אים אַרומגערינגלט, גענומען בעטן, ער זאָל דאַרטן, אױף דער מילכאָמע, זען אַכטונג געבן אױף זײערע קינדער, זײ אַרױסהעלפן אין אַ נױט, פאַרט גרינע סאָלדאַטלעך, װײסן נאָך ניט פונדאַנען אַהין. שמײַע האָט אַלעמען אױסגעהערט, געשאָקלט מיטן קאָפּ, ניט װעלנדיק אַנטװײשן די װײַבער. זאָלן זײ מײנען, אַז אַזױ, װי

מע גייט ארויס פון דאָרף, אַלע איבערנעמט. ווועט מען אין דער אַרמיי אויך זײַן איבערנעמט. ער האָט אָבער אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— ווייסט איר וואָס, שכיינים, נאָזנאַטשעט מיך פאַר אַ גענעראַל, וועל איך צו זיך אין דיוויזיע אַרײַננעמען אַלע אונדזערע בעוורע.

דער אוילעם האָט זיך צעלאַכט, נאָר פרויען האָבן אָפּ שמײַען גע־קוקט מיט אַ ביסל נײַגיר און קינע — אים וועט גרינגער זײַן, ער האָט שוין אַ סאַך פולווער געשמעקט.

רייזל איז געשטאַנען בײַ דער זײַט, געקוקט אויף איר מאַן און אויף די פרויען, וואָס האָבן אים אַזוי ענג אַרומגערינגלט, און ערשט איצט האָט זי דערפילט, אַז ער שפּאַסט ניט, ער צעשיידט זיך מיט איר און ווער ווייסט אויף וויפל? און, עפּשער, איז זי שולדיק, וואָס שמײַע גייט פון איר אַוועק, עפּשער מיינט ער טאַקע, אַז ער איז איר ניט טײַער, ניט ליב? זי מוז מיט אים באַלד ריידן, אים אָפּהאַלטן. ער ווערטלט זיך טאַקע און מאַכט זיך פריילעך, נאָר זי פילט, אַז ס'קאָכט אין אים, ער מאַכט נאָר דעם אָנשטעל. זי האָט אויף אַ רגע פאַרגעסן די זין, זי האָט איצינד געטראַכט נאָר וועגן אים, וועגן איר קלוגן, גוטהאַרציקן פרײַנט, וואָס האָט איר גע־בראַכט אַזויפיל גליק, אַזויפיל נאַכעס אין לעבן, געטיילט מיט איר פרייד און לייד... רייזל האָט פון אים די גאַנצע צײַט דעם בליק ניט געקאָנט אָפּרײַסן, נאָר ער האָט, ווי אָפּצולאָכעס, ניט געקוקט אין איר זײַט. זי האָט ניט אויסגעהאַלטן, איז צו אים צוגעגאַנגען, קלוימערשט בעסער פאַרבינדן זײַן זעקל, און שטיל זיך אָנגערופן:

— באַטראַכט זיך, שמײַע, וואָס דו טוסט.

— איך האָב שוין לאַנג באַטראַכט.

— וויפל צאָרעס האָסטו שוין איבערגעטראָגן!

— נישקאָשע, אויף דער מילכאָמע, רייזל, ווערט אַלץ פאַרהיילט, אַלע צאָרעס פאַרגעסן זיך...

אין אירע אויגן האָבן זיך געשטעלט טרערן, זי האָט זיי געווישט מיטן עק פון קאָפּטיכל, נאָר זיי זײַנען געפלאָסן און געפלאָסן. זי האָט אים אָנגענומען בײַ דער האַנט, געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, נאָר די טרערן זײַנען אין האַלדז געבליבן שטעקן, און זי איז אָפּגעגאַנגען אָן אַ זײַט.

פונעם קאָלווירטישן הויף, פון דער באַזע, האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אַהער די לעצטע פורן, און מע האָט זיך געלאָזט אין וועג.

רייזל איז געגאַנגען באַנאַנד מיטן מאַן, אים געבעטן, ער זאָל ריידן צו איר, ס'האָט איר ווײ געטאָן, פאַרוואָס ער שווײַגט אין די מינוטן, ווען זיי דאַרפן זיך אָט־אָט צעשיידן. זי האָט זיך געסטאַרעט ניט אָפּשטיין פון אים. עטוואָס אין דער זײַט זײַנען נאָכגעלאָפן זייערע קלענערע קינ־

דער. רייזלען האָט איצט אַרומגעכאַפּט אַ מוירעדיקע איינזאַמקייט. די זיינע זיינען פּאַרטאָגן מיט זייערע מיידלעך, שמילע שפּאַנט מיט זיין שווערן סאָלדאַטישן טראָט און קוקט אין אַ זייט, ווי ער וואָלט געציילט די מינוטן, מע זאָל זיך שוין גיכער צעזעגענען.

און אָט האָבן זיך טאַקע די פּורן אָפּגעשטעלט אויפן בריק, און עס זיינען אָנגעקומען די מינוטן פון צעשיידונג. אַלע האָבן זיך אומגעקוקט אויף צוריק און דערזען די קאָלאָניע אַ פאַרגאַסענע מיטן אָפּגלאַנץ פון דעם זון־פאַרגאַנג, אין איינגעטונקטע אין גרינס. מע האָט דערזען די היים, — זי איז איצט, האָט זיך געדוכט, נאָך וווּנדערלעכער געווען, נאָך שענער ווי שטענדיק, נאָך ליבער, נעענטער און האַרציקער.

רייזל האָט אַרומגענומען שמילען, צוגעטוליעט דעם קאָפּ צו זיין אַקסל, און ס'האָט אים מיטאַמאָל פאַרקלעמט דאָס האַרץ ביז ווייטיק. ער האָט זי פעסט איינגעדריקט אין זיינע אָרעמס און געבעטן זיך בײַ איר:

— נו, גענוג, רייזל, צו גיסן טרערן. ס'וועט אונדז נאָך זיין גוט, וועסט דערמאָנען מיינע ווערטער. — ער האָט זי אַ קוש געטאָן און האָט גלייך דערפילט, ווי ס'איז אים מיטאַמאָל עפּעס געוואָרן גרינגער צו עטעמען. רייזל האָט נאָך שטאַרקער זיך צעוויינט, און ער האָט ניט געוווּסט, ווי באַרויקט מען זי.

— הער אויף, רייזל, צוליב וואָס איז דאָס וויינען? געזעגנט זיך מיט די קינדער, ווינטש זיי גליק. — און ער האָט אַ רוף געטאָן זיינע צוויי שוואַרצבייניקע שטיפערקעס, וועלכע זיינען גלייך צוגעלאָפן, אַרומגעכאַפּט דעם טאַטער און אים געגומען קושן.

— טאַטע, וועסט זיך גיך אומקערן פון דער מילכאָמע?

— יאָ, אַוודאי גיך, מיר וועלן נאָר צעקלאַפּן דעם דייטש.

— און וואָס פאַר אַ מאַטאָנע וועסטו אונדז ברענגען?

שמילע האָט זיך אויף אַ רגע פאַרטראַכט און זיך אָנגערופן:

— איך וועל אייך ברענגען היטלערס קאָפּ אין אַ זאַק.

דער אַרומיקער עולם האָט זיך צעלאַכט, נאָר דאָס קלענערע מיידעלע האָט זיך אַ ביסל אָנגעכמורעט:

— איך האָב מוירע... ברענג אים ניט אַהער... שים אים דאָרטן...

— נו, קינדער, — האָט שמילע שוין פרייליך אויף אַ העכער שטימע זיך אָנגערופן צום עולם, — עס ווערט שוין שפּעט! אויב איר האָט נאָך אַ ביסל סאַוועסט, מאַכט דאָס בעקיצער. אַנו, קאַלעס, באַוויזט גאָר, ווי־

אזוי איר האָט ליב די כאַסאַנימ, צעקושט זיכ אונ ווינטשט א גליקלעכנ שלימזלעס. ווײַבער, איר זאָלט צוגרייטנ פאַר אונדז שטאַרקנ ווײַנ. ניש־קאָשע, ניט געזאָרגט, מיר וועלנ נאָכ הוליענ, מירנ זיכ, מירצעשעמ, אײַנגיכנ אומקערנ אַהיימ!..

אינ עטלעכע מינוט אַרומ האָבנ שוינ די פורנ, וואָס האָבנ זיכ פאַר־האַלטנ באַמ בריק, זיכ געצויגנ מיטנ אַלטנ טראַקט, מיט וועלכנ קאָלאָ־ניסטנ זײַנענ שוינ ניט איינ מאָל געגאַנגענ אָפּ מילכאָמעס. די באַגלייטער זײַנענ געבליבנ שטיינ אָפּנ אָרט אונ נאָכ לאַנג געפאָכעט מיט די הענט, מיט די טיכלעכ, מיט די היטלענ:

— א גליקלעכנ שלימזלעס!

— א מאַזלדיקנ וועג!

— קערט זיכ אומ מיט ניצאָכנ!

ס'איז צוגעפאַלנ דער אָוונט, אַזאַ מעכײַעדיקער זומער־אָוונט אינ א דאָרעמ־אוקראַיִנישנ ייִדישנ דאָרפ. נאָר קיינער האָט אימ ניט באַמערקט, אונ קיינעמ איז איצט זײַנ שיינקײַט ניט אָנגעגאַנגענ. יונגע סאָלדאַטנ האָבנ זיכ צומ לעצטנ מאָל אומגעקוקט אָפּ זייער לײַבלעכער היימ, אָפּ זייערע אייגענע אונ ליבע. אינ ערגעץ האָט מענ נאָכ קיינ פײַער נישט אָנגעצונדנ. די וועגענער זײַנענ געגאַנגענ מיט זייער איינטאָניקנ סקריי־פענ ארופ־באַרג. די בעוורע זײַנענ שוינ געזעסנ אָפּ די פורנ, אונ נאָר שמײַע איז געגאַנגענ, אָנהאַלטנדיק זיכ מיט איינ האַנט באַ א דראַבינע פונ א וואָגנ, פאַרטאָנ אינ זײַנע געדאַנקענ.

— פאַרוואָס זעצט איר זיכ ניט אויפ, שמײַע, אונ אָפּרוט די פיס!

— ס'מאַכט ניט אויס. מע דאַרפ, זיי זאָלנ זיכ א ביסל צעגיינ. א סאָלדאַט דאַרפ ניט זשאַלעווענ די פיס.

— שמײַע, עפּעס זײַט איר פאַרטראַכט.

— איכ טראַכט.

— וואָס טראַכט איר?

— איכ טראַכט, אַז ווי נאָר איכ וועל קומענ אינ פּאָלק, זאָל איכ זיכ ווענדנ גלײַכ צו נאַטשאַלסטווע מיט א באַקאָשע, מע זאָל באַ מיר אַראָפּ־נעמענ דעמ אַלטנ טיטל מײַנעמ „יעפרייטער".

— וואָס איז דענ? וואָס אַרט אײַכ, אַז איר זײַט א יעפרייטער?

— דער מעשוגענער הונט, היטלער, האָט מיר קאַליע געמאַכט אַזאַ שיינע וואַניע. א מאַפּאָלע אָפּ אימ!

א מעלובישער איניענ

אפ מארגנ האט זיכ שמיניע ספיוואק בעשאלעמ אומגעקערט אהיימ. ער איז געגאנגענ שטילערהייט, טוליענדיק זיכ צו די פלויטנ. קיינער זאל אימ ניט דערזענ. ס'האט אפ אימ פונ בושע געפלאמט דאס פּאניעמ. ער האט געשפּאנט מיט אנ אראפּגעלאזטנ קאפּ, אונ זיינ סאלדאטיש זעקל איז געהאנגענ אפנ אקסל, ווי אנ איבעריקע צוטשעפּעניש. ער האט געוואלט, אז קיינער זאל אימ איצ דער מינוט ניט באגעגענענ, נאר גראדע, ווענ ער האט שוינ פארקערעוועט צו זיינ געסל, איז אימ אנגעקומענ אנטקעגנ די שכיינע. דערזענ שמיניענ, האט סארע אופגעהויבנ אזא גוואלד, אז פונ אלע זייטנ האבנ זיכ אנגעהויבנ צונויפלויפנ קאלאניסטנ.

— וואס איז געשענ, שמיניע? — האבנ מענטשנ פארוואנדערט געפרעגט, — ס'האט זיכ שוינ געענדיקט די מילכאמע? נעמ ניט ארויס די נעשאמע, גאזלענ, דערצייל גיכער, וואס איז געשענ?

שמיניע האט געשוויגנ. ווענ סע עפנט זיכ איצט פאר אימ די ערד, וואלט ער זיכ אינ איר באגראבנ. גיי דערצייל, וואס עס איז געשענ מיט אימ, אז אפ אזוינס האט ער זיכ גאר אפילע ניט געריכט. ער האט א מאכ געטאנ מיט דער האנט, מע זאל אימ לאזנ צורו, נאר דער אוילעמ האט אימ ניט אופגעהערט דערקוטשענ, ער זאל דערציילנ, וואס האט געטראפנ. עס האט אימ ניט געהאלפנ, אונ ער האט מיט פארביטערונג גענומענ דערציילנ, ווי מע האט אימ אינ ראיאנ שוינ אופגענומענ, אויסגעהערט אונ געהייסנ זיכ אומקערנ אינ קאלאניע אונ זיכ נעמענ צוריק צו דער ארבעט. אפנ פראנט, האט מענ אימ געזאגט, קענ מענ אימ ניט שיקנ, ער איז שוינ אלט.

— שוינ דערלעבט, — זאגט שמיניע מיט גאל, — אראפ פונ דער מאס. מע האט שוינ מוירע געבנ אימ א ביקס. וואס וויל מענ פונ אימ, ער זאל אינ אזא צייט ווערנ א סטאראזש אפנ גארטנ? — וויפל ער האט ניט געטענעט אינ וואיענקאמאט מיט גוטנ אונ מיט שלעכטנ, נאר ס'האט אימ גארנישט געהאלפנ, ער האט זיכ געמוזט אומקערנ אהיימ.

שמיניע שפּאנט א דערשלאגענער איבער דער קאלאניע, אונ קינד־אונ־קייט גייט אימ נאכ, אונ מע פרואווט זיכ דערוויסנ בא אימ, וואס הערט זיכ עפעס נייס אפנ פראנט, וואס זאגט מענ אינ ראיאנ. נאר ער ענטפערט ניט אונ גייט ווייטער. אינ דער ארומרינגלונג פונ א גרויסנ אוילעמ איז שמיניע צוגעקומענ צו זיינ הויז, א שמיצ געטאנ דאס זעקל אפ דער ערד אונ צעשפּיליעט אלע קנעפּ פונעמ העמדל, זיכ צוגעזעצט אפ דער פריזבע. די קאלווירטניקעס האבנ אפ אימ געקוקט ווער מיט אנ איינגעהאלטענעמ

געלעכטער, ווער מיט מיטגעפיל, און שמײַע האָט ניט געוווּסט, ווי טומ מענ זיכ אהינ.

— אײַ, אײַ, שמײַע טײַערער, ווער סע איז שיינ און איכ בינ קלוג, — האָט זיכ אָנגערופנ קיווע הער שמיר.

— וואָס איז דענ?

— האָט מענ דיר דאָכ גלײַכ געזאָגט, אז א מענטש בא די פופציקער נעמט מענ ניט אפנ פראָנט.

— דײַנ רייזל האָט דעמ מאזל דיכ זענ צוריק אינ דער היימ.

— שכיינימ, — האָט שמײַע א זאָג געטאָנ, — איר וועט מיר נאָכ לאנג דערגיינ די יאָרנ? — אפ זײַנ פּאָנעמ האָט זיכ צעשפּילט א שמייכעלע, ער האָט פארייכערט און איז מיטאמאָל געוואָרנ אנ אנדער מענטש, דער זעלבער, וואָס טאָמיד.

עמעצער איז אוועקגעלאָפנ אפנ ווײַנגאָרטנ אָנזאָגנ רייזלענ די בסו־רע. זי איז געקומענ צו לויפנ א פארפאליעטע, געשטאנענ א ביסל א פארלוירענע, מיט שײַנענדיקע אויגנ, נאָר גלײַכ פאנאנדערגעשטופט דעמ עולעמ, געבעטנ שפעטער קומענ, ארײַנגעפירט שמײַענ אינ שטוב און אליינ אוועקגעלאָפנ צו דער קרענעצע נאָכ אנ עמער וואסער.

— אנו, נעמ נאָר, טאכשיט מײַנער, וואש זיכ ארומ און גיי רו זיכ אָפ. גענוג געווענ א סאָלדאט.

שמײַע האָט געפילט, אז איצט איז גלײַכער, ער זאָל טאָנ אלצ, וואָס דאָס ווײַב הייסט, און ניט ריידנ קיינ איבעריק וואָרט. ער איז ארײַנ אינ קיכ, זיכ ארומגעוואשנ, דערנאָכ זיכ אוועקגעלייגט אפ דער סאָפקע און גלײַכ אײַנגעשלאָפנ, ווי א געהארגעטער.

גאנצפרי, ווי נאָר ס'האָט זיכ אָנגעהויבנ לײַטערנ דער הימל, איז שמײַע אופגעשטאנענ און זיכ געלאָזט צומ דאָרפ-ראט, אהינ, צומ פלאצ, ווו ס'הענגט אפנ עלעקטרישנ סטויפ א גרויסער ראדיאָ-הויכריידער. ער האָט שוינ דא געטראָפנ א סאכ קאָלאָניסטנ, וואָס זײַנענ געשטאנענ און געווארט, וואָס וועט מענ איבערגעבנ עפעס נײַס, ווי גייט עס דאָרטנ אפ די פראָנטנ. די מינוטנ פונ ווארטנ האָבנ זיכ געצויגנ, ווי יאָרנ, זיי האָבנ ארויסגענומענ די נעשאָמע, זיי האָבנ געקאָנט מאכנ אלט און גרוי. יעדערער פונ די מענטשנ האָט אינ דער מילכאָמע געהאט א גרויסנ ביילעק — ווער א זונ, ווער א פאָטער, א ברודער, אנ אייגענעמ. מע איז געשטאנענ און מיט אומגעדולד געווארט אפ גוטע בסורעס, געבויט פלענער, געפרווט טרעפנ, פאָרויסזאָגנ גוטע נײַעס; נאָר די ראדיאָ האָט קיינעמ ניט בארויִקט. זי האָט געבראכט יעדיִעס וועגנ אומגעהערטע, בי־

טערע שלאכטן, וועגן דייטשישע טאנקען־קאלאנעס, וואָס רייסן זיך צו די בריטן פונעם לאנד, דערציילט וועגן פארלאָזטע און פארסארפעטע גוט באקאנטע ליבע שטעט. דורך זיי איז שמייע דורכגעגאנגען מיט א סאך יאָרן צוריק אין דער ערשטער וועלט־מילכאָמע. פאר יענע שטעט האָט ער שוין איין מאָל זיך געשלאָגן און בלוט פארגאָסן. אָט די שווערע בסורעס האָבן זיך געלייגט אפן הארצן, ווי שטיינער, און ניט געלאָזט פריי אטעמען.

די מענטשן זיינען געשטאנען אפן פלאץ פארזאָרגטע, פארצאָרנטע, געקוקט איינס אפן אנדערן מיט פרעגנדיקע אויגן, ניט געקאָנט באנעמען, וואָס איז געשען, פארוואָס האלט מען אין איין אָפטרעטן, פארוואָס גייט מען אָפ שטעט און דערפער.

עס זיינען געגאנגען טעג און וואָכן.

אין איינעם פון די שיינע סאָפ־יול־פארנאכטן איז אין קאָלאָניע געוואָרן א שטארקער גערודער. איבער דעם בריטן טראקט האָבן זיך געהויבן צום הימל קנוילן שטויב און גרוי געמאכט די ביוועגיקע סעדער און גערטנער. דורך דער קאָלאָניע האָט מען געטריבן טאבונען פערד, טשערעדעס שאָפ און רינדער. ווי ווייט דאָס אויג האָט פארכאפט, האָבן זיך געצויגן בוידן, וועגענער, פורגאָנעס, אָפענע און איבערגעדעקטע מיט בלעך, מיט פאניער, מיט קאָלדרעס און ברעזענטן. נאָך די פורן איז נאָכגעגאנגען א געדיכטער האמוין פון שטאָטישע און דאָרפישע איינוווינער — עלטערע מאנצבלען, פרויען, קינדער. זיי זיינען געווען פארשטויבט, פארשווארצט, אויסגעמאטערט פונעם וויטן שווערן וועג, אָפגעצערט פון דער זון, פון רעגנס און ווינט.

די גאנצע קאָלאָניע איז זיך צונויפגעלאָפן צום שליאך, אָפגעשטעלט פויערים, זיך נאָכגעפרעגט, פונוואנען מע גייט און וואוהין. דאָס האָבן זיך געצויגן אָן אָפשטעל גאנצע קאראוואנען פון דאָרעם אלץ ווייטער און טיפער אין לאנד. מיט זיך האָט מען געפירט דאָס האָב־און־גוטס, וואָס מע האָט באוויזן צו ראטעווען פונעם סוינע. די קאָלאָניסטן זיינען געשטאנען און געקוקט אפן שליאך, און דאָס הארץ האָט אין יעדערן געוויינט. מע האָט מיטאמאָל דערפילט דעם שווערן אָטעם פון דער מילכאָמע, איר אָגראכמאָנעסדיקן גאנג. פרויען און קינדער זיינען צוריק אריינגעלאָפן אין די הייזער, ארויסגעטראָגן ברויט, מילך, עפל, פלייש, פון דער ברייטער האנט מעכאבעד געווען די עוואקוירטע, און ניט איינער האָט דערביי געטראכט, אז גאָר אינגיכן וועט זיי אויך, עפשער, אויסקומען זיך אופהייבן פונעם אָרט און זיך אוועקציען אין ווייטן, אומבא־

וויסטן וועג אַרײַן, איבערלאָזנדיק אַף העפקער די הײַזער, מיט דער באַלעבאַטישקייט, מיט אַלץ, וואָס מע האָט דאָ באַשאַפן פאַר אַזויפיל יאָרן שווערער האָרעוואַניע.

שמײַע איז געשטאַנען לעבן זײַן הייפל, מיט ווייטעק געקוקט אַפן טראַקט, אַף די פורן, אַף די מענטשן, און אין זײַנע אויגן האָבן זיך באַוויזן אומגעבעטענע טרערן. אים האָט זיך בעשום־אופן ניט געוואָלט גלייבן, אַז אויך אים קאָן אויסקומען זיך אָפּהייבן פונעם אָרט און זיך לאָזן אין וועג אַרײַן. ניין, צו דעם וועט עס ניט דערגיין! אויב אַפילע אַלע וועלן פאַרלאָזן די קאָלאָניע, וועט ער סײַ־ווי־סײַ דאָ פאַרבלײַבן! ער וועט ניט לאָזן אַף העפקער דעם ווײַנגאָרטן, די באַלעבאַטישקייט פונעם קאָל־ווירט, די פערד, די קי. עס קאָן ניט זײַן, אַז דער דײַטש זאָל אַהער דער־גיין. ער האָט פאַרדרייט אַ ציגאַר טוטין און זיך צוגעזעצט אַפן גראָז. עס זײַנען צוגעקומען שכייונים, שכיינעס, זיך צוגעזעצט לעבן אים, גענומען טײַנען:

— וואָס וועט זײַן דער תּכלית?

— פאַרוואָס שטעלט מען ניט אָפּ דעם קוילער?

— צי דען וועט אַף אים ניט קומען קיין מאַפּאָלע, אַף היטלערן?

— צוליב וואָס גיט מען אים אָפּ שטעט?

שמײַע האָט שווײַגנדיק זיך אײַנגעהערט אין זייערע טײַנעס, ס'איז אים איצט שווער געווען אַרויסברענגען אַ וואָרט, נאָר אַז מע איז צו אים צוגעשטאַנען, האָט ער גוטמוטיק אַ קוק געטאָן אַף די מענטשן, און צום ערשטן מאָל פאַר די לעצטע טעג האָט זיך אַף זײַן פּנים באַוויזן אַ שמייכל.

— זע נאָר, אַלע זײַנען געוואָרן גאַנצע ווייסער. אין אַ מילכאָמע, זאָלט איר וויסן זײַן, זײַנען פאַראַן צוויי צדאָדים. מיסטאַמע איז בײַ אונדז אויך פאַראַן אַ פּלאַן.

— וואָס זשע איז דאָס פאַר אַ פּלאַן, אַז מיר טרעטן אָפּ? — האָט זיך אָנגערופן מיט אַזאַ טאָן, גלײַך ווי שמײַע זיך צעשמעצער פון די ווײַבער אָנגערופן מיט אַזאַ טאָן, גלײַך ווי שמײַע וואָלט געווען שולדיק אין דער גאַנצער מילכאָמע.

— דערווײַל איז אַוודע ביטער, — האָט שמײַע דערווידערט, — נאָר אַלציינס וועט ער ליגן טיף אין דר'ערד, דער דײַטש. ער גייט גיך, נאָר איר וועט נאָך זען, ווי ער וועט לויפן צוריק.

— מילכאָמע — דאָס איז סטראַטעגיע, — האָט שמײַע לעסאָף געזאָגט.

— וואָס איז דאָס סטראַטעגיע? — האָט זיך אָנגערופן אַן עלטערע

פרוי, — דערצייל טאַקע, שמײַע, ביסט דאָכ עפּעס אַנ אַלטער סאָלדאַט, אויסגעווענ אַ וועלט.

דעמ עמעס געזאָגט, האָט שמײַע אַלײנ אַקוראַט ניט פאַרשטאַנענ, וואָס דאָס וואָרט באַטײַט. ער האָט פאַרוקט דאָס היטל אַפ דער פּאָטיליצע, אַ רײַב געטאָנ מיט דער האַנט דעמ שטערנ, ווי ער זאָל זיכ אינ עפּעס וועלנ דערמאָנענ, נאָר ווי אָפּצולאָכעס איז אימ גאָרנישט ניט געקומענ אינ קאָפּ, ער זאָל עס קענענ דערקלערנ דעמ אוילעמ.

— נו, שמײַע, זאָג שוינ עפּעס, נעמ ניט אַרויס די נעשאָמע!

— סטראַטעגיע? — האָט שמײַע איבערגעפרעגט און אָנגעשטרענגט דעמ זיקאָרנ, — ווי זאָל איכ עס אײַכ געבנ צו פאַרשטײנ. סטראַטעגיע — דאָס איז זײער אַנ אײדעלע זאַכ. סטראַטעגיע איז, ווערליק מײַנ קאָפּ פאַרנעמט, די גוורדיע און כאָכמע פונעמ לאַנד, און ווײַבאַלד אַזוי, שווער איכ אײַכ, אַז היטלער וועט האָבנ אַ ווײסטנ סאָפ.

דער אַלטער קיווע האָט אַ שאָקל געטאָנ מיטנ קאָפּ און צוגעגעבנ:

— אַזאַ יאָר אַפ מיר, ווי שמײַע איז גערעכט. אַז אַפ דער אַלטער ראַסיי האָבנ זיכ אַלע סאָנימ צעבראָכנ דעמ רוקנ, הײַנט וואָס פאַר אַ מאַפּאָלע וועלנ די קוילער כאַפּנ פונ דער סאָוועטסקער מעדינע.

שמײַע איז געזעסנ אָנגעשפאַרט אינ פענצטער אינעמ גרויסנ צימער פונעמ דאָרפס־ראַט און געדרעמלט. ס'איז שוינ געווענ האַלבע נאַכט, און ער האָט נאָכ געדאַרפט דעזשורירנ ביז טאָג אָט דאָ, בײַמ טעלעפאָנ — ווער ווײסט, וואָס עס קאָנ נאָכ געשענ אינ אַזאַ צײַט.

נאָכ דעמ, ווי דורכ דער קאָלאָניע זײַנענ עטלעכע טעג און נעכט געגאַנגענ לאַנגע אַבאָזנ עוואַקוירטע, מיטנ האָב־און־גוטס, איז אַפנ שליאַכ געוואָרנ שטיל. די אומענדלעכע קײט פורנ, מענטשנ, טשערעדעס האָט זיכ ווי אומדערוואַרט איבערגעריסנ. די קאָלאָניסטנ האָבנ געקוקט אַפנ פוסטנ וועג און ניט געוווּסט, וואָס איבערצוטראַכטנ: ס'איז ערגער אָדער בעסער. מע האָט זיכ אײנס דאָס אַנדערע גענומענ טרײסטנ, באַרויִקנ. עפשער האָט מענ אַפנ דניעפער אָפּגעשטעלט דעמ סוינע און מע לאָזט אימ ניט אַהער? עפשער וועט ניט אויסקומענ פאַרלאָזנ די היימ? ניט אַנדערש, אַז דער דײַטש כאַפּט טאַקע אַפנ דניעפער די מאַפּאָלע. אַ קרענק וועט מענ אימ אַהער צולאָזנ. אַזוי האָט אויכ געטראַכט שמײַע. אַפ דער וואָר און אינ כאָלעמ האָט ער ווײטעקלעכ געטרוימט וועגנ דעמ טאָג, ווענ מע וועט אָפּשטעלנ און באַכדעמ נעמענ טרײַבנ דעמ סוינע. אָט שמײכלט ער איצט אינ דרעמל, עס כאָלעמט זיכ אימ, אַז ער שטײט אַפ אַ הויכנ באַרג, לעבנ אימ שטײענ האַרמאַטנ, וואָס דערלאַנ־

גענ מיט זייערע מילער שיר ניט ביז די כמארעס. פאר די אויגנ שפרייט זיכ אונ אומענדלעכער סטעפ. די דייטשנ טראָגנ זיכ איבער אים, ווי איינ א בייזווינדער, אונ די הארמאטנ שיסנ אָנ ראכמאָנעס, די סנאריאדנ אקערנ איבער די גאנצע ערד, אונ די פאשיסטנ...

נאָר פלוצלינג האָט זיכ ארײנגעמישט דאָס טעלעפאָנ־גלעקל, אונ שמײַע איז אויפגעשפרונגענ אַ צעטומלטער. דער טעלעפאָנ האָט געקלונגענ מיט א בייזנ, דראָענדיקנ געקלאנג, דאָס געלע קעסטעלע, וואָס איז טאָמיד אזוי רויק געהאנגענ אפ דער וואנט, האָט איצט געציטערט אונ זיכ געמאָרדעוועט מיט אלע געדערים. „עפּעס ווײַטער א נײַס", — האָט שמײַע אויסגעריבנ די רויט־פארשלאָפענע אויגנ. ס'האָט אים א טיאָכקע געטאָנ איננ הארצנ. דער פלוצעמדיקער קלונג אינמיטנ דער נאכט האָט אפ אים אָנגעוואָרפנ א פאכעד. ער איז געשטאנענ א רעגע א צעטראָגענער, מוירע געהאט אראָפנעמענ דאָס טרײַבל.

מע האָט געקלונגענ פונעמ ראיאָנ. דער סעקרעטאר פונ ראיפארט־קאָמ האָט איבערגעגעבנ, מע זאָל גלײַכ אופהייבנ די גאנצע קאָלאָניע אפ די פיס, שפאנענ פערד־אונ־וואָגנ, מיטנעמענ מיט זיכ די גאנצע כו־דאָבע, אלצ, וואָס עס לאָזט זיכ נאָר, עוואקוירנ, אונ דאָס, וואָס מע קאָנ ניט מיטנעמענ — פארניכטנ, פארברענענ, קאליע מאכנ, מע זאָל גאָר־נישט ניט איבערלאָזנ דעמ דײַטש. פארשטאנענ?

פארשטאנענ... שמײַע האָט אויסגעהערט, וואָס דער סעקרעטאר האָט באפוילנ, אונ דאָס הארצ איז אים שיר ניט צעריסנ געוואָרנ אפ שטיקער. דער קאָפ האָט זיכ פארדרייט. איננ האלדז האָבנ אים גענומענ שטיקנ טרערנ.

— אלצ פארפאלנ... דער דײַטש גייט אהער... פארפאלנ... — האָט ער צו זיכ גערעדט, גייענדיק פאמעלעכ צו דער טיר. איבער זײַנ קאָפ איז געהאנגענ א בלויער, אויסגעשטערנטער הימל, ווײַט־ווײַט, איננ טײַכ האָבנ געטומלט די פרעש. ער דארפ איצט גיינ איבער דער קאָלאָ־ניע אָנזאָגנ די גוטע בסורע. גראדע איננ זײַנ דעזשורסטווע האָט זיכ עס געדארפט טרעפנ. וויאזוי וועט זיכ גאָר בא אימ עפענענ דאָס מויל צו זאָגנ, מע זאָל פארלאָזנ די היימ, אונטערצינדנ די מיל, מיט די אמ־בארנ, מיט דער דאָרפישער עלעקטראָסטאנציע, וואָס ער האָט צוזאמענ מיט די קאָלאָניסטנ געבויט... ער האָט אלײנ ניט געפילט, ווי די פיס טראָגנ אים. ער איז געגאנגענ ארופ־בארג, צומ ווײַנגאָרטנ, ניט וויסנדיק צוליב וואָס אונ צוליב ווענ. די קאָלאָניע איז געשלאָפנ מיט א שווערנ אומרויִקנ שלאָפ. אפנ קאָלווירטישנ הויפ האָבנ געשײַנט די בלויע לעמפעלעכ איננ די לאמטערנס. שמײַע איז צוגעגאנגענ צומ בוימ, ווו

ס'איז געהאנגענ דאָס שטיק רעלס, אינ וועלכנ מענ קלינגט, בעשאַס מע רופט צו דער ארבעט. אָדער ווענ עס טרעפט זיכ א סרייפע צי עפּעס וואָס אנדערש. ער האָט שוינ געפּאקט א שטיק אײַזנ אונ געוואָלט אָנהייבנ קלינגענ. נאָר ער האָט זיכ גלײַכ פארכאפּט. צוליב וואָס זאָל ער נאָכ איבערשרעקנ די פּיצלעכ קינדער אונ די ווײַבער? א רגע איז ער געשטאנענ ניט אהינ, ניט אהער, געקוקט אפנ דאָרף מיט א צעבראָכנ געמיט. זיכ געלאָזט גייג צו שלוימע אָוורוצקיס, שטוב אונ פּאַרזיכטיק אָנגעקלאַפּט אינ פענצטער.

— שלוימע, שלוימע, שטיי אופ, גיכער, די כאַסענע הייבט זיכ אָנ...

— וואָס פאר א כאַסענע? — האָט זיכ דערטראָגנ א געשריי פונ יענער זײַט. ער האָט געהערט, ווי שלוימע האָט גענומענ די קוליעס, אינ דעמ אונטער-וועש, א צעשויבערטער, איז ער ארויסגעגאנגענ אינ דרויסנ.

— וואָס איז געשענ, שמײַע?

— א גרויסער אומגליק, ס'איז שלעכט, שלוימע-לעבנ... — אונ אָפּגעקערט זיכ אינ א זײַט, האָט זיכ שמײַע ביטער צעוויינט.

אינגיכנ איז שוינ די גאנצע קאָלאָניע געווענ אפ די פיס. מע האָט זיכ גענומענ גרייטנ אינ ווײַטנ, אומבאוווסטנ וועג ארײַנ. אפ די גאסנ איז געווענ טומלדיק. קינדער אונ ווײַבער האָבנ געוויינט, זיכ ניט געקענט שיידנ מיט דער היימ.

שמײַע איז געשטאנענ בא זיכ אינ הויפ אונ צונויפגעשלאָגנ פונ בלעכ א רעדל איבערנ וואָגנ פארנ ווײַב מיט די קינדער. ער האָט געטאָנ די ארבעט שטיל, ניט אויסריידנדיק קיינ וואָרט אונ ניט קוקנדיק אינ יענער זײַט, וווּ רייזל האָט א וויינענדיקע צונויפגעפּאקט דאָס ביסל האָב-און-גוטס. מיטאמאָל האָט ווי א שטארקער דונער אופגעטרייסלט די קאָלאָניע, אונ אינ שטוב איז גלײַכ געוואָרנ פינצטער, כוישעכ. די קינדער האָבנ זיכ צעשריִענ. רייזל האָט אָנגעכאַפּט שמײַענ בא דער האנט, ציטערנדיק מיטנ גאנצנ קערפּער:

— שמײַע, נעמ די קינדער, לאָמיר לויפנ!

— רויִקער, רייזל... דאָס איז שלוימע אָוורוצקי מיטנ אקטיוו... מע האָט אופגעריסנ די עלעקטראָסטאנציע.

די הענט האָבנ זיכ אימ אראָפּגעלאָזט. ער האָט א וואָרפ געטאָנ אינ א זײַט דאָס שטיקל בלעכ אונ זיכ צוגעזעצט אפ א שטיינ, ווי ער וואָלט ניט געוווּסט, וואָס טוט מענ ווײַטער. עס זײַנענ געבליבנ געציילטע שאָ, ביז מע וועט זיכ דארפנ לאָזנ אינ וועג ארײַנ. ער וועט דאָס ניט אויסהאלטנ. עס האָט אינ אימ ווידעראמאָל אופגעזאָטנ דער קאַס, פאר וואָס מע האָט אימ ניט גענומענ אינ דער ארמיי, ניט געלאָזט אפנ פראָנט,

ניט שוין זשע וועלנ טאקע אהער קומענ די דײַטשנ, זיכ אוועקלייגנ מיט די געקאָוועטע שטיוול אויפ זײַנ בעט, טרינקענ זײַנ ווײַנ, עסנ זײַנ ברויט... וואוהינ לויפט מענ? פאַרוואָס זאָל מענ ניט נעמענ די העק מיט שטיקער אײַזנ און ניט באַגעגענענ די דײַטשנ פונ יענער זײַט דאָרפ? ער האָט א קוק געטאָנ אויפ רייזלענ און האָט זיכ דערמאָנט, אז אלע מאַנצבילענ און יונגענ זײַנענ אוועק אויפנ פראָנט, ווער איז דאָ, מישטיינס־געזאָגט, פאַר־בליבנ... קינדער, ווײַבער, עלטערע לײַט. שמײַע האָט זיכ אויפגעהויבנ פונ׳עמ אָרט. ס׳האָט אימ פאַרדראָסנ, וואָס ער האָט אינ אזא צײַט איבער־געלאָזנ שלוימע אָוורוצקינ אלײנ און פאַרקעט זיכ בא זיכ אינ הויפ. א זאָג געטאָנ רייזלענ, אז ער וועט באלד צוריקומענ, האָט ער זיכ געלאָזט גײנ איבער דער קאָלאָניע.

א שאַרפער רייעכ פונ ווײַנ האָט פאַרשיקערט די לופט. איבער די קאַנאַוועס זײַנענ געלאָפנ אינ טײַכ אַרײַנ ריטשקעס רויטער ווײַנ, וואָס מע האָט אָקאָרשט אַרויסגעלאָזט פונ ווײַנקעלער. שמײַע איז געגאַנגענ, אויסמײַדנדיק מיט עמעצנ זיכ צו באַגעגענענ, ניט אויסריידנדיק מיט קײנעמ קײנ וואָרט. אינ דער פאַרטאָגיקער גרויקײַט האָט שמײַע דער־זענ, אז צומ פלאַצ ציענ זיכ שוינ פורנ מיט קינדער, מיטנ ביסל פאַר־מעגנ. די גרויסע טשערעדע האָט זיכ צונויפגעהורבעט אויפ דער לאַנגער גאַס. איבערנ גאַנצנ דאָרפ האָט זיכ צעטראָגנ דאָס מרוקענ פונ די בע־היימעס, דאָס מעקענ פונ די שאָפ, דאָס הירזשענ פונ די פערד, ווי זיי וואָלטנ אויכ אויסגעשריענ זייער בענקשאַפט נאָכ די אומגעריכט פאַר־לאָזענע שטאַלנ, נאָכ די באַקאַנטע, זאַפטיקע לאָנקעס. שמײַע איז א ווײַלע געשטאַנענ אויפנ ראָג גאַס, מיט פאַרצאָרנטע אויגנ געקוקט אויפנ פלאַצ, דערנאָכ האָסטיק זיכ אויסגעקערעוועט און אוועקגעשפאַנט צו־ריק אהיימ.

שלוימע אָוורוצקי איז געגאַנגענ לענגאויס די פורנ, דורכגעקוקט, צי האָט מענ אלצ גוט צונויפגעלייגט, ווי האָבנ זיכ אײַנגעאָרדנט די קינ־דער, די ווײַבער, א פרעג געטאָנ בא די פאַסטעכער, צי האָבנ זיי איבערגע־ציילט די טשערעדע.

— איכ בעט אײַכ, הערט אויפ צו וויינענ, מיר וועלנ זיכ גיכ אומ־קערנ, — האָט ער באַרוּיקט די פרויענ און אוועקגעהונקענ אויפ די קוליעס צו זײַנ בריַדאַרקע, וואָס איז געשטאַנענ די לעצטע.

— ווו איז שמײַע? — האָט ער דערהערט הינטער זיכ א וויינענ־דיקע שטימ. — ער איז דאָכ אוועק צו אײַכ!

שלוימע האָט זיכ אומגעקוקט, דערזענ רייזלענ, אירע קינדער, וואָס זײַנענ געזעסנ אויפ דער שלעכט געפאַקטער פור, און האָט וויטעקלענ

א צוק געטאָנ מיט די אַקסלענ. מע האָט אימ אָנגעהויבנ זוכנ, שמעיענ, נאָר יענער איז גלײַכ ווי אינ וואַסער אַרײַנ. שלוימע האָט געהייסנ א פּאָר מיידלעכ צולויפנ א קוק טאָנ, עפּשער האָט זיכ שמעיע פאַרהאַלטנ אפנ וויינגאָרטנ, נאָר אויכ דאָרטנ איז ער ניט געווענ.

ווענ שלוימע מיט עטלעכע מענטשנ זײַנענ צוגעקומענ צו שמעיעס שטוב, האָבנ זיי דערזענ, ווי יענער שטייט אפנ גאָרטנ אונ גראָבט מיט א גראָב־אײַזנ א גרוב. בײַ א ביימל איז געשטאַנענ אָנגעשפּאַרט די אַלטע ביקס, מיט וועלכער איזריעל האָט געהיט דעמ וויינגאָרטנ. שמעיעס פּאַנעמ איז געווענ געדיכט באַדעקט מיט שווייס, דאָס העמדל צעבראַסטעט. ער האָט זיכ אפ קיינעמ אפילע ניט אומגעקוקט אונ, שטייענדיק ביז האַלב אינ דער פריש־אופגעריעטער ערד, אַלצ געגראָבנ אונ געגראָבנ.

— וואָס איז געשענ, שמעיע? — האָט זיכ אויסגעזידלט שלוימע אוורוצקי, — אַלע זײַנענ שוינ אפנ פּלאַצ, וואָס טוט זיכ מיט דיר? וואָס גראָבסטו דאָס?

— איכ גראָב מיר אונ אָקאָפּ. א ביקס האָב איכ, אונ איכ וועל מיכ פונעמ אָרט ניט רירנ. זאָלנ נאָר די דײַטשנ א פּרווו טאָנ.

ס'איז אונגעלאָפנ רייזל, אַרויסגעכאַפּט בײַ אימ דעמ גראָב־אײַזנ אונ זיכ צעשריענ:

— שמעיע, ביסט פונ זינענ צי וואָס? קומ, קומ שוינ גיכער, מעשוגענער!

— שמעיע, דו פאַרהאַלטסט אַלעמענ, — האָט שלוימע אימ אָנגענומענ בײַ דער האַנט.

— איכ וועל אינ ערגעצ ניט גיינ! — האָט שמעיע זיכ אײַנגעאַקשנט, — איכ בלײַב אינ קאָלאָניע. דאָ, בײַמ אָקאָפּ, וועט זײַנ מײַנ קיווער. איכ וועל אוועק צו די פּאַרטיזאַנער...

שלוימע אוורוצקי האָט צוגענומענ די ביקס. פונ אַלע זײַטנ זײַנענ אונטערגעקומענ מענטשנ, די קינדער זײַנענ אָנגעלאָפנ פאַרוויינטע.

— נו, אונ מיר, מיינסטו, ווילט זיכ פונדאַנענ אוועקגיינ? — האָט זיכ אָפּגערופנ דער פּאַרזיצער פונעמ קאָלווירט, — אפילע אפ איינ פומ וואָלט איכ אויכ געקאָנט נעמענ א ביקס אונ אוועקלייגנ עטלעכע פאַשיסטנ. פאַרגעס ניט, שמעיע, אַז ס'איז דאָ א באַפעל. די פּאַרטיי האָט אונדז באַפוילנ ראַטעווענ די מענטשנ אונ אַרויספירנ די טשערעדע. דיכ האָט די פאַרוואַלטונג באַשטימט פאַרנ עלטסטנ, דו ביסט פאַראַנטוואָרטלעכ פאַרנ פי. דאָס איז א מעלוכישער אינייענ, א מעלוכישער, פאַרשטייסט?

— א מעלוכישער איניען? — האָט שמיע אופגעהויבן דעם בליק אף שלוימען, — וואָס זשע מיינסטו, איך וועל ביט אויספילן דעם באַפעל פון דער פּאַרטיי?.. — ער איז פּאַוואָליע אַרויסגעקראָכן פון דער גרוב, אָפּגעטרייסלט פון זיך די ערד און נאָך א רעגע שווייגן צוגעגעבן: — אויב א מעלוכישער איניען, מוז מען דאָך.

שמיע האָט זיך געלאָזן גיין צו די וועגענער, צו דער גרויסער טומלענדיקער טשערעדע. די פּאַסטעכער האָבן אים גלייך אַרומגערינגלט און דערלאַנגט א לאַנגע בייטש.

— נו, קינדער, וואָס קאָן מען טאָן? — האָט זיך שמיע אָנגערופן, געמעסטיק די בייטש אין דער האַנט, — וואָס בין איך שוין אף מיין לעבן ביט אויסגעוועזן, איצט מוז שמיע ווערן א פּאַסטעך, מיילע, געגאַנגען... הײַדאַ!

אין עטלעכע מינוט אַרום האָבן זיך די פורן געלאָזט אין וועג. נאָך זיי איז געגאַנגען די קאָלווירטישע טשערעדע. דער וואָלקן שטויב אפן שליאַך האָט פאַרנעפּלט דעם גאַנצן אַרום. שמיע האָט געשפּאַנט מיט א שווערן טראָט, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, און קיין איין מאָל זיך ניט אומגעקוקט אף צוריק. הינטער זיינע פּלייצעס איז געבליבן דאָס ליבע דאָרף, די וואַרעמע היים, ווו ער האָט פאַרבראַכט העכער צוואַנציק יאָר פון זיין לעבן. דער אָבאָז האָט זיך געצויגן מיטן שליאַך, און די טשערעדע האָט שמיע אוועקגעטריבן מיטן סטעפּ, זי זאָל צעטאָפּטשען די פאַרבליבענע טוווע אפן פעלד. דערזען א סקירדע ווייץ, האָט ער געהייסן די פּאַסטעכער אונטערצינדן זי, אַוועקלאָזן מיטן פייער. דער גאַנצער סטעפּ איז אָנגעפילט געוואָרן מיט רויך, הינטער די פּלייצעס האָט געפלאַקערט דער קאָלווירטישער הויף. ס'איז שווער געוואָרן צו גיין, שמיע האָט אַראָפּגעוואָרפן די שטיוול, זיי צונויפגעבונדן מיט א שטריקל און אופגעהאַנגען אפן אַקסל. דאָס ניט געגאַלטע, פון דער זון און היץ פאַרברוינטע פּאָנעם איז געווען באַדעקט מיט גרויען שטויב, און נאָר די אויגן האָבן געגלאַנצט פון אופרעגונג און פּיין. ער האָט שווער און פאַראַקשנט געשוויגן, בלויז פון צייט צו צייט אף א קאָל אונטערגעטריבן די פעטע בעהיימעס, וועלכע האָבן זיך אָפט אָפּגעשטעלט און געשמאַק געפרעסן דעם פרישן ווייץ.

טאָג נאָך טאָג האָט זיך געצויגן דער אָבאָז. מע האָט זיך נאָר אָפּגעשטעלט אָנצופּויען די פערד, אויסמעלקן די קי, און מע האָט זיך גלייך געלאָזט ווייטער איבערן אומענדלעכן שליאַך.

דער פרימאָרגן פלעגט זיי שוין טרעפן אין וועג. ער פלעגט קומען

אַ לויטערער, אַ זוניקער און באַגילדנ די פעלדער. די קינדער האָבנ זיכ אָפטלעב ארײַנגעכאַפּט אינ אַ פּאַרלאָזטנ באַשטאַנ, אָפּגעריסנ קאַווענעס, אפגיכ זיי צעשפּאָלטנ אינ דער ערד און פריילעכ נאָכגעלאָפנ נאָכ די בוידנ, האַנאָע האָבנדיק פונעם פרישנ זאַפּט, פונ דער אומענדלעכער ראַכוועס, וואָס האָט זיכ פאַר זיי צעעפנט. אויכ די עלטערע האָבנ זיכ דערפילט אַ ביסל מונטערער, זיכ צוגעוויגט צום וועג און מיט האָפענונג אַרויסגעקוקט אַפ דער נאָענטער גרויסער שטאָט, ווו עס האָבנ געוואַרט עשעלאָנענ אַפ אָפּפירנ זיי טיפ אינ לאַנד.

פלוצעמ האָט זיכ דערהערט אַ ווײַטער געבורעמ, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט דעמ גאַנצנ הימל. ער האָט זיכ גיכ אַהער דערנעענטערט, ווי אַ מעכטיקע כוואַליע, און אַלע האָבנ מיט שרעק אינ די אויגנ גענומענ קוקנ צומ האָריזאָנט. אינגיכנ איז דער גאַנצער הימל פול געוואָרנ מיטנ גערויש פונ אַעראָפּלאַנענ. אָט האָט מענ זיי שוינ אָנגעזענ, די פאַרשאָלטענע. די ערד האָט מיטאַמאָל גענומענ ציטערנ, אונטערשפּרינגענ. טעמפּע אופרײַסנ האָבנ זיכ אַהער אינ פעלד דערטראָגנ, און מעכטיקע קנוילנ פײַער מיט רויכ האָבנ אַ זעצ געטאָנ ווי פונ אונטער דער ערד.

אינעמ אָבאָז האָט זיכ אופגעהויבנ אַ טומל. דער אוילעמ האָט אָנגעהויבנ שרײַענ, מע זאָל פאָרנ גיכער, נאָר שמײַע האָט געפרווט באַרויקנ די מענטשנ.

— וואָס טומלט איר? — האָט ער זיכ אָנגערופנ, — זיי וועלנ וואַרפנ באָמבעס אַפ אַ טשערעדע שאָפ? אַפ קינדער און ווײַבער?

— ניינ, שמײַע, זיי וועלנ זיכ שעמענ פאַר דיר, — האָט זיכ אָנגערופנ רייזל, וואָס האָט אָנגעטריבנ דאָס פערד.

— אַ ווייסטער בראַנד אַפ די באַנדיטנ, זעט נאָר, זיי האָבנ אָנגעצונדנ אַ דאָרפ!

די אַעראָפּלאַנענ האָבנ פאַרקערעוועט צומ פעלד, זיכ אַראָפּגעלאָזט נידעריקער און נידעריקער. צווישנ אוילעמ איז געוואָרנ אַ געלויפ, אַ געוויינ און אַ טומל. מע איז געשפּרונגענ פונ די פורנ און מיט די קינדער אַפ די הענט זיכ געלאָזט לויפנ אינ פעלד אַרײַנ, זיכ אויסגעלייגט אַפ דער ערד און פאַרשטעלט די אויגנ, מע זאָל ניט זענ די ווילדע, פליִענדיקע כײַעס. מע האָט פאַרשטעלט די אויערנ, מע זאָל ניט הערנ דעמ בייזנ גערויש, וואָס האָט געלעכערט די נעשאָמע.

שמײַע איז געשטאַנענ אינמיטנ שליאַכ און געקוקט אַפ די מענטשנ, וואָס צעלויפנ זיכ, אַפ דער דערשראָקענער טשערעדע, וואָס טאָפּטשעט זיכ אַפ אײנ אָרט, און ניט געוווּסט, וואָס הייבט מענ אָנ צו טאָנ. די קי האָבנ אָנגעהויבנ מוירעדיק רעווענ, די פערד האָבנ זיכ געריסנ פונ די

דישלעס, זיך געלאָזט לויפנ אינ פעלד. ער האָט גענומענ טרײַבנ די טשערעדע אינ ווײַט, ווענ איבער זײַנ קאָפ האָט זיך מעשונעדיק צעפײַפט די לופט, ווי זי וואָלט אָנגעהויבנ קאָכנ, אונ לעבנ אים האָבנ זיך אופגעהויבנ זײַלנ ערד. ער איז אומגעפאַלנ, פארשלאָסנ די אויגנ, איבער זײַנ קאָפ האָבנ זיך דורכגעטראָגנ פײַפנדיקע שפליטערס. ער האָט שוינ מער גאָרניט ניט געהערט. ווענ ער איז אינ א רעגע ארום געקומענ צו זיך, האָט ער באמערקט, ווי עטלעכע עראָפּלאַנענ זײַנענ נאָכ דורכגעפלויגנ נידעריק איבער די פורנ, איבער דער טשערעדע אונ באשאָסנ זיי פונ קוילנוואַרפער...

דעם רעשט טאָג אונ די גאַנצע נאַכט האָט דער אָבאָז מיט דער שיטער געוואָרענער טשערעדע פונ הינטנ אָנ אָפשטעל זיך געצויגנ איבערנ שליאַכ. פונ די וועגענער האָט זיך געהערט דאָס קרעכצנ פונ די פארווונדעטע אונ אָפגעשוואַכטע מענטשנ. אונ צו דער גרויסער שטאָט, ווו עס זײַנענ געשטאַנענ די עשעלאָנענ, איז נאָכ אַלץ געווענ ווײַט.

שלוימע אָוורוצקי האָט צונויפגערופנ עטלעכע באַיאָרטע קאָלאָניסטנ אַפ האַלטנ זיך מיט זיי אַנ אייצע, נאָכדעם האָט ער זיך ארופגעזעצט אַפ דער בידאַרקע אונ אַוועקגעשמיסנ צו דער נאָענטער קליינער סטאַנציע. אינ א פאָר שאָ ארום האָט ער זיך אומגעקערט א האָפערדיקער אונ דערציילט דעם אוילעם, אַז ער האָט אָנגעטראָפנ אַפ דער סטאַנציע אַנ עשעלאָנ, אונ די ארבעטער פונעם היגנ צוקער-זאַוואָד, וואָס האָבנ זיך געקליבנ אינ וועג ארײַנ, האָבנ אײַנגעשטימט צו פארענגענ זיך אונ ארײַננעמענ די קאָלאָניסטנ צו זיך.

— אײַלט זיך צו, ברידער, — האָט שלוימע געשריִענ, — דער צוג גייט באַלד אָפ!

שמײַע איז צוגעגאַנגענ צו זײַנ פור, ארומגענומענ די קינדער, פאַרריכט דעם כאָמעט אַפנ פערד אונ, אָנעמענדיק רייזלענ בײַ דער האַנט, זיך אָנגערופנ:

— נו, רייזל, שמײַס צו דער סטאַנציע. זע, שטיי ניט אָפ. א ראַכמאָנעס אַפ די קינדער. איכ וועל גיינ נאָכ אײַכ מיט דער טשערעדע. מיר וועלנ זיך זענ אַפ יענער זײַט וואָלגע...

— ס'איז ביטער, שמײַע, אַ? — האָט רייזל געפרעגט מיט טרערנ אינ די אויגנ.

— הער אופ, רייזל, — האָט שמײַע הארציק א זאָג געטאָנ, — ביטער וועט זײַנ אונדזערע סאָנים. אויב דער דײַטש האַלט שוינ מילכאָמע מיט ווײַבער אונ קינדער, איז א סימענ, אַז ער וועט ליגנ גוט אינ דער

אָדאָמע. ביז דו וועסט קומענ אפ אנ אָרט, וועט שוינ זײַנ מירצעשעשעמ, נאָכ דער כאַסענע.

ער האָט איר געוואָלט נאָכ עפּעס זאָגנ, נאָר די פור האָט זיכ מיט־אַמאָל א ריס געטאָנ פונעמ אָרט, אונ דאָס פערדל האָט זיכ שנעל אַוועק־געצויגנ נאָכנ אָבאָז, וואָס האָט זיכ שוינ געטראָגנ אפּנ שליאַכ.

— פאָרט געזונט, טײַערע, א גליקלעכנ שליטוועגס! זע, זײַ א מענטש, רייזל, היט די קינדער! — האָט שמײַע, פּאַכענדיק מיטנ היטל, נאָכגעשריענ דער פור, וואָס האָט זיכ דערווײַטערט אפּנ שליאַכ, אויס־מישנדיק זיכ מיט די איבעריקע פורנ.

ווענ שמײַע מיט דער טשערעדע האָבנ זיכ דערנעענטערט צו דער סטאַנציע, האָט ער שוינ פונווײַטנ דערזענ דעמ רויטנ עשעלאָנ, וואָס האָט זיכ געטראָגנ איבערנ דאָנעצער סטעפּ, איבערלאָזנדיק נאָכ זיכ אינ דער פאַרנאַכטיקער טונקלעניש לײַכטע וואָלקנדלעכ רויכ.

— נו, א דאַנק אונ א לויב, — האָט זיכ בא אימ ארויסגעריסנ. — אַבי זיי פאָרנ שוינ. איצט וועט שוינ אונדז זײַנ גרינגער, — האָט ער געזאָגט מיט טרערנ אינ דער שטימ צו די פּאַסטעכער, — איר הערט, יאַטנ! מיר מוזנ דאָכ ארויספירנ די כודאָבע פונעמ פײַער. ס'א מעלו־כישער איניענ!

זיי האָבנ א טרײַב געטאָנ די טשערעדע איבערנ פּוסטנ שליאַכ אונ שנעלער זיכ געלאָזט אפ מיזרעכ, אהינ, וווהינ ס'איז ערשט ניט לאַנג אַוועק דער צוג.

דער אומגליק אפ די שליאַכנ

דאָס ביסל פאַרמעגנ, וואָס ער האָט מיט זיכ געהאַט — א קישעלע, א פּאָרל גרעט מיט א האַנטעכ, א שטיקל זייפ אינ שקאַרפּעטקעס — האָט שמײַע איבערגעבונדנ מיט א שטריקל, עס גענומענ אונטער דער האַנט אונ זיכ געלאָזט גײנ מיטנ שליאַכ. ס'איז אימ אָבער גלײַכ נימעס געוואָרנ צו שלעפּנ זיכ מיט דעמ, די כודאָבע איז זיכ אַלעמאָל צעלאָפנ, מע האָט געמוזט אכטונג געבנ אפּנ הורט, האָט טאַקע דאָס פּעקעלע אויסגעזוען איבעריק אונ מע האָט עס ערגעצ געדאַרפט אהינטאָנ. נאָר ווהינ? די פאָר פורלעכ מיט די בידאָנעס, וואָס זײַנענ איבערגעבליבנ בא דער טשע־רעדע, האָט ער אַוועקגעשיקט פאָרויס אינ נאָענטנ דאָרפ געפינענ א נאַכטלעגער. איז שמײַע צוגעגאַנגענ צומ געזונטנ בוכײַ, וואָס איז זיכ

געגאַנגענ א ביסל אָפּגעזונדערט פונ פאַרנט, ווי א שטאָט-באַלעבאָס, אונ זיך אָנגערופנ מיט זײַנ לאָשנ:

— זאָג נאָר, מײַנ טײַערער באָכערעצ, עפּשער וועסטו טראָגנ א ביסל מײַנ טאָרבעלע? אַנו, בייג נאָר אָנ דאָס קעפּעלע. אָט אַזוי. נאָר בײַזער זיך ניט, פאַרעצל, דריגע ניט מיט די פיס. איך וועל עס דיר צוּבינדנ צו די הערנער אונ וועסט אַפילע ניט פילנ.

דער בוהײַ האָט אָנגעבויגנ דעמ קאָפּ, אָנגעהויבנ צעבלאָזנ די גרויסע פײַכטע נאָזלעכער אונ מיט זײַנע פאַרלאָפענע אויגנ קאָסע א קוק געטאָנ אַפ אים, ווי איינער זאָגט: „שמײַע, טשעפּע מיך ניט, טראָג זיך אָפּ מיט גוטנ".

נאָר שמײַע איז בא זיך ניט אראָפּגעפאַלנ, ער האָט א צי געטאָנ באַמ אײַזערנעמ רינגל, וואָס איז געווענ אײַנגעפראַוועט באַמ בוהײַ אינ דער נאָז, אונ פאַרגעזעצט:

— וואָס איז אַזוינס, מעיוכעס מײַנער? דו מיינסט, אז ס'איז דיר אינ דער היימ, אינ די שיינע צײַטנ, ווענ מע האָט זיך מיט דיר געפּאַנ־קעוועט, ניט געלאָזט אַפ דיר קיינ שטויבעלע פאַלנ? איצט, ברודערל, לעבנ, איז א מילכאָמע. עמעס, דו ביסט טאַקע אינ קאָלווירט געווענ בא אונדז א בענ־יאָכיד, מע פלעגט צו דיר פירנ באַרישנ׳יעס פונעמ גאַנצנ ראַיאָנ, ביסט געווענ אינ מאָסקווע אַפ דער גרויסער אויסשטעלונג, אונ מיר האָבנ פאַר דײַנ שיינקײַט אונ גוורע באַקומענ א גאָלדענעמ מעדאַל, קראַסאַוועצ מײַנער, נאָר וואָס קאָנ מענ טאָנ, אז די צײַט האָט זיך איבערגעדרייט.

שמײַע האָט אײַנגעטײַנעט מיטנ בוהײַ, אונ די פאַסטעכער, די מעלקערנס האָבנ געהערט זײַנע ווערטער אונ געלאַכט, קוקנדיק, ווי דער בוהײַ, דער רעצייעכ, ווערט רויקער, בייגט אָנ דעמ קאָפּ אונ לאָזט צובינדנ צו די שפּיציקע, גלאַנצנדיקע הערנער שמײַעס פעקעלע.

— וואָס קאָנ מענ טאָנ, אז ס'איז געקומענ אַזא אומגליק אַפ דער וועלט. קיינעמ שאַנעוועט ער ניט, דער דײַטש — ניט קיינ מענטשנ, ניט קיינ בהײַמעס. ער וויל פונ אונדז בײדנ אראָפּשינדנ די הויט. דעריקער אָבער, מע דאַרפ ניט אראָפּפאַלנ בא זיך, מיר קאָנענ שוינ דעמ דײַטש אונ האָבנ שוינ אַמאָל געזענ, וואָס פאַר א מײַסנ סאָפּ ער האָט באַקומענ. מיר וועלנ זיך מיט דיר, קראַסאַוועצ מײַנער, אריבערקלײַבנ אַפ א נײַעמ פלאַצ, זיך באַזעצנ אונ זיך נעמענ צו דער אַרבעט. ס'וועט קומענ די צײַט, וועלנ מיר זיך אומקערנ אהיימ. דערווײַל, ברודערל, שטעל פיס, הײַדא! נישקאָשע, שטעל, שטעל פיס.

שמײַע האָט געשפּאַנט איבערנ שליאַכ מיט דער לאַנגער בײַטש,

דאָס סאָלדאַטישע היטל איז אים געווענ עטוואָס פאַררוקט אַפּ א זײַט, דאָס העמדל צעכראַסטעט, די שטיוול איבערגעבונדנ מיט א שטריקל, פאַרוואָרפנ אַפּנ אַקסל. ער האָט פונ מאָל צו מאָל אונטערגעטריבנ מיט דער בײַטש דאָס פּי אונ געשריענ:

— הײַדאַ, הײַדאַ, שטעלט, קינדערלעכ, פּיס!

ער האָט געכאַפּט א קוק אַפּנ ריינעמ הימל אונ גענומענ אונטערבאָמ־קענ א לידל. לעבנ אים איז געגאַנגענ אזריעל, א הויכער דאַרער קאָלאָ־ניסט מיט איינ אויג — דאָס צווייטע האָט ער געפּאַטערט אונטער פּע־רעקאָפּ. מיטנ איינציקנ אויג האָט ער געקוקט אַפּנ שאָכנ, געשאָקלט פאַרדײַגעט מיטנ קאָפּ. ער האָט פונ מאָל צו מאָל אויסגעריסנ באַמ וועג א זאַנג, אים צעריבנ אַפּ דער גרויסער דלאָניע, א פרוו געטאָנ א קערנדל אַפּנ צאָנ אונ, ווײַזנדיק אַפּנ פעלד, וווּ די טוועס זײַנענ געלעגנ צונויפּ־געדרייט, ווי נאָכ א שטורעמ, צו דער ערד, געזאָגט:

— אַזאַ גוטס ווערט פאַרפאַלנ... אַזאַ גוטס...

שמײַע האָט ניט געענטפערט, כאָטש ער האָט גוט געהערט אונ פאַר־שטאַנענ, וואָס יענער מיינט.

— הערסטו, שמײַע־לעבנ, איכ קאָנ דיכ שוינ אַזאַ צײַט, — האָט זיכ ווײַטער אָנגערופנ אזריעל, — אונ קאָנ ניט באַנעמענ, וואָס פאַר א מענטש דו ביסט.

— וואָס הייסט, א מענטש גלײַכ מיט אַלע.

— ניינ, ניט גלײַכ מיט אַלע. בא מיר וויינט דאָס האַרץ, איכ ווער פאַרברענט פונ ווייטעק, אונ דו גייסט זיכ, ווי עס וואָלט גאָרנישט ניט געשענ, אונ דו זינגסט נאָכ אונטער, מאַכסט אונדז פריילעכ.

שמײַעס פּנימ האָט זיכ אָפּ א רעגע פאַרצויגנ מיט טרויער. אַפּנ שטערנ האָבנ זיכ צונויפגעזאַמלט אַלע קנייטשנ, ער האָט מיט די גוטע, קלוגע אויגנ אָפּגעמאָסטנ אזריעלנ.

— וואָס זאָל איכ דיר, מײַנ טײַערער, זאָגנ? — האָט ער זיכ נאָכ א ווײַלע שווײַגנ אָנגערופנ, — וואָס קאָנ איכ טאָנ, אַז איכ בינ ניט געבוירנ געוואָרנ קיינ מאָרע־שכוירעניק? וואָס אַרט דיכ, עס וועט נאָכ זײַנ גוט... מאַסקווע וועט יאַקאָס עפּעס צוטראַכטנ פאַר דײַטשלאַנדס וועגנ...

— ניינ, מיר האַלטנ זייער שמאָל, — האָט אזריעל געזאָגט מיט א געדריקטער שטימ. — אויב מע צינדט די סקלאַדנ אונ מע פאַרברענט דאָס ברויט, איז דאָס גאָר ניט קיינ גוטער סימענ. ס'איז שלעכט, שמײַע.

— ווער האָט עס דיר געזאָגט, אַז ס'איז שלעכט? — האָט אימ שמײַע איבערגעשלאָגנ, — ס'איז ביטער, נאָר אַראָפּפאַלנ בא זיכ טאָר

מענ ניט. מע פארברענט דאָס ברויט? וואָס זשע ווילסטו, מע זאָל איבערלאָזנ דעמ דײַטש א גרייט לעקעבל? אלצ ווערט געטאָנ, פארשטיי איכ, מיט קאָפּ. בא מיר איז דעריקער אינ לעבנ די ראטנ־מאכט, די פארטיי. מע וועט ארויסטרײַבנ דעמ דײַטש, וועט מענ צוריק אלצ אוועקשטעלנ. אז ס'וועט אָבער ניט זײַנ די וואָסט... — שמײַע האָט זיכ א רעגע פארטראכט אונ ווי פארכאפּט זיכ, — ניינ, אונדזער וואסט וועט זײַנ! איכ הער זיכ צו, וואָס מײַנ הארצ זאָגט מיר אונטער.

— וואָס זאָגט דיר אונטער דײַנ הארצ?

— מײַנ הארצ זאָגט מיר אונטער, אז ס'וועט נאָכ זײַנ גוט.

— פונ דײַנ מויל אינ גאָטס אויערנ.

— איכ בינ צופרידנ, וואָס אונדזערע זײַנענ אוועקגעפאָרנ מיטנ עשעלאָנ. מיר אליינ וועלנ זיכ שוינ יאָקאָס דערשלעפּנ. מיט די קינדער אונ ווײַבער איז געווענ ביטער, ווי דער טויט, איצט שפּײַענ מיר אפ דער וועלט אונ פאָרנ אפ דער קאָנקע.

— ווער ווייסט, צי מירנ זיכ נאָכ אמאָל זענ מיט אונדזערע ווײַבער אונ קינדער, — האָט אזריעל טרויעריק געענטפערט, — וווּהינ האָבנ מיר זיי פארשיקט אונ ווו וועלנ מיר זיי זוכנ?

— שא, באוויינ זיי ניט, — איז שמײַע אינ כאס געוואָרנ, — מיר האָבנ איינ גרויסע מעדינע, אונ איינ טאטע איז בא אונדז, אונ אומעטום ווינענ אונדזערע, סאָוועטישע מענטשנ — די אוזבעקנ, די באשקירנ. געדענקסט, דאנילאָ, מיר האָבנ זיי פאראיאָרנ געזענ אינ מאָסקווע, אפ דער אויסשטעלונג, מיט די פאפאכעס אונ מיט די כאלאטנ, אינאיינעמ געטרונקענ טיי בא זיי אינ פאווילִיאָנ.

— יאָ, גוטע מענטשנ! — האָט זיכ אָנגערופנ דאנילאָ לוקאטש, א קליינוווקסיקער פויער מיט א קורצ בערדל אונ טונקעלע אומרויִקע אויגנ, וואָס האָבנ שטענדיק אונטערגעשמייכלט, — שמײַעס אנ אלטער באקאנטער פונעמ שכיינעסדיקנ אוקראַיִנישנ קאָלווירט. ווי שמײַע, האָט ער איצט געטריבנ דאָס רעשט פונ זײַנ קאָלווירטישער טשערעדע. אז דאנילאָנ פלעגט ווערנ אומעטיק, פלעגט ער איבערלאָזנ די טשערעדע אפ זײַנע פאסטעכער אונ אליינ אריבערגיינ צו שמײַענ, כאפּנ מיט אימ א שמועס, הערנ א פאָר ווערטלעכ, א געשיכטע, עפּעס נײַעס. דאנילאָ לוקאטש איז געווענ אנ אָפּטער ארײַנגייער צו שמײַענ אינ שטוב, זיי זײַנענ געווענ באפרײַנדעט אונ האָבנ איינער פונעמ אנדערנ געהאלטנ א וועלט, אונ ווענ זיי האָבנ זיכ באגעגנט דאָ, אינמיטנ סטעפּ, איז מענ ביידע געוואָרנ שטארק אופגעלייגט אונ מע האָט זיכ געסטארעט האלטנ באנאנד, איינס פונעמ אנדערנ ניט אָפּשטיינ. איצט איז ער געגאנגענ,

דאנילא, מיט דער בײטש, אינ זײנ פארשטויבט אויסגענײט העמדל מיטנ גרויסנ שטרויענעמ קאפעליוש, דאס פּאנעמ איז געװענ גרוי פונ שטויב. די שטיװל אפ די פיס זײנענ זיכ אײנגאנצנ צעקראכנ, נאר זײנע אויגנ האבנ אלצ געשמייכלט, ווי ער וואלט געוווּסט פונ עפּעס א סאד.

— איז וואס זאגסטו, דאנילא, איכ בינ עפּשער ניט גערעכט?

דאנילא לוקאטש האט ארויסגענומענ פונ די צײנ דעמ ציבעק אונ א שאקל געטאנ מיטנ קאפּ:

— אוודאי ביסטו, שמײע, גערעכט. געוויס גערעכט. דער דײטש איז צו אונדז געקומענ אינ אכצנטנ יאר, ווײאזוי איז ער אבער נאכדעמ געלאפנ? אונ די גאטיעס איז ער פונ אונדז דעמלט אוועק, אונ איצט וועט ער אנטלויפנ אנ דעמ קאפּ.

זיי זײנענ געגאנגענ אונ געגאנגענ, זיכ שוינ ניט געבייזערט אפ די קי, ווענ זיי האבנ גענומענ צושטײנ. מע איז אלײנ געווענ טויט־מיד אונ קוימ געפּלאנטערט מיט די פיס. מע איז שוינ געוווינט געווארנ צו די באמבארדירער מיט די גרויסע צלאמימ אפ די פליגלענ, וואס האבנ זיכ אפּט דורכגעטראגנ איבערנ קאפּ אונ אראפּגעווארפנ באמבעס אפ די וועגנ אונ דערפער. אינ די נעכט, ווענ מע פלעגט זיכ אפּשטעלנ אינמיטנ סטעפּ, זיכ אויסצורוענ אפנ ניט־געקאסיעטנ ווייצ, האט מענ געהערט, ווי עס הודעט די ערד. ס'האט עפּעס די לעצטע טעג מיט איר אנגעהויבנ מארדעווענ, ווי אינ א קאדאכעס. די מילכאמע האט זיכ שנעל אהער דער־גענטערט, נאר סײ די אנטרײבער, סײ די קי האבנ זיכ שוינ קוימ גע־שלעפּט, עס האט זיי ארומגעכאפּט א מאדנער גלײכגילט. דער אײנציקער פארלאנג פונ די מענטשנ איז געווענ — זיכ רויק אויסשלאפנ א נאכט, ניט הערנ דעמ גרילצנדיקנ געוויש פונ די עראפּלאנענ, דעמ געוויי פונ די באמבעס אונ דעמ געברומ פונ די הארמאטנ, וואס איז זיי נאכגעגאנגענ פוסטריט.

אינ אלע זײטנ האט מענ דורכ די נעכט געזענ גרויסע סרייפעס, אונ ס'האט זיכ געדאכט, אז די גאנצע ערד איז ארומגעכאפּט מיט אײנ העלישנ פײער, וואס טראגט זיכ צוזאמענ מיטנ שטראמ מענטשנ, טשערעדעס, פורנ, מאשינעס, אהינ, אפ מיזרעכ.

ס'איז זיי פארגעשטאנענ אריבערגײנ א גרויסנ טײכ, אונ שמײע מיט זײנע מענטשנ האבנ געהאפּט, אז אפ דער אנדערער זײט וועלנ זיי, עפּשער, קאנענ אפּרוענ, קומענ צו זיכ, ארומזענ די טשערעדע. נאר מע האט דערציילט, אז באנאכט האבנ דײטשישע עראפּלאנענ אויפגעריסנ דעמ בריק, דער גאנצער ברעג איז פארפּלייצט מיט מענטשנ, אבאזנ, מאשינעס, טשערעדעס, דער דײטש באשיט זיי מיט באמבעס.

— וויאזוי וועלנ מיר זיכ אריבערכאפנ איבערנ טײַכ? — האָט געוואָרטשעט אוריעל.

— אפ שיפלעכ, אפ פליטנ, אפ וואָס סע וועט זיכ נאָר לאָזנ.

— אונ די כודאָבע?

— די כודאָבע וועט אלײנ אריבערשווימענ.

— שײנע גליקנ, — האָט זיכ אָנגערופנ אוריעל, — מיר זײַנענ גוט ארײַנגעפאלנ.

— נישקאָשע, ביז מיר'נ צוקומענ צומ טײַכ, וועט מענ דעם בריק אופשטעלנ, — האָט שמײַע געענטפערט, — האָסט ניט געזענ, ווי עס זײַנענ באנאכט אהינ געפאָרנ די סאפיאָרנ מיט שיפלעכ אונ פאָנטאָנענ? זײ וועלנ אונטערנ פײַער אופשטעלנ דעם בריק.

— וועט מענ דאָכ די כודאָבע ניט אריבערלאָזנ.

— וואָס הײסט, מע וועט ניט אריבערלאָזנ, — האָט שמײַע א מאכ געטאָנ מיט דער האנט, — ס'איז דאָכ א מענטשישער אײניענ, ווײסט, וואָס הײסט פלײש אונ פוטער פארנ פראָנט? אָנ פלײש קאָנ מענ זיכ ניט שלאָגנ. סײַדנ ס'איז שוינ זײער ענג, וועט זיכ טאקע די כודאָבע מוזנ מאטערנ זיכ אלײנ אריבערשווימענ, — האָט שמײַע געזאָגט גאָר ניט פרײלעכ.

— וואָס רעדט איר? מע וועט פונ אײַכ לאכנ, — האָט זיכ אָנגערופנ שיפרע זילבער, א קלײנוווּקסיק שלאנק מײדל מיט צווײ לאנגע טונקעלע צעפ. זי איז נאָכ געווענ זײער יונג אונ האָט זיכ די גאנצע צײַט ניט ארײַנגעמישט אינעם געשפרעכ, נאָר איצט, ווענ ס'איז געגאנגענ אינ דער כודאָבע, וואָס זי האָט די גאנצע צײַט געמאָלקנ, האָט זי ניט געקאָנט שווײַגנ, — אונדזערע קי וועלנ דערטרונקענ ווערנ... אזא טיפער טײַכ...

— נישקאָשע, טעכטערל, — האָט זי שמײַע א גלעט געטאָנ איבערנ קאָפ, — ס'איז מילכאָמע, אונ זײ דארפנ זיכ אויכ צוגעוווינענ צו די צאָרעס.

— ביז מע וועט ניט פארריכטנ דעם בריק, וועט אונדזער טשערעדע זיכ ניט רירנ פונעם אָרט, — האָט שיפרע זילבער זיכ אלץ ניט געקאָנט בארויקנ, — אָנ דער כודאָבע האָבנ מיר ניט וואָס צו גײנ אפנ בײַעם אָרט.

— וואָס דארפסטו זיכ מיט מיר קריגנ? מיר'נ קומענ צומ טײַכ, וועלנ מיר זענ.

— ווענ איר זײַט א גוטער, שמײַע, וואָלט איר מיכ בעסער אָפּגעלאָזט, איכ וועל גײנ אפנ פראָנט, איכ וועל ווערנ א סאניטארקע.

— א נײַע כאכאָמע האָט זיכ געיאוועט, — האָט זיכ צעבײזערט שמײַע, — לאָז מיכ אָפּ, וועל איכ אויכ גײנ אפנ פראָנט. איכ האָב זיכ

עטלעכע מאָל געבעטנ, אונ מע האָט מיר געזאָגט, אז איכ דאַרפ טרינקענ די טשערעדע. ס'א מעלוכישער איניען.

— איכ וועל אלציינס אנטלויפנ אפנ פראָנט! — האָט שיפרע זיכ איינגעזאקשנט. — איר האָט געזענ, וויפל מיידלעכ עס זיינענ נעכטנ דורכגעפאָרנ מיט דער ארטילעריע?

— דאנילאָ, ווי געפעלט דיר עפעס מיינ ארטעל? — האָט שמיניע צעפירט מיט די הענט, — מע וועט מיכ איבערלאָזנ דאָ איינעם אלייג מיט דער טשערעדע אונ שלאָג זיכ קאָפּ אינ דער וואנט! — ער האָט גוטמוטיק געקוקט אפנ ביינעוודיקנ מיידל, וואָס איז געווענ פארברוינט פונ דער זונ אונ האָט געשמייכלט, — הער נאָר, שיפרע, איכ גאָר דאַרפ דיכ לערנענ, דו ביסט דאָכ, דאכט זיכ, דער קאָמסאָמאָל. שעמענ מעגסטו זיכ, שיפרע, טאָכטער...

ס'איז שוינ געווענ האלבער טאָג, ווענ מע איז צוגעקומענ צו א גרויסנ קרייצוועג. דער דאָזיקער שטויביקער טראקט האָט געפירט ארופ־ אונ אראָפּ־בארג. דער גאנצער סטעפ איז געווענ דורכגעשניטנ מיט אָנצאָליקע באלקעס, אינ דער ווייט האָבנ זיכ געהויבנ צום הימל די טעריקאָנעס פונ די שאכטעס. איבערנ טראקט האָבנ, שווער עטעמענדיק, זיכ געצויגנ סאניטאר־מאשינעס מיט פארוווּנדעטע, לאנגע אָבאָזנ. עס זיינענ געגאנגענ סאָלדאטנ, אלע אונ אלעמענ האָט באדעקט א געדיכטער שיכט שטויב.

שמיניע איז געשטאנענ באַם טראקט לעבנ די פולע בידאָנעס אונ גערופנ די סאָלדאטנ, זיי מעכאבעד געווענ מיט מילכ.

— טרינקט, קינדער, נעמט זיכ אָנ מיט קויכעס!

די סאָלדאטנ האָבנ ארומגערינגלט דעם גוטמוטיקנ פאסטעכ, געטרונקענ מילכ, אימ אָפּגעדאנקט אונ געגאנגענ וויַטער. שמיניע איז געשטאנענ א דערשיטערטער פונ דעם, וואָס ער זעט אפנ שליאכ. עפעס צו אניליק יאָגנ די מאשינעס, צו גרויס איז דער טומל, די הארמאטנ האָט זיכ אימ געדוכט, דונערנ שוינ גאָר נאָענט, דער הימל רוישט פונ די פיינטלעכע אעראָפּלאנענ.

שיפרע זילבער איז פלינק ארומגעלאָפנ צווישנ די פורגאָנעס אונ מאשינעס, אינ וועלכע עס זיינענ געזעסנ פארוווּנדעטע רויטארמייער, אונ זיי געפויעט מיט מילכ פונ א הילצערנעם שעפל. זי האָט זיכ שוינ עטלעכע מאָל אומגעקערט צו די בידאָנעס, אָנגעגאָסנ א פריש שעפל אונ ווידער ארויסגעלאָפנ אפנ שליאכ. ווענ די לאנגע קאָלאָנע איז פארשווּנדנ פונעם אויג, האָט זי זיכ אומגעקערט צו דער טשערעדע, אונ שמיניע האָט דערזענ, ווי איבער אירע קינדעריש־פרישע בעקלעכ זיינענ געלאָפנ טרערנ.

— וואָס ווײנסטו, סאניטארקע מײנע? — האָט ער זי ארומגענו-
מענ, — אבי דו האָסט נאָכ געוואָלט גײנ אפנ פראָנט. דו מײנסט, אז א מילכאָמע באגײט זיכ אָנ קאליקעס? דו האָסט נאָכ, טאָכטערקע, אפ דײנ לעבנ גאָרנישט ניט געזענ.

דאָס מײדל האָט געשוויגנ. זי איז געשטאנענ אָנגעשפארט אינעמ וועגעלע, געקוקט אפנ רוישנדיקנ טראקט און ניט געפילט, ווי איבער-
אנײס זײנענ אירע אויגנ פול געוואָרנ מיט טרערנ. זי האָט צווישנ די פארוואונדעטע געזוכט אירע כאווײרימ, באקאנטע פונ דער קאָלאָניע. אזוי פיל באָכערימ פונעמ דאָרפ זײנענ אוועק אפנ פראָנט, און ווער ווײסט, וואָס איז מיט זײ, דאָרטנ איז ערגעץ איר ברודער, דער כאָסנ, עפשער פירט מענ זײ אויכ אזוי, ווי די? עפשער מוטשענ זײ זיכ אויכ און ווערנ פארכאלעשט פונ ווײטעק, ווענ די מאשינ, אפ וועלכער זײ ליגנ, טוט א שפרונג איבער א בערגל, איבער א שטײנ. ווו זײנענ זײ אלע אינ אָט די שווערע טעג, ווענ די גאנצע ערד ברענט, ווענ דער סוינע ליגט איר אפנ האלדז און רײסט פונ איר שטיקער, צינדט, בראָט, שאנעוועט ניט קײנעמ. זי וועט אוועקגײנ צו זײ! זי וועט אנטלויפנ, זי וועט זײ גײנ העלפנ, זי וועט מיט זײ צוזאמענ איבערטראָגנ די ווײענ און לײדנ.

איבערנ הויכערדיקנ דאָנעצער סטעפ זײנענ נאָכ אלץ געגאנגענ און געגאנגענ אָנ אויפהער מאשינעס אינ אָבאָזנ. א קאָמאנדיר איז צוגע-
ריטנ אפ א פארשוויצט פערד, און זיכ דערפרעגט, ווער איז איבערנ הורט דער עלטסטער, האָט געהײסנ גיכער פארקערעווענ אפ א זײטיקנ וועג, ווײל מיטנ טראקט וועט די טשערעדע ניט קאָנענ גײנ. ער האָט ניט דערקלערט, וואָס עס איז געשענ, נאָר שמײע און אלע, וואָס זײנענ דערבײ געווענ, האָבנ פארשטאנענ, אז דער סוינע איז נאָענט. ער האָט, אפאָנעמ, זיכ ערגעץ דורכגעריסנ.

אינ א זײט פונעמ טראקט, אינ א פארקוילטער באלקע, האָט זיכ די מידע טשערעדע אויסגעלײגט אפ אָפרו, און שמײע מיט דאניליאָנ האָבנ צעבלאָזנ א שײטערל. אזריעל האָט פונ א פארלאָזענעמ גאָרטנ געבראכט צו טראָגנ אנ עמער קארטאָפליעס, און מע האָט זיכ אויסגעזעצט ארומ פײער. אײנהערנדיק זיכ אינעמ נאָענטנ, דראָענדיקנ געברומ פונ די הארמאטנ, איז שמײע א טויט־מידער געלעגנ אפנ בויכ און געקוקט אפ דער שווארצכײנעוודיקער שיפרענ, וואָס צעשארט די קארטאָפליעס. דער אָפשײנ פונעמ שײטער איז געפאלנ אפ איר פאָנעמ, זיכ געשפיגלט אינ אירע אויגנ און זי געמאכט נאָכ כײנעוודיקער און מילדער. אירע לאנגע צעפ האָבנ זיכ אויסגעצויגנ אפ דער הויכער מײדלשער ברוסט,

וואָס האָט אומרויִק געאָטעמט, די פולע ליפנ זײַנענ געווענ צעטריקנט פונ דער זונ, פונ ווינט און שטויב. דערפילט אָפ זיכ א דורכדרינגעוו-דיקנ בליק, האָט זי א הייב געטאָנ די ווִיעס, זיכ באגעגנט מיט שמײַעס אויגנ און זיכ פארשעמט. שמײַע האָט, דאכט זיכ, נאָכ קיינמאָל ניט גע-זענ דאָס מיידל אזוי שיינ. עפשער הערפאר, וואָס אינ דער קאָלאָניע זײַ-נענ געווענ א סאכ אזעלכע ווי זי און נאָכ שענערע? און עפשער גאָר דערפאר וואָס ער האָט די גאנצע צײַט פאָטערלעכ פאר איר געוויטעקט, וואָס אויכ זי דארפ אויסשטיינ אזא שווערנ געפערלעכנ וועג, אינ אָט דעמ אומבאקאנטנ, הוילנ סטעפ אונטערנ פארכמארעטנ הימל, פונ וועלכנ ס'האָט זיכ ניט אויפגעהערט צו זיפנ א ביִמעסער, קלעפיקער רעגנ, איז דאָס מיידל אימ געוואָרנ אזוי נאָענט און אייגנ. און פונקט אזוי נאָענט און אייגנ זײַנענ אימ געוואָרנ די איבעריקע מענטשנ, וואָס גייענ מיט אימ, דער לאנגער אזריִעל, דער טונקלהויטיקער, פארוואקסענער דא-נילאָ און אלע איבעריקע פאסטעכער און מעלקערנס. נאָר עפעס איז אימ דאָס מיידל איצט פאָרט נעענטער און ליבער. אָט אזוי האָט אינ דער יוגנט געדארפט אויסזענ זײַנ רייזל, זײַנ פרוי, פונקט אזא שווארצביי-נעוודיקע, מיט אזעלכע האָר, מיט אזא צארטקײַט און כיינ. זי איז אימ איצט געקומענ אפנ זיקאָרנ, רייזל מיט די קינדער. ער האָט דערפילט, ווי קיינמאָל, א גרויסע בענקשאפט נאָכ זיי. ער וואָלט געווענ צופרידנ, ווענ אויכ שיפרע איז דאָרטנ, מיט זיי, זי זאָל זיכ ניט מאטערנ אינ דעמ גרויליקנ וועג. שמײַע האָט א וואָרפ געטאָנ דעמ פארלאָשענעמ ציגאר, זיכ צוגערוקט צו שיפרענ און זי אָנגענומענ פארנ אקסל.

— אײַ, וואָלט איכ דיכ איצט צעקושט, — האָט שמײַע זיכ צעשמיי-כלט, — נאָר א שאָד, איכ בינ פארוואקסנ ווי א בער, — ער האָט אראָפגענומענ פונ זיכ דעמ שינעל און אימ ארופגעוואָרפנ אפ אירע אקסל.

שיפרע האָט ארויסגעשארט פונעמ זשאר די געבראָטענע קארטאָפ-ליעס, אזריִעל האָט ארויסגעשלעפט פונ דער קעשענע א ביסל צעווייקטע זאלצ, און מע האָט זיכ געשמאק גענומענ צומ הייסנ מײַכל און פאר-געסנ אינעמ רעגנ, אינ דעמ אומגליק, וואָס לויערט ערגעצ אינ דער נאָ-ענט. איבעמ פינצטערנ נעפל האָבנ זיכ דורכגעטראָגנ שווער-געלאָדענע באָמבארדירער. זיי זײַנענ געפלויגנ צו דער שטאָט, וואָס איז געלעגנ ניט ווײַט פונדאנענ, און אינגיכנ האָט זיכ אהער דערטראָגנ א מוירעדיקער געוויי פונ באָמבעס, שווערע אופרײַסנ האָבנ אונטערגעטרייסלט די ערד. פײַער-צונגענ און קנוילנ שווארצער רויכ האָבנ זיכ געהויבנ אינעמ אָנגע-

וואָלקנטנ הימל. די שטאָט האָט געברענט, נידעריק איבער דער ערד זײַנען שוינ צוריק געפֿלויגנ די באָמבאַרדירער, און אהינ, אפֿ דער שטאָט, זײַנען געגאַנגען נײַע און נײַע טשאַטעס שווערגעלאָדענע דײַ־טשישע אעראָפּלאַנען.

בא שמײַען איז די קאַרטאָפֿליע געבליבנ שטעקנ אינ האַלדז. ער האָט זיכ אײַנגעקוקט אינ יענער ריכטונג, ווו סע האָט געברענט די שטאָט. אהינ איז געלעגנ זײער וועג, און ער האָט ניט געוווּסט, וואָס זאָל ער איצטער טאָנ, וווּהינ זאָל ער גײנ. ער איז ארופֿ אפֿנ בערגל א קוק טאָנ, וואָס עס טוט זיכ ארום, און זיכ אײַנגעקוקט אפֿנ שליאַכ. אינ עטלעכע ריכטונגען זײַנען שווער און האַסטיק, מיט א פֿרעמד־נימעסער גרילצערײַ, געגאַנגען מאָרנע־גרויסע מאַשינעס, באַלויכטנדיק א שטיק סטעפּ. די מאָטאָרנ האָבנ שווער געררעוועט, אופֿהייבנדיק זיכ ארופֿ־באַרג. פֿונעם שליאַכ האָט זיכ דערטראָגנ אנ אָפּטע, הילכיקע שיסערײַ. „דײַטשנ” — איז בא שמײַען דורכגעלאָפֿנ א געדאַנק, דער קאָפּ האָט זיכ אימ פֿאַרדרייט, און אינ די אויגנ איז פֿינצטער געוואָרנ, ער האָט זיכ אָנגעטאָנ א גוואַלדיקנ קויעכ, געריררט זיכ פֿונעם אָרט און אראָפּגעלאָפֿנ צום שײַטער. שיפֿרע האָט אימ אָנגעכאַפּט בא דער האַנט, זיכ צוגעדריקט צו אימ, זי האָט געציטערט מיטנ גאַנצנ גופֿ.

— שמײַע, לאָמיר לויפֿנ... דײַטשנ... דײַטשנ...

— וווּהינ וועסטו, טאָכטער, לויפֿנ? נעמ זיכ אינ די הענט, ווייג ניט!.. — ער האָט אפֿניכ צוגעטאָפּטשעט דעמ שײַטער, געטראָטנ מיט די שטיוול די גליענדיקע קוילנ און געפּרוווט באַרויקנ די מענטשנ, — שטילער! זיצט אפֿ די ערטער... מיר וועלנ עפּעס צוטראַכטנ...

נאָר ס'איז שוינ געווענ שפּעט. שפּרינגענדיק איבערנ אופֿגעהורבעטנ זײַטיקנ וועג, האָבנ זיכ אהער געטראָגנ א פּאָר דײַטשנ אפֿ מאָטאָציקלענ מיט א שיסערײַ און מיט א מעשונע־בייז געשריי, ווי מע זאָל געווענ גײנ אינ אטאַקע כאָטשבי קעגנ א פּאָלק סאָלדאַטנ... צוויי מאָטאָציקלענ... צוויי שוואַרצע קאַסקעס, צוויי דײַטשע סאָלדאַטנ אינ עקלהאַפֿט־גרינע מונ־דירנ.

— נו, קינדער, איצטער וועט ווערנ פֿריילעכ... — האָט זיכ ארויס־געריסנ בא שמײַענ.

אזריעל האָט פֿונ קאַס א קנייטש געטאָנ מיט די אַקסל און א שיפּע געטאָנ:

— שטילער, גאַזלענ, מיר זײַנען אויסגעשטעלט.

ווילהעלמ טיטקע הוליעט אפ אוקראַינע

לויט דעמ, ווי דער אָבער־יעפרייטער ווילהעלמ טיטקע איז געשפּאָרנ אפ זײַנ מאָטאָציקלעט, לויט דעמ, ווי ער איז, נעבעכ, געווענ אײַנגע־טונקט אינ בלאָטע פונ קאָפּ ביז פיס, איז געווענ צו זענ, אַז קיינ גרוי־סער פּאָרער איז ער ניט, כוץ דעמ איז נאָכ געווענ צו זענ, אַז ער איז גוט אונטערנ גלעזל אונ זײַנ באַגלייטער — אויכ.

זײַנ מאַשינדל האָט זיכ געשאָקלט רעכטס אונ לינקס, אונ ער האָט געשריענ, געשאָלטנ די רוסישע רעגנס אונ בלאָטעס.

צו דער טשערעדע איז ער טאַקע ניט צוגעפאָרנ, א שפּאַנ פופציק פונ איר האָבנ בײדע דײַטשנ גענומענ שפּאַנענ צופוס, ניט אַרויסלאָזנ־דיק פונ די הענט די אויטאָמאַטנ.

אינ עטלעכע מינוט אַרומ איז צו די פּאַסטעכער צוגעגאַנגענ א לאַנגער בײַנערדיקער דײַטש מיט א פּאָר ברילנ אפ דער נאָז. ער איז געשטאַנענ מיט ברייט צעשטעלטע פיס אונ זיכ געשאָקלט אפ אײנ אָרט מיט א מינע, ווי ער זאָל זײַנ ווײניקסטנס א פעלדמאַרשאַל, אונ ניט קיינ פּאַשעטער אָבער־יעפרייטער פונ א „ווירטשאַפטס־קאָמפּאַני" ווילהעלמ טיטקע, וואָס האָט באַקומענ א באַפעל אויסקערעווענ צו־ריק די טשערעדעס, וואָס מע טרײַבט אפ מיזרעכ.

ער האָט זיכ געשאָקלט אונ מיט ביטערנ גאַל געקוקט איבער די קעפּ פונ די פּאַסטעכער, וואָס זײַנענ געזעסנ באַמ צוגעלאָשענעמ שײַטער אונ גערייכערט, ווי זײַנ אָנקומ וואָלט צו זיי קיינ שײַכעס ניט געהאַט. דער „אָבער" האָט זיכ נאָכ אַלצ ניט געקאָנט באַרויִקנ אונ קומענ צו זיכ פונ די אָנגעדראָלענע וועגנ, וואָס האָבנ אימ שיר ניט אַרויסגע־זעצט די קישקעס. כוץ דעמ, וואָס ער איז געווענ מאָלע־רעציכע אפ די פּאַסטעכער אונ זיכ געגרייט אויסגיסנ אפ זיי זײַנ גאַנצנ קאַס, איז ער נאָכ געווענ בייז אפ זײַנ סאָלדאַט, וואָס אָנשטאָט צו שטײנ לעבנ אימ אונ אָפּהיטנ זײַנ נעפּעש, פּאָרעט ער זיכ שוינ ערגעצ אינעמ וואָגנ, ווי א כאַזער, אונ וואַרפט דאָרט איבער די שמאַטעס.

נאָכ א רעגע איז דער „אָבער" געשטאַנענ שווײַגנדיק אונ מיטאַמאָל אויפגעהויבנ א געשריי. וואָרומ הײבנ זיי זיכ נישט אויפ, די רוסישע שווײַנענ, ווענ א דײַטש שטייט פאַר זיי? דער „אָבער" האָט זיכ גע־קאָכט, ער איז געווענ אויסער זיכ. ער האָט א נעמ געטאָנ דעמ אויטאָ־מאַט אינ די הענט, אונ די פּאַסטעכער האָבנ זיכ אויפגעהויבנ.

צומ ערשטנ, ווענ שמײַע האָט זיכ באַגעגנט מיטנ טויטנ־אײגל פו־נעמ אויטאָמאַט, האָט זיכ איבווייניק אינ אימ אפ איינ רעגע עפּעס ווי

אָפּגעריסנ, נאָר ער האָט זיכ גלײַכ גענומענ אינ די הענט, אונ ס'איז אים באַפּאַלנ עפּעס א מאָדנער גלײַכגילט צו אַלצ, װאָס ארומ אים, אונ ער האָט שױנ געװאָלט א מאַכ טאָנ מיט דער האַנט, װי אײנער זאָגט: „נו, װילהעלמ טיטקע, האַלטסט אינ די הענט דאָס ביקטשל, איז שמײַס! װאָס קאָנ איכ טאָנ מיט די הוילע הענט?“ נאָר גלײַכ איז שמײַענ אײַנ־געפּאַלנ, אז אזוי פּאָשעט אװעקגײנ פונ דער װעלט איז עפּעס גאָר נית קײנ טאַכלעס... נית שײנ! אונ פאַריכטנדיק דאָס היטל אפנ קאָפּ, האָט ער זיכ אָנגערופנ:

— מיר זײַנענ נית קײנ סאָלדאַטנ, װאַשע סאָקע בלאַהאָראָדיע, װײסנ מיר נית, װי מע דאַרפ שטײנ פאַר נאַטשאַלסטװע.

דער „אָבער“ װילהעלמ טיטקע האָט איבערגעקרימט שמײַענ אונ אים ארויסגעשטעלט א צונג, דערנאָכ האָט ער אריבערגעפירט זײַנ שיקערנ בליק אפ לוקאַטשנ אונ אויסגעשריגנ:

— יודע?!

דאַנילאָ האָט געקוקט אפנ דײַטש, אפ שמײַענ אונ נית פאַר־שטאַנענ, װאָס מע װיל פונ אים. האָט שמײַע פאַר אים געענטפערט:

— נײנ, פּאַנ, ער איז נית קײנ יוד.

— ליגנ! אַלע יודנ טראָגנ אזוינע בערדלעכ, װי ער.

שמײַע האָט זיכ באַדעקט מיט א שװײס, ביז ער האָט דערקלערט דעמ „אָבער“, אז קײנ יידנ זײַנענ דאָ ניטאָ אונ אז זײַנ גוטער־ברודער דאַנילאָ לוקאַטש געהערט נית צומ ײדישנ שײװעט, אונ װאָס איז שײַעכ דער באָרד, איז ער שױנ זײער לאַנג אינ װעג אונ האָט קײנ צײַט נית געהאַט גײנ צומ שערער.

שיפרע איז געשטאַנענ לעבנ שמײַענ אונ מיט שרעק געקוקט אפ דעמ „אָבער“ אונ אפנ סאָלדאַט, װאָס ריִעט איבער די זאַכנ אינ װאָגנ.

— יוד! קאַפּוט, קאַפּוט! — האָט אויסגעשריגנ דער אָבער־יעפרײ־טער אונ זיכ צעלאַכט, אונ אפ אימ קוקנדיק האָט זיכ אויכ צעלאַכט זײַנ ספּראַװנער סאָלדאַט, װאָס איז שױנ אהער געגאַנגענ מיט אנ אויסגע־שמירטנ פּיסק, באַקלעפּט מיט סמעטענע, אינ די זשמעניעס האָט ער געהאַלטנ שטיקער קעז, װאָס האָט זיכ אויסגעקנאָטנ אינ זײַנע בלאָטיקע הענט אונ באַקומענ דעמ קאָליר פונ קיט.

איצט, דערזעענדיק זײַנ סאָלדאַט, האָט דער „אָבער“ טיטקע ערשט באַקומענ קוראַזש אונ מיט א באַזונדער מינ זאַכלעכער שטרענגקײַט א זאָג געטאָנ צו די פּאַסטעכער:

— װוהינ טרײַבנ זײ עס דאָס פי? נאַכ װאָלגאַ?

— ניקאק ניעט! — האָט שמיִע זיכ אָנגערופנ, — מיר פאשעג עס דאָ.

— ציוריוק, ציוריוק! נאכ דויטשלאנד! נאכ דויטשלאנד! — האָט דער „אָבער“ געשפריצט דורכ די ציינ מיט סלינע, אז שמיִע האָט זיכ געמוזט א ביסל אָפּרוקנ פונ אים.

— וואָרום שטייענ זיי? שנעל, שנעל, ציוריוק, נאכ דויטשלאנד! פארשטאנענ?

שמיִע האָט א שאָקל געטאָנ מיטנ קאָפּ: ניינ, ער האָט גאָרנישט ניט פארשטאנענ, ער איז ניט קיינ באלעבאָס איבער דער כודאָבע.

— פארפלוכטער שווינ! — האָט אים דער „אָבער“ דערלאנגט מיטנ פויסט אינ דער זייט, — וואָס פארשטייט ער ניט, דער שווינ? דער באלעבאָס איבער דער כודאָבע אונ איבער גאנצ ראסיי איז איצט דער אָבער־יעפרייטער ווילהעלם טיטקע. ער איז באפולמעכטיקט פונעמ דריטנ רייכ, פונ דער „ווירטשאפטס-קאָמפאני“ אונ פונ דער דויטשער ארמיי. אלצ וועט ער באפוילנ ארויספירנ אונ ארויסטרייבנ נאכ דויטשלאנד, ניכט וואר?

שמיִע האָט צעפירט מיט די הענט, א קנייטש געטאָנ מיטנ שטערנ.

— איכ בינ א פאָשעטער פאסטעכ, פאנ, איכ האָב א באפעל צו פאשענ דאָס ביסל פי דאָ, פאשע איכ. אזוי האָבנ מיר געהייסנ מיינע באלעבאטים.

דער דייטש האָט זיכ צעלאכט, נאָר מיטאמאָל האָט זיכ זיינ פאָנעמ אָנגעגאָסנ מיט רעציכע, ער האָט אָנגעהויבנ שלאָגנ שמיִענ מיט די פויסטנ איבערנ קאָפּ, איבערנ פאָנעמ, צעריסנ אפ אים דאָס העמדל, אראָפּגעוואָרפנ דאָס היטל אינ בלאָטע אונ עס צעטאָפּטשעט מיט די פיס.

שמיִע האָט זיכ באוואשנ מיט בלוט, דער ווינט האָט צעשויבערט זיינע האָר, געפליקט די שטיקער פונעמ העמדל. ער איז אומגעפאלנ אונ זיכ אונטערגעהויבנ, קוקנדיק מיט עקל אפנ „אָבער“, וואָס האָט אפ אים אָנגעשטעלט זיינ אווטאָמאט. דאנילאָ איז אונטערגעלאָפנ צו זיינ גוטנ־ברודער, געוואָלט אים אופהייבנ, נאָר דער „אָבער“ האָט אים דערלאנגט מיטנ שטיוול אינ דער זייט, אונ לוקאטש איז אומגעפאלנ אונ זיכ צונויפגעקאָרטשעט פונ ווייטעק. ווענ דער לאנגער אזריעל איז איצט צוגעלאָפנ אונ זיכ איבערגעבויגנ איבער לוקאטשנ, האָט דער „אָבער“ אויסגעשאָסנ אימ אינ פלייצע, אזריעל איז געפאלנ אנ אונטערגעשניטענער.

— זאָ, זאָ, פארפלוכטע שווינענ! איצט, הייסט עס, פארשטייט מענ

שוינ, אז דער אָבער־יעפרייטער ווילהעלמ טיטקע, ניט קיינ אַנדערער, איז באלעבאָס איבער רוסלאַנד, אונ אימ דארפ מענ פאָלגנ! אלצ קאפוט! אוקראַינע — קאַפוט, מאָסקווע — קאפוט, לענינגראַד — קאַפוט, רוסלאַנד אונ באָלשעוויקעס — קאפוט. שנעל, שנעל, נאַכ דויטשלאַנד! — האָט שמײַען געקלונגענ אינ די אויערנ, אונ דער „אָבער" האָט באַוויזנ אַפנ פּי, וואָס האָט זיכ פונעמ שאָס אופגעהויבנ אונ זיכ צונויפגעשלאָגנ אינ שרעק, ווי פאַר א געוויטער.

שמײַע איז קוימ געשטאַנענ אַפ די פיס. א צעבלוטיקטער אונ אָנ אָפגעריסענער, א צעשויבערטער פונעמ ווינט, האָט ער איצט אויסגעזענ, ווי א פאַריאָגטער בעטלער. ער האָט ניט געהערט, וואָס עס שרײַט דאָרטנ דער „אָבער", ער האָט נאָר געקוקט אַפ זײַנע מעשונעדיקע האָווײַעס אונ זיכ דערפילט שטאַרק הערנידעריקט, וואָס ער איז איצט אַזוי אומבאַהאָלפנ, שוצלאָז פאַר די באַוואָפנטע דראָנגענ, וואָס קאָנענ אינ איינ אויגנבליק איבעררײַסנ זײַנ לעבנ. ערשט מיט עטלעכע מינוט איז אימ באַפאַלנ א גלײַכגילט, נאָר איצט, ווענ ער האָט דערזענ דעמ טויט פאַר די אויגנ, האָט זיכ אימ דערוועקט א מוירעדיקע קראַפט, א ווילנ, א דאָרשט צומ לעבנ. אינ זײַנע אויגנ איז איצט ניט געווענ קיינ פאַכעד, קיינ געבעט, עס האָט אינ אימ א שפאַר געטאָנ דער האַס, אונ דער האַס האָט אימ צוגעגעבנ מוט אונ קויעכ.

— נו, איז וואָס, — האָט דער „אָבער" געשריענ, ווי א באַנומענער, — וועלנ זיי שוינ טרײַבנ ציוריוק דאַס פי? ציוריוק, נאַכ דויטשלאַנד?! — שמײַע האָט א מאַכ געטאָנ מיטנ קאָפ: יאָ, מע וועט טרײַבנ, אונ אַליינ איז ער צוגעגאַנגענ צו דאַנילאָנ, אימ אופגעהויבנ פונ דער ערד אונ גענומענ אונטער דער האַנט:

— שטאַרק זיכ, דאַנילאָ, טײַערער, נעמ זיכ אינ די הענט, אַניט וועלנ זיי דיכ דערשיסנ.

— זאָלנ זיי שוינ בעסער שיסנ.

— וואָס רעדסטו, דאַנילאָ, — האָט שמײַע שטיל זיכ אָנגערופנ אונ אָפגעשטעלט דעמ בליק אַפנ טויטנ אַזריעלנ. טרערנ האָבנ שמײַענ געשטיקט אינ האַלדז, נאָר ער האָט ניט געקאָנט וויינענ — די ראָצכימ האָבנ אַפ אימ געקוקט, אונ ער האָט ניט געוואָלט, אַז זיי זאָלנ זענ זײַנע טרערנ.

— ציוריוק, ציוריוק! — האָט געברילט דער „אָבער".

שמײַע האָט א קוק געטאָנ אַפ שיפרענ אונ אַפ דאַנילאָנ, ווי ער זאָל צומ לעצטנ מאָל פרעגנ זייער אייצע. נאָר קיינ אַנדער אייצע איז ניט געווענ, ווי טרײַבנ די בהמות „ציוריוק", אָדער ליגנ אַפ דער ערד

טויט ווי דער לאַנגער אזריעל. זאָל דערווײַל זײַן אזוי, דערנאָך וועט מען זען.

די דײַטשן האָבן ארויסגעלאָזט א לאַנגע קוילן־ריי פון די אווטאָ־מאַטן איבער די קעפּ פון די בעהיימעס, און די פּאַסטעכער האָבן אויס־געקערעוועט די טשערעדע צוריק.

שמײַע האָט זיך אָפּ איין רעגע פאַרהאַלטן לעבן אזריעלס טויטן קערפּער.

— פּאַן, הא, פּאַן, — האָט ער געבעטן דעם יעפרייטער, — דער־לויבן אונדז באַערדיקן א מענטשן! ווילדע היינט וועלן דאָך זײַנע בייני צעטראָגן. א גוטער מענטש געווען.

— יאוואָל, יאוואָל, — האָט זיך געכאָכמעט דער אָבער־יעפרייטער ווילהעלם טימקע, — געוויס, איך וועל באַלד ארויסרופן די מוזיק־קאָמ־פּאַני מיט א באַטאַריי קאַנאָנען, מע זאָל געבן א סאַליוט. וואָס נאָך פאַרלאַנגט דער שוויַין?

שמײַע האָט געשעפּקעט אזריעלן דעם לעצטן בליק, א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און זיך געלאָזט צו דער טשערעדע. ער האָט אויפגעהויבן די בײַטש פון דער ערד און ווי מיט א פרעמדער שטים זיך צעשריען:— היידא, היידא, טײַוולאָנים! — און קיינער האָט ניט געוווּסט, צו וועמען דער געשריי איז געווען געווענדט.

צוויי דײַטשן מיט אווטאָמאַטן זײַנען געגאַנגען איבערן וועג און גע־פירט די מאָטאָציקלען. בײַ דער זײַט פונעם שליאַך האָט די טשערעדע געקנאָטן די בלאָטע. שמײַע איז געגאַנגען דער לעצטער א באָרוועסער, אָן אָפּגעריסענער, און זײַן הוילעך האָט ארויסגערופן בײַ די דײַטשן שפּאָט און געלעכטער. דער אָבער־יעפרייטער ווילהעלם טימקע האָט אָפּטלעך געוואָרפן אָן אָפּשאַצנדיקן קוק אָף שיפרען, וואָס איז געזעסן אויפן וועגעלע מיט די בידאָנעס. „זאָל מען זיך נאָר דערקלײַבן צו דער סטאַנציע, — האָט ער זיך געטראַכט, — וועט מען אַרײַן אין א שטוב און מע וועט א הוליע טאָן". איצט אָבער ציט צו זײַן אויפמערקזאַמקײַט אָט דער בעטלער, וואָס רופט בײַ אים ארויס א מאָדנעם געלעכטער, נאָר אָפּ דערשטיקט צו ווערן. פאַרוואָס גייט ער עפּעס אזוי שטאָלץ איבערן טראַקט, איבער וועלכן עס מעג מאַרשירן נאָר די דײַטשע ארמיי, — איז פּלוצלינג געקומען אויפן געדאַנק דעם אָבער־יעפרייטער ווילהעלם טימקע, — און ער האָט באַפוילן, אז יענער זאָל גיין בײַ דער זײַט, איבער דער בלאָטע, איבער די אָנגעוואָרפענע הורבעס שטיינער פונעם ניט־פאַרענדיקטן שאָסיי. אין א שטיקל צײַט ארום האָט זיך טימקע געכאַפּט, אז סע פּאַסט גאָר ניט פאַר אים צו שלעפּן

זיכ מיטנ מאָטאָציקל איבער דער רוסישער בלאָטע. איז ער צוגעגאַנגענ צו דער פור, אַראָפּגעוואָרפנ פונ דאָרט די בידאָנעס, מיט די שמאַטעס, אַראָפּגעשטויסנ שיפרענ, געהייסנ אַרופשלעפּנ די מאָטאָציקלענ, און גלײַכ נאָכ דעמ איז ער אַליינ אַרופגעקראָכנ אײנײנעמ מיט זײַנ סאָלדאַט. זיי האָבנ אַ יאָג געטאָנ דאָס פערדל, און פונ פריילעכקייט וועגנ האָט דער אָבער-יעפרייטער גענומענ מיטנ גאַנצנ קויעכ קוועטשנ די גומענע סירענע פונעמ מאָטאָציקל: „מאַכט אַ וואַריע, טיטקע פאָרט איבער אוקראַינע“. אַפ די פאַרבײַפאָרנדיקע מאַשינעס האָבנ די דײַטשישע סאָלדאַטנ זיכ געהאַלטנ בא די זײַטנ. דעמ אָבער-יעפרייטער איז נאָכ אַלצ געווענ קנאַפּ. האָט ער באַפוילנ, דער „בעטלער“ זאָל זיכ אַליינ אײַנשפּאַנענ אינ וואָגנ אַנשטאָט דעמ פערד. שמײַע האָט אָנגענומענ מיט בײדע הענט די האָלאָבליעס, פונ הינטנ האָבנ אונטערגעשטופּט דעמ וואָגנ דאַנילאָ מיט שיפרענ.

— אנו, גיכער, שווײַנענ, רירט זיכ! — האָט דער „אָבער“ פונ מאָל צו מאָל זיי אונטערגעטריבנ מיט דער בײַטש, — פאָר, פאָר! אָט פאַרענדיקנ מיר נאָר דעמ קריג, מיר נעמענ אײַנ גאַנצ רוסלאַנד, וועל איכ דיכ קײַנ בערלינ אַוועקפירנ. אַפנ זיג-פּאַראַד, אַפ שאַרלאָטענבורגער שטראַסע, וועסטו אונדז אַרומפירנ אַפ דעמ וועגעלע. דאָס וועט זײַנ דער שענסטער נומער אַפנ פעסט-מאַסקאַראַד.

שמײַע האָט געשלעפּט דעמ וואָגנ, און אינ די אויערנ איז אימ אַלצ געשטאַנענ דאָס געלעכטער פונ זײַנע פּאַסאַזשירנ און פונ די פאַרבײַפאָרנדיקע דײַטשישע סאָלדאַטנ, כאָטש אַפנ שליאַכ איז שוינ געווענ פוסט. ער האָט ניט באַמערקט, ווי ס'איז צוגעפאַלנ דער אָוונט, און עפּשער איז דאָס ניט דער אָוונט, נאָר די בלײַענע דאָנעצער וואָלקנס האָבנ זיכ אַראָפּגעלאָזט אַפ דער ערד און געמאַכט טונקל און שוואַרצ דעמ אַרומ. און עפּשער נעמט זיכ עס נאָר דערפונ, וואָס ס'איז אימ פינצטער אינ די אויגנ און דער טויט גייט אימ אַנטקעגנ!

אָט איז אַנ אַראָפּ-באַרג, קוימ וואָס שמײַע האַלט אײַנ דעמ וואָגנ, מיט די לעצטע קויכעס אײַנשפּאַרנדיק זיכ אינעמ דישל. דער וועג אַראָפּ-באַרג איז אויסגעפּלאַסטערט, און בא די זײַטנ, הינטער די קופּעס פריש-אָנגעוואָרפענע שטיינער, שוואַרצט זיכ אַ טיפער אָפּגרונט. אינ איינ אויגנבליק טוט אימ אַ בליצ אַ געדאַנק, און ער טוט זיכ אַ בייג אויס פונעמ דישל, דאָס פורל טוט ראַפּטאָמ אַ שפּרונג, שיפרע מיט דאַנילאָנ לאָזנ אָפּ מיט אַ געשריי די הענט פונ אַהינטערנ פורל, און דער וואָגנ מיט די פּאַסאַזשירנ פליט אינ טהאָמ אַרײַנ.

שיפרע מיט דאַנילאָנ זײַנענ צוגעלאָפנ צו שמײַענ. דערשראָקענע

האָבן זיי געקוקט אהין, פונוואַנען עס האָט זיך געהערט דער גערודער פון די שווערע דײַטשישע פראַכט־מאַשינעס.

— וואָס וועלן מיר איצטער טאָן?

— אַנטלױפֿן, אין סטעפּ! — האָט שמײַע אויסגערופֿן, — גיכער!

פּוסט איז געווען דער דאָנעצער סטעפּ, דער נידעריקער הימל פאַר־צויגן מיט שווערע, פינצטערע וואָלקנס, מיט רויכן פון ווײַטע סריפעס. ס'האָט אָן אויפהער געזיפּט אַן אײַנגעזעסן רעגנדל, און דער ווינט האָט דורכגענומען די ביינער.

דאַנילאָ לוקאַטש האָט זיך אַ רעגע אָפּגעשטעלט, אַראָפּגעשלעפּט פון זיך דאָס רעקל און עס אַרויפגעוואָרפן אויף שמײַעס פּלייצעס.

— וואָס טוסטו? דיר איז דען בעסער? — האָט זיך אָנגערופן שמײַע און פאַרגיכערט דעם טראָט.

—יאָ, איצט איז מיר שוין גוט, — האָט דאַנילאָ געענטפערט. די דאָנעצער נאַכט האָט זיי אײַנגעשלונגען.

צווישן מענטשן און בהמות

ס'איז שוין געווען טיפע נאַכט, ווען זיי האָבן ניט טויט, ניט לע־בעדיק זיך דערשלעפּט צו אַ פאַרלאָזט שאַכטיאָרן־שטעטל, וואָס איז געווען אײַנגעהילט אין כווישעך. די געסלעך זײַנען געווען פּוסט, און נאָר פון מאָל צו מאָל האָט מען געזען דורכלויפן אַ הונגעריקע קאַץ, וואָס האָט אַ בלישטשע געטאָן מיט אירע דערשראָקענע אויגן אין דער פינצטער און איז נעלעם געוואָרן. די ווענט זײַנען געווען שטאַרק צע־פאָרן, און די בלאָטע איז דערגאַנגען ביז די קני, אונטער די פיס זײַנען געלעגן אין דער בלאָטע צעטאָפּטשעטע שמאַטעס, צעקאַליע־טשעטע מעבל, צעבראָכענע שטוב־כלים, מע האָט גלײַך געקאָנט זען, אַז די פאַשיסטן זײַנען שוין דאָ געווען מיט אַ וויזיט, געמאַכט, פאַר־בײַפאָרנדיק, אַ פּאָגראָם און אַוועק ווײַטער.

דער דרײַליגן האָט זיך איבערגעקליבן איבער אַ טיפן יאַר און איז אַרײַן אין אַ פאַרלאָזט זײַטיק שטיבל, וווּ דורך די פענצטערלעך, וואָס זײַנען געווען פאַרהאַנגען מיט די שמאַטעס, האָט אַרײַנגעבלאָזן דער ווינט מיטן רעגן.

שיפרע זילבער, וואָס האָט זיך נאָך אַ ביסל געהאַלטן אויף די פיס,

האָט גלײַך גענומענ צעלייגנ אַ פײַער אינ אייוועלע, מע זאָל זיך קאָנענ דערוואַרעמענ. שמײַע האָט שוינ ניט געקאָנט עטעמענ אונ ניט געפילט אפ זיך קײנ לעבעדיקנ אייווער. ווי נאָר ער האָט מיט די הענט אָנגעטאַפּט א בעטל, וואָס איז געשטאַנענ נײט וויַט פונעם אייוועלע, האָט ער זיך אַוועקגעלייגט אונ גלײַך אײַנגעשלאָפנ, ווי א טויטער.

ווענ ער האָט זיך אופגעכאַפּט פונ שלאָפ, האָט ער דערזענ, אַז פונ יענער זײַט פענצטער איז שוינ גרויסער טאָג. שיפרע איז געלעגנ לעבנ אייוועלע אפנ דיל, צוגעדעקט מיט א רעדנע אונ צונויפגעוויקלט אינ א קולעק. לעבנ זײַנ בעטל האָט זיך אויסגעצויגנ אונ געשמאַק געכראָפּעט, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט געווענ זײַנע, דאַנילאָ לוקאַטש. אינ שטוב איז געווענ אומרייני, נאָר גאַנצ וואַרעם. אינעם אייוועלע האָבנ געטליִעט די קוילנ, אונ קײנ בעסערס האָט מענ זיך ניט געקאָנט ווינטשנ נאָכ אזא שווערנ וועג, מיט אַזויפיל סאַקאָנעס. האָט שמײַע טאַקע באַלד זיך איבערגעקערט אפ דער צווייטער זײַט אונ איז ווידער אנשלאָפנ געוואָרנ.

דאָס צווייטע מאָל האָט שמײַע זיך אופגעכאַפּט פונעם שלאָפ ניט אלײנ, ער וואָלט נאָכ געשלאָפנ אזוי א פּאָר מעסלעס, שיפרע האָט אימ אופגעוועקט. זי האָט שוינ באַוויזנ אָפּשיילנ קאַרטאָפליעס, וואָס זי האָט געפונענ דאָ אינ א שכײנישנ קעלער, אונ כוץ דעמ האָט זי אָנגעוואַרעמט א טאָפּ וואַסער, ער זאָל זיך אַרומוואַשנ. דאַנילאָ לוקאַטש האָט אויכ אַרומגעהאַוועט. ער האָט זיך שוינ געהאַט אַרײַנגעכאַפּט אינ א פּאָר פאַרלאָזטע הײַזלעך אונ געבראַכט פונ דאָרטנ פאַר שמײַענ א געלאַטעט, נאָר א רײנ העמד, א שאַכטיאָריש רעקל אונ א פּאָר הויזנ. ערגעצ האָט ער געפּאַקט א פּאָר צעריסענע שטיוול, וואָס מע האָט ווי-עס-איז געקאָנט שלעפּנ אפ די פיס. שמײַע האָט מיט מעווינעס אָנגעקוקט דאָס ביסל אָנטאָנ, איז אַראָפּ פונ בעט, אַרומגענומענ דעמ גוטנ-ברודער אונ זיך מיט אימ צעקושט. עס האָט אימ איצט האַרציק באַנק געטאָנ, וואָס מע האָט אָפּגעלעבט יאָרנ א דאָרפ לעבנ א דאָרפ, אונ מע האָט זיך אפ אַזויפיל איינס דאָס אַנדערע ניט דערקענט, ניט געוואָרנ אזוי אייגנ-נאָענט, ווי פאַר די-אָ עטלעכע טעג. שמײַע האָט גאָר ניט געוווּסט, מיט וואָס ער זאָל אָפּדאַנקענ דאַנילאָנ אונ דאָס צאַרטע שוואַרצכיינעוודיקע מיידל, וואָס האָט זיך שוינ באַוויזנ אַרומוואַשנ, צוקעמענ די האָר אונ פאַרפלעכטנ די צעפּ.

דאַנילאָ האָט אַרײַנגעשלעפּט שמײַענ אינ צווייטנ צימערל:

— וואַש זיך אַרומ, איכ וועל דיר אופגיסנ. מיר זײַנענ שוינ רוי-

נע, — האָט דאַנילאָ געזאָגט, — און דו האָסט נאָכ א פּאָנעם פונ א רועכ.

— נישקאָשע, מיר וועלנ אים אויכ באלד ארומוואשנ און איבער־טאָנ, — האָט שיפרע אראָפּגענומענ פונ אייוועלע דאָס הייסע וואסער אונ דערלאַנגט שמײַענ: — לאָזט, וועל איכ אופּגיסנ, איכ קאָנ בעסער.

— גיס אופּ, טאָכטער, לערנ זיכ, — האָט דאַנילאָ געזאָגט, — מיר וועלנ איבערלעבנ דעמ דײַטש, וועלנ מיר דיר פּראַוועג א כאַסענע, אז ס'וועט אזש גיינ א רויכ.

שיפרע האָט זיכ פארויטלט אונ א מאכ געטאָנ מיט דער האַנט.

— וואָס זשע מיינסטו, שיפרע, טאָכטער, אז ס'איז שוינ העפּקער פּעטרישקע? — איז שמײַע גלײַכ לעבעדיק געוואָרנ, ווענ ער האָט זיכ גענומענ וואשנ, — מיר וועלנ דיר נאָכ אינ קאָלאָניע אָפּשפּילנ א כאַסענע, וואָס די וועלט האָט נאָכ ניט געזענ. די סאָנים וועלנ צעזעצט ווערנ פאר קינע, די פרײַנט וועלנ צעשמאָלצנ ווערנ פונ פרייד.

— הערט שוינ אופּ, שמײַע, — האָט שיפרע זיכ פארשעמט אונ איז אוועקגעגאנגענ צומ אייוועלע גרייטנ עסנ. אינ די פרעמדע ריינע בגאָדים האָט זיכ שמײַע דערפילט עפּעס מאָדנע ניט באקוועמ, נאָר אז ער האָט א קוק געטאָנ אפּ זײַנע צעפליקטע, נאסע אונ קויטיקע שמאטעס, וואָס ער האָט ערשט אראָפּגעוואָרפנ פונ זײַנ לײַב, איז אימ א קעלט אדורכגעגאנגענ אינווייניק. ער האָט זיי ארויסגעוואָרפנ אינ דרויסנ, מע זאָל ניט זענ, אינ וואָס ער איז געקומענ, עמעצער זאָל ניט דערקענענ, אז מע איז דאָ אינ דער פרעמד.

מע האָט זיכ צוגעזעצט אינדרײַענ באמ טישל אונ גענומענ גע־שמאק עסנ די געבראָטענע קארטאָפליעס. ווענ שמײַע האָט דערזענ, אז שיפרע האָט נאָכ אָפּגעקאָכט א קריגל אָקרעפּ אונ מע וועט קאָנענ אויס־טרינקענ מיט זאלצ א ביסל טיי, האָט ער זיכ דערפילט גאָר געהויבנ.

— איר ווייסט, וואָס איכ וועל אײַכ זאָגנ? ס'איז טאקע עמעס, אז א מענטשנ דערקענט מענ אינ אנ אומגליק. איכ האָט ניט געוווּסט, אז שיפרע איז אזוא בעריע, מיט איר וועלנ מיר אינ ערגעצ ניט פארפאלנ ווערנ.

זיי האָבנ אזוי געמיטלעכ געפראוועט די סודע, אז זיי האָבנ גאָר פארגעסנ, אז מע געפינט זיכ אינ א פרעמדער שטוב. פּלוצעמ האָבנ זיכ דערהערט טריט. עמעצער האָט זיכ אהער דערנעענטערט, זידלענדיק אפּ א קאָל דעמ וועטער, דעמ נימעסנ רעגנ, די בלאָטע אונ די, וואָס האָבנ אזויפיל גוטס צעוואָרפנ איבער די גאסנ.

שיפרע האָט געכאַפּט אַ קוק אין פּענצטערל און דערזען, ווי עס גייט אַהער אַן עלטערע קליינוואוקסיקע פרוי מיט אַ קלומעק אויף די פּלייצעס. די אַלטיטשקע איז לאַנג געשטאַנען אַקעגן שטיבל, מיט פאַרוואונדערונג און שרעק געקוקט, ווי עס זעצט אַ רויך פון איר קוימען, און זיך גענומען ציילעמען — צי האָבן זיך קיין ניט־גוטע ניט פאַרקליבן צו איר? שיפרע איז איר אָבער אַרויס אַנטקעגן און אַרײַנגערופן די אַלטיטשקע אין שטוב.

— זײַט רויק, שרעקט זיך ניט פאַר אונדז. מיר זײַנען לײַטישע מענטשן, — האָט זיך אָנגערופן שמײַע און גלײַך אונטערגערוקט דער אַלטער אַ פּאָר הייסע קאַרטאָפליעס.

די אַלטע האָט זיך נאָך לאַנג אַרומגעקוקט, ווי זי זאָל זיך אַן אייצע האַלטן מיט זיך אַליין, און זיך גענומען אויסטאָן.

דאָס איז געווען איר שטיבל. ווען דער דײַטש האָט זיך אַהער דערנענטערט, האָט זי געכאַפּט אַ קלומעק און זיך געלאָזט לויפן נאָך די אָפּטרעטנדיקע רויטע טיילן, נאָר ווײַט איז זי ניט אַוועק, די דײַטשן האָבן איבערגעשניטן דעם וועג, און זי האָט זיך עטלעכע טעג געשלעפּט צוריק אַהיים.

די אַלטע האָט זיך לאַנג ניט געלאָזט בעטן און זיך צוגעזעצט צום טיש. דאָס איז געווען אַ קליינע, דיקע פרוי מיט אַ טונקל פול פּאָנעם און גרויע, באַוועגלעכע אויגן. דער מאַן אירער, האָט זי דערציילט, איז שוין אַ שטיק צײַט ערגעץ אין אַן אַרבעטער-באַטאַליאָן, צוויי זין זײַנען די ערשטע טעג מילכאָמע אַוועק אויפן פראָנט, און זי האָט פון זיי ניט קיין אײַנגעטונקטע פען. איצט האָט זי זיך אומגעקערט, ווײַל אויב די דײַטשן וועלן זי דערהאַרגענען, זאָל עס כאָטש געשען בא איר אין שטוב און ניט אינמיטן וועג, ווי זיי טוען עס מיט אַ סאך. זי האָט לאַנג דערציילט, וואָס עס טוט זיך אויף די וועגן, און אַלע דרײַ זײַנען געזעסן, זיך אײַנגעהערט אין אירע רייד, און כאָטש דאָס איז זיי גוט באַקאַנט געווען, איז זיי איצט געוואָרן זייער טרויעריק אויפן האַרצן.

די שאָען האָבן זיך געצויגן, ווי יאָרן. די אַלטע האָט שוין אָנגעהויבן באַלעבאַטעווען איבער שטיבל, אײַנגענעם מיט שיפרען אויפגעראַמט און אויסגעוואַשן יעדעס ווינקעלע, דערטאַפּט ערגעץ אַ פרישן געלעגער פאַר די געסט, נאָר שמײַע האָט זיך ניט געקאָנט באַרויקן. ער איז אַלע מאָל אַרויסגעלאָפן אין דרויסן, זיך אײַנגעקוקט אין דעם פאַרנעפּלטן, רעגנדיקן הימל, זיך אײַנגעהערט אין דעם געהילך פון די האָרמאַטן און ניט געוווסט, וואָס טוט מען ווײַטער. מע איז איבערגעשלאָפן

די צווייטע נאכט. פונ דער אלטערס רייד האָט ער פארשטאנענ, אז דער פראָנט האָט זיכ אָפגעשטעלט ערגעצ ניט ווײַט. דער דײַטש וועט זיכ מוזנ אײַנגראָבנ אינ דער ערד, אָט דאָ, אינ דאָנבאס, ווײַטער לאָזט מענ אימ ניט.

באשלאָסנ דורכשלאָגנ זיכ צומ פראָנט, איז שמײַע זיכ מעיאשעוו געווענ מיט דער אלטער, ווו פאקט מענ די נייטיקע פאפירלעכ, וואָס אינ פאל, אויב מע פארהאלט זיי, זאָל מענ זיכ קאָנענ ארויסדרייענ, אונ די אלטע האָט ארויסגעהאָלפנ. ערגעצ אינ קעלער האָט זי געהאט פארשטעקט דעמ מאגס עטלעכע ביכעלעכ אונ אלטע צײַגעניישנ, אציינד האָט זי זיי געבראכט צו טראָגנ, אונ שמײַע האָט זיכ אויסגעקליבנ צווישנ דעמ פאק פאפירלעכ אונ האלוואָע־אָבליגאציעס אנ אלטע צײַגעניש, אז ער, מיכאַיל אנדרייעוויטש דאנילינ, הייסט עס, איז א שאכטיאָר אונ ארבעט אפ דער 6־טער שאכטע־בים.

שמײַע האָט זיכ גוט אײַנגעלייענט אינעמ פאפירל, אויסגעלערנט אפ אויסווייניק די נײַע פאמיליע מיטנ נאָמענ אונ פאָטערנאָמענ, אײַנגעבאזערט עמ מיט זײַנע באגלייטער, אונ אינ א טאָג ארומ — ס׳איז געווענ א קאלטער, נאסער פרימאָרגנ — האָט די אלטע זיי ארויסגעפירט אפנ טראקט, געוויזנ דעמ וועג, צוגעווינטשנ גליק, אונ זיי האָבנ אוועקגעשפאנט ווײַטער, איבער דער בלאָטע. די נאסע קעלט האָט זיי דורכגענומענ. מע האָט זיכ געטוליעט איינער צומ אנדערנ אונ פונ מאָל צו מאָל אָפגעשטעלט איבערכאפנ דעמ אָטעמ. די פיס, וואָס האָבנ אָפ זיכ געשלעפט פודנ קלעפיקע בלאָטע, איז געווענ ניט אופצוהייבנ. ס׳האָט זיי אָבער געוואַרעמט דער געדאנק, אז מע איז שוינ ניט ווײַט פונ דער פראָנט־ליניע, אונ עפשער וועט זיכ אײַנגעבנ זיכ דורכרײַסנ.

— אלצ איז גוט, קינדער, — האָט זיכ אָנגערופנ שמײַע, ווענ מע האָט זיכ צוגעזעצט אָפרוענ הינטער א שטאל; — וואָס טוענ מיר אָבער, טאָמער שטעלט מענ אונדז אָפ אונ מע פרעגט, ווער מיר זײַנענ אונ וווהינ מיר גייענ?

— וואָס הייסט? — האָט ניט פארשטאנענ דאנילאָ, — א קוויטל האָסטו דאָכ א גוטס. מיר זײַנענ שאכטיאָרנ אונ גייענ זוכנ ארבעט.

— זייער שיינ, — האָט שמײַע דערווידערט, — וועלנ דיר די דײַטשנ געבנ א זאסטעפ אונ דיכ אראָפלאָזנ אינ דער שאכטע, זאָלסט פאר זיי גראָבנ קוילנ. אונ, כוצ דעמ, ווי מע קערעוועט זיכ אינ א שאכטע, ווייסטו כאָטש? אונ ארבעטנ פארנ דײַטש? א מאקע!

— מיר וועלנ זאָגנ, אז מיר גייענ אהיימ, מע האָט אונדז גענומענ גראָבנ אָקאָפעס, — האָט זיכ אָנגערופנ שיפרע.

— אַט דאָס איז א געדאַנק! — האָט שמיִע אויסגערופנ. — דו, שיפּרע, ביסט מײַנ טעכטערל, אונ דו, דאַנילאָ, מײַנ שאָכנ. מיר גייענ פונ די אָקאָפּעס.

זיי האָבנ נאָך ניט באַוויזנ צוקומענ צו א צווייט שטעטל, ווי עס האָבנ זיכ, ווי פונ אונטער דער ערד, באַוויזנ עטלעכע דײַטשנ אונ באַפוילנ זיי אופהייבנ די הענט צום אונטערזוכנ.

שמיִע האָט אַרויסגענומענ פונ דער הינטערשטער קעשענע זײַנ קוויטל, אז ער איז א שאַכטיאָר, אונ ער האָט גענומענ בעטנ, מע זאָל זיי אָפּלאָזנ, ווײַל מע גייט אַהיימ, אונ מע ווערט אויסגעריסנ פונעמ רעגנ, פונ דער קעלט. נאָר איינער פונ די סאָלדאַטנ האָט אימ דערלאַנגט מיטנ עלנבויגנ אינ דער זײַט אונ באַפוילנ גיינ אינ דער קאָמענדאַטור.

מע האָט זיי אינדרײַענ פאַרשפּאַרט אינ א קליינ פינצטער צימערל, וווּ זיי זײַנענ אָפּגעזעסנ אפנ דיל עטלעכע שאָ, ביז ס'איז אַרײַנגעקומענ אַנ אָפיצער אונ ווידער גענומענ באַטראַכטנ שמיִעס קוויטל.

— א שאַכטיאָר?

— יא, יא, פּאַנ, א שאַכטיאָר. אַלע דרײַ זײַנענ מיר שאַכטיאָרנ, — האָט שמיִע גיכ געענטפערט, ווי ער וואָלט מוירע האָבנ, יענער זאָל אימ ניט פרעגנ קיינ נײַע קאַשעס. — איכ בינ א שאַכטיאָר, מײַנ טאַטע, מײַנ זיידע — אַלע שאַכטיאָרנ.

— וועסט גיינ אַרבעטנ אפ דער שאַכטע?!

— אַלע וועלנ מיר גיינ, פּאַנ, דו לאָז אונדז נאָר אַרויס פונ דעמ גענעמ.

— אונ וווּהינ שלעפּט איר זיכ?

— פּאַנ, מיר גייענ פונ די אָקאָפּעס אַהיימ, — האָט שוינ שמיִע זיכ געקליבנ ווײַטער פאַריידנ דעמ אָפיצער די ציינ, נאָר יענער האָט זיכ געלאָזט צו דער טיר, אונ שמיִע האָט אימ נאָכגעשריִענ:

— פּאַנ, מיר קאָנענ אויכ פאַריכטנ רעדער, אויב איר דאַרפט.

דער געדאַנק איז געקומענ צו שמיִענ, ווענ ער האָט זיכ דערמאָנט, אז, דערבעענטערנדיק זיכ צומ אַרבעטער־ישעוו, האָט ער געזענ א סאַכ אָפּגעריסענע רעדער. פונ א דאַכ, האָט שמיִע געטראַכט, וועט גרינגער זײַנ צו אַנטלויפנ אינ סטעפּ, ווי פונ אונטערנ שלאָס. דער אָפיצער האָט זיכ אפ א רגע פאַרהאַלטנ אונ גלײַכ פאַרהאַקט הינטער זיכ די טיר.

אינ א שאָ אַרומ האָבנ צוויי סאָלדאַטנ אַרויסגעפירט שמיִענ פונ קאַמער אונ אימ געוויזנ, ער זאָל קריכנ פאַריכטנ דעמ דאַכ פונ דער קאָמענדאַטור, ווײַל סע ריִנט זיי דאָרטנ איבערנ קאָפּ. שמיִע האָט זיכ

דערפרייט, נאר ער האט באלעבאטיש באטראכט דאס שטיקל ארבעט אונ געזאגט, אז ער מוז האבנ זײַנע צוויי געהילפנ, דאס טעכטערל אונ דעמ שאכנ, וואס זײַנענ נאכ איבערגעבליבנ פארשפארט אינעמ פינצ-טערנ צימער! אינגיכנ איז שוינ שמײַע מיט דאנילאנ געזעסנ אפנ דאכ, אונ שיפרע האט אונטערגעטראגנ אונ דערלאנגט זיי ארופ בויגנס בלעכ. שמײַע האט זיכ געפארקעט אונ געקוקט אינ דער ווײַט. פונ פארשיידע-נע זײַטנ, זעט ער, שלעפט מענ אהער, אינ דער קאמענדאטור, צעבלו-טיקטע, צעמאזיקטע מענטשנ. אייניקע האט מענ אינ קעלער פאר-שפארט, אנדערע האט מענ געגעבנ לאפעטעס אונ געשיקט אפ די וועגנ. פונ דער געבײַדע, פונ אינעווייניק, האבנ זיכ אהער דערטראגנ מוירע-דיקע געשרייענ, א געוויינ, א גראבע דײַטשישע זידלערײַ. שמײַע האט נאכגעקוקט נאכנ סאלדאט, וואס האט געשפירט נאכ דעמ, ווי ער אר-בעט, אונ ער האט ניט געוווסט, צי זאל ער זיכ סטארענ פארציענ די זאכ, צי זאל ער עס מאכנ בעקיצער, עפשער וועט מענ זיי פארט בא-פרײַענ.

אז ער האט זיכ באנארישט אינ זײַנע פלענער אונ אויסשטעלע-נישנ, האט שמײַע פארשטאנענ ערשט פארנאכט. נאכ דעמ, ווי מע האט זיכ גוט אנגעמוטשעט אונ אויסגעווייקט אונטערנ רעגנ, האט מענ זיי אוועקגעפירט אינ די באראקנ אונ אינ דער גרויסער ענגשאפט פונ מענטשנ זיי דא פארשפארט. אינעמ אווערדיקנ, כווישעכדיקנ באראק איז ניט געווענ, ווו א נאדל צו ווארפנ. זיי האבנ זיכ ווי-ניט-איז ארײַנ-געשפארט אינ א ווינקל, זיכ אנידערגעזעצט אפנ נאסנ דיל אונ אזוי, אײַנגעקארטשעטע, אפגעזעסנ די נאכט, ניט צוגעמאכט מיט קיינ אויג. אייניקע האבנ צווישנ זיכ געשמועסט וועגנ דעמ, אז פארטאג וועט מענ אלעמענ צעשיסנ, ווײַל ערגעץ דא ניט ווײַט, אפנ וועג, האבנ אומבא-וווסטע פארטיזאנער צוריק מיט עטלעכע טעג דערהארגעט צוויי דײַ-טשישע מאטאציקליסטנ, אונ מע וועט ניט אופהערנ צעשיסנ מענטשנ, ביז מע וועט ניט געפינענ די שולדיקע. אזא באפעל איז אויסגעהאנגענ אינ די ארומיקע ישוווימ. אנדערע האבנ מיט גרויל דערציילט, אז די דײַטשנ ווארפנ מענטשנ אינ די פארגאסענע שאכטעס. נאר שמײַע האט שוינ נארנישט ניט געהערט. ער האט זיכ ניט געקאנט בארויקנ פונ דער מײַסע, וואס ער האט געהערט, וועגנ די מאטאציקליסטנ. עפשער זײַנענ דאס טאקע זײַנע, דער אבער-יעפרייטאר מיטנ צווייטנ שלימאזל, וואס האט געפרעסנ מיט די קויטיקע הענט דעמ קעז? ער איז אפ א ווײַלע פריילעכער געווארנ, נאר באלד האט אימ ארומגעכאפט א שרעק פאר שיפרענ, וואס זי זיצט דא איבער אימ אינ דעמ לעבעדיקנ קייווער. ער

האָט זיכ ניט געקאָנט מויכל זײַנ, פארוואָס ער האָט זי ניט געצוווּנגענ בלײַבנ דאָרט, אינעם ערשטנ שאכטיאָרנ־שטעטל, מיט דער אלטער.

די נאכט האָט אָנגעוואָרפנ א גרויל. שמײַע איז געזעסנ אינעם כוי־שעכ מיט פארגאנגענע אײַוורים אונ זיכ אײַנגעהערט, ווי עס ברומענ די הארמאטנ אינ דער נאכט, ווי ערגעץ ווײַט־ווײַט גייט א פארבי־מערט געשלעג. הייסט עס, אז דער דײַטש כאפט טאקע קלעפ, אז מע האָט אים אָפגעשטעלט מיטנ גאנצנ טראסק זײַנעמ, מיט די לאנגע קאָלאָנעס אווטאָמאָבילנ, מאָטאָציקלעטנ, מיט זײַנ גאנצנ איפעשדיקנ האָנער. אונ דאָס האָט שמײַענ געווארעמט אונ געפרייט, פונקט ווי אלע מענטשנ, וואָס זײַנענ געלעגנ דאָ פארשפארט.

עס האָט נאָר אָנגעהויבנ בלויענ דער פרימאָרגנ, האָט מענ אלעמענ ארויסגעטריבנ פונ די באראקעס. הונגעריקע, שלעפעריקע, נאקעטע, ציטערנדיקע פאר קעלט, זײַנענ הונדערטער מענטשנ געשטאנענ אפנ הויפ, ארומגערינגלט פונ דײַטשנ אווטאָמאטלער. דערנאָכ האָט מענ אלעמענ אויסגעשטעלט, ווי די סאָלדאטנ, אונ אוועקגעפירט מיטנ טראקט. מע איז געגאנגענ געבויגנ, געקאָרטשעט פונ הונגער אונ פונ דער מוירעדיקער הארבסטיקער קעלט. ווער ס'איז אָפגעשטאנענ, איז דערשאָסנ געוואָרנ אפנ אָרט. האָט מענ זיכ געשלעפט, געקנאָטנ די שווארצע, גע־דיכטע בלאָטע, צונויפגענומענ די לעצטע קויכעס, מע זאָל ניט אָפשטײַנ, מע זאָל פאר דער מינוט רו ניט באצאָלנ מיטנ לעבנ.

פארנאכטלעכ איז מענ אָנגעקומענ צו א גרויסנ ארבעטער־יִשעוו, אונ מע האָט זיכ אָפגעשטעלט בא לאנגע, פוסטע באראקנ מיט אויסגע־האקטע שויבנ. א דיקער, פעמפיקעוואטער דײַטש מיט א גרינעמ פאר־שלומפערטנ שינעל ביז די פיאטעס האָט פונ א ראָגאָזשע געטיילט יעדנ צו שטיקלעכ לײַמיקנ ברויט, מע האָט אוועקגעטריבנ דעמ אוילעמ אונ־טערנ רעגנ גראָבנ בא די וועגנ קאנאוועס, פאריכטנ דעמ צעפאָרענעמ שליאכ, האקנ שטיינער אונ בויענ א שאָסיי. גרויסע בייזע יאגד־הינט האָבנ ארומגענישטערט צוזאמענ מיט זייערע באלעבאטימ די פאטרולנ אונ געהיט די פארמאָרעטע, פארהאָרעוועטע געפאנגענע.

שמײַע, דאנילאָ אונ שיפרע זײַנענ געשטאנענ אפנ טראקט מיט די לאָפעטעס אונ געוואָרפנ די בלאָטע. מיט נײַגיריקע אויגנ האָבנ זיי זיכ אײַנגעקוקט אינ די פארבײַפאָרנדיקע מאשינעס. ס'איז געווענ צו זענ, אז די דײַטשנ זײַנענ שוינ נאָר ניט אזוי פרייליכ ווי פריער. זיי זידלענ אינ טאטנס טאטנ ארײַנ דעמ שליאכ, מיט די בלאָטעס, מיטנ רעגנ, נאָר ניט דאָס, זעט אויס, איז דער איקער. עפעס הוקענ צו שטארק די האר־מאטנ הינטער יענער גרויסער שטאָט, פאר וועלכער עס גייט שוינ אזוי־

פיל טעג א שלאכט. פונ דאָרטנ ציִענ זיכ איצט גאנצע קאָלאָנעס אוטאָ־מאָבילנ מיט פארווונדעטע, צעקלאפטע, פארבלוטיקטע דײַטשנ. שמײַע כאפט יעדעס מאָל א זײַטיקנ קוק אפנ טראקט און ווינטשעוועט צו: „האלעוויי אָפטער אזוינע כאסענעס, איכ וואָלט טאָג און נאכט געריינּיקט פאר אײַכ די וועגנ, אבי מע זאָל אײַכ מער אזוינע פירנ, אָנ הענט און אָנ פים".

מעשוגענערווײַז האָבנ זיכ געצויגנ די טעג. מענטשנ זײַנענ געפאלנ טויטע אפ די וועגנ, און דאָ, בא די קאנאוועס, האָט מענ זיי פארשאָטנ.

דורכ די נעכט האָט שמײַע געטראכט, וויאזוי מע אנטלויפט פונדאַנענ. מע האָט דאָס געמוזט טאָנ וואָס גיכער, ווײַל צו דאנילאָ לוקאטשנ האָבנ די דײַטשנ אלץ מער גענומענ צוקוקנ זיכ און שרײַענ, אז ער איז א ייִד, זײַנ בערדל הארגעט אימ אוועק. שמײַע איז געווענ אויסער זיכ, כאָטש נעמ און שער עס אימ אָפ. שוינ א פאָר מאָל איז שמײַענ אויסגעקומענ ארויסשלעפנ זײַנ קוויטל און אײַנטײַנענ, אז כאָטש בא דאנילאָנ איז טאקע קיינ קוויטל ניטאָ, נאָר ער איז זיכער א גאָענטער שאָכנ, און ער קאָנ שווערנ, אז קיינ ייִדיש בלוט איז אינ אימ ניטאָ. אינ אזעלכע מינוטנ, ווענ שמײַע פלעגט זיכ אוועקשטעלנ אויסטײַנענ מיטנ דײַטש, פלעגט דאנילאָ שטיינ און ציטערנ, מע זאָל כאָטש צו אימ, צו שמײַענ, זיכ ניט נעמענ טשעפענ.

די ערשטע פרעסטלעכ זײַנענ געקומענ פלוצלינג און אומדערוואַרט. אפ די וועגנ זײַנענ געבליבנ שטיינ פארגליווערטע הויכע שווארצע הרודעס קויט. די ערד איז מיטאמאָל פארקאָוועט געוואָרנ, און מע האָט די מענטשנ אראָפגענומענ פונ די וועגנ און געשיקט אינ די פאָרשטעט גראָבנ ערד־שטיבלעכ פאר די הײַמישע סאָלדאטנ, וואָס וועלנ שוינ דאָ דארפנ ווײַזט אויס, ווינטערנ. באנאכט, אינעמ קאלטנ באראק, האָט זיכ שמײַע געפײַניקט אינ דער פינצטער, זוכנדיק און ניט געפינענדיק קיינ וועג, וויאזוי מע רײַסט זיכ ארויס פונעמ קלעמ. אָפטמאָל איז אימ ווידער באפאלנ א גרויסע מאָרע־שכוירע, א שווערער גלײַכגילט האָט אימ ארומגענומענ, און ס'איז אימ געווענ אליינם — יאָ לעבנ צי ניט לעבנ, אבי עס זאָלנ זיכ ענדיקנ די ליידנ. ערגער פונ אלץ איז אימ, וואָס שיפרע, זעט ער, טריקנט פונ טאָג צו טאָג און באוואשט זיכ אינ די נעכט מיט טרערנ.

ס'איז שוינ שפעט, די אויסגעמאטערטע מענטשנ זײַנענ אײַנגעשלאָפנ, אָנגעוואלגערט אײנס אפנ אנדערנ, און מע כראָפעט אינ דער ענגשאפט, ס'איז פינצטער. שמײַע הערט, ווי שיפרע אָטעמט שווער לעבנ

אים, ווי דאַנילאָ קרעכצט פונ שלאָפ שטילערהייט. שמײַע קאָנ ניט אײַנשלאָפנ, ס'איז אים קאַלט, אונ א שווידער גייט אים ארום איבערנ לײַב.

אונ פּלוצלינג, הערט ער, ווערט עפּעס אינ שטאָט א מאָדנע שיסערײַ אונ א געלויפ. פונ יענער זײַט באַראַקנ שטעפּנ קוילנוואַרפער אונ אווטאָמאַטנ. עס טראָגנ זיכ געשרייענ אונ גוואַלדנ. די מענטשנ האָבנ זיכ אופגעכאַפּט. מע איז צוגעפאַלנ צו די פענצטער אונ דערזענ, אז אינ הויפ איז א גרויסע מעהומע, די קאָמענדאַטור ברענט, אונ די דײַטשנ לויפנ, ווי פאַרסאַמטע מײַז, אינ אלע זײַטנ. דער אוילעם האָט אופגעפּראַלט די טירנ אונ זיכ ארויסגעריסנ אינ דרויסנ.

— שלאָגט די דײַטשנ! קלאַפּט, מיט וואָס סע לאָזט זיכ! — זײַנענ דורכנ הויפ געלאָפנ רויטאַרמייער, געשריענ, געשאָסנ פונ די אווטאָמאַטנ אינ די אנטלויפנדיקע דײַטשנ.

שמײַע, דאַנילאָ אונ שיפּרע זײַנענ געשטאַנענ צווישנ אוילעם, וואָס האָט זיכ ארויסגעשאָטנ פונ די באַראַקנ, אונ קיינער פונ זיי האָט ניט געוווּסט, וואָס איז עס אזוינס פאָרגעקומענ. זאָלנ דאָס זײַנ די רויטאַרמייִשע טיילנ, וואָס זײַנענ אריבער אינ אָנגריפ אונ דורכגעריסנ די דײַטשישע ליניע? פאַרוואָס זשע איז די נאַכט געווענ אזוי שטיל? פאַרוואָס איז אלצ פאָרגעקומענ אזוי פּלוצלינג? נאָר לאַנג טראַכטנ איז קיינ צײַט ניט געווענ, אונ די מענטשנ האָבנ גענומענ לויפנ — ווער אינ שטאָט, ווער אינ סטעפּ, ווער אינ די נאָענטע יישוווים. דאָ, ארום די באַראַקנ, זײַנענ איבערגעבליבנ נאָר יענע, וואָס האָבנ זיכ שוינ ניט געקאָנט באַוועגנ.

שמײַע מיט זײַנע צוויי באַגלייטער האָבנ זיכ געלאָזט לויפנ צוזאַמענ מיטנ גרויסנ מענטשנ־שטראָם. די שטאָט איז געווענ באַלויכטנ פונ שרייפעס, אונ ס'האָבנ זיכ דאָ אונ דאָרט געהערט טעמפּע אופרײַסנ. דאָס האָבנ געברענט אונ געפלויגנ אינדערלופטנ די דײַטשישע סקלאַדנ מיט קליידונג, שפּײַז אונ געווער.

פונ דער שטאָט זײַנענ אײַנוווינער געלאָפנ אנטקעגנ אונ אָנגעזאָגט די בשורע, אז אנ אָטריאַד רויטאַרמייער, וואָס האָט זיכ אהער ארײַנגעריסנ אומדערוואַרט, האָט אונטערגעצונדנ דעם דײַטשישנ שטאַב, די שטאָט־קאָמענדאַטור, אויסגעהאַרגעט אָנ א שיר דײַטשנ.

אָפּגעשטעלט זיכ בא א ראָג אונ זיכ אָנגעבויגנ צו דער ערד — פונ פאַרשיידענע זײַטנ האָבנ געפײַפט קוילנ, — האָט שמײַע זיכ געייעצט מיט די זײַניקע — וואָס טוט מענ ווײַטער, וווהינ זאָל מענ לויפנ. ער האָט באַמערקט עטלעכע רויטאַרמייער, וואָס האָבנ זיכ געטראָגנ איבער

דער גאַס מיט אַ שיסערײַ אונ פאַרקערעװעט צו דער פאַרשטאָט, האָבנ זײ זיכ אַלע דרײַ געלאָזט לױפנ נאָכ זײ.

איבערגעשניטנ דעמ שליאַכ, האָט שמײַע דערזענ, װי פונ אַ הײפל זײַנענ אַרױסגעלאָפנ צװײ דײַטשנ אונ גענומענ שיסנ לענגאױס דער סלאָבאָדע. ער האָט ניט באַמערקט, װי עמעצער האָט פונ אַ פענצטער אַ װאָרפ געטאָנ אַ גראַנאַטע. עס האָט זיכ צעטראָגנ אַ שטאַרקער געהילכ, אונ די דײַטשנ זײַנענ געבליבנ ליגנ אַפנ טראָטואַר. שמײַע איז צוגעלאָפנ צו די געהאַרגעטע דײַטשנ, אַ כאַפ געטאָנ אַ ביקס, װאָס האָט זיכ געװאַלגערט דערבײַ, אונ אַ געשרײ געטאָנ צו זײַנ פרײַנט:

— דאַנילאָ, דו לעבסט נאָכ? אַנו, נעמ אױכ אַ ביקס. נעמ, שעמ זיכ ניט. — אונ זײ האָבנ זיכ אײַנדרײַענ אַװעקגעלאָזט װײַטער נאָכ די רױטאַרמײער.

די שטאָט האָט נאָכ געברענט פונ אַלע זײַטנ, װענ דער גאַנצער אױלעמ, װאָס איז געלאָפנ פונ די דײַטשנ, האָט זיכ גענומענ צונױפקלײַבנ אינ כטעפ, אינ אַ טיפער באַלקע. זײ האָבנ דאָ געטראָפנ עטלעכע רײענ געלאָדענע װעגענער מיט גוטע װוּקסיקע פערד, קױלנװאַרפער צעשטעלט בײַ די ראַנדנ, רױטאַרמײער, באַװאָפנטע מיט אװטאָמאַטנ אונ באַהאַנגענע מיט גראַנאַטעס.

ס'איז צוגעריטנ אַ שלאַנקער רײַטער אינ אַ כאַקענעמ רעגנ־מאַנטל אַפ די אַקסל. ער האָט אױסגעקערעװעט דאָס געדיכט באַװאַקסענע פּאַנעמ, פלינק אָפגעמאָסטנ מיטנ מידנ בליק דעמ אױלעמ, װאָס איז צוגעשטאַנענ צומ אָטריאַד רױטאַרמײער. באַפױלנ עפעס זײַנע געהילפנ, איז ער אַװעקגעריטנ פאָרױס, נאָכ אימ האָבנ זיכ געלאָזט אַ פּאָר צענדליק רײַטער, די פלינקע טאַטשאַנקעס, געלאָדענע מיט קױלנװאַרפער, די רױטאַרמײער מיט אװטאָמאַטנ, דער אָבאָז, אונ נאָכ זײ האָט זיכ אַ ציִ געטאָנ דער גאַנצער איבעריקער אױלעמ. שמײַע האָט אַרופגעזעצט שיפרענ אַפ אַ פור, אונ אַלײנ איז ער מיט דאַנילאָנ נאָכגעגאַנגענ פונ הינטנ, טראָגנדיק אַפ די רימענס די ביקסנ.

מע האָט ניט געװוּסט, װוּהינ מע גײט, נאָר לױטנ געהילכ, װאָס האָט זיכ געטראָגנ זײ אַנטקעגנ, איז קלאָר געװענ, אַז מע דערנעענטערט זיכ צו דער פראָנט־ליניע.

װענ ס'האָט גענומענ שאַרױענ אַפ טאָג, האָט מענ זיכ אָפגעשטעלט אינ אַ װעלדל אונ זיכ צוגעזעצט אָפרוענ נאָכ דער שװערער נאַכט גאַנג. שמײַע האָט געזענ, װי דער קאָמאַנדיר אינעמ רעגנ־מאַנטל, װאָס איז די נאַכט געריטנ אַפנ פערד, גײט איצט פונ פור צו פור, באַטראַכט דאָס פאַרמעגנ, שמועסט עפעס מיט די רױטאַרמײער, מיט די מענטשנ, װאָס

זײַנען נעכטן צו זיי צוגעשטאַנען. לויטן גאַנג און לויט דעם, ווי די רויטאַרמייער צײַען זיך פֿאַר אים, האָט שמיִע פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס דאַרף זײַן דער נאַטשאַלניק פֿונעם אָטריאַד, און ער האָט זיך אַרויסגערוקט און זיך אָנגעשפּאַרט אין א וואָגן — טאָמער וועט יענער עפּעס וועלן פֿרעגן, וועט ער שוין וויסן, וואָס אים צו דערציילן. באַמערקט, אַז דער נאַטשאַלניק דערנעענטערט זיך, האָט שמיִע א טאָרע געטאָן דאַבילאָן, ער זאָל זיך אויך אויפֿהייבן. און אַליין האָט ער זיך אויסגעצויגן, פֿאַריכט אַפֿן קאָפּ דאָס פֿאַרשמירטע היטל, גענומען די ביקס צום פֿוס, און עפּעס א מאָדנע וואַרעמקייט האָט אין אים א שפּיל געטאָן.

דער מענטש אינעם באַקענעם רעגן-מאַנטל איז צוגעגאַנגען און אָפּגעשטעלט דעם בליק אַף די עטלעכע מענטשן, וואָס זײַנען געשטאַנען באַם וואָגן.

— און ווער זײַנען די? — האָט ער א פֿרעג געטאָן באַם רויטאַרמייער, וואָס איז געגאַנגען באַנאַנד מיט אים.

— דאָס זײַנען באַפֿרײַטע פֿונעם לאַגער.

— פֿונעם לאַגער? — האָט ער איבערגעפֿרעגט און א קוק געטאָן אַף שיפֿרען, וואָס איז געווען בלאָו פֿון קעלט, — פֿונוואַנען ביסטו? — האָט ער א פֿרעג געטאָן דאָס מיידל, נאָר יענע האָט זיך אומגעקוקט אַף שמיִען, ווי זי זאָל ניט וויסן, וואָס צו ענטפֿערן.

— זי איז באַ אונדז א קאָמסאָמאָלקע, — האָט זיך אָנגערופֿן שמיִע און ניט געוווּסט, וואָס ער זאָל טאָן מיטן היטל, וואָס פֿאַלט איבער די אויגן, האָט ער עס אַראָפּגענומען און פֿאַרוקט אין דער הינטערשטער קעשענע, — קוקט ניט אַף אונדז, כאַווער נאַטשאַלניק, מיר זײַנען אַנטלאָפֿענע פֿונעם לאַגער. דאָס האָט פֿון אונדז דער דײַטש געמאַכט אַזא טאַבלעס.

דער קאָמאַנדיר פֿונעם אָטריאַד האָט זיך מיט זײַן שאַרפֿן בליק אײַנגעגעסן אינעם אַלטן. שמיִע איז גלײַך אַנשוויגן געוואָרן, ניט פֿאַרשטאַנען, פֿאַרוואָס קוקט ער אַף אים אַזוי מאָדנע, וואָס האָט ער אַף אים אַזוינס דערזען? ער האָט זיך אַליין גענומען אײַנקוקן אינעם פּאָנעם פֿונעם נאַטשאַלניק, וואָס איז געווען געדיכט באַוואַקסן מיט א בערדל, נאָר יענער האָט נאָך אַלץ ניט אַראָפּגענומען פֿון אים זײַן בליק, זײַנע אויגן זײַנען מיט יעדער רגע געוואָרן ברייטער און ברייטער, און שמיִע ווייסט שוין ניט, צי דאָס האָט זיך אים אויסגעוויזן, צי האָט ער טאַקע אינדערעמעסן דערהערט.

— טאַטע?!

שמײַע איז צוגעזאָטנ געוואָרנ צו דעמ אָרט. ס'האָט בא אימ אָפּגע־גומענ דאָס לאָשנ.

— טאַטענ! ווי קומסטו אהער?! ס'איז דו, טאַטע?

— איציק? איציק! — האָט אויסגעשריִענ שמײַע, געפאַלנ דעמ זונ אַפנ האַלדז אונ זיכ צעוויינט ווי א קינד. — דער גוטער־יאָר זאָל דיכ נעמענ, זונ מײַנער!

שמײַע האָט אימ ארומגעטאַפּט, אָפּגעגאַנגענע פונ אימ אונ זיכ ווידער געוואָרפנ צו אימ קושנ, ניט קאָנענדיק אָפּשטעלנ די טרערנ, וואָס זײַנענ געפלאָסנ איבער זײַנע פאַרוואַקסענע באַקנ.

מענטשנ האָבנ זיי ארומגערינגלט אונ ניט געקאָנט אָפּרײַסנ פונ זיי די בליקנ.

— איציק, וואָס איז מיט דיר, פאַרוואָס ביסטו אזוי פאַרוואַקסנ?

— וועסט זיכ נאָכ דערוויסנ, טאַטע, קומ, דאַרפסט זיכ א ביסל אָפּ־רוענ. וואָס איז פונ דיר געוואָרנ! ווי קומסטו אהער?

— פרעג ניט, איציקל, לאַנג צו דערציילנ, — האָט שמײַע זיכ אָנגע־רופנ, — איכ קוק אָפּ דיר אונ גלייב ניט מײַנע אויגנ. נישקאָשע, אַבי מע לעבט.

איציק ספּיוואַק, דער קאָמאַנדיר פונעמ אָטריאַד, האָט אָפּגעפירט דעמ טאַטנ מיט זײַנע צוויי באַגלייטער צומ קליינעמ געצעלט, וואָס איז גע־שטאַנענ אונטער צוויי אַלטע סאָסנעס, עטוואָס אָפּגעזונדערט פונ די ווענער.

צוריק צווישנ אייגענע

נאָכ דעמ ווי דער מאַיאָר ספּיוואַק איז ארומגעגאַנגענ אַלע פּאָסטנס אונ דורכגעקאָנטראָלירט, צי זײַנענ ריכטיק צעשטעלט די קוילנוואַר־פערס, פּאַטרולנ, צי מע האָט גוט פאַרמאַסקירט די פערד־אונ־וואָגנס, האָט ער זיכ געלאָזט גיינ צוריק צו זײַנ געצעלט אָפּרוענ. ניט ווײַט, אונטער א בערגל, האָבנ עטלעכע סאָלדאַטנ געגראָבנ אַנ ערד־שטיבל פאַר די ראַדיסטנ, וואָס האָבנ באַקומענ די אויפגאַבע אומבאַדינגט זיכ פאַרבינדנ מיט יענער זײַט פראָנט־ליניע, מיט דער דיוויזיע, וועלכע שטייט קעגניבער אונ וואָס מיט איר וועט זיכ דער אָטריאַד דאַרפנ פאַרייניקנ. אָט דאָס וועלדל אונ דאָס פעלד אהינטער דעמ האָט אימ, איציק ספּיוואַקנ, מיט עפּעס דערמאָנט אינ זײַנ גרענעצ־זאַסטאַווע, אונ אָט דער געדאַנק האָט אימ אָפּ א פּאָר מינוט אַוועקגעטראָגנ ווײַט, אהינ, צו דער גרענעצ.

נאָכנ אָנגעשטרענגטנ אונ שטורעמדיקנ וועג, וואָס ער האָט דורכגעמאכט די לעצטע צײַט, איז איצט זײַנ פּאָנעם געווענ צעקנייטשט אונ היפּש אָפּגעצויגנ. זײַנע גרויסע קאַרע אויגנ האָבנ דערפאַר אויסגעזענ נאָכ גרעסער. מיט די אָפּגעוואקסענע שווארצע וואָנצעס אונ מיטנ בערדל, וואָס האָט אימ קלאָל ניט געפּאסט, האָט ער איצט אויסגעזענ פיל עלטער פונ זײַנע נײַנ אונ צוואנציק יאָר. קײנער וואָלט איצט ניט געזאָגט, אַז דאָס איז יענער קוועקזילבערדיקער, פלינקער קאָמאנדיר פונ דער גרענעצ־זאסטאווע, וואָס פלעגט אַזוי ליב האָבנ שפּילנ מיט זײַנע סאָלדאטנ אינ וואָליבאָל, שווימענ, שטיפנ אונ פאָרשטעלנ אפ דער בינע פרײלעכע שטיק. איצט איז ער געווענ הארט אונ געשליפנ אינ זײַנע באוועגונגענ, שווער אפנ וואָרט, אפ די שלייפנ האָבנ שוינ ערגעצווו ארויסגעשפּראָצט גראָע האָר, די שטיוול זײַנענ געווענ א ביסל אויסגעקרימט, לאנג ניט געשמירט, נאָר דאָס גרינע היטל, וואָס איז אימ איבערגעבליבנ פונ דער גרענעצ־אוניפאָרמ אונ וואָס ער האָט אפ קיינ שומ אנדערנ אינ דער וועלט ניט געוואָלט פארבײַטנ, איז געזעסנ וויליונגעריש אפ א זײַט. כאָטש סע איז שוינ אויכ געווענ צעקנייטשט, אָפּגעבליאקעוועט פונ זונ אונ רעגנס, אויסגעשמירט אינ ליימ אונ ערד אונ ס'איז שוינ איבערהויפּט לאנג צײַט געווענ אָנטאָנ א ווארעמ היטל. אונ כאָטש איצט, א טויזנט ווערסט פונ דער גרענעצ, דאָ, אינ די דאָנעצער סטעפּעס, האָט עס אויסגעזענ מאָדנע, אונ מענטשנ, וואָס האָבנ זיכ דורכגעריסנ פונ דער ארומרינגלונג, איבערגעטאָנענע אינ וואָס סע האָט זיכ נאָר געמאכט, האָבנ אפילע אונטערגעשמייכלט, אונטערגעכויזעקט איבער די גרינע היטלענ פונ די גרענעצלער, וועלכע האָבנ אינ דער פולער אוניפאָרמ מיט שלאכטנ זיכ דורכגעשלאָגנ דעמ וועג, נאָר זיי, די גרענעצלער, האָט עס אפ קיינ האָר ניט געארט. בעעמעס, איציק ספּיוואק מיט זײַנע סאָלדאטנ האָבנ מיט גאָרניִשט ניט פארשוועכט זייער מונדיר.

מיט עטלעכע שאָ פארנ פלוצעמדיקנ איבערפאַל פונ די דײַטשנ, טיפ אינ דער נאכט, איז דער מאיאָר איציק ספּיוואק, וואָס איז דעמלט געווענ א נאטשאלניק פונ איינער א גרענעצ־זאסטאווע אינ א שיינ ווינקל באמ פרוט, אופגעשטאנענ אונ אופגעדרייט דאָס בלויע לעמפּעלע, וואָס איז געשטאנענ אפ זײַנ שרײַב־טיש. פאָרזיכטיק, ער זאָל קײנעמ ניט אופוועקנ, איז ער צוגעגאנגענ צומ בעטל, ווו עס איז געלעגנ, שמייכלענדיק פונ שלאָפ, זײַנ צוויי־יאָריק קוטשעראווע מיידעלע, א פּאָר ווײַלעס געשטאנענ איבער דעמ, זיכ איבערגעבויגנ, א קוש געטאָנ

אינ בעקל און אפ די שפיצ פינגער ארויסגעגאנגענ אפנ גאנעק, וואָס איז געווענ באוואקסנ מיט ווילדע ווינטרויבנ. ס'האָט שוינ אפ אימ געווארט זײַנ אדיוטאנט מיטנ געזאָטלטנ פערד. דער מאיאָר האָט זיכ א רעגע אײַנגעהערט אינ דער שטילקײַט פונ דער נאכט, דערנאָכ האָט ער זיכ ארײַנגעזעצט אינ זאָטל, אונ דאָס פערד האָט זיכ געלאָזט, ווי געוויינלעכ, צווישנ ביימער-געפלאָנטער פונעמ שמעקעדיקנ, געדיכטנ מאָר.

איבערנ קאָפ האָט זיכ אויסגעשפרייט א לויטערער, אויסגעשטערנטער הימל. א פולע לעוואָנע האָט באשײַנט דאָס פעלד. דער טײַכ האָט זיכ געפליוסקעט בא זײַנ הויכנ ברעג, אונ בלויז פונ יענער זײַט גרענעצ האָט זיכ געהערט א ווײַטער פארקײַכטער געביל פונ הינט.

די פאטרולנ, וואָס האָבנ באגעגנט דעמ נאטשאלניק, האָבנ איבערגעגעבנ, אז אפ יענעמ ברעג האָט מענ ערשט ניט לאַנג געהערט א גערויש פונ מאָטאָרנ. פונ דער ווײַט האָט מענ געזענ פארעס פונ א פאָר אווטאָמאָבילנ.

דער מאיאָר איז אראָפּגעקראָכנ פונעמ פערד, זיכ צוגעזעצט אפנ גראָז אונ זיכ אײַנגעקוקט אינ דער ווײַט, צומ צווייטנ ברעג. ס'איז דאָרטנ איצט געווענ שטיל, ס'איז גאָרנישט ניט געווענ צו באמערקנ. דאָכ איז ער ארײַנ אינ א גאָענטנ בלינדאַזש אונ אָנגעקלונגענ אינ שטאב ארײַנ, מע זאָל פארגרעסערנ די פאָסטנס, פארשטארקנ די וואכ. ער האָט אָנגעקלונגענ אפ דער שכײַנעסדיקער זאסטאווע, נאָר דאָרט האָט מענ אויכ מער גאָרניט באמערקט. לאַנג איז ער ארומגעגאַנגענ איבער דער גרענעצ, אויסגעהערט די גרענעצלער אונ זיכ געלאָזט גײַנ צופוס צו די ווײַטסטע פאטרולנ, אינעמ סאָסנאָווע וועלדל.

ס'איז שוינ געווענ גאַנצ שפּעט, ווענ ער האָט זיכ געקערט צוריק אהיימ. ער איז געגאַנגענ פאמעלעכ, אונ דאָס פערד איז אימ נאָכגעגאנגענ איבער דער ווייניק באטראָטענער סטעזשקע. ער האָט זיכ דערפילט מיד, אונ ער האָט געטראכט, אז אָט וועט ער זיכ באלד אויסטאָנ אונ זיכ אוועקלייגנ שלאָפנ אפ דער וועראנדע. ער האָט אפילע אָנגעזאָגט דעמ אדיוטאנט, מע זאָל אימ ניט וועקנ ביז אכט אינדערפרי, ווענ ער וועט דארפנ פאָרנ אינ שטאב אפ א זיצונג.

ביז זײַנ הויז אפ דער זאסטאווע איז נאָכ געבליבנ א דרײַ הונדערט שפּאנ. ער האָט זיכ אָפּגעשטעלט פארייכערנ, מיטאמאָל האָט אופגעציטערט די ערד, עטלעכע שווערע דונערנ האָבנ צערודערט דעמ ערעוופרימאָרגנ. איציק ספּיוואק האָט נאָכ ניט באוויזנ א טראכט טאָנ, ווי האָט עס אופגעריסנ, ווי ער האָט דערזענ, אז די זאסטאווע ברענט,

די גאַנצע לופט איז פול געוואָרנ מיט אַ מעשוגנעדיקנ געוווי פונ מי־
נעס און סנאַריאַדנ. איבערנ קאָפ האָבנ גענומענ פײַפנ קוילנ, נאָר
ניט ווײַט האָט אינ איינ אויגנבליק אַ סקאַוווטשע און אַ זעצ געטאָנ
אַ שווערע מינע און אויפגעהויבנ אַ קנויל ערד מיט פײַפנדיקע שפּלי־
טערס, דאָס פערד איז אומגעפאַלנ. די לעוואָנע־שײַנ האָט באַלויכטנ
דאָס בלוט, וואָס האָט אַ פלייצ געטאָנ פונ זײַנע נאָז־לעבער. איציק האָט
אַ פאַל געטאָנ אַפ דער ערד, צוגעפויזעט צו אַ גריבל, אַ געשריי געטאָנ
צום אַדיוטאַנט, ער זאָל זיכ אויכ לייגנ, נאָר יענער האָט מיטאַמאָל
זיכ אַ וואַלגער געטאָנ אַפנ וועג מיט ברייט־צעוואָרפענע הענט, ווי ער
זאָל וועלנ אַרומנעמענ די גאַנצע ערד. דאָס פערד זײַנס האָט אים אַ
ביסל אַ שלעפּ געטאָנ איבערנ גראָז, זיכ אַרויסבאַפרײַט און דול זיכ
געלאָזט לויפנ איבערנ פעלד, וואָס איז באַשאָסנ געוואָרנ פונ עטלעכע
זײַטנ. ווענ איציק האָט צוגעפויזעט צום אַדיוטאַנט, איז שוינ יענער
געלעגנ טויט, אָנ באַוועגונג, און ניט ווײַט פונ אים האָבנ געגלאַנצט
עטלעכע בלאָוולעכע שפּליטערס. דער מאַיאָר האָט זיכ אומגעקוקט צו
דער זאַסטאַווע. אַלע געבײַדעס, וואָס זײַנענ געשטאַנענ אַפנ בערגל,
האָבנ געפלאַקערט, עס האָט געברענט פונ אַלע זײַטנ דער סאַד, און
ס'האָט זיכ אַהער דערטראָגנ דאָס שטילע קרעכצנ פונ די ביימער
אינעם פרעסנדיקנ פײַער.

דער מאַיאָר האָט זיכ אַ הייב געטאָנ פונעם אָרט און זיכ געלאָזט
לויפנ צו דער זאַסטאַווע, נאָר, אָפגעלאָפנ עטלעכע טריט, האָט ער דער־
פילט, ווי אַ קויל האָט אַ ברי געטאָנ זײַנ האַנט, ער איז אומגעפאַלנ
אַפ דער ערד, און ס'האָט זיכ אים געדאַכט, אַז אַ מוירעדיקער קויעכ
האָט אים צוגעפרעסט צום טויִקנ גראָז און לאָזט אים ניט אויפהייבנ
זיכ. פונ דער זאַסטאַווע האָבנ זיכ געטראָגנ קוילעס, געשרייענ. ער האָט
אויפגעהויבנ דעם קאָפ. דאָרטנ, אינעם פײַער, איז זײַנ קינד, זײַנ פרוי...
ער האָט מוירע געהאַט צו טראַכטנ, וואָס איז איצט מיט זיי... ער מוז
דאָכ נאָר איצט זײַנ אינ די טראַנשייעס, וואָס אַרום דער זאַסטאַווע,
צוזאַמענ מיט זײַנע סאָלדאַטנ... אָט האָט זיכ אַהער דײַטלעכ דערטראָגנ
פונ דעם אַנדערנ ברעג טײַכ אַ זידלערײַ אַפ אַ פרעמדער שפּראַכ, דער
מאַיאָר האָט צונויפגענומענ דאָס לעצטע ביסל קויעכ און איז אַוועקגע־
קראָכנ צו דער זאַסטאַווע. אינ פאַרשיידענע זײַטנ זײַנענ דאָ און דאָרט
געלעגנ טויטע און פאַרווונדעטע גרענעצלער. ער איז אַרײַנגעקראָכנ אינ
אַ טיפער קאַנאַווע, דאָס העמד אַפ אים איז נאַס געווענ פונ שווייס
און בלוט, ער איז געווענ פאַרטויבט פונעם געהילכ און ניט געהערט,
וואָס מע שרײַט צו אים, ער האָט נאָר באַמערקט, אַז די גרענעצלער

ווײַזן אים אַהין, צום טײַך, ווו דײַטשישע סאָלדאַטן האָבן געשלעפּט אַף די פּלײצעס קוילנוואַרפער, שיפּלעך און פּאָנטאָנען. ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, מע זאָל ניט צולאָזן דעם סוינע צום ברעג. די פּאָר גאַנץ געבליבענע קוילנוואַרפער האָבן געעפנט אַ פײַער, און ווער ס'האָט זיך נאָך געהאַלטן אַף די פיס, ווער ס'האָט נאָך געהאַט קוילן, האָט געשאָסן.

דער מאַיאָר האָט שנעל פאַנאַנדערגעשטעלט די פאַרבליבענע מענטשן, וואָס האָבן נאָך געקאָנט אָנטייל נעמען אין דער שלאַכט, און צום קוילנוואַרפער האָט ער, פאַרבײַסנדיק די ליפּ פון ווייטעק, זיך אַליין געשטעלט.

די קייט דײַטשן און רומענער, וואָס האָבן זיך אַ שאָט געגעבן אויפן ברעג, האָט אָנגעהויבן אָפּטרעטן, וואַרפנדיק די שיפּלעך און פּאָנטאָנען. נאָר מיט יעדער ווײַלע האָט די פײַנטלעכע אַרטילעריע אַלץ פאַרבי־טערטער גענומען באַשיסן די זאַסטאַווע און די קלײנע גרופּע גרענ־עצלער, וואָס איז אַזוי ווי פון טויט לעבעדיק געוואָרן און אײַנגעקלאַ־מערט זיך אינעם שטיקל ערד.

אַ גאַנצן טאָג האָט זיך געהאַלטן דער מאַיאָר מיטן הײַפל גרענעצ־לער. סוף טאָג איז געוואָרן שטילער. נאָר ווען ס'האָט זיך אָנגערוקט די נאַכט, האָבן כאָפּטעם היטלעראָווצעס, אונטערשטיצט פון אַן אוראַ־גאַן־פײַער פון דער פײַנטלעכער אַרטילעריע, זיך אַ לאָז געטאָן פון אַלע זײַטן אויפן וואַסער, און פאַרטויבנדיק די שיטערע שיסערײַ פון די פּאָר קוילנוואַרפער, זיך אַ לאָז געטאָן אַף שיפּלעך און פּאָנטאָנען צום אַנדערן ברעג.

ווײַט אַרום האָט מען שוין געהערט דאָס אײמעדיקע גרילצן פון די דײַטשישע טאַנקען, וואָס האָבן פון פאַרשײדענע זײַטן, רעכטס און לינקס, דורכגעריסן די גרענעץ. מיט זײַן הײַפעלע מענטשן איז דער מאַיאָר ספּיוואַק געלעגן אַף דער כאָרעוועער זאַסטאַווע ווי אַף אַ קלײן אינדזעלע, וואָס איז פון אַלע זײַטן באַדראָעט דורך אַ ווילד־שטאַרקער, בײזער סטיכיע. ער האָט געקוקט אויפן בערגל אַש — אַלץ, וואָס איז געבליבן פון זײַן שטוב, פון זײַן פרוי און קינד, און צום ערשטן מאָל האָבן די מענטשן דערזען, ווי זײער קאָמאַנדיר וויינט...

נאָך האַלבער נאַכט האָט ער צוגעצײלט די פאַרבליבענע גרענעצ־לער, און זײ האָבן זיך אַוועקגעלאָזט מיטן סטעפּ. זײ זײַנען געגאַנגען מיט ברענענדיקע הערצער, פול מיט האַס און אַנטשלאָסנקייט דורכ־צושלאָגן זיך צו די אײגענע, וואָס עס זאָל זײ ניט קאָסטן, זײ זײַנען

געגאנגענ מאָנענ אונ צאָלנ פאר דעמ שיינעמ יונ־פרימאָרגנ, פאר די וווּנדנ, פארנ בלוט, וואָס האָט געפאָדערט נעקאָמע.

צוועלפ לעבנ־געבליבענע גרענעצלער מיט זייער קאָמאנדיר, אלע אינ גרינע היטלענ, האָבנ זיכ געלאָזט אינ שווערנ וועג מיט א קוילנוואר־פער, ביקסנ אונ גראנאטעס, מע האָט געטראָגנ אפ די הענט די פאר־וווּנדעטע, מע האָט זיי איבערגעלאָזט אינ וועג בא גוטע פריינט, בא טרייע סאָוועטישע מענטשנ, אונ מע איז געגאנגענ ווייטער.

צוועלפ סאָוועטישע סאָלדאטנ אינ גרינע היטלענ פונ גרענעצלער זיינענ געגאנגענ דורכנ הינטערלאנד פונעמ פיינט אונ זיכ דורכגעשלאָגנ א וועג, כאָטש אפ זיי האָט פונ אלע זייטנ געלויערט דער טויט.

אינ וועג איז דאָס הייפל דרייסטע מענטשנ ארומגעוואקסנ מיט נאָכ אזוינע, ווי זיי. מיט יעדנ באזונדער האָט דער מאיאָר זיכ באַ־קאנט אונ אריינגענומענ אינ אָטריאד נאָר דעמלט, ווענ ער האָט זיכ איבערצייגט, אז דער מענטש איז גרייט זיכ שלאָגנ אפ לעבנ אונ אפ טויט.

אינ די נעכט זיינענ זיי, אויסמיידנדיק גרויסע, אָפענע שלאכטנ, באפאלנ דייטשישע גארניזאָנענ, ווי א שטורעמ, פארניכטעט אלצ, וואָס איז זיי געשטאנענ אינ וועג, געצונדנ, אופגעריסנ, צעשאָסנ.

אזוי איז געגאנגענ פונ דער ארומרינגלונג דער מאיאָר איציק ספּי־וואק איבער דער ליבלעכער סאָוועטישער ערד, וואָס איז געווענ פאר־פלייצט פונ דעמ סוינעמס כאיאָלעס. דאָ, אינ דאָנבאס, האָט ער שוינ געהערט די הילכיקע שיסערייַ פונ די רוסישע הארמאטנ, דעמ מונטער־דיקנ גערויש פונ באקאנטע סאָוועטישע אעראָפלאנענ, וואָס זיינענ גע־גאנגענ באָמבירנ די פיינטלעכע קאָלאָנעס, אונ זיינ הארצ האָט זיכ געפרייט.

צוויי נעכט זיינענ די אויסשפירער פונעמ אָטריאד ארומגעקראָכנ איבער די נאָענטע באלקעס אונ דערפלעכ, געזוכט דאָס אָרט, ווו מע וועט זיכ קאָנענ לייכטער דורכרייסנ דורכ דער פראָנט־ליניע. דער מאיאָר איז די גאנצע צייט ניט אָפגעטראָטנ פונ די ראדיסטנ, מע האָט געמוזט וואָס גיכער איינשטעלנ דעמ קאָנטאקט מיט דער קעגנאיבער־שטייענדיקער דיוויזיע. ענדלעכ, איז דאָס זיי געלונגענ.

נאָכ האלבער נאכט האָט דער מאיאָר אופגעהויבנ דעמ אָטריאד, דערקלערט די לאגע, באפוילנ די מענטשנ ארויסווארפנ אלצ, וואָס איז איבעריק, נאָכאמאָל דורכגעקוקט דאָס געווער, אונ מע האָט זיכ גע־לאָזט אינ וועג. זיי זיינענ געגאנגענ מיטנ פארקאָוועטנ דאָנעצער סטעפּ,

וואָס איז געווענ פאַרפאַראַשעט פונעמ ערשטנ שנײ. ווענ מע איז צוגעקומענ צו דער קרומער באַלקע, האָט ער צומ לעצטנ מאָל אַלצ דורכגעקוקט, דורכגעשמועסט זיכ מיט די מענטשנ אונ, איבערצײַגט זיכ, אַז ס'איז אַלצ גרייט, ארויסגעלאָזט דרײַ גרינע ראַקעטעס. אינ א רעגע ארומ זײַנענ אַפ יענער זײַט פראָנט-ליניע ארופגעפלויגנ אינ דער הייכ פונקט אַזוינע דרײַ ראַקעטעס אונ א לאַנגע צײַט באַלויכטנ א שטיק באַלקע מיטנ ראַנד פונעמ נאָענטנ וועלדל. דערזענ זיי, האָבנ אַלע מענטשנ א צאַפּל געטאָנ פאַר פרייד, אַזוי נאָענט אונ אַזוי געגאַרט איז פאַר זיי איצט געווענ דאָס בערגל, ווו אַפ דער אַנדערער זײַט זײַנענ שוינ געשטאַנענ די סאָוועטישע טיילנ. ליִנקס אונ רעכטס פונ זיי האָט די אַרטילעריע פונ יענער זײַט מיט א פרייַלעכנ, מעכטיקנ געדונער ארויסגעלאָזט אַפ די דײַטשישע טראַנשייעס א האָגל פונ סנאַריאַדנ אונ מינעס. דער אָטריאַד האָט זיכ א ריס געטאָנ פאָרויס דורכ דער באַלקע, צווישנ די פײַערנ, אומגעריכט באַפאַלנ פונ הינטנ די דײַטשישע טראַנשייעס אונ פאַרשאָטנ זיי מיט גראַנאַטעס. ווענ עס האָבנ זיכ אָנגעהויבנ לעבנ זיי לייגנ פײַנטלעכע מינעס, אונ קוילנ האָבנ זיכ צעפײַפט איבער זייערע קעפּ, זײַנענ שוינ די מענטשנ פונעמ אָטריאַד געלאָפנ צומ פאָדערשטנ ראַנד.

עטלעכע סאָוועטישע אָפיצערנ זײַנענ ארויסגעגאַנגענ באַגעגענענ דעמ אָטריאַד. אינ דער פינצטער האָט מענ זיכ געדריקט די הענט, געקושט. אינ דער באַלקע, ווו עס זײַנענ געשטאַנענ די בליִנדאַזשנ, האָט זיי באַגעגנט דער גענעראַל, דער קאָמאַנדיר פונ דער דיוויזיע, וואָס אַפ זײַנ באַצירק האָט זיכ דורכגעריסנ דער אָטריאַד. ער האָט געהייסנ אָפּפירנ דעמ אָטריאַד אינ צווייטנ עשעלאָנ פונ דער דיוויזיע, אָנהאָדעווענ אונ ברענגענ אינ אָרדענונג די מענטשנ, אונ דעמ מאַיאָר האָט ער אײַנגעלאַדנ צו זיכ אינ בליִנדאַזש.

גאַנצפרי איז דער גענעראַל, אינ דער באַגלייטונג פונעמ מאַיאָר, אַראָפּגעקומענ אינעמ נאָענטנ דאָרפ זיכ באַקענענ מיטנ אוילעמ פונעמ אָטריאַד. זיי זײַנענ געגאַנגענ פונ שטוב צו שטוב אונ געקוקט אַפ די מענטשנ, וואָס האָבנ גערוט, די פליִנקע שטאַב-שרײַבער האָבנ אײַבערגעשריבנ די סאָלדאַטנ אונ סערזשאַנטנ, וואָס בלײַבנ אינ דער דיוויזיע, אונ די ציווילע, די עלטערע מענטשנ, די פרויענ איז באַפוילנ געוואָרנ דעמ זעלבנ טאָג אָפּפירנ צו דער אײַזנבאַנ-סטאַנציע אונ זיי איבערשיקנ ווײַטער, אינ הינטערלאַנד.

שמײַע, וואָס איז געלעגנ אַפ א רעדנע לעבנ אויוונ, האָט זיכ אופגעהויבנ, זיכ אויסגעצויגנ פאַרנ גענעראַל אונ זיכ אָנגערופנ:

— כאווער גענעראל, איך מעג אייך עפעס זאָגן?

— וואָס וועט איר זאָגן? — האָט דער גענעראל אים אָפּגעמאָסטן מיט זיינע באַוועגלעכע טונקעלע אויגן.

— איך וויל אייך בעטן, איר זאָלט מיך אין ערגעץ ניט שיקן.

— פאַרוואָס? מיר וועלן אייך אופּוועצן אַפן צוג.

— איך דאַנק אייך. נאָר איך וויל גיין זיך שלאָגן מיטן דייטש.

איך האָב מיט דעם הונט זיך נאָך געשלאָגן אין יענעם קריג.

— קוק נאָר אָף אים, — האָט זיך דער גענעראל הילכיק צע־לאַכט, — ווי אַלט ביסטו?

— איך בין נאָך ניט אַזוי אַלט, ווי סע קאָן זיך אויסדאַכטן, — האָט שמעיע געזאָגט, — קוקט ניט, וואָס די שלייפן זיינען אַזוי גרוי, ווען ניט דער דייטש...

— אייער פאַמיליע?

— שמעיע איזראַילעוויטש ספּיוואַק. אונטער פּערעקאָפּ האָט מיך מיכאַיל וואַסילעוויטש פרונזע באַלוינט מיט אַן אָרדען פון דער רויטער פאָן.

— אַזוי? — האָט דער גענעראל צופרידן שמייכלענדיק, געקוקט אָף שמעיען, — וויאַזוי, זאָגסטו, הייסטו?

— שמעיע איזראַילעוויטש ספּיוואַק, — האָט ער זיך אָנגערופן און עטוואָס צעשמייכלט א קוק געטאָן אַפן זון.

דער גענעראל האָט זיך א קער געטאָן צום מאַיאָר, ווי ער זאָל אים וועלן פרעגן זיין מיינונג, נאָר ער האָט זיך ווידער געווענדט צו שמעיען:

— און וווּ זיינען אייערע אייגענע?

— וועד ווייסט, וווּ זיי זיינען — האָט שמעיע געענטפערט. — זיי מוזן איצט ערגעץ זיין אין סיביר, אין א קאָלכאָז, א זון האָב איך, איז ער א באַטשאַלניק.

— וווּ איז אייער זון?

— מיין זון? אָט שטייט ער, — האָט שמעיע אָנגעוויזן. דער גע־נעראל האָט זיך פאַרוווּנדערט און, ווי ער זאָל ניט גלייבן, געקוקט אָף זיי ביידן.

— אַן אייגענער זון?

— אַן אייגענער.

— און איר ווי טראַכט, כאַווער מאַיאָר?

— איך טראַכט, אַז מע דאַרף אים אָפּשיקן.

— איך אויך דאָס זעלבע.

— באוועד גענעראל, לאָזט מיכ איבער בא אײַכ, — האָט שמײַע גענומענ בעטנ, — איכ וועל אומזיסט בא אײַכ קײנ ברויט ניט עסנ. וואָס איר וועט הייסנ, וועל איכ טאָנ.

דער גענעראל האָט זיכ געלאָזט גײנ אונ, צוריקגעקערט זיכ, א פרעג געטאָנ:

— א קעכער וועסטו קאָנענ זײַנ?

— קײנ קעכער ניט. איכ וויל אינ מײַנ פעכאָטע.

— אינ פעכאָטע? דאָרטנ וועט פאַר דיר זײַנ שווער. נו, רעכט — אינ ארטילעריע! וועסט אונטערטראָגנ סנאריאדנ, הערנאָכ וועלנ מיר זענ, — האָט געזאָגט דער גענעראל אונ אופגעשטעלט דעם בליק אפנ מאיאָר.

אפנ אנדערנ טאָג האָט מענ שוינ שמײַענ ניט געקאָנט דערקענענ. ער איז געווענ פארפוצט אינ נײַע סאָלדאטישע קליידער, אינ א גרויענ, קורצנ שינעל, פארצויגנ מיט א גלאנציקנ - געלנ רימענ, אפנ קאָפּ א ווארעמ היטל. אלע רויטארמייער, וואָס זײַנענ מיט אימ אהער געקומענ, האָבנ זיכ שוינ אויכ, ווי ער, אויסגעוואשנ אינ באָד אונ אָנגעטאָנ אינ נײַע סאָלדאטישע בגאָדימ.

דער מאיאָר איציק ספיוואק האָט גענומענ פאָרמירנ פונ זײַנע אָטריאד א באטאליאָנ.

אינ עטלעכע טעג ארום האָט שמײַע זיכ אָפּגעזעגנט מיט זײַנ גוטנברודער דאנילאָ לוקאטשנ אונ מיט שיפרע זילבער, מע האָט זיי אָפּגעשיקט טיפ אינ הינטערלאנד זוכנ זייערע אייגענע, וואָס האָבנ שוינ געזאָלט ערגעצ זײַנ אפ אנ אָרט.

שמײַע האָט איבערגעשיקט מיט שיפרענ א בריוול צומ ווײַב, צו רייזלענ, געבעטנ איבערגעבנ אלעמענ א הארציקנ גרוס אונ צו וויסנ געבנ, מע זאָל אפ אימ ווארטנ ניט פריער, ווי נאָכ היטלערס ווישטער מאפּאָלע.

די פאָנ פונעמ פאָלק

פונ יענעמ פרימאָרגנ, זינט שמײַע איז ארײַנגעקראָכנ אינעמ נײַעמ סאָלדאטסקנ שינעל, אינ א פאָר שווערע קערזעווע שטיװל מיטנ גרויסארטיקנ סקריפּ, זינט ער האָט גענומענ אפ די פלייצעס א קאראבינ אונ זיכ געשטעלט בא דעמ הארמאט אפ די גומענע רעדער, איז אוועק העכער א יאָר, א יאָר, וואָס איז געגליכנ צו אנדערע צענ אונ עפשער, צו הונדערט, א יאָר, וואָס האָט זיכ אײַנגעגעסנ אינ דער לעבער אונ

איבערגעלאָזט טיפֿע שפּורנ אפֿ דער נעשאָמע. פֿאַר דער צײַט האָבנ אים די סאַניטאַרנ צוויי מאָל ארויסגעטראָגנ פֿונ שלאַכטפֿעלד א צע־קאַליעטשעטנ, א פֿאַרבלוטיקטנ, און ער איז ארײַנגעפֿאלנ צו די דאָק־טוירים אפֿ רעמאָנט. אָבער ווי נאָר ער האָט זיך א ביסל געשטעלט אפֿ די פֿיס, געקומענ צו זיך, אזוי האָט ער ווײַטער גענומענ אפֿ די פּליי־צעס זײַנ סאָלדאַטסקע זעקל, וואָס איז געווענ אויסגעשמירט אינ ערד און לײמ, און אוועק צוריק צו זיך אינ פּאָלק, וואָס איז פֿאַר אים גע־וואָרנ אַנ עמעסע היימ. עטלעכע מאָל האָבנ אים באַוויירימ סאָלדאַטנ ארויסגעשלעפּט פֿונ דער טראַנשײ א פֿאַרשאָטענעמ מיט ערד, אים אויס־געגראָבנ פֿונ אונטער אַנ אײַנגעפֿאלענעמ בלינדאַזש, ארויסגעטראָגנ פֿונ א צעבאָמבירטער כאַטע, און יעדעס מאָל האָט מענ זיך געוווּנדערט:

— זעט אויס, פּאַפּאַשא, אז דו ביסט געבוירנ געוואָרנ אינ א זײַדנ העמדעלע. דײַנע בײַנער זײַנענ שטאַרקער פֿונ אײַזנ, אז זיי האַלטנ דאָס אויס.

צוויי מאָל פֿאַר דער צײַט האָט דער גענעראַל, דער קאָמאַנדיר פֿונ דער דיוויזיע, אים אופֿגעהאָנגענ אפֿ דער ברוסט זילבערנע מעדאַלנ, און ער, דער אלטער סאָלדאַט, איז געשטאַנענ אונטער דער רויטער פֿאָנ א דערהייבענער, דאָס פּאָנעמ האָט אים געשײַנט פֿונ גליק, די טאָמיד בלישטשענדיקע שוואַרצע אויגנ זײַנענ פֿײַכט געווענ פֿונ טרערנ, דאָס האַרצ האָט געפּלאַטערט, און מיט א ציטערדיקער שטימ האָט ער אפֿ דער גראַטולירונג געענטפֿערט לויטנ סטאַטוט:

— Служу Советскому Союзу!

ס'איז אים אָפֿט געווענ גאַנצ שווער, נאָר ער איז ניט אָפּגעשטאַנענ אפֿילע פֿונ די יונגע סאָלדאַטנ. מע האָט זיך צוגעהערט צו זײַנ וואָרט, ארויסגעקוקט אפֿ זײַנ אײַצע.

דער זונ, איציק ספּיוואַק, האָט אײניקע מאָל געפּרוּווט אים אײַנ־ריידנ, אײַנטײַנענ מיט אים: זאָל ער פֿאָרנ אהיימ, ס'איז אים שווער, מע זעט דענ ניט? מע וועט שוינ יאַקאָס אָנ אים צעקלאַפּנ דעמ דײַטש. אינ אזעלכע פֿאלנ פֿלעגט דער פֿאָטער זיך אוועקזעצנ מיטנ זונ אפֿנ גראָז, אפֿנ ברוסטווער צי אפֿ א קאַסטנ פֿונ סנאַריאַדנ און זיך אָנרופֿנ:

— וואָלסטו, איציק, ניט געווענ אזא גרויסער נאַטשאַלניק, נאָר א פּאָשעטער סאָלדאַט, וואָלט איך דיר ארײַנגעזאָגט אזוי, פּאָ־סאָלדאַט־סקאָמו, נאָר אזוי ווי דו ביסט פֿאָרט א קאָמאַנדיר פֿונ א באַטאַליאָנ, א מאַיאָר, בעט איך דיך, זאָלסט זיך ניט נאַריש מאַכנ. נאָר מיר איז דענ שווער? ס'איז קײנעמ דאָ ניט גרינג, נאָר וואָס קאָנ מענ מאַכנ? ס'גײט א מילכאָמע... אײַ, איך בינ עלטער פֿונ אײַך אלעמענ מיט א

מיטוואָכ, נו, איז ווי זאָגט דאָס ווערטל — אַנ אַלטע קליאַטשע וועט די בראָזנע ניט קאַליע מאַכנ, אונ אונטער אַ גוית קאָנ זי נאָכ בישקאָשע שלעפּנ דעמ וואָגנ. זאָל איכ נאָר דערלעבנ זענ היטלערס מאַפּאַלע, ווי איכ קער זיכ גלייכ אומ אַהיימ, דו מיינסט, איכ בינ פאַרליבט אינ מילכאָמע?

מיטנ זונ קאָנ דער אַלטער נאָכ אויסקומענ. אינ אַ פרייער מינוט קומט איציק פונ שטאַב אינ דער באַטאַריי, וו עס דינט דער פאָטער, אָדער דער אַלטער קומט צו אימ אינ בלינדאַזש, מע רעדט זיכ אַ ביסל דורכ, מע נעמט אַ גלעזל בראָנפנ, מע צעזעגנט זיכ גאָר שיינ אונ פיינ, אונ מע איז ווידער כאַווער, נאָר וואַזוי קומט מענ אויס מיטנ ווייב, מיט רייזלענ? זי לאָזט שיינ מאַמעש ניט רוענ מיט אירע בריוו — „וואָס הערט זיכ באַ דיר, גאָזלענ, וואָס האָסטו צו מיר, ווענ קומסטו שוינ אַהיימ?” נאַרישע ווייבער, טראַכט זיכ שייע, זיי מיינענ אַוואַדע, אַז אַפ דער מילכאָמע איז אַזוי, ווי מע פאָרט אַראָפּ צו דער שוויגער צוגאַסט — פאַרגלוסט זיכ דיר אָדער טאָמער ווערט אומעטיק דעמ ווייב, נעמסטו אַ בילעט, זעצסט זיכ אַריינ אינ צוג אונ פאָרסט צוריק אַהיימ... זי שרייבט, אַז זי האָט צוזאַמענ מיט אַלע קאָלווירטניקעס, מיטנ ביסל פאַרמעגנ, זיכ דערקליבנ אינ סאַראַטאָווער געגנט, מע האָט זיי דאָרט גאַנצ שיינ אויפגענומענ, געגעבנ אַ דאַכ איבערנ קאָפּ, מע אַרבעט אינ אַ קאָלווירט אַזוי ווי באַ זיכ אינ דער היימ, אונ מע הערט ניט אויפ צו האָפנ, אַז מע וועט איינגיכנ דערלעבנ דעמ טאָג פונ היטלערס בראָכ אונ מע וועט זיכ אומקערנ צו זיכ אינ דער קאָלאָניע. אָט אַזוי שרייבט זי פיינ אונ לייטיש. נאָר צומ סאָפ לאָזט זי אויס דעמ פּאָסעק: „עפּשער וועסטו, גאָזלענ מיינער, קומענ צו פאָרנ? קאָרג האָסטו אַפ דיינ לעבנ זיכ אָנגעוואָיעוועט? וואָס זשע, אינ רוסלאַנד איז שוינ ניטאָ קיינ יונגערס פונ דיר?..”

דאָ קאָנ שוינ שמייע ניט אויסהאַלטנ. ער שיסט אויס אַ געלעכטער, נעמט צונויפ זיינע גוטע ברידער, די אַרטילעריסטנ, לייענט זיי איבער רייזלס בריוול, זיי לייענענ אימ די בריוולעכ פונ זייערע ווייבער, מע דערמאָנט זיכ וועגנ דער היימ, וועגנ די קינדער, אונ אַפ דער נעשאָמע ווערט וואַרעמער.

אינ אַ פרייער מינוט, ווענ אַפ דער באַטאַריי ווערט אַ ביסל שטילער, שפּאַרט זיכ שמייע צו לעבנ אַ קעסטל פונ סנאַריאַדנ אונ שרייבט רייזלענ אָנ אַ בריוו, זי זאָל זיינ אַ מענטש, זי זאָל זיכ נעמענ אינ די הענט אַריינ, זאָל אַכטונג געבנ אַפ די קינדער, זי זאָל זיכ אָפּגעבנ דער אַרבעט אינ קאָלווירט אונ העלפנ דעמ פראָנט, מיט וואָס זי קאָנ נאָר,

אונ ער, זאָל זי וויסנ זײַנ, וועט זיכ אומקערנ אהיימ ניט פריִער, ווי נאָכנ זיג. ער האָט פונ שטענדיק ניט ליב קיינ האלבע ארבעט, זי ווייסט עס גוט. ער וויל דערלעבנ דעמ טאָג, ווענ ער וועט פונ זײַנ הארמאט שיסנ איבער דער דײַטשישער מעדינע, ער וויל מיט זײַנע אייגענע פיס זיכ דורכגיינ איבער בערלינ, אונ דערנאָכ קומט ער גלײַכ צו פאָרנ צו איר. אז דער סוינע וועט כאפּנ די מאפּאָלע, וועט ער זיכ אפילע קיינ איינ טאָג ניט פארהאלטנ, שמײַע, ער קאָנ איר שווערנ.

דעמ גאנצנ ווינטער אונ א שטיק אינ זומער איז דער פאָלק גע-שטאנענ אפ איינ אָרט, אײַנגעגראָבנ אינ דער ערד, ארומ האָט מענ אָנגעזענ נאָר פארגליווערטע ווענט אונ אויסגעלאָשענע קוימענס פונ פארלאָזטע זאוואָדנ, די טויטע טעריקאָנענ פונ די דאָנבאסער פארגאָ-סענע שאכטעס. סאָלדאטנ אונ אָפיצערנ זײַנענ געזעסנ אינ די טראנ-שייענ אונ אָקאָפּעס אונ אָפּגעשלאָגנ אָנצאָליקע אטאקעס. מע האָט זיכ אזוי, דוכט זיכ, צוגעוווינט צומ מילכאָמע-לעבנ, אז מע האָט אינגאנצנ פארגעסנ אינ וואַרעמע געלעגערס, אינ שמייכל פונ קאלעס, ווײַבער, אינ הילכיקנ געלעכטער פונ פארשײַטע קינדער. דאָס בעסטע אינ דער וועלט איז דאָ געווענ, אז מע האָט געקאָנט אינ די קאלטע, נאסע נעכט זיכ אי-בערדעקנ מיטנ שינעל איבערנ קאָפּ אונ זיכ צולייגנ אפ א הארטער נארע אָפּנארנ דעמ שלאָף. א גוטער אונ טרוקענער אָקאָפּ, וואָס האָט אָפּגעהיט פונ שפּליטערס אונ פונ רעגנ, האָט אויסגעזענ טויזנט מאָל באקוועמער אונ ליבער פונ דער בעסטער דירע; א ריינ געלעגער, א געמיטלעכע דירע, די ליבע, וואַרעמע היימ, אלצ, וואָס איז פארבונדנ מיטנ פארמילכאָ-מעדיקנ לעבנ, איז איצט געווענ אָפּגערוקט אינ א זײַט אונ אזוי ווי אָפּגעפּרעמדט אפ א צײַט. די גרעסטע פרייד בא די מענטשנ איז געווענ, ווענ עס זײַנענ אהער דערגאנגענ גוטע נײַעס פונ הינטער מאָסקווע, פונ די פּארטיזאנישע קאנטנ.

אינמיטנ זומער האָבנ אפנ האָרעמ-פראָנט די דײַטשנ אָנגעהויבנ א גרויסנ אָנגריפ. אָנצאָליקע טאנקענ-קאָלאָנעס, באָמבארדיר-עראָפּלאָ-נענ האָבנ פארפלייצט די דאָנבאסער סטעפּעס. אָפּהאלטנדיק דעמ מוי-רעדיקנ אָנגריפ, זײַנענ די רויטארמייִשע טיילנ אָפּגעגאנגענ אפ נײַע פּאָזיציעס, די גאנצע ערד ארומ האָט געברענט מיט א העלישנ פײַער. די שלאכטנ האָבנ ניט אופגעהערט טאָג אונ נאכט. קיינער האָט דענסט-מאָל ניט געקאָסיעט די רײַפ געוואָרענע טווּעס, די שווערע קייטנ פונ די טאנקענ האָבנ געטאָפּטשעט אונ צעמאָלנ די זאנגענ, די שיטער גע-וואַרענע סאָוועטישע טיילנ זײַנענ צוריקגעטראָטנ צומ דאָנ.

אָט דאָ, בא דעמ רוסישנ טײַכ, האָט זיכ אָפגעשטעלט דער פאָלק, אינ װעלכנ ס'האָט געדינט שײַע ספיװאַק. אפ דעמ הויכנ ברעג האָט שײַע אײַנגעפעסטיקט זײַנ האַרמאַט, אײַנגעגראָבנ זיכ אינ דער ערד אונ צוזאַמענ מיט די אַרטילעריסטנ פונ דער באַטאַרײ אָפגעהאַלטנ די דײַטשישע טאַנקענ, װאָס האָבנ זיכ געריכט צומ טײַכ. לאַנג האָט געדויערט די ניט־גלײַכע שלאַכט, אַלעמאָל זײַנענ אַהער אָנגעפלויגנ סטײַעס באָמבאַרדירער, פאַרשאָטנ דעמ ברעג מיט באָמבעס. אינ די מינוטנ, װענ אַלצ איז אײַנגעהילט געװאָרנ אינ רויכ אונ שטויב, האָט זיכ געדאַכט, אַז אַלע האַרמאַטנ זײַנענ שוינ פאַרניכטעט, די סאָלדאַטנ — טויט... אָבער װי נאָר די דײַטשישע טאַנקענ אונ די פעכאָטע פלעגנ זיכ אַ לאָז טאָנ צומ ברעג, אַזוי איז, װי פונ אונטער דער ערד, װידער אופגעשטאַנענ דער פאָלק, ס'האָבנ אָנגעהויבנ שיסנ די האַרמאַטנ, די קוילנװאַרפער. אינ שלאַכט איז געפאַלנ דער קאָמאַנדיר פונ פאָלק, אונ דער מאַיאָר איציק ספיװאַק האָט פאַרביטנ דעמ געפאַלענעמ קאָמאַנדיר. עטלעכע מאָל אינ טאָג האָט דער פאָלק אָפגעשלאָגנ פאַרביטערטע דײַ־טשישע אַטאַקעס. סאָלדאַטנ אינ די טראַנשײעס זײַנענ געבליבנ אַ קלײנ הײַפל. דער קאָמאַנדיר פונעמ פאָלק איציק ספיװאַק האָט באַפוילנ צו האַלטנ זיכ ביזנ לעצטנ סנאַריאַד, ביז דער לעצטער קויל. װענ דער ראַדיסט האָט אופגענומענ די ראַדיאָגראַמע, מע זאָל איבערגײנ דעמ טײַכ, איז דער בריק שוינ געװענ פאַרניכטעט, דער סוינע איז צוגע-טראָטנ האַרט צומ ברעג, דער אײנציקער װעג איז געבליבנ — אינ װאַסער.

די זונ איז שוינ לאַנג פאַרגאַנגענ, דער טאָג האָט זיכ אויסגעלאָשנ. פונ דער שיסערײַ האָט ניט אופגעהערט צו ציטערנ די ערד. ס'האָט קײנער ניט באַמערקט, װי ס'האָט אָנגעהויבנ זיפנ אַ רעגנ. דער מאַיאָר איציק ספיװאַק האָט זיכ אופגעהויבנ פונ זײַנ אָקאָפ אונ איבערגעגעבנ דעמ באַפעל, מע זאָל זיכ לאָזנ איבערנ טײַכ. ער איז געשטאַנענ אפנ סאַמע ברעג, אונ די כװאַליעס פונעמ טײַכ האָבנ געװאַשנ זײַנע פאַר־בלאָטיקטע שטיװל, ער האָט אונטערגעטײַלט די סאָלדאַטנ אונ שאַרפ אופגעכאַפט יעדע באַװעגונג, יעטװידנ קלאַנג אפנ שלאַכטפעלד, זיכ אײַנגעהערט אינ דער שיסערײַ פונ די עטלעכע קוילנװאַרפער אונ פונ די אויטאָמאַטלער, װאָס האָבנ נאָכ אָפגעהאַלטנ די דײַטשנ.

דער דאָנ האָט געטראָגנ אפ זײַנע גיכע כװאַליעס קלעצער, ברעטער, רעשטלעכ פונ צעקלאַפטע שיפלעכ. די רויטאַרמײער, װאָס האָבנ זיכ געראַנגלט מיטנ װאַסער, זיכ געטוקט אונטער די כװאַליעס, באַהאַלטנ־דיק זיכ פונ די דײַטשישע קוילנ אונ מינעס, האָבנ זיכ אָנגעכאַפט אינ

וואָס ס'האָט זיך נאָר געלאָזט. שמעיע איז געשטאַנען מיט אַן אָנגעבויגענעם קאָפּ אויפן ברעג טײַך, און איבער זײַן פאַרוואַקסן פּנים האָבן זיך געקײַקלט טרערן. ניט ווײַט פון אים האָט זיך געוואַלגערט, אַן איבערגעקערטער, זײַן צעקלאַפּטער האַרמאַט. ס'איז אים באַפאַלן אַ מאָדנער גלײַכגילט, און ער האָט זיך ניט געקאָנט רירן פונעם אָרט, מיטאַמאָל איז צו אים צוגעלאָפן עמעצער פון די סאָלדאַטן, אים אַ שלעפּ געטאָן פאַר דער האַנט צום וואַסער:

— פּאַפּאַשאַ, שווים גיכער... אַט זײַנען שוין די דײַטשן...

ווי האָבן זיך גענומען קויכעס באַ דעם אויסגעמאַטערטן, עלטערן סאָלדאַט, וואָס האָט שוין עטלעכע נעכט נאָכאַנאַנד ניט צוגעמאַכט מיט קיין אויג און איז ניט אָפּגעטראָטן פון זײַן האַרמאַט, ביז ער איז ניט צעקלאַפּט געוואָרן פון אַ דײַטשישן סנאַריאַד. שמעיע ספּיוואַק איז קיינמאָל קיין שווימער ניט געווען, ער האָט זיך גאָרניט פאָרגעשטעלט, ער זאָל קאָנען אַריבערשווימען אַזאַ גרויסן טײַך, נאָר איצט איז ער געשווומען באַנאַנד מיט אַנדערע סאָלדאַטן, כאָטש איבערן קאָפּ האָבן געפּײַפט קוילן און מינעס. פאַלנדיק אינ וואַסער, האָבן די מינעס אויפגעהויבן גאַנצע פאָנטאַנען און פאַרגאָסן די שווימער. דאָ און דאָרט האָט זיך געהערט דאָס געשריי פון פאַרווונדעטע, וואָס זײַנען געגאַנגען צום דנאָ און עפּעס פאַרזאָגט פאַרן טויט... דאָס פײַער פונעם ברעג האָט זיך געשטאַרקט מיט יעדער מינוט.

שמעיע איז שוין געווען אינמיטן טײַך, ווען ער האָט דערפילט, אַז ס'איז אים מיטאַמאָל שווער געוואָרן צו אָטעמען, ווי עפּעס אַ שווערע מאַסע וואָלט אים געשלעפּט צום גרונט. ער האָט זיך נאָך אַ ביסל געראַנגלט מיט די כוואַליעס, נאָר זיך ניט געקאָנט באַהערשן און איז אַרונטער אונטערן וואַסער. די כוואַליעס האָבן אים אײַנגעשלונגען. ווען די פיס האָבן אָנגעטאַפּט דעם טײַך־גרונט, האָט ער מיט אַלע קויכעס זיך אָפּגעשטויסן און איז ווידער אַרויפגעשווומען אויפן וואַסער. געעפֿנט די אויגן און דערזען דעם הימל, דעם זיך שוואַרצנדיקן ברעג, די רויטאַרמייער, וואָס האָבן זיך געריסן דורכן וואַסער, האָט ער גענומען רופן הילף.

— ראַטעוועט, כעוורע... — האָט דער אַלטער אויסגעשריִען. — ראַטעוועט, איך טרינק זיך... — ער האָט שוין ניט געהערט, וואָס עס טוט זיך אַרום, ניט געלייגט קיין אַכט אויף דער שיסערײַ, ער האָט גלײַך דערפילט, ווי עס האָבן אים אונטערגעכאַפּט עטלעכע פּאָר הענט און גענומען אים אונטערשטויסן.

זיך דערקליבן צום ברעג, האָט ער אַ פאַל געטאָן אויפן נאַסן טשערעט.

דער רעגן האָט געשמיסן אין פּנים, דער טשערעט אַרום אים האָט גערוישט, ער איז אַזוי אָפּגעלעגן אַ פּאָר מינוט, זיך אויפגעהויבן פון דער נאַסער ערד און זיך געלאָזט גיין מיט אַ שווערן טראָט.

איבערן פעלד האָט זיך געשפּרייט אַ כמורנע נאַכט. דער ווינט האָט געריסן פונעם הימל שטיקער וואָלקנס און זיי געטראָגן נידעריק איבערן וועג. שמײַע האָט געשפּאַנט, גאָרנישט ניט הערנדיק און ניט זעענדיק. ער איז געגאַנגען אָן אָפּשטעל, זיך ניט צוגעבויגן, ווען אַ קויל איז דורכגעפלויגן איבערן קאָפּ, ניט געפאַלן צו דער ערד, ווען אַ מינע האָט דורכגעוויעט לעבן אים. ער איז געגאַנגען גלײַך, אומקוקנדיק זיך בלויז פון מאָל צו מאָל אַהין, צום דאָג, וואָס איז געווען געדיכט אײַנגעהילט אין רויך און פלאַמען. ס'איז אים שווער געווען צו גיין, די פיס זײַנען געווען ווי מיט בלײַ אָנגעגאָסן, ער האָט זיי קוים געשלעפּט, געשאָקלט זיך, נאָר ער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט.

די נאַכט איז געווען אין פאַרשיידענע זײַטן באַשײַנט פון סרייפעס און אָנצאָליקע ראַקעטעס, וואָס זײַנען, ווי די הענג-לײַכטער, געשטאַנען אין הימל און פּאַוואָליע, פּאַוואָליע גענידערט צו דער ערד, באַלויכטנדיק דעם אַרום. אין פאַרשיידענע ערטער האָט זיך געהערט דער גערויש פון דײַטשישע באָמבאַרדירער, וואָס זײַנען ערגעץ געגאַנגען הינטער די וואָלקנס. איבערן ברייטן שליאַך האָבן געשפּאַנט סאָלדאַטן. עס האָבן זיך געהערט אויסגעשרייען, אַ בראָזגערײַ פון וועגענער, סילועטן פון מענטשן מיט ביקסן און אָן ביקסן האָבן זיך געשלײַכט דאָ און דאָרט.

דער באַגינען האָט געטראָפן שמײַען אין סטעפּ. פון פאָרנט האָט ער געזען אַ דאָרף, וואָס האָט דערברענט, אָן אונטערגעצונדן פון די באָמבאַרדירער, וועלכע האָבן דאָ די גאַנצע נאַכט אַרומגענישטערט. שמײַע איז געגאַנגען מיט אַן אַנטבלויזטן קאָפּ, אַ פאַרמאַטערטער; דאָס העמדל איז געווען צעפליקט און פאַרשמירט, די באָרוועסע פיס — פאַרבלאָטיקט. די פאַרטאָגיקע קעלט אין אָפענעם סטעפּ האָט אים דורכגענומען ביז די ביינער. די ערשטע זון-שטראַלן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן פונעם אָנגעוואָלקנטן הימל, האָבן אים אַ ביסל דערוואַרעמט. דער אַלטער האָט זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן וועג און גענומען באַטראַכטן זײַן הוילעך. דאָס בלוט האָט אים אַ זעץ געטאָן אין פּנים — ער וועט דאַרפן דורכגיין פאַרבײַ דעם דאָרף, וויאַזוי וועט ער קוקן אַ מענטשן אין די אויגן, וויאַזוי וועט ער זיך באַווײַזן פאַר די סאָלדאַטן אין אַזאַ צושטאַנד? ער האָט שנעל אָפּגעשפּיליעט פונעם העמדל זײַנע מעדאַלן, זאָרגזאַם אײַנגעוויקלט זיי אינעם נאַסן טיכעלע

און באהאלטן אין קעשענע. דאָ און דאָרט זײַנען געגאַנגען רויטאַרמייער מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. ווער עס האָט געטראָגן אַף די אַקסלען אַ ביקס, ווער אַ קוילנוואַרפער, און אַווטאָמאַט, ווער ס'איז געגאַנגען גאָר אָן געווער, אַזוי, מיט די הוילע הענט. עס זײַנען געגאַנגען פאַרווונדעטע, און געזונטע סאָלדאַטן האָבן זיי אונטערגעהאַלטן אונטער די הענט, געטראָגן אַף זיך. שוין ספּיוואַק האָט זיך אַ סאַך אָנגעזען אַף דער מיל־באַמע, נאָר דאָס, וואָס איז געשען דעם לעצטן מעסלעס, האָט אים דער־שיטערט. ער האָט געקוקט אַפן פאַרומערטן וועג, און טרערן האָבן אים גענומען שטיקן, ער האָט אויסגעקערעוועט דעם קאָפּ אַ קוק טאָן, צי קיינער זעט ניט, וואָס מיט אים קומט פאָר, און האָט מיטאַמאָל דערזען איציקן שפּאַנען איבערן שליאַך, אַ פאַרבאַנדאַזשירטן, צוזאַמען מיטן הײַפל סאָלדאַטן, וואָס איז איבערגעבליבן פון זײַן טייל נאָך דער שלאַכט. ער האָט פאַרנאַכט געזען דעם זון אַפן ברעג אונטערן האָגל פײַער שטיין אַף זײַן קאָמאַנדע־פּונקט און פירן די שלאַכט. ער האָט נאָך פריִער געזען, ווי דער זון איז געלעגן באַם קוילנוואַרפער, אָפּ־שלאָגנדיק די קייטן דײַטשישע סאָלדאַטן. ער האָט זיך שוין ניט גע־ריכט, אַז ער וועט אים טרעפן אַ לעבעדיקן, און עס האָט זיך אים דערפאַר אויך איצט ניט געגלייבט, אַז דאָס זעט ער טאַקע אים, איציקן, זײַן זון. דער אַלטער האָט זיך געלאָזט לויפן אים אַנטקעגן.

— זון, דו לעבסט? דו לעבסט, איציק?

אין הימל האָבן נאָך אַלץ געברעוועט דײַטשישע באָמבאַרדירער, ערגעץ גאָר ניט ווײַט האָט די ערד געציטערט פון אויפרײַסן. אַט די קליינע הײַפלעך מענטשן, וואָס זײַנען איצט געגאַנגען איבערן סטעפּ, האָבן געהאַט דעם אויסזען פון פיש, וואָס זײַנען איבערגעבליבן אַף דער יאַבאָשע נאָך אַ גרויסן שטורעם. ווי מע איז ניט געווען אויסגעמאַטערט, האָט יעדערער אָנגעשטרענגט די לעצטע קויכעס, קעדיי מע זאָל שוין גיכער אָנקומען אַפן אָרט, אין דער סטאַניצע ראַזדעלנע, וווּ דער פּאָלק וועט באַקומען פרישע קרעפטן, וועט זיך אַ ביסל אָפּרוען. די זון־שטראַלן האָבן אַלץ שטאַרקער געבראָטן, און פון די נאַסע סאָלדאַטישע בגאָדים האָט זיך געהויבן אַ געדיכטער דאַמף. וואָס ווײַטער זיי זײַנען געגאַנגען מיט די סאַלסקער שליאַכן, אַלץ אָפטער האָבן זיי אָנגע־טראָפן אַף לאַנגע אָבאָזן מיט עוואַקוירטע. די וועגענער זײַנען געווען איבערגעצויגן מיט אָפּגעבליאַקעוועטע ברעזענטן, איבערגעדעקט מיט פאַרזשאַווערטן בלעך, מיט פאַניער. נאָך די פורן זײַנען געגאַנגען פרויען, קינדער, עלטערע מענטשן, און לויט זייער גאַנג האָט מען געזען, אַז מע איז שוין ווער ווייסט וויפל אין וועג. סאָלדאַטן האָבן זיך

אײַנגעקוקט אינ די וואנדערער שווײַגנדיק, ווי זיי וואלנ וועלנ אפ שטענדיק זיי פארגעדענקענ.

נאכ האלבנ טאג האט מענ דערזענ די דעכער אונ סעדער פונ דער גרויסער סטאניצע, וווהינ מע האט זיכ געדארפט צונויפקומענ. פונעמ בריק, וואס איז געהאנגענ איבער א שטורמיש טײַכל, איז זיי געלאפנ אנטקעגנ א רויטארמייער מיט א געשריי. מע האט באלד דערקאנט דעמ מאיארס ארדינארעצ, וואסיע ראגאווג, ער האט א זוכ געטאנ מיט די שארפע ליכטיקע אויגנ דעמ קאמאנדיר אונ, דערזענ אימ א פארבאנדאזשירטנ, שטיינ געבליבנ אנ ווערטער. דער מאיאר האט אימ אויסגעשטרעקט די האנט אונ, קוקנדיק אפ אימ מיט א דורכדרינגלעכנ בליק, געווארט, יענער זאל אימ זאגנ דאס, וואס ער האט פונ אימ געוואלט הערנ.

— לעבסטו, הייסט עס? גוט, גוט... — האט ער ווי מעכאניש זיכ אנגערופנ, — אונ ווו איז אונדזער פאנ? די פאנ פונעמ פאלק?

וואסיע ראגאווס אויגנ האבנ זיכ צעשײַנט. ער האט זיכ אויסגעצויגנ, פאריכט אפ זײַנ בלאנדנ קאפ די אפגעבליאקעוועטע פילאטקע אונ, נעמענדיק די האנט צומ שטערנ, געענטפערט, ווי מע גיט אפ א ראפארט:

— כאווער מאיאר, — האט דער סאלדאט געזאגט מיט א ציטערנדיקער פײַערלעכער שטימ, — די פאנ פונעמ פאלק איז געראטעוועט. אײַער באפעל האבנ מיר אויסגעפילט... באמ אריבערשווימענ דעמ דאנ איז העלדיש אומגעקומענ דער סערזשאנט גאווריליוק.

אונ וואסיע האט צעשפיליעט דאס העמדל אונ ארויסגעשלעפט פונ בוזעמ א זארגזאמ צונויפגעלייגטנ רויטנ לײַוונט, די פאנ, וואס דער מאיאר האט אפנ ברעג דאנ, אונטערנ מוירעדיקנ פײַער, ארויסגענומענ זי פונ די הענט באמ געפאלענעמ פאנענ-טרעגער פונ פאלק, זי איבערגעגעבנ ראגאווג, זײַנ ליבלינג, אונ דעמ סערזשאנט גאווריליוקנ אונ באפוילנ אומ יעדנ פרײַז ארויסטראגנ פונעמ פײַער, ראטעווענ די ערע, דעמ שטאלצ פונ פאלק — די פאנ...

אונ אט איז ער געשטאנענ, דער טרײַער סאלדאט, אנטקעגנ זײַנ קאמאנדיר, געהאלטנ די שלאכטפאנ, וואס איז געווענ צעפליקט פונ שפליטערס, דורכגעשאסנ פונ קוילנ, באשפריצט מיט סאלדאטיש בלוט... א פארווונדעטע אינ שלאכט, איז אט די פאנ נאכ טײַערער געווארנ די סאלדאטנ, וועלכע האבנ אונטער איר געשווארנ זיכ שלאגנ ביזנ לעצטנ אטעמ, ביזנ לעצטנ קלאפ פונעמ הארצנ.

— סאלדאטנ, פרײַנט, איר געדענקט, אונטער דער פאנ האבנ מיר

געשוואָרנ... — האָט אָנגעהויבנ דער מאיאָר. אינ זײַנע אויגנ האָבנ זיכ באוויזנ טרערנ. — נײנ, דער פּײַנט האָט אונדז ניט אײַנגעבראָכנ, עס לעבט אונדזער פאָנ, עס לעבט אונדזער פאָלק, מיר וועלנ זיגנ...

מער האָט דער מאיאָר קײנ וואָרט ניט געקאָנט זאָגנ, די טרערנ האָבנ אימ געשטיקט אינ האלדז, אונ ער האָט העכער אופגעהויבנ די פאַרוווּנדעטע פאָנ, אז אלע סאָלדאטנ זאָלנ זי זעג.

אונ יעדערער פונ די סאָלדאטנ, וואָס זײַנענ געשטאנענ ארומ זײער קאָמאנדיר, האָט עפּעס מיטאמאָל דערפילט א צופלוס פונ נײַע קויכעס, ניט געקוקט אפ דער שטארקער מידקײַט, זײַנענ די מענטשנ ווידער גרײט געווענ גלײַכ גײנ אינ שלאכט, גענקאָמע נעמענ, זיגנ.

שמײַע, וואָס איז דעמ גאנצנ וועג געגאנגענ שווײַגנדיק, מיט קײנעמ קײנ וואָרט ניט אויסגערעדט, איז איצט געשטאנענ א גליקלעכער, צוגעזשמורעט פונ דער זונ זײַנע גוטמוטיקע, קלוגע אויגנ, אונ געקוקט דאָס אפנ מאיאָר, דאָס אפ די סאָלדאטנ, אפ דער פאָנ. ער האָט ארויסגענומענ פונ דער קעשענע זײַנע מעדאלנ אונ זײ צוריק אָנגעהאנגענ אפנ העמדל.

— נישקאָשע, כעוורע, — האָט ער זיכ אָנגערופנ, — מע דארפ נא זיכ ניט אראָפּפאלנ. דער הימל איז נאָכ ניט בא דער ערד. קאָלזמאנ מיר לעבנ, איז דער סוינע ניט שרעקלעכ. איכ בינ אנ אלטער סאָלדאט, איכ ווײס, אז אפ א מילכאָמע קומט אלצ פאָר. מיר זײַנענ דערווײַל אונטערנ פערד, נאָר מיר האָבנ א גרויסע האָפענונג, אז מיר'נ נאָכ זײַנ אפנ פערד. וואסיע, וואָס זאָגסטו, האַ? אנו, קומ נאָר אהער, לאָמיר זיכ מיט דיר צעקושנ...

עס האָט גענומענ צופאלנ די נאכט, אונ די מענטשנ האָבנ זיכ אוועקגעלאָזט אינ דער סטאניצע, מע האָט געדארפט אלצ ברענגענ אינ אָרדענונג — זיכ אליינ, דאָס געווער, דאָס אָנטאָנ, עס זײַנענ פאָרגעשטאנענ נײַע, גרויסע שלאכטנ.

אפ לעבנ אונ אפ טויט

מיט ווײס איכ וויפל יאָרנ צוריק, ווענ שמײַע איז נאָכ געווענ א יונגל, האָט דעמ טאטנ זײַנעמ זיכ פארוואָלט אימ „מאכנ פאר א מענטש"; איז שמײַע אוועק אָפּגעבנ עקזאמענעס אינ דער „רעמעסלענע אוטשילישטשע" אונ האָט, נעבעכ, געהאט א גרויסנ דורכפאל, אונ דורכגעפאלנ איז ער דאפקע, ווי ער געדענקט, אפ געאָגראפיע.

— איכ האב געמיינט דיכ ברענגענ צו א שטיקל טאכלעס, — האט דער טאטע געזאגט, — נאר אז דו האסט אזא פארשטאפטנ קאפ, וועל איכ דיכ נעמענ צו דער ארבעט, אונ ווער א בלעכער!

איצט, ווענ איר וועקט אימ, שמייענ, אופ אינמיטנ דער נאכט אונ טוט אימ עפעס א פרעג אינ געאגראפיע, וועט ער שוינ, מאלט אייכ, קיינ טאעס ניט האבנ. פאר די יארנ, זינט ער האלט מילכאמע, איז ער דורכ־געגאנגענ די גאנצע געאגראפיע אינ דער לענג אונ אינ דער ברייט מיט די אייגענע פיס. וווהינ נאר האט אימ דאס סאלדאטסקע מאזל ניט גע־ווארפנ! נאכ דעמ, ווי ער האט זיכ אזוי בלוטיק־נאענט באקענט מיטנ טאווריע, דאנבאס, מיטנ דאנ, האט עס אימ פארטראגנ אינ די סאל־סקער סטעפעס. ער האט זיכ געשלאגנ מיטנ דייטש אפ קובאנ, אפ קאוו־קאז. דא איז אימ איצט באקאנט יעדער בארג, יעדער טאל. דא האט ער געטראגנ אפ זיינע פלייצעס קעסטלעכ מיט קוילנ אונ סנאריאדנ. יעדע סטעזשקע, וואס ער האט באטראטנ, איז באגאסנ געווארנ מיט זיינ שווייס אונ בלוט.

אט גייענ זיי איצט טאג ווי נאכט, ניט ווייסנדיק פונ קיינ רו, איבער די דאנער סטעפעס — מע טרייבט דעמ דייטש פונ דער ליבלעכער ערד. מע כאפט א דרעמל אונטערנ הארמאט אפ דער פארקאוועטער ערד, אפנ הוילנ שניי. אונ ווענ אינ א מינוט פופצנ ארומ דערהערט זיכ א קאמאנדע „אופשטיינ!”, גייט מענ ווייטער...

ס'איז פאר קיינעמ קיינ זאכ ניט שווער אינ אט די דערהויבענע, גליקלעכע טעג, ווענ דער דייטש כאפט די עמעסע קלעפ אונ קענ זיכ ניט ארויסרייסנ פונ פייערדיקנ קלעמ. אלע וועגנ אונ שטעגנ זיינענ פארוואלגערט מיט געהארגעטע דייטשנ אינ גרינע מונדירנ. אפ די פעלדער אונ שליאכנ וואלגערנ זיכ זייערע צעקלאפטע טאנקענ אונ הארמאטנ, עראפלאנענ אונ אבאזנ. אפ די טראקטנ שלעפנ זיכ אנ אופ־הער מענגעס געפאנגענע. דערפרוירענע אונ אפ טויט איבערגעשראקענע, קוקנ זיי מיט פאכעד אפ די מעכטיקע קאלאנעס סאוועטישע טאנקענ אונ הארמאטנ, וואס טראגנ זיכ אנטקעגנ צומ פראנט, אונ שטאמלענ: „היטלער קאפוט... היטלער קאפוט...”

קוקנדיק איצט, וואס פאר א וואזשנעמ אויסזענ עס האבנ די „שטאלצע וועלט־באזיגער”, האט זיכ שמייע דערמאנט אינ יענעמ הארבסט, ווענ זיי זיינענ מיט געזאנג אונ געליארעמ געגאנגענ איבער דאנבאס, ווענ זיי האבנ אימ איינגעשפאנט אינ וואגנ אונ געצוווּנגענ זיי פירנ. אונ א גרויסע פרייד האט ער דערפילט אינ הארצנ, וואס אינ

אָט דעמ גרויסנ בראָכ זייערנ איז דאָ אויכ זײַנ כיילעק, אונ ניט נאָר זײַנער — אויכ זײַנ זונס, איציקס.

מיט זײַנ שווערנ, אויסגערעכנטנ סאָלדאַטישנ טראָט איז שמײַע געגאַנגענ, אָנהאַלטנדיק זיכ אינ דער רער פונ זײַנ האַרמאַט, אונ זיכ אײַנגעקוקט אינ די רוינעס. אינ אַלע זײַטנ האָט פונ גרויזאַמער שלאַכט געציטערט די ערד, נאָר זײַנ אויג האָט שוינ אָפּגעמאָסטנ די פאַרברענטע הײַזער, די הוילע קוימענס פונעמ באַלמעלאָכישנ שטאָנדפּונקט, — וויפּל מי וועט מענ עס דאַרפנ אַרײַנלייגנ, מע זאָל צוריק אופשטעלנ די סטאַניצעס, די שטעט? ווו וועט מענ נעמענ אַזויפיל בלעכ אפ דעקנ די דעכער? אונ ער האָט זיכ דערמאָנט אינ א סאַכ פרײַנט, וואָס ער האָט פאַרלוירנ אינ שלאַכט — טײַערע מענטשנ, גאָלדענע באַלמעלאָכעס. — ווי בייטיק עס וועלנ זײַנ זייערע הענט, ווענ מע וועט אַרויסטרײַבנ דעמ פאַשיסט אונ זיכ שטעלנ אָפּבויענ דאָס לאַנד!..

דער לייטענאַנט איוואַנ באָריסיוק, וואָס איז צוויי מאָל יונגער פונ שמײַענ, איז געקומענ אינ פאָלק, ווענ ער איז נאָכ שווערע אונ בלוטיקע שלאַכטנ געשטאַנענ אפ אָפּרו. באָריסיוק האָט נאָכ אפילע ניט באַוויזנ אײַנשמירנ דעמ שפּאָגל-נײַעמ שינעל, אינ וועלכנ ער איז אַהער געקומענ פונ דער מיליטער-שול ערגעצ פונ מיטל-אַזיע.

מע האָט אימ באַשטימט אַלס קאָמאַנדיר פונ דער באַטאַריי אפנ אָרט פונעמ אומגעקומענעמ לייטענאַנט אַדזשאַראָוו — דעמ ליבלינג פונעמ גאַנצנ פאָלק. עפּשער דערפאַר, וואָס קיינער אינ דער באַטאַריי האָט זיכ נאָכ ניט געקאָנט צוגעווינענ צומ געדאַנק, אז דער שטענדיק פריילעכער אונ גוטמוטיקער קאַזאַכ אַדזשאַראָוו איז געפאַלנ אינ שלאַכט, האָט מענ דאָ אפנ נײַעמ קאָמאַנדיר א געוויסע צײַט געקוקט, ווי אפ א פרעמדנ.

—זעט אויס, נאָכ ניט געשמעקט קיינ פולווער.

— וואָסי? אינ רעזערוו זײַנענ פאַראַנ ווייניק שלאַכט-אָפיצערנ?

— אָבער אַזעלכנ ווי אַדזשאַראָוונ וועלנ מיר שוינ ניט האָבנ.

אָפט, ווענ דער יונגער אָפיצער פלעגט צוגיינ צו א גרופּע סאָלדאַטנ, פלעגנ זיי גלײַכ אײַנשווײַגנ ווערנ. „מיסטאָמע ווענגנ מיר גערעדט" — האָט געטראַכט באָריסיוק אונ האָט זיכ גערויטלט. צווישנ די אינ שלאַכטנ פאַרהאַרטעוועטע סאָלדאַטנ, באַשייַנטע מיט אָרדענס אונ מעדאַלנ, מוז ער זיכ דערווײַל פילנ ווי א גאַסט. נאָר בײַשקאָשע, זאָל נאָר קומענ צו א שלאַכט... אונ ער האָט שטילערהייט געוואַרט אפ אָט דעמ טאָג.

ווענ דער פּאָלק האָט זיכ אָנגעהויבנ לאָדנ אינ עשעלאָנ, איז צווישנ באָריסיוקנ מיט שמײַענ אויסגעבראָכנ א שטיקל קריג. דער לייטענאַנט איוואַנ באָריסיוק, וואָס איז געשטאַנענ באַם וואַגאָנ אונ געקוקט, ווי מע שלעפּט אַפ די פּלאַטפאָרמעס די האַרמאַטנ, קעסטלעכ, זאַכנ, האָט באַמערקט אײַנעם א קעסטל, וואָס האָט בא אימ אַרויסגערופנ א חשד. אַז ער האָט עס געעפנט, האָט ער דערזענ זאָרגזאַמ־אײַנגעוויקלטע, מיט פעטס באַשמירטע מאַשינ-הײַקעס, צאַפּנלאַגערס, שליסלענ.

— וואָס זײַנענ עס פּאַרא זשעלעזיאַקעס? וווהינ פירט איר זיי? — האָט ער זיכ אָנגערופנ צו שמײַענ, וואָס האָט שוינ געטראָגנ דעמ טיטל גוואַרדיע עלטערער סערזשאַנט (דער פּאָלק איז אינ די לעצטע שלאַכטנ געוואָרנ א גוואַרדייִשער) אונ איז געווענ קאָמאַנדיר פונ א האַר-מאַט. „דאָס זײַנענ ניט קיינ זשעלעזיאַקעס, — האָט שמײַע געענט-פערט, — נאָר וויכטיקע טיילנ צו טראַקטאָרס, וועלכע ער נעמט צונויפ אינ וועג, ער וועט זיי ברענגענ א מאַטאָנע אינ מטס, אויב ער וועט זיכ אומקערנ פונעמ פראָנט א לעבעדיקער".

דער קאָמאַנדיר פונ דער באַטאַריי האָט אויסגעשאָסנ א געלעכטער אונ באַפוילנ אַראָפּוואַרפנ דאָס קעסטל, מע דאַרפ מיט זיכ ניט פירנ קיינ איבעריקע מאַסע. נאָר שמײַע האָט זיכ אײַנגעאַקשנט אונ איז געוואָרנ אינ כּעס. דער לייטענאַנט קאָנ דענ פאַרשטיינ, ווי סע וועלנ צוניץ קומענ אינ קאָלווירט אָט די טיילנ, אַז ביז דער מילכאָמע האָט ער זיכ געלערנט אינ פּעדאַגאָגישנ אינסטיטוט אונ געזאָלט ווערנ א לערער.

— כאַווער גוואַרדיע עלטערער סערזשאַנט, אַז ס'וועט זיכ ענדיקנ די מילכאָמע, וועט איר זיכ פאַרנעמענ מיט טראַקטאָר־טיילנ... איצט איז ניט די צײַט.

שמײַע איז געשטאַנענ אויסגעצויגנ אַנטקעגנ דעמ יונגנ לייטענאַנט, נאָר אינעווייניק אינ אימ האָט געקאָכט. „אַוואַדע, ס'איז אימ גרינג צו ריידנ... סע גייט אימ דענ אָנ, וואָס פונעמ טראַקטאָר־זאַוואָד אינ סטאַ-לינגראַד זײַנענ געבליבנ קופּעס אַש, פונעמ כאַרקאָווער טראַקטאָר־זאַוואָד אויכ דאָס אייגענע... ביז מע וועט אופשטעלנ די זאַוואָדנ, ביז זיי וועלנ אָנהייבנ באַזאָרגנ די קאָלווירטנ מיט טראַקטאָר־טיילנ, וואָלט דאָס קעסטל מאַשינערע גאַנצ גוט צוניץ געקומענ אינ קאָלווירט".

נאָר ס'האָט שמײַענ ניט געהאָלפנ. מע האָט דאָס קעסטל אַראָפּגע-שלעפּט פונעמ וואַגאָנ, אונ ס'איז געבליבנ ליגנ אינ שניי. בא שמײַענ איז די שטימונג קאַליע געוואָרנ, אונ ווענ ער האָט זיכ אַרײַנגעזעצט אינ וואַגאָנ אונ איז פאַרקראָכנ אַפ דער נאַרע, האָט ער מער מיט

קיינעמ ניט געוואָלט רירנ, ער האָט באשלאָסנ בעטנ באטשאלסטווע, מע זאָל אימ אריבערפירנ אינ א צווייטער באטאריי — מיט באָריסיוקנ קאָנ ער ניט ארבעטנ.

דער צוג איז געגאנגענ דורכ פארשנייטע פעלדער אפ מיזרעו. ס'איז געווענ א פראָסטיקע נאכט, אינ טעפלושקע זיינענ אלע געשמאק געשלאָפנ. שמײַע איז אראָפ פונ דער נארע, זיכ אוועקגעזעצט באמ אייווילע אונ גענומענ אונטערווארפנ קוילנ, שפענער. פלוצעמ האָט ער דערפילט, אז עמעצער האָט זיכ צוגעזעצט דערבײַ אפ דער באנק. שמײַע האָט זיכ אומגעקוקט אונ דערזענ באָריסיוקס לענגלעכ, ביינערדיק פּאָנעמ מיט די גרויסע בלאָוולעכע אויגנ, די לאנגע העלע האָר זיינענ אימ אראָפגעפאלנ אפנ שטערנ.

— דו ביסט נאָכ אלץ אפ מיר ברוגעז, פאפאשא? — האָט זיכ באָריסיוק דער ערשטער אָנגערופנ אונ גוטברודעריש א גלעט געטאָנ שמײַענ איבער דער פלייצע, — נישקאָשע, טראקטאָרס וועלנ מיר נאָכ דער מילכאָמע האָבנ. אלץ וועט זײַנ. נאָר, זעסטו, דער טאטע מײַנער וועט שוינ ניט זײַנ. ער איז געווענ א קאָמוניסט, געארבעט אינ אונטערערד אינ קיעוו, אונ די געסטאפאָ האָט אימ געכאפט אונ צעשאָסנ... זיי האָבנ אויכ געשאָסנ מײַנ מוטער אונ צוויי שוועסטער...

שמײַע האָט איצט מיט ברייט צעעפנטע אויגנ זיכ אײַנגעקוקט אינ דעמ יונגנ קאָמאנדיר אונ פארדרײַגעט געשאָקלט מיטנ קאָפ. באָריסיוק האָט גערעדט שטילערהייט, ער זאָל קיינעמ ניט אופוועקנ.

אפ מארגנ האָט דער לייטענאנט באָריסיוק אריבערגעטראָגנ זײַנ שינעל מיטנ ברעזענטענעמ רענצל נענטער צו דעמ אלטנס געלעגער. זיצנדיק אָדער ליגנדיק באנאנד אינ דער אָנגעהייצטער טעפלושקע, האָבנ זיי איינער דעמ אנדערנ דערציילט וועגנ זייער לעבנ, געטיילט זיכ מיט זייערע האָפענונגענ אונ זײַנענ אזוי באפרײַנדעט געוואָרנ, ווי זייער פרײַנטשאפט וואָלט זיכ געצויגנ ווער ווייסט וויפל יאָרנ.

אפ די גרויסע סטאנציעס האָט מענ אינ די טעפלושקעס געבראכט פרישע בלעטער, סוואָדקעס פונ סאָווינפאָרמביוראָ, ווו עס האָט זיכ דערציילט וועגנ נײַע באפרײַטע שטעט אונ דערפער, וועגנ דעמ, אז דער פײַנט טרעט אָפ.

אינ אזעלכע מינוטנ פונ פרייד פלעגט זיכ אינ איוואנ באָריסיוקס נעשאָמע ארײַנגאנווענענ א מאָדנע געפיל. אימ האָט זיכ געדוכט, אז דער צוג שלעפט זיכ גאָר ווי אפצולאָכעס פאמעלעכ, ביז מע וועט דערפאָרנ צומ פראָנט, קאָנ זיכ שוינ די מילכאָמע ענדיקנ אונ ער וועט ניט אויספילנ זײַנ הייליקנ כויוו — נעקאָמע נעמענ פאר דעמ פאר-

פײַניקטנ פאָטער, פאר זײַנ מוטער אונ פאר די שוועסטער, פאר רעט רוזבירטנ קיִעוו... ער וועט אפילע נאָכ דער מילכאָמע זיכ שעמענ אויסזאָגנ, אז ער איז געווענ אפנ פראָנט...

ענדלעכ איז מענ אָנגעקומענ אפ א צעקלאפּטער אײַזנבאנ־סטאנציע. ווײַטער האָט מענ שוינ ניט געקאָנט פאָרנ, די בריקנ זײַנענ געווענ אויפגעריסנ, ס'איז פאָרגעשטאנענ א מארש פונ עטלעכע הונדערט ווערסט איבער די צעקיסנעטע שליאכנ.

מאשינענ אונ טאנקענ זײַנענ פארהריזנעט געוואָרנ אינ די גרויסע הורבעס שניי, אינ דער צעווייקטער ערד. סאָלדאטנ האָבנ זיכ אליינ אײַנגעשפאנט אינ די ליאמקעס אונ אפ זיכ געשלעפּט די הארמאטנ אונ סנאריאדנ־קעסטלעכ. די אָבאָזנ זײַנענ אָפּגעשטאנענ. אָנ אָפּרו, אָנ שלאָפּ איז מענ באטאָג אונ באנאכט געגאנגענ איבער דער ערד, ווו מע האָט אפ ווערסטנ ניט געקאָנט באגעגענענ קיינ גאנצ דאָרפ, קיינ גאנצע שטוב — אלצ האָט דאָ דער דײַטש געלאָזט מיטנ פײַער.

אינ די נעכט האָט געשאָטנ א נאסער שניי, אונ באטאָג האָט די זונ אימ צעשמאָלצנ. די קאָלייעס זײַנענ פול געוואָרנ מיט וואסער, מיט יעדנ טאָג איז דער וועג געוואָרנ אלצ שווערער. נאָכדעמ האָבנ די אלטע וועלדער ארײַנגענומענ די פאָלקנ אונ דיוויזיעס אינ זייער שויס, אונ דאָ האָט זיכ אָנגעהויבנ א מאָדנע מילכאָמע, וואָס באָריסיוק האָט ווענג איר פונ די מיליטערישע סטאטוטנ געהאט א קנאפּע אנונג.

מע איז געשטאנענ ביז איבער די קני אינ וואסער אונ געבויט וועגנ, בריקנ.

דער פרילינג איז אָנגעקומענ אומגעריכט אונ איבערגעריסנ די קריגס־אָפּעראציעס. ביידע צדאָדימ האָבנ זיכ גענומענ אײַנגראָבנ אינ דער ערד. אונ איוואנ באָריסיוק, דער קאָמאנדיר פונ דער ערשטער באטאריי, וואָס האָט געמיינט, אז ווי נאָר ער קריכט אראָפּ פונעמ צוג, וויקלט ער פאנאנדער זײַנ באטאריי אונ טרעט גלײַכ ארײַנ אינ שלאכט, איז געווענ אינגאנצנ אנטוישט, ווענ מע האָט אימ אויסגעטיילט א שטיק פלאצ אונ באפוילנ אויסמאָסטענ א וועג.

גאנצע טעג אונ נעכט האָט מענ געהאקט ביימער, זיכ ניט צעשייזט מיט די זעגנ אונ העק. מע האָט געמוזט דורכלייגנ שליאכנ איבער די זומפּנ אונ בלאָטעס, מע זאָל קאָנענ אריבערווארפנ טאנקענ אונ שווערע הארמאטנ, ביקסנ אונ סנאריאדנ, ברויט אונ האָבער. דער גאנצער אומענדלעכער שטעטנ האָט אויסגעזענ, ווי איינ גרויסער בינשטאָק. עס האָט זיכ געקאָנט אויסדוכטנ, אז די גאנצע ארמיי — די סאָלדאטנ, אפּי־

צערנ, גענעראַלנ — אַלע זײַנענ פאַרנומענ עפּעס גאָר ניט מיט קײנ מיל־כאָמע־איניאָנימ. אָבער נײנ, דאָס איז געווענ אַנ עמעסע מילכאָמע — אַ מילכאָמע מיט דער סטיכיִע, מיט דער ערד, מיטנ וואַסער, — מע האָט זײ געמוזט פּענטענ אונ צווינגענ, זײ זאָלנ אונדז דינענ אינ דער מיל־כאָמע מיטנ סוינע. אַפּ צענדליקער ווערסט איז די גאַנצע ערד אַרומ אונ אַרומ צעגראָבנ געוואָרנ אינ דער טיפ אונ אינ דער לענג: טראַנשײענ, קאַנאַוועס, אָקאָפּעס, דזאָטנ. אַלצ אונ אַלע האָבנ זיכ פאַרגראָבנ אינ דער ערד. סאָלדאַטנ, שטאַבנ, מעדסאַנבאַטנ, בעקערײַענ, סקלאַדנ, בעדער אונ רויטע ווינקלענ — אַלצ איז אַוועק אונטער דער ערד, אַזוי אַז פונ דער לופטנ האָט מענ גאָרנישט ניט געקאָנט זענ. פונ אײנ דיוויזיִע אינ דער צווייטער אונ פונ אײנ אַרמײ אינ דער אַנדערער האָט מענ געקאָנט דורכ־גײנ מיט ספּעציִעלע פאַרײניקונגס־וועגנ. די אונטערגעקומענע טאַנקענ־קאָלאָנעס אונ שווערע אַרטילעריִע, די מאַשינעס אונ וועגענער זײַנענ פאַרשווּנדנ אינ די וועלדער, אינ די באַלקעס. סאָלדאַטנ האָבנ מעוויניש באַטראַכט דעמ אומגעווײנלעכ־פאַרבויטנ קאַנט אונ אונטערגעשמײכלט:

— אַ מאָדנע מילכאָמע...

— זיכ פאַרגראָבנ, ווי די טכוירנ. וואָס זשע, מע קלײַבט זיכ דאָ טאַקע בלײַבנ?

אינ אָט די טעג האָט זיכ שמײַע ניט צעשײדט מיט דער האַק אונ מיט דער זעג. ער האָט געבויט ערד־שטיבלעכ, צונויפגעקלאַפּט בענק אונ טאַבורעטקעס. עס האָט אימ נאָר באַנק געטאָנ, וואָס ער מוז דעקנ די בלינדאַזשנ מיט קלעצער, ניט מיט בלעכ. זײַנע געבײַענ האָבנ אַזוי אויכ אויסגענומענ בא אַלעמענ, נאָר ווענ מע קאָנ נאָכ דאָ אויסניצנ בלעכ, וואָלט ער באַוויזנ אַרבעטנ! עמעס, אינ דער פרײַער צײַט האָט ער דאַפקע געמײַסטרעוועט בלעכענע עמער, קווערטלעכ, קעסעלעכ — אַ סאַכ פונ דעמ איז אינ די לעצטע שלאַכטנ פאַרלאָרנ געגאַנגענ, אונ זײַנע קײ־לימ זײַנענ איצט צוניצ געקומענ.

אינ די באַלקעס אונ וועלדער האָט מענ אײַנגעאָרדנט לערנ־פּלעצער. מע האָט אויסגעבויט מאַקעטנ פונ טאַנקענ אונ געלערנט די סאָלדאַטנ פאַרוואַרפנ זײ מיט גראַנאַטעס. מע האָט דאָ אונ חאָרט צעשטעלט שטרוי־ענע גוילעמס אונ געלערנט מיט די שפּיזנ זײ שטעכנ. שאָענווײַז זײַנענ די סאָלדאַטנ אונ אָפיצערנ געקראָכנ „פּאָ־פּלאַסטונסקי", אַפּ אַלע פיר, גע־פויזעט אַפנ בויכ איבער דער ערד, אויסגעמיטנ באַדינגלעכע מינענ־פעל־דער, „דזאָטנ", זיכ „אַרײַנגעריסנ אינ טראַנשײענ". אונ מאָדנע האָט עס אויסגעזענ אַפנ ערשטנ אָנבליק, ווענ סאָלדאַטנ, וואָס האָבנ מיט גראַנאַטעס פאַרניכטעט אַזויפיל עמעסע דײַטשישע טאַנקענ, דערשטאָכנ

מיט די שפּיזנ אָנ א שיר לעבעדיקע פײַנטלעכע זעלנער, געשטורעמט ווירקלעכע הוזאַטנ אונ זיכ ארײַנגעריסנ אינ דעמ סוינעמס טראַנשייענ, האָבנ איצט דאָס אלצ דורכגעהאָרעוועט אינ א „שפּיל“ אפ די לערנ־פלעצער, סאַמע בא דער פראָנט-ליניע.

— א מאָדנע מילכאָמע.

אפ די דאָזיקע לערנ־פלעצער איז גאַנצע טעג פארפאלנ געוואָרנ דער קאָמאַנדיר פונ פּאָלק איציק ספּיוואַק. ער האָט שטרענג אַכטונג געגעבנ, אלע זאָלנ זיכ מיטנ גאַנצנ ערנסט באַציִענ צו די לימודימ אונ אלצ זאָל געטאָנ ווערנ פונקט אזוי, ווי סע פאָדערט זיכ אינ שלאַכט־באַדינגונגענ. אָנשטאָט ציפערנ פונ געהאַרגעטע פאַשיסטנ האָט מענ אומעטומ אָנגערופנ קובאָמעטערס אויסגעגראָבענע טראַנשייענ, גוט־אײַנגעאָרדנטע בלינדאַזשנ. אינ די ראָטעס אונ באַטאַליאָנענ האָט מענ געגרייט זעלבסטטעטיקײַט־אָוונטנ. אינ די פרײַע פאַרנאַכטנ זײַנענ סאָלדאַטנ ארויסגעטראָטנ, געזונגענ לידער אונ ראָמאַנסנ, געטאַנצט אונ דעקלאַמירט. די נאַטשאַל־ניקעס פונ די קלובנ האָבנ פונ אונטער דער ערד אויסגעזוכט נײַעמ רעפּערטואַר פאַר די קרײַזלעכ. עס זײַנענ אהער אראָפּגעקומענ בריגאַדעס אַקטיאָרנ אונ אַנסאַמבלענ פונ מאָסקווע, פונ טאַשקענט, פונ באַשקיריע, פונ סאַראַטאָוו.

עס זײַנענ אָנגעקומענ יונגע סאָלדאַטנ פונעמ ווײַטנ הינטערלאַנד, אונ די עלטערע, „ביוואַלע“, סאָלדאַטנ האָבנ זיי איבערגעגעבנ זייער דערפאַרונג. נאָר אינ די נעכט פלעגט זיכ אָנהייבנ א קליינע מילכאָמע, די אויספירער פלעגנ אָנטאָנ זייערע מאַסקיר־כאַלאַטנ אונ זיכ אַוועקלאָזנ אפ די פאָדערשטע פאָזיציעס אפ „יאַגד“.

דורכ די נעכט זײַנענ די פאָדערשטע פאָזיציעס באַלויכטנ געוואָרנ פונ ביידע זײַטנ מיט אָנצאָליקע ראַקעטעס. זעלטנ אונ פויל האָבנ דורכ־געפײַפט איבער די קעפ מיט א בייזנ געוווי מינעס אונ סנאַריאַדנ, אונ ווידער איז דער גאַנצער ארומ אײַנגעזונקענ אינ א מאָדנער שטילקײַט. אָט האָבנ עטלעכע „יונקערס“ אונטערגעצונדנ א דאָרפ, אונ א סריפּע־פײַער האָט שוינ ווידער באַהעלט א שטיק הימל אינ דער ווײַט. באַטאָג האָבנ זיכ ארומגעדרייט אינ הימל דײַטשישע „ראַמעס“ אפ צו פאָטאָגראַפירנ די סאָוועטישע פאָזיציעס, נאָר די אומצאָליקע „זעניטקעס“ פלעגנ זיי באַגעגענענ מיט א פײַער אונ זיי פאַרטרײַבנ.

לאַנג האָבנ זיכ געצויגנ די טעג. אינ די שטאַבנ האָט מענ געגרייט א קלאַפּ איבער די דײַטשישע כאַיאָלעס, וואָס האָבנ אויסגערעכנט צו זומער־צו דאָ, אפנ קורסקער בויגנ, נעמענ רעוואַנש פאַר סטאַלינגראַד. אינ

דער אויסערלעכער רויִקײַט פונ די סאָלדאטנ האָט זיכ אָבער געפילט א גרויסער אָנגעשטרענגטער אומרו.

טאָג און נאכט זײַנענ אהער אָנגעקומענ אומענדלעכע קאָלאָנעס מיט טאנקענ, סנאריאדנ און זײַנענ ערגעצ נעלעמ געוואָרנ. אונטער יעדנ ביימל, אינ יעדנ ערד־פאלד איז געשטאנענ פארמאסקירט א האר־מאט, א טאנק. עס האָבנ זיכ געפרייט סאָלדאטישע הערצער, צופֿרידנ, וואָס מע האָט דאָ אָנגעגרייט פארנ דײַטש.

ווי נאָר עס פלעגט אָנקומענ דער אפדערנאכט, האָט זיכ דער הימל געגומענ אָנגיסנ מיטנ גערויש פונ שווער־געלאָדענע עראָפּלאנענ.

— אונדזערע פליִער טראָגנ שוינ דעמ דײַטש וועטשערע, — האָבנ זיכ סאָלדאטנ געוויצלט, ארויסרוקנדיק זיכ אפנ ברוסטווער פונ די אָקאָפּעס און נאָכשפירנדיק די טונקעלע סטײַעס, וואָס פלעגנ זיכ קוימ אָנזעונ אינעמ בלויענ הימל־רוימ. און אינ די פרימאָרגנס, ווענ די פעלד־פּאָסט פלעגט ברענגענ די ערשטע רויטארמײיִשע צײַטונגענ, האָבנ סאָל־דאטנ אינ די אָקאָפּעס געלייענט וועגנ די אָנפליִענ פונ דער סאָוועטישער אוויאציע אפ בערלינ און קעניגסבערג, אפ דאנציג און ווארשע, אפ ברעסט און קאָוועל, און זײַנענ מעקאנע געווענ די ווײַטע מארשרוטנ פונ די פליִענדיקע העלדנ.

— אז מ י ר וועלנ שוינ אהינ אָנשפארנ, — האָבנ די סאָלדאטנ אינ די אָקאָפּעס געזאָגט, — ערשט דעמלט וועט מענ שפּילנ „אָטבוי”.

דערווײַל האָט זיכ אפ די פעלדער צווישנ די טראנשייענ צעוואקסנ ווייצ, קאָרנ, האָבער און הרעטשקע. דער זומער האָט זיכ געשטעלט א הייסער, מע האָט געוואָרט אפנ אָנגריפ פונ די דײַטשנ, און די אינטענ־דאנטנ האָבנ דערווײַל צונויפגעשטעלט פלענער פונ אראָפּנעמענ די טוווע און האָבנ שוינ אהער צונויפגעפירט קאָסעס און זעק.

די שטילקײַט איז אלצ מער אָנגעלאָדנ געוואָרנ מיט אומרו. ס'איז געווענ די שטילקײַט ערעוו דעמ גרויסנ שטורעמ, צו וועלכנ מע האָט זיכ די לעצטע כאדאָשימ געגרייט. אינ דער רויִקער און אויסגערעכנטער ארבעט פונ אלע רינגלעכ פונ דעמ גיגאנטישנ ארמײ־מעכאניזמ האָט זיכ געפילט, אז די, וועלכע וועלנ אָנפירנ מיט דער שלאכט, ווייסנ גוט דעמ סוינעס פלאנ, זײַנ פארטראכט און, עפשער, אויכ דעמ טאָג און אפילע די שאָ פונעמ אָנהייב.

אינ איינעמ פונ די אפדערנאכטנ האָט דער גווארדיע־פּאָלקאָוו־ניק איציק ספּיוואק אויסגעשטעלט זײַנ פּאָלק אינ דער גריִנער באלקע, ווו עס האָבנ זיכ געפונענ די היִנטערטיילנ. אויסגעפוצטע, אונטערגעצוי־גענע, מיט אלע באלוינונגענ באהאנגענ, זײַנענ די סאָלדאטנ אינ א

פֿײַערלעך־דערהויבענער שטימונג געשטאַנען אין גלײַכע רייען, אויסגעשטעלט צום גרויסן יאָמטעוו פֿון איבערגעבן דעם פּאָלק די גוואַרדייִשע פֿאָן. דער פּאָלק־אָרקעסטער, מיט וועלכן עס האָט דיריזשירט דער לייטענאַנט איוואַן באָריסיוק, האָט געשפּילט דעם הימן. דער קאָמאַנדיר פֿון פּאָלק האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל, זיך אַראָפּגעלאָזט אַף אַ קני און אַ קוש געטאָן דעם זײַדענעם זוים פֿון דער פּורפּור־רויטער פֿאָן. דער גאַנצער פּאָלק האָט זיך געשטעלט אַף די קני און געשווירן אונטער אָט דער הייליקער פֿאָן פֿאַרטיידיקן די לײַבלעכע ערד, ניט שוינענדיק דאָס לעבן, ביזן לעצטן אָטעם דינען דעם לאַנד און איר פֿירער. דײַטלעך און הויך האָט דער קאָמאַנדיר פֿירגעזאָגט די ווערטער פֿון דער פֿײַערלעכער שבֿועה, און נאָך אים האָבן די שבֿועה איבערגעחזרט זײַנע סאָלדאַטן און אָפֿיצערן, וועלכע ער וועט פֿירן אין שלאַכט.

דער קאָמאַנדיר פֿון פּאָלק האָט איבערגעגעבן די פֿאָן דעם גוואַרדיע־סערזשאַנט וואַסיע ראָגאָוון, וועלכער האָט זיך אין די לעצטע שלאַכטן אויסגעצייכנט דערמיט, וואָס ער האָט מיט האַנט־גראַנאַטעס פֿאַרניכטעט צוויי פֿײַנטלעכע טאַנקען. דער סערזשאַנט האָט געשײַנט פֿון גליק. אויפֿגעהויבן די צעוויקלטע פֿאָן, איז ער מיט זײַנע אַסיסטענטן דורכגעגאַנגען מיט איר לענגאויס דעם פּאָלק, און די קלאַנגען פֿונעם אָרקעסטער האָבן אָנגעפֿילט אַלעמענס הערצער מיט פֿרייד און שטאָלץ.

ווען ס'איז גוט טונקל געוואָרן, איז דער פּאָלק אוועק אַף די פֿאָדערשטע פּאָזיציעס, גרייט אויפֿצונעמען אַף זיך דעם ערשטן קלאַפּ פֿונעם פֿײַנט, וואָס דאַרף אַריבערגיין אין אָנגריף. אַף דעם פּאָלק האָט מען אויסגעשטעלט. אים האָט מען פֿאַרטרויט אָט די שווערע און פֿאַראַנטוואָרטלעכע אויפֿגאַבע.

איבער די קעפּ האָט געשוועבט אַן אויסגעשטערנטע נאַכט. אין די אָקאָפּעס און טראַנשייען זײַנען די סאָלדאַטן געווען וואַך. ווײַט פֿון פֿראָנט, ערגעץ צווישן די געדיכטע וועלדער, וואָס האָבן זיך געשוואַרצט פֿאַר די אויגן, האָט זיך געהערט אַ טעמפּער געברום פֿון מאָטאָרן, וואָס מע האָט שוין לאַנג ניט געהערט. די אַנצאָליקע דראָטן, וואָס האָבן זיך געצויגן דורך די געדיכטענישן פֿון די טוועס און גראָזן, האָבן שטיל געזשומעט. די באָבאַכטער, וואָס זײַנען געלעגן פֿאַרמאַסקירט אין אַלע זײַטן, האָבן איבערגעגעבן, וואָס מע הערט און מע זעט.

שמײַע איז געלעגן אויפֿן אָנשיט פֿון זײַן אָקאָפּ לעבן דעם אײַנגעגראָבענעם האַרמאַט און זיך אײַנגעקוקט אין דער זײַט פֿונעם פֿײַנט. ער האָט פֿאָרזיכטיק געריכערט אין אַרבל און פֿון מאָל צו מאָל אויפֿמערקזאַם

געמאַכט אַפּ עפּעס איוואַנ באַריסיוקנ, וואָס איז געזעסנ לעבנ אים מיטנ גרויסנ בינאָקל אפנ האַלדז.

— הערסט, גוואַרדיע-לייטענאַנט, דער דײַטש גרייט זיכ שוינ. דער קוראַרט וועט זיכ באַלד ענדיקנ.

— פונוואַנענ ווייסטו, סטאַרינאַ?

— איכ קאָנ שוינ דאָס דײַטשל אויסגעבונדנ.

עס האָבנ זיכ דערהערט טריט אינ טוויע. ס'איז צוגעגאַנגענ דער קאָמאַנדיר פונ פּאָלק מיט זײַנ פּאַרבינדלער אונ אדיוטאַנט. אַלע זײַנענ זיי געווענ אָנגעטאָנ אינ מעטאַלענע קאַסקעס. ווענ דער פּאָדפּאָלקאָווניק האָט דערזענ די אַרטילעריסטנ אינ פּילאָטקעס, האָט ער זיכ אָנגערופנ:

— פושקאַרנ, איר רעכנט מילכאָמע האַלטנ, אָדער איר זײַט געקומענ צו דער שוויגער צוגאַסט? אַלע זאָלנ גלײַכ אָנטאָנ די קאַסקעס!

די אַרטילעריסטנ האָבנ שנעל אָנגעטאָנ די קאַסקעס אונ נאָכגעשפּירט נאָכ די באַוועגונגענ פונ דעמ שלאַנקנ, אונטערגעצויגענעמ קאָמאַנדיר.

— ווי מיינט איר, פושקאַרנ, איר וועט ניט דורכלאָזנ די טאַנקענ?

— מע וועט זיכ פּאָסטאַרענ, — האָט אָפּגעענטפערט שמײַע, באַטראַכטנדיק מיט ליבע דעמ זונ. — סנאַריאַדנ האָבנ מיר גענוג.

— וואָס הייסט „מע וועט זיכ פּאָסטאַרענ", — האָט דער פּאָדפּאָלקאָווניק זיכ א בייזער געטאָנ, — מע דאַרפ ענטפערנ: „מיר וועלנ ניט דורכלאָזנ". פאַרשטאַנענ, גוואַרדיע עלטערער סערזשאַנט?

די אַרטילעריסטנ האָבנ אונטערגעשמייכלט, צוהערנדיק זיכ, ווי דער קאָמאַנדיר רעדט מיטנ פאָטער.

נאָכ דעמ, ווי ער האָט דורכגעקוקט, צי איז אַלצ אפנ אָרט, צי ווייסנ די אַרטילעריסטנ זייערע צילנ, האָט ער זיכ אָנגערופנ:

— נו, זעט, איר זאָלט ניט אונטערפירנ, גוואַרדייער.

— אַלצ וועט זײַנ אינ אָרדענונג, כאַווער גוואַרדיע פּאָדפּאָלקאָווניק!..

א פאַרשמײַעטער איז געקומענ אפ די פּאָזיציעס דער יעפרייטער מיטיע זשוקאָוו מיט די טערמאָסנ זופּ אונ טיי, מיט ברויט אונ צוקער. א קליינער אונ א באַוועגלעכער, איז ער דאָ אויסגעוואַקסנ אומגעריכט אונ צונעפּלט אַלעמענ, מע זאָל אפגיכ אונטערשטעלנ די קעסעלעכ אונ נעמענ די וועטשערע, ער האָט קיינ צײַט ניט. דער טאָמיד אופגעלייגטער יונג מיט די שמייכלענדיקע אויגנ האָט שוינ אויכ געטראָגנ אפנ קאָפּ א קאַסקע אונ איז געווענ באַזונדערס אופגעלעבט.

— אנו, כעווריע, עסט זיכ באַר גוט אָנ. איר ווייסט דאָכ דעמ סאָל-

דאטסקנ געזעצ: אז ס'איז דאָ צײַט, — רײַנ ארײַנ אונ כאפּ א דרעמל, ווער ווייסט, צי שפּעטער וועט זײַנ צײַט זיכ אָפּרוענ אונ איבערכבײַסנ.

— וואָס זשע, קאצאָ, דו האָסט עפּעס געהערט? — האָט זיכ אָנגערופנ דאוויד באגרידזע, וואָס האָט זיכ געפּאָרעט בא זײַנ טעלעפאָנ-אפּאראט.

— די אויסשפּירער האָבנ געבראכט א „צונג", האָט ער דערציילט, אז דער דײַטש האָט צונויפגענומענ א סאכ טאנקענ אקעגנ אונדזער פראָנט.

— נו, אונ בא אונדז האָסטו געזענ, וואָס עס טוט זיכ אינ די באלקעס? — האָט באגרידזע מיט שטאָלצ א זאָג געטאָנ. — דער דײַטש וועט ברעכנ דעמ קאָפּ.

— וויאזוי קאָנ עס דענ זײַנ אנדערש? — האָט זיכ אָנגערופנ סידאָר דובאסאָוו, א באיאָרטער סאָלדאט פונ סיביר, א מענטש מיט לאנגזאמע באוועגונגענ, מיט לאנגע גוסארישע וואָנצעס, א גרויסער שווײַגער בעטעווע, זעלטנ-ווענ ער מישט זיכ ארײַנ אינ א געשפּרעכ. — איכ האָב זיכ נאָכ געשלאָגנ מיטנ דײַטש אינ יענער מילכאָמע. דאָס איז א ביטערע כײַע, דער דײַטש, ווי א פוקס, ער ווארפט זיכ שטענדיק אפ זײַנ קאָרבנ אומגעריכט, הינטער-ארומ. נאָר אלציינס כאפּט ער שטענדיק א וויסטנ קאָפּ. וואָס זאָגסטו, גווארדיע עלטערער סערזשאנט? — האָט דובאסאָוו אָנגערופנ דעמ קאָמאנדיר פונעמ הארמאט מיטנ גאנצנ טיטל.

— יאָ, ביסט גערעכט, דובאסאָוו, ס'איז געווענדט אינ אונדז, — האָט שמײַע געענטפערט, א ווינק טוענדיק אפנ פעלד, ווי איינער זאָגט: „פונ פאָרנט שטייענ עטלעכע טראנשייענ מיט אונדזער פעכאָטע, אונ מיר פלאפּלענ נאָכ דאָ".

— ניט געזאָרגט, סטארינא, אויב די טאנקענ וועלנ זיכ דאָ דורכרײַסנ, שטייענ הינטער אונדז נאָכ עטלעכע עשעלאָנענ.

— קאצאָ, דו הערסט, וואָס דו רעדסט? — האָט זיכ צעבייזערט דער טעלעפאָניסט דאוויד באגרידזע, — דער דײַטש טאָר אפילע קיינ איינ טראנשיי אונדזערע ניט דורכגיינ.

— אנו, הערט זיכ אופ צו קריגנ, עסט זיכ גוט אָנ. — האָט שמײַע איבערגעשלאָגנ דעמ געשפּרעכ אונ אָנגעגאָסנ פונ טערמאָס טיי אינ קווערטל, וואָס ער האָט אליינ אויסגעמײַסטרעוועט פונ א פארביק קאָנסערוונ-שאכטל.

סאָלדאטנ האָבנ געטרונקענ הייסע טיי אונ גערעדט. דער לייטענאנט איוואנ באָריסיוק, וואָס איז געזעסנ אינעמ קליינעמ בלינדאזשל אונ געשריבנ א בריוול, איז ארויסגעגאנגענ, געגעבנ די לעצטע פאָראָרדענונגענ

די ארטילעריסטנ אונ זיכ אוועקגעלאזט מיט די פארבינדלער אפ זיינ באאבאכטונגס־פונקט, וואס האט זיכ געפונענ אפנ בערגל, לעבנ בלינדאזש פונעמ פאלק־קאמאנדיר.

— נו, זשוקאוו, לייג נאר אוועק דיינע טערמאסנ אונ שטעל זיכ צומ הארמאט, — האט שמײַע א זאג געטאנ צומ יעפרייטער מיטיע זשוקאוו, וואס האט זיכ נאכ אלצ געפארעט בא דער וועטשערע.

— גווארדיע עלטערער סערזשאנט, וואס זשע האט איר געמיינט, אז סע גלוסט זיכ מיר האבנ צו טאנ מיט די טערמאסנ? — האט זיכ אנגערופנ זשוקאוו אונ אפגעווישט די נאסע הענט מיט גראז, — דער לייטענאנט האט מיר באפוילנ פארבײַטנ אפ עטלעכע טעג דעמ סטארשינא, האב איכ אויסגעפילט דעמ באפעל.

— איכ זאג דיר גארניט, — האט שמײַע זיכ ווי פארענטפערט, — איכ זאג נאר, אז מער וועסטו שוינ אינ ערגעצ ניט גיינ אונ שטעל זיכ צו דער ארבעט. דו ביסט דאכ מײַנ רעכטע האנט.

— מיטיע זשוקאוו איז א כוואט, — האט שמייכלענדיק זיכ אנגערופנ דער טעלעפאניסט, — ער האט בא די אינטענדאנטנ גענומענ פאר אונדז אלצ, וואס סע קומט לויט דער נארמע. עמעס, בראנפנ האט ער בא זיי ניט שטענדיק געקאנט ארויסרײַסנ.

— בראנפנ? — האט זיכ פארוואונדערט מיטיע זשוקאוו. — דו זאגסט דאכ, קאצא, אז דו האסט ניט ליב קיינ בראנפנ, א קורצער זיקארנ בא דיר, ווי בא א מיידל. האסט דאכ אליינ געזאגט, אז כוצ קאכעטינער זויערנ וויינ נעמסטו אינ מויל ניט?

— דאס סטארע איכ זיכ פאר מײַנע כאווירימ, פאר דעמ עלטערנ סערזשאנט אונ פאר דובאסאוונ, זיי האבנ ליב דעמ ביטערנ טראפנ.

— נישקאשע, באגרידזע, — האט זיכ אנגערופנ שמײַע, — ס'וועט זיכ ענדיקנ די מילכאמע, וועל איכ דיכ נעמענ צו זיכ אינ קאלאניע, דארטנ וועל איכ דיכ אפפויענ מיט גוטנ וויינ.

— ניינ, כאווער גווארדיע עלטערער סערזשאנט, פריִער וועט איר פארנ צו מיר אינ קאכעטיע, אונ דערנאכ וועלנ מיר שוינ פארנ צו אײַכ קיינ כערסאנ, — האט געזאגט דער גרוזינער. אונ פונ דעמ, וואס מע האט איצט גראדע דערמאנט זײַנ היימ, האבנ בא אימ אופגעשײַנט די אויגנ.

— לאמיר פארנ נאכ דער מילכאמע קיינ סיביר, וועל איכ אײַכ פירנ אפ יאגד. קיינ בעסערס דערפונ איז אפ דער וועלט ניטא, — האט א זאג געטאנ דובאסאוו.

— וואס האט איר זיכ שוינ צערעדט, ווער וואוהינ סע וועט פארנ, — האט זיכ ארײַנגעמישט שמײַע, — מע דארפ זיכ אפריִער דורכגיינ אי-

בער בערלינ, דערנאָכ װעלנ מיר זענ. װוּהינ איר זאָלט דעמלט ניט קומענ, װעט איר אומעטומ זײַנ אָנגעלײגטע געסט.

איבער די אָקאָפּעס איז געהאנגענ די נאכט, אזא מעכבײַעדיקע, אויס־געשטערנטע אונ אויסערלעכ רויִקע.

אויפֿנ האָריזאָנט האָט קוים אָנגעהויבנ שארײַענ אפֿ טאָג, װענ די לופֿט האָט זיכ אָנגעפֿילט מיטנ באקאנטנ גערויש פֿונ שװער־געלאָדענע דײַ־טשישע באָמבארדירער אונ פֿונעמ בלויענ הימל זײַנענ, װי פֿונ א יאמ, ארויסגעשװוּמענ סילועטנ פֿונ גרויסע לופֿט־שיפֿנ. זיי זײַנענ געגאנגענ אינ גלײַכע דרײַעקנ, צו עטלעכע שטאָק, װי אפֿ א פּאראד, אזוי פֿיל, אז מע האָט זיי שוינ ניט געקאָנט איבערציילנ. דער גערויש האָט זיכ מיט יעדער רגע געשטארקט אונ שוינ פֿארפֿולט די גאנצע לופֿט.

— נו, קינדער, סע הייבט זיכ אָנ. — האָט שמײַע פּאריסנ דעמ קאָפּ צומ הימל, אונ זײַנע שװערע, אָדערדיקע הענט האָבנ זיכ צונויפֿגעפּרעסט אינ פֿויסטנ.

— אָהאָ, װיפֿל! צונויפֿגענומענ די אעראָפּלאנענ פֿונ דער גאנצער װעלט. — האָט זיכ אָנגערופֿנ דובאסאָװ אונ גענומענ אָבלאָדנ זײַנ ביקס, קעדיי ער זאָל קאָנענ שיסנ, װענ זיי װעלנ אראָפּנידערנ.

— זעט נאָר די פּאדלעס, זיי מאכנ א קרײַז, אוהער גייענ זיי! — האָט באגרידזע אויסגעשריִענ אונ זיכ צוגעשפּארט צומ װענטל פֿונ זײַנ אָקאָפּ.

— װוּ זײַנענ אונדזערע פֿארניכטלער? פֿארװאָס פֿליִענ זיי ניט ארויס? — האָט אַ פֿרעג געטאָנ, װי פֿאר זיכ, מיטיע זשוקאָװ.

— רויִקער, מע טאָר ניט כאפּנ די יויכ פֿאר די לאָקשנ, — האָט שמײַע אימ איבערגעשלאָגנ.

מיטאמאָל האָט פֿונ אלע זײַטנ זיכ אויפֿגעהויבנ א שטארקע שיסערײַ פֿונ אָנצאָליקע זעניט־הארמאטנ. די אעראָפּלאנענ, װאָס זײַנענ אָקאָרשט געפֿלויגנ אינ גלײַכע דרײַעקנ, װי אפֿ א פּאראד, האָבנ זיכ צעשאָטנ אינ פֿארשיידענע זײַטנ. מע האָט שוינ געזענ, װי צװישנ די באָמבארדירער רײַסנ זיכ סנאריאדנ אונ עס װיקלענ זיכ גרויע רויכנ. די סאָלדאטנ האָבנ באָנגעשפּירט, װי די זעניטלער דערלאנגענ פֿײַער, אונ װענ מע האָט דער־זענ, װי די ערשטע צװיי „יונקערס" האָבנ זיכ אָנגעצונדנ אונ מיט לאנגע רויכ־עקנ האסטיק גענומענ פֿאלנ צו דער ערד, איז אינ די טראנשייענ ארויסגעבראָכנ א פֿריילעכער ליארעמ. כאָטש עס זײַנענ נאָכ אוהער געגאנ־גענ, דערנענטערנדיק זיכ צו די פּאָזיציעס, צענדליקער אונ צענדליקער אנדערע באָמבארדירער. עס האָט זיכ אָנגעהויבנ א קנאקערײַ פֿונ ביקסנ אונ קוילנװארפֿער, פֿונ פּאנצער־ביקסנ. די גאנצע לופֿט האָט גענומענ צי־

טערן פון דער שיסערײַ און פונעם מעכטיקן מאָטאָרן־גערויש. אראָפגעשלאָגענע, מאַכמעס דעם אומגעריכטן ווידערשטאַנד, פונעם קורס, האָבן די דײַטשישע לופט־מאַשינעס געמאַכט א צווייטן קרײַז, נאָר די שיסערײַ האָט זיך נאָך מער פארשטאַרקט, און די באָמבעס זײַנען געפאַלן, ווו ס'האָט זיך געמאַכט. די פיקירער האָבן גענומען נידערן אף די טראַנשייען, און דאָס יאָמערלעכע סקאַווטשען פון זייערע סירענעס, די אופרײַסן פון די באָמבעס האָבן אָנגעפילט מיט א מוירעדיקן גרילץ די גאַנצע ערד, וואָס האָט אופגעציטערט און זיך באַדעקט מיט שטויב, רויך און פײַער. אַלץ האָט זיך אויסגעמישט, ס'איז שווער געוואָרן צו עטעמען.

אפן האָריזאָנט האָבן זיך באַוויזן נײַע און נײַע כוואַליעס אעראָפלאַנען.

— עך, הינט! — האָט זיך אויסגעזידלט אף גרוזיניש באַגרידזע. די באָמבעס האָבן איבערגעריסן זײַנע דראָטן. ער האָט זיך ארויסגערוקט פון זײַן אָקאָפ און, אָנבייגנדיק זיך נידעריק צו דער ערד, אוועקגעלאָפן פאַריכטן די פאַרבינדונג.

— גוט איז אים, וואָס ער איז אזא קליינינקער, — האָט א זאָג געטאָן דער סיביריאַק דובאָסאָוו, וואָס איז געלעגן באַנאַנד מיט שמײַען, — און מײַן מאַמע האָט מיך געבאָרן אזא גרויסן, אז יעדער פאַרשיווע שפליטער וועט מיך פאַרטשעפען.

אף שמײַעס פּאָנעם האָט זיך באַוויזן א שמייכל, נאָר ער איז גלײַך בעלעם געוואָרן. פונעם קעגנִיבערדיקן וואַלד האָבן זיך באַוויזן דײַטשישע טאַנקען, נאָך זיי האָט מען געזען לויפן זעלנער. זיי זײַנען גענאָענט אהער, צו די טראַנשייען, אין דער באַגלייטונג פון נײַע כוואַליעס אעראָפלאַנען. פײַל־אויסן־בויגן איז געלאָפן צו זײַן אָקאָפ באַגרידזע. ער האָט שוין פאַרריכט די דראָטן, און איצטער האָט ער עפּעס געשריען און געוויזן צום וואַלד, גלײַך ווי קיינער, כוץ אים, וואָלט ניט געזען די טאַנקען, וואָס האָבן זיך אהער דערנענטערט מיט א בייזן געברום. ער איז ארײַנגעשפרונגען אין אָקאָפ און צוגעזאָטן געוואָרן צום אופגעלעבטן טרײַבל.

אויך אף דער באַטאַריי האָט אַלץ מיטאַמאָל אופגעלעבט. די אַרטילעריסטן האָבן זיך צוגעגרייט צו דער שלאַכט. שמײַע האָט זיך אַליין געשטעלט צום האַרמאַט, דאָס פּאָנעם איז אים געווען פאַרשטויבט. פון מאָל צו מאָל האָט ער געכאַפט א קוק צום זונס בלינדאַזש, פון וואַנען יענער האָט קאָמאַנדעוועט מיטן פאָלק. איצט, אין דער מינוט, האָט אים באַנק געטאָן, וואָס ער געפינט זיך ניט לעבן אים, לעבן איציקן. ער וואָלט אים אין א געפערלעכער מינוט פאַרשטעלט פונעם טויט מיט זײַן אייגן

ליִנ. די טאַנקענ, — האָט ער געטראַכט, — אויב זיי וועלנ זיכ דורכרײַסנ, וועלנ זיי זײַנ פריִער לעבנ זוג, ווי לעבנ אימ.

דער אופרײַס פונ עטלעכע סנאַריאַדנ, וואָס זײַנענ געפאַלנ ניט ווײַט פונעמ האַרמאַט אונ אימ פאַרשאָטנ מיט שטויב, האָט דעמ אַלטנ איבערגעשלאָגנ די געדאַנקענ.

— פושקאַרנ, פאַרוואָס שיסט איר ניט? — האָט זיכ דערהערט אַנ אויסגעשריי.

— וואָס זײַט איר אײַנגעשלאָפנ געוואָרנ, טאַנקענ גייענ!

שמײַע האָט זיכ אומגעקוקט אַפנ טעלעפאָניסט. פאַרוואָס איז נאָכ ניטאָ קיינ באַפעל צו שיסנ? אָט גייענ זיי שוינ, די שוואַרצע כײַעס, גלײַכ אַפ זייערע טראַנשייענ. אָנ אַ שיר טאַנקענ רוקנ זיכ אַהער, ווי אַ כמאַרע. אָט זעט מענ שוינ די זעלנער-קייטנ, עס דערטראָגט זיכ דער געליאַרעמ פונ די דײַטשנ, זיי גייענ מיט אַזויפיל האַנער, אינ זייערע אויגנ קער זיכ שוינ זענ די גערולע פונ זיג... דער לייטענאַנט באָריסיוק האָט איבערגעגעבנ, מע זאָל ניט שיסנ אָנ זײַנ באַפעל — צולאָזנ די טאַנקענ נעענטער...

אינ איינ ווײַלע האָט די גאַנצע ערד הינטער די פלייצעס זיכ ווי אַ הייב געטאָנ פונעמ אָרט. דאָס האָבנ פונ דער טיפ אַ רייד געטאָנ די שווערע קאַנאָנענ אונ אָנגעהויבנ אָנטקעגנ די פײַנטלעכע טאַנקענ אַ גרויזאַמע פײַער-וואַנט. איבערנ קאָפּ האָבנ זיכ געטראָגנ פײַערדיק-רויטע שפיזנ פונ די „קאַטיושעס“. דאָס אַלצ איז געפלויגנ אַפנ סויגעס קאָפּ, אונ ס'האָט זיכ געדאַכט, אַז קיינ לעבעדיקער נעפעש וועט ניט בלײַבנ אַפ יענער ערד, וווּ ס'האָט זיכ צעבושעוועט דאָס פײַער. אינ הימל האָט זיכ דערהערט אַ באַקאַנטער גערויש פונ מאָטאָרנ — עס זײַנענ אַרויסגעפלויגנ שווער-געלאָדענע סאָוועטישע באָמבאַרדירער, פאַרניכטלער, די ערשטע זונ-שטראַלנ האָבנ באַשײַנט די רויטע שטערנס אַפ זייערע פליגלענ. אינ די טראַנשייענ אונ אָקאָפּעס האָבנ די סאָלדאַטנ מיט אויסגעשרייענ באַגריסט די גרויסע הילפ, וואָס איז צו זיי געקומענ אַפנ שלאַכטפעלד.

פונעמ וואַלד האָבנ זיכ אַרויסגעשאָטנ אַלצ נײַע אונ נײַע קייטנ דײַטשישע טאַנקענ אונ זעלנער. דער לייטענאַנט באָריסיוק האָט איבערגעגעבנ דעמ באַפעל, אונ זײַנ באַטאַרײ איז אַרײַנגעטראָטנ אינ שלאַכט — מע האָט שנעל אַרויסגעקײַקלט די האַרמאַטנ אונ גענומענ שיסנ איבער די טאַנקענ, וואָס האָבנ זיכ אַרויסגעריסנ פונ פײַער אונ זיכ דערנעענטערט צו די טראַנשייענ.

דאָ אונ דאָרט האָבנ געברענט פײַנטלעכע מאַשינעס, דאָס שלאַכט-

פעלד איז באדעקט געוואָרנ מיט געהארגעטע דײַטשנ, וואָס זײַנענ ערשט געלאָפנ אהער מיט צעעפנטע מײַלער. איצט האָט מענ געזענ לעבעדיקע דײַטשנ לויפנ צוריק, זיי אנטקעגנ זײַנענ אָבער ארויסגעלאָפנ נײַע כוואַליעס.

דער דײַטש האָט זיכ גלײַכ געוואָרפנ אינ דער צווייטער אטאקע. ווידער איז ארײַנגעטראָטנ אינ שלאכט די ארטילעריע.

שמײַע האָט א קוק געטאָנ פאָרויס אונ דערזענ — א ריזיקע מאשינ, געפארבט אינ געלע פאסנ, שפּארט, ווי א כײַע, גלײַכ אפ זײַנ הארמאט. אָט איז זי שוינ נית ווײַט פונ דער טראנשיי. די פעכאָטינער האָבנ גענומענ אינ איר ווארפנ גראנאטעס. נאָר דער „טיגער“ איז אלצ געגאנגענ, נית אָפּשטעלנדיק זיכ. שמײַע האָט אינ אימ אויסגעשאָסנ. נאָר דער סנאריאד איז אריבערגעפלויגנ. א קאלטער שוויס האָט אימ באשלאָגנ. אינ דער זעלבער רעגע האָט זיכ נית ווײַט פונעמ הארמאט אויפגעריסנ א סנאריאד אונ פארשאָטנ די ארטילעריסטנ מיט ערד אונ שטויב. דעמ אלטנ האָט די לופט־כוואליע אָפּגעוואָרפנ אינ א זײַט, אונ ער איז אומגעפאלנ. ער האָט גלײַכ דערהערט לעבנ זיכ דובאסאָווס שטימ:

— ביסט פארווונדעט?

— ניינ, דאכט זיכ, — אונ ער האָט גענומענ פויזענ גיכ אפ אלע פיר צוריק צומ הארמאט. דער „טיגער“ איז דערגאנגענ ביז צו א טיפער גרוב אונ גענומענ אָפּקערעווענ אינ א זײַט. אינ דער רעגע האָט אימ שמײַע ארײַנגעלאָזט א סנאריאד צווישנ די רויפנ, אונ דער ריז האָט זיכ אָפּגעשטעלט. איינס נאָכנ אנדערנ האָט איצט דער ארטילעריסט געשיקט סנאריאדנ אינ טורעמ, אינ בענזינ־באק. פונעמ „טיגער“ האָט א זעצ געטאָנ א רויכ. ער האָט אָנגעהויבנ ברענענ.

שמײַע האָט א וויש געטאָנ מיטנ ארבל פונ דער פארשטויבטער גימנאסטיאָרקע דאָס נאסע אונ קויטיקע פּאָנעמ. פונ די נאָענטע אָקאָפּעס האָבנ צו אימ געשריענ סאָלדאטנ, זיי האָבנ אימ באגריסט, נאָר ער איז געווענ פארטויבט אונ האָט נית פארשטאנענ, וואָס זיי ווילנ. א טויטמידער איז ער אָפּגעגאנגענ פונעמ הארמאט אונ צוגעכאפּט זיכ צו דער פליאגע אויסשווענקענ דאָס מויל, וואָס איז געווענ פול מיט ערד אונ זאמד. אפ זײַנ אָרט האָט זיכ געשטעלט צומ הארמאט מיטיע זשוקאָוו.

ס'איז שוינ געווענ גרויסער טאָג, נאָר די אטאקעס האָבנ נית אויפגעהערט אונ זײַנענ נית שוואכער געוואָרנ. די סאניטארנ האָבנ אונטערנ מוירעדיקנ פײַער ארויסגעטראָגנ פארווונדעטע סאָלדאטנ אונ אָפיצערנ. אינ אייניקע ערטער האָבנ דײַטשישע טאנקענ זיכ פאָרט אדורכגעריסנ אונ אָנגעהויבנ פרעסנ די אָקאָפּעס. אָבער אנטקעגנ דעמ גווארדייִשנ

פּאָלק זייַנען געשטאַנען נאָר אונטערגעקלאַפּטע טאַנקען און אַרום זיי זייַנען געלעגן געהאַרגעטע דייַטשן.

אין קורצע רגע האָט דער פּאָלק איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, נאָר גלייַך האָבן זיך די דייַטשן ווידעראַמאָל געלאָזט אין אָנגריפ. נייַע קאָלאָנעס טאַנקען זייַנען אַרויסגעקראָכן פון זייערע באַהעלטענישן, נייַע כוואַליעס דייַטשישע אַעראָפּלאַנען האָבן זיך באַוויזן אין הימל. די גאַנצע ערד האָט שוין געברענט, איינגעהילט אין רויך, ס'איז געווען אַ הייסער יולי־טאָג, נאָר די זון האָט מען ניט אַרויסגעזען.

עס האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז קיין שום כוחות וועט שוין ניט אָפּשטעלן אָט די נייַע כוואַליע פון שטאָל און מאָטאָרן. די דייַטשן זייַנען געלאָפן און געשפּרונגען איבער די טויטע קערפּערס פון זייערע סאָלדאַטן. ס'איז שוין שווער געווען פאַנאַנדערקלייַבן, וועלכע טאַנקען זייַנען נאָך לעבעדיקע און וועלכע זייַנען שוין ניט מער ווי אַ קופּע שטאָל־ברוך.

דער לייטענאַנט באָריסיוק, וואָס איז איצט געווען צוזאַמען מיטן פּאָלק־קאָמאַנדיר, האָט איבערגעגעבן נייַע קאָאָרדינאַטן, אָפּטער געפּאָדערט פייַער. די הייַטשישע קייטן האָבן זיך דערנעענטערט צום באַאָבאַכטונגס־פּונקט. פּלוצלינג האָט זיך איבערגעריסן די פאַרבינדונג. אַרום האָט געבושעוועט אַזאַ פייַער, אַז מע האָט ניט געקאָנט אויפהייבן דעם קאָפּ. פון אַלע זייַטן האָבן זיך געהויבן פאָנטאַנען ערד. באָגרידזע האָט אַרויסגעקוקט צום שלאַכטפעלד. אַ בלינדער קויל האָט אים צוגעפּרעסט צו דער ערד און ניט געלאָזט זיך אויפהייבן, נאָר אַ צווייטער קויל — דער קויל פון כויוו — האָט אים אויפגעהויבן. אַ כאַפּ געטאָן דעם אויטאָמאַט, איז ער אַוועקגעפּויזעט צווישן גראָז, זוכנדיק, וווּ איז דער דראָט צעשעדיקט. שמייַע האָט גענומען דאָס טרייבל.

— „בעריאָזע"! „בעריאָזע"! — האָט ער געשריגן אַן אויפהער, נאָר „בעריאָזע" האָט ניט געענטפערט. באָגרידזע האָט נאָך ניט צונויפגעבונדן, וווּ זי וועט אויס, די דראָטן. ביז ער וועט זיי ניט צונויפבינדן, וועט „בעריאָזע" ניט ענטפערן. און „בעריאָזע" — דאָס איז דער בלינדאַזש, וווּ עס געפינט זיך דער קאָמאַנדיר פונעם פּאָלק, דער קאָמאַנדיר פון דער באַטאַריי.

ערגעץ דאָרטן, צווישן די רויכן און פייַערן, פּויזעט דער פאַרבינדער, און הונדערט טויטן לויערן אויף אים. צי וועט ער דערגיין? דער אַלטער האָט ניט אויפגעהערט שרייַען אין טרייבל „בעריאָזע!", נאָר פּלוצלינג האָט שמייַע דערהערט אַ באַקאַנטע שטים. יאָ, די פאַרבינדונג איז אויפגעשטעלט! באָריסיוק שרייַט:

— „טאָפּאָל"! „טאָפּאָל"! ווו ביסטו פאַרפאַלן געוואָרן? — דער

לייטענאַנט האָט זיך געזידלט, ער האָט געבעטנ פײַער אפ זיך... — די דײַטשנ רינגלענ ארומ דעמ קאָמאַנדיר פונ פּאָלק... פײַער!.. פײַער!..

שמײַע הערט זיך אײַנ אינ טרײַבל אונ פארשטייט ניט, וואָס זאָל ער טאָנ... זאָל ער שיסנ אפנ בלינדאזש? פארניכטנ אימ מיט זײַנע סנאַריאַדנ? אָט הערט ער די שטימ פונעמ הייזעריק געוואָרענעמ קאָמאַנדיר פונ פּאָלק. יאָ, ער פאָדערט פײַער אפ זיך... שמײַע ווייסט ניט, וואָס עס קומט פאָר ארומ אימ. עס פארדרייט זיך אימ דער קאָפּ. ער הייסט מיטיע זשוקאָווג, ער זאָל נעמענ דאָס טרײַבל אונ הערנ, וואָס פאָדערט דער קאָמאַנדיר פונעמ פּאָלק. ער איז פארטויבט, זעט אויס, שמײַע, אונ הערט ניט... ער איז צוגעגאַנגענ צומ הארמאט, אימ אָנגעלאָדנ, אונ אינ דער רגע האָט ער דערהערט מיטיעס שטימ — מע דארפ באשיסנ דעמ באָאבאכטונגס-פּונקט. דער אלטער האָט אָנגעצילט דעמ הארמאט אונ אויסגעשאָסנ. אינ הארצנ האָט זיך עפּעס אָפּגעריסנ...

ווענ עס איז אָפּגעפאלנ די אָנגריפ־כוואַליע אונ אפנ שלאַכטפעלד האָט זיך געשטילט דאָס פײַער, האָט שמײַע אוועקגעפּויזעט צומ באָאבאַכ־טונגס־פּונקט. פּויזענדיק אזוי, האָט ער זיך אָנגעשטויסנ אפ באגרידזועס טויטנ קערפּער. ער איז געלעגנ, צעוואָרפנ די הענט אונ די פיס. אינ די ציינ האָט ער געהאלטנ פארקוועטשט ביידע עקנ דראָט. שמײַע האָט פארשטאַנענ אלץ, וואָס דאָ איז פאָרגעקומענ. אפילע טויטערהייט האָט באגרידזע אויסגעפילט זײַנ כויוו. א רגע האָט שמײַע געקוקט אפנ טויטנ העלד אונ דערנאָכ אוועקגעפּויזעט ווײַטער. באַמ באָאבאַכטונגס-פּונקט האָט ער שוינ געטראָפנ א גרופּע סאָלדאטנ, וואָס האָבנ מיט לאָפּעטעס צעשארט דעמ כאָרעווע בלינדאזש. פונ אונטער די ברוכ־שטיקער האָט מענ ארויסגעשלעפּט דעמ פארווונדעטנ קאָמאַנדיר פונ פּאָלק, דעמ לייטענאַנט אונ עטלעכע סאָלדאטנ, וואָס זײַנענ געווענ צוזאַמענ מיט זיי. ניט ווײַט פונעמ בלינדאזש האָבנ זיך נאָכ געריכערט צוויי טאַנקענ, אונ אָנ א שיר דײַטשישע סאָלדאטנ האָבנ זיך דאָ דערבײַ געוואַלגערט אינעמ ווייץ.

דער גווארדיע־פּאָדפּאָלקאָווניק איז געקומענ צו זיך, ווענ מע האָט אימ געגעבנ פונ דער פליאַגע זיך אָנטרינקענ. מע האָט אימ ניט געקאָנט דערקענענ, אזוי איז ער געווענ אויסגעשמירט אונ פארבלוטיקט. די סאַ־ניטארנ האָבנ אימ שנעל איבערגעבונדנ אונ געוואָלט אימ ארויסטראָגנ פונעמ פײַער, נאָר ער האָט באפוילנ אויסגראָבנ אימ אנ אָקאָפּ לעבנ די אונטערגעקלאַפּטע טאַנקענ — פונ דאָרט זעט מענ בעסער דאָס פעלד — אונ אריבערטראָגנ אהינ דעמ טעלעפאָנ.

מע האָט נאָך ניט באַוויזן אויסענדיקן דעם קאָפּ, ווי די דײַטשן זײַנען ווידער אַריבער אין אַטאַקע.

קיינע קייטן דײַטשן האָבן זיך אויפגעהויבן פון דער ערד. דער פּאָד־פּאָלקאָווניק האָט זיך אומגעקוקט. צי וועט מען אויסהאַלטן די נײַע, די זעקסטע אַטאַקע? מע האָט אים אָנגעקלונגען פון דיוויזיע־שטאַב: עס ווערט באַפוילן ניט דורכלאָזן דעם פֿײַנט. עס גייט הילף.

דער גוואַרדיע־פּאָדפּאָלקאָווניק האָט איבערגעגעבן אַ באַפעל — אַרויסטראָגן אויפן שלאַכטפעלד די פאָן!

— די פאָן אויפן שלאַכטפעלד!

— די פאָן!

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט זיך אין דער טראַנשיי, אין צענטער פונעם פּאָלק, באַוויזן וואַסיע ראָגאָוו מיט זײַנע באַווייריקע אַוטאָמאַטישער. ער האָט אַראָפּגענומען די דעקע פון דער פאָן און אַ צעוויקלטע זי אויפגעהויבן איבערן קאָפּ.

שמײַע האָט געקוקט אויף זון, נאָר יענער האָט אים ניט באַמערקט. ער איז געווען פאַרטאָן אין זײַן אַרבעט און האָט פאַר זיך איצט געזען בלויז דאָס שלאַכטפעלד, דעם פֿײַנט, וואָס האָט זיך דערנענטערט, און די גוואַרדייִשע פאָן, וואָס האָט געפלאַטערט אויפן ווינט.

די סאָלדאַטן האָבן געקוקט אויף זייער פאָן, וואָס האָט געפלאַטערט אויפן שלאַכטפעלד צווישן פֿײַער און רויך. פאַרווונדעטע האָבן ניט פאַרלאָזט די אָקאָפּעס. טאַנקען, וואָס האָבן זיך דורכגעריסן איבער די טויטע קערפּערס פון סאָלדאַטן דורכן די ערשטע טראַנשייען, זײַנען פאַרניכטעט געוואָרן בײַ די צווייטע טראַנשייען. אַז זיי זײַנען שוין ערגעץ ווו אַריבער אין אָקאָפּ, האָבן זיך פון דאָרט אויפגעהויבן די לעבעדיק געבליבענע גוואַרדייער און זיי פאַרוואָרפן מיט גראַנאַטעס. אין די דורכגענג פון די שוץ־גראָבנס זײַנען געגאַנגען האַנט־געפעכטן. דער קאָמאַנדיר פון פּאָלק האָט אויפגעהויבן אַלעמען, ווער ס'האָט זיך נאָך געהאַלטן אויף די פיס, און זיי געפירט אין קאָנטראַטאַקע.

עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד האָבן די גוואַרדייער אָפּגעשלאָגן אַנצאָליקע אַטאַקעס פונעם סוינע און זײַנען ניט אָפּגעטראָטן פון זייערע פּאָזיציעס. אויף דער ערד און אונטערלופטן, אין די אָקאָפּעס און אויף די וועגן איז געגאַנגען די שלאַכט. דאָס אומענדלעכע שלאַכטפעלד איז געווען געדיכט אײַנגעהילט אין רויך, פאַרוואָלגערט מיט געהאַרגעטע דײַטשן, פאַרברענ־

טע טאַנקענ, אָפּגעסמאַליעטע הרודעס ברוכוואַרג פונ באָמבאַרדירער מיט שוואַרצע צלאָמימ.

אינ די נעכט זײַנענ די שלאַכטנ שטילער געוואָרנ, אָבער ווי נאָר עס איז אָנגעקומענ דער פרימאָרגנ, זײַנענ זיי אויסגעבראָכנ מיט א נײַער קראַפט.

אונ ווענ עס האָט זיכ שוינ געקאָנט דוכטנ, אז די קויכעס בײַ ביידע צדאָדימ זײַנענ שוינ אויסגעשעפּט ביז לעצט. אונ די שלאַכט האָט זיכ שוינ אויסגעלאָשנ, האָבנ אפנ פעלד א שפּאַר געטאָנ נײַע קאָלאָנעס רוסישע טאַנקענ, נאָכ זיי — פרישע פּאָלקנ, אינ הימל האָבנ זיכ באַוויזנ מעכטיקע עסקאַדריליעס אַעראָפּלאַנענ. טויט־מידע סאָלדאַטנ האָבנ באַוווּנדערט אָט דעמ נײַעמ קויעכ, וואָס איז אָקאָרשט אַרײַנגעטראָטנ אינ שלאַכט אונ גענומענ אַרויסשטויסנ, טרײַבנ, נאָכיאָגנ אונ פאַרפאָלגנ די צעקלאַפּטע דײַטשישע כאַיאָלעס.

מידע, אויסגעצערטע, מיט א לײַכטנ געמיט פונ מענטשנ, וואָס האָבנ אויסגעפילט זייער כויוו ביזנ סאָפ, זײַנענ געשטאַנענ די גוואַרדייער, זיכ צוגעהערט צומ זיכ אלץ דערווײַטערנדיקנ גערויש פונ דער שלאַכט אונ האָבנ נאָכ ניט געקאָנט גענוי באַנעמענ, אז דאָס האָבנ זיי מיט זייער אקשאָנעס אונ מיט זייער בלוט געעפנט דעמ וועג פאַר די פרישע טיילנ.

זיי זײַנענ געשטאַנענ מידע אונ געהערט די באַגריסונג־ווערטער פונעמ פראָנט־קאָמאַנדיר, וועלכע ס'האָט זיי פאַרגעלייענט דער קאָמאַנדיר פונ פּאָלק, וואָס האָט זיכ שוינ קוימ געהאַלטנ אפ די פיס פונ ווייטעק אונ איבערמענטשלעכער אָנשטרענגונג. איבער זיי האָט געפלאַטערט די דורכגעלעכערטע, פאַרוווּנדעטע גוואַרדייִשע שלאַכט־פאָנ.

אונ דאָרט, ווײַט פונעמ שלאַכטפעלד, אינ קרעמל, האָט דער אויבער־הויפּטקאָמאַנדיר שוינ געגרייט זײַנ באַפעל וועגנ די טרײַע סאָוועטישע קריגער, וואָס האָבנ אָראָפּגעריסנ דעמ פאַרצווייפלטנ זומער־אָנגריפ פונ די דײַטשישע כאַיאָלעס, דעמ לעצטנ גרויסנ אָנגריפ פונ דער פאַשיסטישער אַרמיי אינ איר מיִעס פאַרשפּילטער מילכאָמע קעגנ סאָוועטישנ פאָלק.

שמײַע איז געשטאַנענ אָנגעשפּאַרט אינ זײַנ ביקס אונ געקוקט אפנ זונ. אז מע איז זיכ צעגאַנגענ אפ די ערטער, האָט דער אַלטער אָפּגעווישט מיט דער דלאָניע דעמ פאַרשווייצטנ שטערנ, אָפּגעשפּיליעט פונעמ רימענ די אַליומיניעווע פליאַגע, אינ וועלכער ס'איז נאָכ געווענ א ביסל בראָנפנ, אונ צוגעטראָגנ איציקנ.

— כאַווער פּאָדפּאָלקאָווניק, טרינק אויס פאַר אונדזער זיג! פאַר אונדזער באַגעגעניש אינ בערלינ! — האָט דער אַלטער אַרומגענומענ דעמ זונ.

— לעכאַימ, טאַטע...

. . . .

דער פאָלק האָט זיכ גענומענ גרייטנ אינ ווײַטנ אונ שווערנ וועג.

אײנער פונ דער גרויסער מישפּאָכע

„דעמ ליבנ אונ טײַערנ פרײַנט אונ כאַווער שלוימע אַוורוצקי, מיט וועמענ איכ האָב שוינ אַפ מײַנ לעבנ ניט איינ פוד זאַלצ אויפגעגעסנ אונ איבערגעלעבט פרײדנ אונ ליידנ, — מײַנ הייסנ פראָנט־גרוס, אונ צווייטנס, קומ איכ דיר צו מעלדנ, אַז דערווײַל בינ איכ געזונט אונ שטאַרק אַלע סאָנימ אַפ צעפּיקעניש, אונ אויב דאָס סאָלדאַטסקע מאַזל וועט מיר אַפ ווײַטער צושפּילנ אינ די שווערע שלאַכטנ, וועלנ מיר זיכ נאָכ זענ בא אונדז אינ אינגוליעצ אונ נעמענ די רעכטע קויסע, אונ דערמאָנענ אינ פרײדנ די יאָרנ, ווענ מיר האָבנ אָפּגעראַטעוועט פונ דער פאַשיסטישער כײַע אונדזער מעדינע אונ די גאַנצע וועלט, אונ לעסאָפּ דערלאַנגענ מיר דער כײַע נײַע קלעפּ לויט אַלע געזעצנ פונ אונדזער רוסישער סאָוועטישער סטראַטעגיע. א סימענ האָסטו, אַז דאָס בריוול שיק איכ דיר אַזש פונ דײַטשלאַנד, וווהינ מיר האָבנ זיכ אָקאָרשט אַרײַנגעריסנ אונ לערנענ מיטנ דײַטש באַלאַק, ווי איינער רעדט: „נו, פאַניע פריצ, ס'האָט זיכ דיר פאַרגלוסט א מילכאָמע, האָבנ מיר זי דיר געבראַכט גלײַכ אינ שטוב אַרײַנ אונ קוויק זיכ מיט איר״...

דאָ, שלוימע, ביסט אַלײנ געווענ אַמאָל א סאָלדאַט, האָסט זיכ גע־שלאָגנ פאַר אונדזער מאַכט אונ ווייסט אַלײנ זייער גוט, אַז אינ אונדזער פּאָכאָדנעמ לעבנ, ווענ מיר האַלטנ אינ איינ שפּאַנענ פאָרויס אַפ מײַרעוו, איבער דער דײַטשישער ערד, מיט שווערע פאַרביטערטע שלאַכטנ, איז קיינ פרײַע מינוט ניטאָ, וועל איכ דיר דערפאַר טאַקע אַלצ אַרויס־שרײַבנ בעקיצער, כאָטש אינ אַנדערש מאָל וואָלט מענ געקאָנט אָנשרײַבנ גאַנצע ביכער אַפילע פונ מײַנ באַטאַריי אַלײנ, פונ אונדזער פאָלק, פונ אונדזערע מענטשנ, וויאַזוי מיר נעמענ אײַנ שטעט, פּילנ אויס אונדזער כיווו פאַרנ היימלאַנד אונ לייגנ אַרײַנ דעמ דײַטש אַזוי, אַז נאָכ דער קאַשע, וואָס ער האָט פאַרקאָכט אַפ דער וועלט, זאָל ער שוינ פאַרזאָגנ קינדס־קינדער מיט אונדז זיכ מער ניט אָנהייבנ אונ ניט קריכנ מיט זײַנ היטלערישער מאַרדע צו אונדז אינ שיסל, ווי עס זאָגט אונדזער בײַער

פּארטאָרג פונ דער באטאריי ניקיטע אָסיפּאָוו, וואָס איז ניט לאנג געקומענ אָנשטאָט דעמ אומגעקומענעמ פּארטאָרג שאפּירא. אונ אזוי ווי אונדזער גוואַרדייִשער פּאָלק געפינט זיכ גראדע היינט אפ א פּריוואל איינ וואלד, אונ נאָכנ גרויסנ רעגנ, וואָס האָט אונדז איינ וועג געטראָפנ, אונ מיר זיינענ אויסגעווייקט געוואָרנ ביז די ביינער, האָבנ מיר זיכ איינגעאָרדנט אפ נאכטלעגער איינ א פּרוסאקישער פּאָסעסיע אויסצוטריקענענ דאָס אָנטאָנ אונ גאנצפרי זיכ לאָזנ ווייטער איינ שלאכט, איז געקומענ דער פּאָלקאָוואַי בריוונטרעגער אונ האָט מיר פּונקט געבראכט דיינ בריוו. איכ האָב אימ איינ איינ אָטעמ איבערגעלייענט אונ געגעבנ אימ לייענענ אלע בעוורע פונ דער באטאריי, אונ דער פּארטאָרג אונדזערער, ניקיטע אָסיפּאָוו, האָט געזאָגט, אז דו, שלוימע, ביסט א מאָלאָדיעצ, וואָס דו האָסט עוואקוירט דעמ קאָלכאָז איינ סאראטאָווער געגנט אונ די גאנצע צייט געארבעט מיט דיינע מענטשנ, ווי די גוואַרדייצעס, אונ באזאָרגט מיט ברויט אונ פלייש דעמ פראָנט. אונ אזוי ווי דער קאָלכאָז אונדזערער, ווי דו שרייבסט, גרייט זיכ שוינ אומצוקערנ זיכ מיטנ האָב־אונ־גוטס אהיימ אפ דער אוקראינישער ערד, צומ אינגוליעצ, באגריסט ער אייכ טאקע, אונ מיר אלע באגריסנ אייכ אונ ווינטשנ וואָס גיכער אופשטעלנ די ווירטשאפט אונ שטעלנ דעמ קאָלכאָז אפ די פיס, אונ אונדזער צעטאָפּטשעטער ווייַנגאָרטנ זאָל זיכ נאָכ שענער צעוואקסנ די סאָנימ אפ צעפּיקעניש, אונ ס'זאָל אלצ וואקסנ איינ געראָטנ, אונ איר זאָלט וואָס גיכער פארהיילנ אלע וווּנדנ, קעדיי דאָס בלוט, וואָס מיר האָבנ דאָ פארגאָסנ, זאָל ניט פארפאלנ גיינ אומזיסט.

די היימ, אוי, די היימ, שלוימע! ווו נאָכ, ווי דאָ, איינ דער פרעמד, דערמאָנסטו אזוי שטארק דיינ היימ, אונ דיינ לאנד, אונ דיינ מעלוכע!

אָט דאָ, צוריק מיט עטלעכע כאדאָשימ, ווענ מיר זיינענ צוגעגאנגענ צו אונדזער גרענעצ, צומ בוג, אפּגעריינִיקט פונעמ סוינע אונדזער גאנצע ערד, וואָלסטו געמעגט א באלנ זיינ א קוק טאָנ, וויאזוי אונדזערע בעוורע זיינענ צוגעפאלנ צו דער ערד אונ זי אָנגעהויבנ קושנ! זיי האָבנ געוויינט פאר פרייד, געטאנצט אונ זיכ קיינ אָרט ניט געקאָנט געפינענ, אונ איכ האָב אויכ געוויינט, וואָס זאָל איכ זיכ פאר דיר שעמענ. אונ ווענ איכ בינ געשטאנענ אפ דער גרענעצ אונ געווישט די אויגנ, איז צו מיר צוגעגאנגענ ניקיטע אָסיפּאָוו, דער פּארטאָרג פונ אונדזער באטאריי, מיר האָבנ פונ זיינ קיסעט ביידע פארייכערט, אונ ער האָט צו מיר געזאָגט:

— נו, סטארינא, ס'האָט דיכ, אפּאָנעמ, גוט א ברי געטאָנ באמ הארצנ די ליבלעכע ערד?

— יאָ! — ענטפער איכ אומ אָפּ.

אונדזער פּאַרטאָרג, ניקיטע אָסיפּאָוו, איז מיט מיר אינ אײנע יאָרנ, אלײנ איז ער א שאַכטיאָר פונ דאָנבאַס, א מענטש, וואָס איז שטענ־דיק דער ערשטער אינ פײַער, אונ די אַרטילעריסטנ האַלטנ פונ אימ א וועלט. ער איז דאַפּקע א שטילער מענטש, וואָס האָט ניט ליב א סאַכ צו רײדנ, נאָר ער פאַרמאָגט א פּאָר ליכטיקע אויגנ, וואָס אַז זײ טוענ אַפּ דיר א קוק, דערזעענ זײ דיכ אַפּ דורכ אונ דורכ, אונ אַז ס'איז דיר שווער, וועט ער שטענדיק אויסוואַקסנ לעבנ דיר, אונטערשטעלנ א פּלײ־צע, אונ אַז ס'איז דיר אַפּנ האַרצנ גוט אַנגעזאָליעט, וועט ער פאַר דיר שטענדיק געפינענ א טרײסט־וואָרט, אונ טאָמער, פאַרקערט, וועט ער דערזענ פונ דיר אַנ אוולע, וועט ער דיר אַרײַנזאָגנ אָפּנ אונ פּראָסט, פּאָ־שאַכטיאָרסקאָמו, אונ וועסט קײנמאָל קײנ פאַריבל ניט האָבנ. די דײַטשנ האָבנ אינ מאַקײעווקע אַרײַנגעוואָרפנ זײַנ ווײַב מיט צוויי קינ־דער אינ א פאַרגאָסענער שאַכטע... וועגנ אימ אלײנ, וועגנ אונדזער פּאַרטאָרג ניקיטע אָסיפּאָוו, וואָלט איכ דיר געקאָנט אָנשרײַבנ א גאַנצנ בריוו. יאָ, רופט ער זיכ אָנ צו מיר:

— גוואַרדיע עלטערער סערזשאַנט, נו, אונ בעשאַס יענער מילכאָמע, פאַר ניקאָלקעס צײַטנ, ווענ דו ביסט צוגעגאַנגענ צו דער גרענעצ, האָט זי דיכ, אָט די ערד, אויכ אַזוי א ברי געטאָנ באַ דער נעשאָמע, ווי איצט? פונוואַנענ נעמט זיכ דאָס, א? האָסט כאָטש א טראַכט געטאָנ וועגנ דעמ? — אונ א גאַנצע נאַכט האָב איכ נאָכדעמ ניט געקאָנט צור־מאַכנ מיט קײנ אויג: איבערעמעסנ טאַקע, די אײגענע ערד, פאַרוואָס האָט זי מיכ אַמאָל ניט געבראָטנ אַזוי ווי איצט? אונ איכ האָב מיט־אַמאָל אַזוי קלאָר דערזענ אונדזער גאַנצנ לעבנ, אונ איכ האָב מיכ דער־מאָנט אינ דעמ כאַווער ריבאַלקאָנ, דעמ אַרסענאַלעצ, דעמ עמעסנ באָל־שעוויק, מיט וועלכנ איכ האָב זיכ מיט א סאַכ יאָרנ צוריק באַגעגנט אינ קיעוו, בעשאַס דער שלאַכט, אינ דעמ ראָמאַנעמ דובראַווינ, אונ איכ האָב מיכ דערמאָנט אינ דעמ גרויסנ שלאַכט־קאָמאַנדאַרמ דעמ ליב־טיקנ מענטשנ מיכאַיל וואַסיליעוויטש פרונזע באַ פּערעקאָפּ אינ 1920 יאָר, אונ איכ האָב מיכ דערמאָנט אינ דיר, שלוימע אָוורוצקי, — א פּאָ־שעטער באַטראַק, וואָס איז שטענדיק געגאַנגענ ביז בלוט פאַר דער פּאַרטײ, אונ אַפילע ווענ דו האָסט פאַרלוירנ דײַנ פוס אונ גענומענ אונטער די הענט דײַנע שטעקעלעכ, האָסטו זיכ מיט אַלע קויכעס גע־שלאָגנ קעגנ די קולאַקעס, פאַר די קאָלכאָזנ, פאַרנ נײַעמ לעבנ, אונ וועגנ אונדזער פּאַרטאָרג ניקיטע אָסיפּאָוו האָב איכ געטראַכט, אונ וועגנ מײַנ זונ טאַקע, וועגנ איציקנ, אונ איכ האָב אַזוי אָנגעהויבנ מע־

קאנענ זײַנ, וואָס איר זײַט אַלע קינדער פונ דער גרויסער מישפּאָכע באָלשעוויקעס... יאָ, אונ גאנצפרי, ווענ מיר זײַנענ אזוי געלעגנ לעבנ אונדזער הארמאט אפּנ ביסל שטרוי, צוגעדעקט מיט אײנ פּלאשטש־פּאלאטקע, אונ געטאפּט פונ קעלט א רעכטנ ציטער, רײַסט אופ ניקיטע אָסיפּאָוו די אויגנ אונ רופט זיך אָנ: „וואָס שלאָפסטו עפּעס ניט, סטאַ־רינא?"

האָב איך אים דערציילט, ווי אַנ אײגענעמ ברודער, אַלצ, וואָס איך האָב די נאכט איבערגעטראכט, אונ געזאָגט, אַז איך בינ אים מעקאַנע. „וואָס זשע? דו ביסט דענ ניט קײנ באָלשעוויק? — האָט ער מיר אָפּ־געענטפערט, — האָסט דעמ דאָזיקנ נאָמענ הערלעכ פארדינט מיט דײַנ גאנצ לעבנ". אונ טאקע דעמ זעלבנ אינדערפרי האָב איך ארויסגענומענ פונ מײַנ רענצל א שטיקל פּאפּיר מיט א בלײַער אונ אָנגעשריבנ א מעל־דונג, אַז טאָמער וועל איך כאַלילע אומקומענ אינ שלאכט, זאָל מענ מיך אויכ רעכענענ פאר א קאָמוניסט.

די כעווערע האָבנ דערזענ די מעלדונג, רופנ זיי זיך צו מיר אָנ: „וואָס זשע, פּאפּאשא, אָפּגעוואָיעוועט א האַלב לעבנ, באפרײַט אונדזער גאנצע ערד, טראכסטו איצט וועגנ טוימ? לעבנ דארפ מענ!" דער קאָמאנדיר פונ אונדזער באטאריי איוואנ באָריסיוק, דער פּארטאָרג ניקיטע אָסיפּאָוו אונ דער דאָקטער פונ מעדסאנבאט מאיאָר מיכאיל אבראמאָוויטש לערנער, וואָס האָט מיך, זינט איך בינ אינ פּאָלק, עטלעכע מאָל געלאטעט, האָבנ מיר געגעבנ רעקאָמענדאציעס. א פּאָר שאָ פאר דער גרויסער שלאכט באמ איבערגײן די גרענעצ בינ איך געשטאנענ ניט ווײַט פונ דער פאָדער־שטער פּאָזיציע פאר דער פּארט־קאָמיסיע אונ האָב אינקורצנ דערציילט מײַנ גאנצ לעבנ. די ערד האָט אונטער אונדז געציטערט פונ דער שיסערײַ, די סנאריאדנ פונ דער ארטילעריע האָבנ זיך שוינ געלייגט אפּ יענער זײַט גרענעצ, אונ איך בינ שוינ געלאָפנ צו מײַנ הארמאט מיטנ קאנ־דידאטסקע בילעט אינ קעשענע, אונ איך האָב געפילט, אַז אויכ אינ מײַנ אײגענעמ לעבנ האָט זיך עפּעס דורכגעלייגט א מינ סאָרט גרענעצ אונ ס'האָט זיך אָנגעהויבנ א נײַע היסטאָריע. עפּעס בינ איך ווי יינגער געוואָרנ, איך האָב מיך דערפילט א קינד פונ א גרויסער מישפּאָכע, וואָס באשטייט פונ מיליאָנענ, אונ איך, שמײַע איזראַיליעוויטש ספּי־וואק — א פּראָסטער סאָוועטישער מענטש — בינ אײנער פונ זיי.

אונ איך מוז דיר שרײַבנ, מײַנ טײַערער כאווער אונ פרײַנט שלוימע אָוורוצקי, אַז איך פיל זיך, ווי איך וואָלט אָקאָרשט געבוירנ געוואָרנ, אונ איך קוק עפּעס אפּ דער וועלט גאָר מיט אנדערע אויגנ. איצט האָב איך דערפילט, ווי גרויס ס'איז די וועלט, אונ ווי

די מענטשנ דארפנ אונדז האָבנ, אונ וויאַזוי מע דאַרפ אָט די וועלט איבערבויענ, אַרײַנבאַטעמענ אינ איר אַ נײַע נעשאָמע. עס האָבנ זיכ מיר געעפנט די אויגנ, אונ איכ האָב דערזענ, פונוואַנענ נעמט זיכ דאָס גאַנצע בייז אפ דער ערד, איכ האָב פאַרשטאַנענ, פאַרוואָס, ווענ מיר זײַנענ געגאַנגענ איבער פוילנ, האָבנ אונדז די פּאָליאַקנ באַגעגנט מיט ברויט אונ זאַלצ. האָסט באַדאַרפט זענ, ווענ מיר האָבנ צעעפנט די טויערנ פונ די דײַטשישע טורמעס אונ טויט-לאַגערנ אונ באַפרײַט טויזנטער אונדזערע ברידער אונ שוועסטער פונ דער דײַטשישער קאַ־טאָרגע, מיט וועלכע ווערטער זיי האָבנ אונדז אָפּגעדאַנקט! מיט וועלכע אויגנ זיי האָבנ געקוקט אפ די רוסישע סאָלדאַטנ! אונ מיר, די באַ־פרײַער, זײַנענ געגאַנגענ טויט-מידע, אפ אונדזערע שטיוול איז געלעגנ דער שטויב פונ אַ סאַכ באַפרײַטע טעריטאָריעס, אונ דאָס האַרצ איז אונדז פרייט זיכ, וואָס אונדזער גרויסע מעדינע פונ גערעכטיקײַט האָט אַ שײַנ געטאָנ פאַר דער גאַנצער וועלט, אונ אפ אַ סאַכ לעשויינעס אונ שפּראַכנ דערמאָנט מענ איצט אפ אַלע ווענג די ווערטער „סאָוועט”, אונ „באָלשעוויק”, אונ „טאָוואַרישטש”, אונ „סטאַלינ”. די דאָזיקע ווערטער קלינגענ דאָ שטאָלצ אונ שטאַרק, זיי וואַרעמענ אונדז אינ די קעלטנ, אונטער די רעגנס אונ שנייענ, אונ דערפאַר טאַקע איז גרינגער צו גייג אינ די גרעסטע פײַערנ, אונטער די ווײַענדיקע באָמבעס אונ סנאַ־ריאַדנ, אונ ס׳איז אַ גליק, וואָס איכ האָב מיט די אייגענע אויגנ דערלעבט צו זענ, ווי אַהער, אינ די דײַטשישע שטעט אונ דערפער, וווּ די פאַשיסטישע מענוואָלימ אונ קוילערס האָבנ געקאָוועט זייערע שווערדנ קעגנ אונדזער לאַנד אונ קעגנ דער גאַנצער וועלט, ווי ס׳זאָגט אונדזער פאַרטאָרג פונ דער באַטאַריי ניקיטע אָסיפּאָוו, האָבנ מיר דער־טראָגנ אונדזער גערעכטע סאָוועטישע ביסס, אונ מיר האָפנ, אַז נאָר אינגיכנ וועלנ מיר אונדזער קלייזנײַענ דערטראָגנ קיינ בערלינ אונ זיכ צערעכענענ מיט היטלערס באַנדע אונ אײַנשטעלנ אַ גערעכט לעבנ אפ דער וועלט, ס׳זאָלנ מער קיינ מילכאָמעס ניט זײַנ, אונ קיינ פּאָס־קודניאַקעס זאָלנ שוינ מער ניט קאָנענ אופהייבנ אַ קאָפּ.

טײַערער פרײַנט שלוימע, איכ האָב דיר נאָכ אַ סאַכ וואָס צו שרײַבנ, נאָר איכ עטלעכע מינוט אַרום דאַרפנ מיר זיכ לאָזנ אינ וועג אַרײַנ. באַנאַכט דאַרפנ מיר שטורמעווענ די דײַטשישע שטאָט ב., ווו דער דײַטש האָט זיכ פאַרפעסטיקט אונ מיינט, אַז דאָ וועט ער אונדז פאַרהאַלטנ. נאָר אַזאַ פּאָנעם זאָל ער שוינ האָבנ אפ יענער וועלט, וואָס פאַר אַ פּאָנעם ער וועט דאָ מאָרגנ האָבנ.

פאַרענדיק איכ דעם בריוו אונ בעט מיר פאַרצײַענ אונ מויכל

זײַנ, וואָס די געדאַנקענ אונ די אויסיעס שפּרינגענ בײַ מיר אַפּנ פּאַפּיר, וואָרעמ איכ שרײַב, ווי געווײנלעכ, אַפּנ קאַסטנ פונ סנאַריאַדנ, אונ ארומ איז, ווי שטענדיק, פרײלעכ. ווענ מיר וועלנ זיכ באַגעגענענ אינ דער היימ, וועל איכ דיר שוינ אַלצ אַרויסדערצײלנ פּינקטלעכ אונ גענוי.

פאַרבלײַב געזונט אונ שטאַרק, אונ איכ ווינטש אײַכ אַ גליקלעכנ שליטוועגס אַהיימ, אונ זאָל זיכ אונדזער ווײַנגאָרטנ אָפּסנײַ צעבליִענ, אונ גיב איבער מײַנ האַרציקנ גרוס רײזלענ מיט די קינדער אונ אַלע אונדזערע קאָלכאָזניקעס, אונ אײַכ שיקט אַ פראָנט-גרוס אונדזער פּאַרטאָרג פונ דער באַטאַרײ ניקיטע אָסיפּאָוו, אונ איוואַנ באָריסיוק, אונ אַלע כעוורע גאָר פרײַנטלעכ — איכ, שײַע ספּיוואַק”.

אינ דער פרעמד

עס האָט אימ אופגעוועקט פונ שלאָפ אַ הילכיק בראַזגענ פונ אָבאָזנ, דער באַקאַנטער מעכטיקער גערויש פונ קאָלאָנעס, וואָס האָט זיכ צו אימ אַהער, אינ שפּיטאָל אַרײַנ, דערטראָגנ פונעמ פרעמדנ קלײנ-שטאָטישנ פּלאַצ.

ס׳איז געווענ נאָכ האַלבער נאַכט. שמײַע האָט אופגעריסנ די אויגנ, זיכ אײַנגעקוקט אינ די בלוי-געפאַרבטע ווענט, וואָס זײַנענ באַהאַנגענ געווענ מיט מעשונעדיקע בילדער, מיט הערנער פונ הירשנ אונ מיט מאָדנע הילצערנע טאָוולענ, אויף וועלכע עס זײַנענ געווענ אויסגעברענט אומפאַרשטענדלעכע שוואַרצע מאַציוווע-אויסיעס. בײַ דער קנאַפּער שײַנ פונ די צוויי לעמפּלעכ, וואָס האָבנ קוימ באַלויכטנ דעמ גרויסנ האַלב-קײַלעכדיקנ זאַל, האָט אימ דאָ אַלצ אויסגעזענ אַזוי מאָדנע אונ פרעמד, אַז עס האָט זיכ אימ געדאַכט — ער זעט עס אינ כאָלעמ.

די פאַרוווּנדעטע אונ קראַנקע אויף די בעטלעכ זײַנענ געשלאָפנ, נאָר אינעמ צווייטנ עק זאַל האָט עמעצער שווער געקרעכצט אונ פונ צײַט צו צײַט געשריִענ מיט אַ פאַרדומפּענער שטימ: „פײַער! פאָרויס!“ שוינ וויפל טעג ער ליגט דאָ, אונ ס׳איז זיכ נאָכ אינ אימ אַלצ ניט אויסגעשטאַנענ דער רויש פונ די שלאַכטנ בײַמ אַריבערגײנ די ווײַסל, בײַמ שטורעמענ די דײַטשישע שטעט. ווענ ער קאָנ הערנ זײַנע רײד פונ שלאָף, וואָלט ער פונ זיכ אַלײנ געלאַכט. ווי נאָר ער ווערט אַנשלאָפנ, אַזוי קומט אימ צו כאָלעמ איוואַנ באָריסיוק, וואָס האָט אימ מיט גוואַלד אַרויסגעטראָגנ פונ פײַער אַ פאַרוווּנדעטנ. ווענ מע צווינגט אימ ניט, וואָלט

ער בעשומ־אויפנ דעמ פאָלק ניט פארלאָזנ — סיידנ א טויטער. נאָר מער פונ אלצ פארדריסט אימ אפּנ זינ, אפ איציקנ, ער אליינ האָט געמעגט פארבלײבנ אינ סטרוי מיט א שטעקל, הינקענדיק אפ א פוס, די דאָקטוירימ זאָלנ אימ אפ יעדנ פריוואל איבערבאנדאזשירנ אָדער פויענ מיט פראָש־קעס. אונ אימ, דעמ טאטנ, האָט ער באפוילנ אָפפירנ אינ שפיטאָל, אָט אהער, אינ דער מעשוגענער דײַטשישער קאזארמע. לויט אלע סימאָנימ, איז שוינ געבליבנ ניט קיינ סאך ביזנ סאָפ פונ דער מילכאָמע... דורכ־געמאכט אזא גרויסנ וועג, אונ אז סע קומט, ווי מע זאָגט, צומ לעבנ, סטײַעט ניט קיינ יאָרנ. גראדע איצט דארפ ער ליגנ אינ דער פרעמד, אי־נעמ זאל פונ אנ אלטנ דײַטשישנ שלאָס, וואָס איז אלפּי נעס איבערגע־בליבנ נאָכ דער שלאכט אינ דעמ צעקלאפּטנ דײַטשישנ שטעטל.

דורכ די טירנ אונ פענצטער, וואָס זײַנענ פארהאנגענ מיט קאָלדרעס, האָט זיכ פונ אונטנ, פונעמ שאָסיי, דערטראָגנ אהער דער טעמפער גע־הילכ פונ אָבאָזנ, דער גערויש פונ קאָלאָנעס, פונ ווײַטנ סאָלדאטישנ געזאנג, קלאנגענ פונ הארמאָשקעס.

עס דאכט זיכ אימ, אז ער ליגט דאָ כ'וויס וויפל צײַט, אונ אפ די מילכאָמע־וועגנ קומענ פאָר גרויסע געשעענישנ — אונ אלצ אָנ אימ... ניינ, די לופט דאָ, אינ שפיטאָל, איז ניט פאר אימ. אָט די הערנער, די מאָדנע שווארצע בילדער, די נידעריקע געשניצטע סטעליע אונ די צעלעבערטע ווענט — אלצ דריקט אפ אימ אונ וואָרפט אפ אימ אָנ א מארע־שכוירע, א מינ בענקעניש, ווי ער וואָלט געווענ אָפגעצאמט מיט א הויכער געמויערטער וואנט פונ דער גאנצער ארומיקער וועלט. ער וועט זיכ קיינמאָל ניט מויכל זײַנ, אויב דער סאָפ פונ דער מילכאָמע, דער זיג וועט אימ טרעפנ אפּנ קראנקנ־בעט. נישקאָשע, זײַנ לעבנ איז שוינ היפּש צונויפגעקלעפּט אונ געשטוקעוועט. אפ דער מילכאָמע פאר־היילנ זיכ די וווּנדנ גיכער. די פארבימערטקייט פונ שלאכט, דער זיי־טעק נאָכ געפאלענע פרײַנט איז שטארקער פונ די בעסטע רעפוּעס... ווו ער זאָל זיכ ניט געפינענ, שטייט אימ טאָמיד פאר די אויגנ דאוויד באגרידזע, דער שווארצ־אויגיקער באוועגלעכער טעלעפאָניסט. אָט זעט ער אימ ליגנ אפ די זאנגענ א טויטנ, פארקריצט אינ די ציינ די עקנ פונעמ צעריסענעמ דראָט... אָט קוקט אפ אימ דער גוטמוטיקער מיטיע זשוקאָוו מיט די טאָמיד שמייכלענדיקע אויגנ, וואָס האָט קיינמאָל ניט געטראכט פונ טויט. אָט זעט ער זיי אלע, די מענטשנ, מיט וועלכע ער איז געווענ אינ פײַער, אונ דאָס פײַער האָט זיי אפ שטענדיק פארבונדנ. זייער טויט וועקט אינ אימ די בלוטנ, זיי בעטנ אונ פאָדערנ פונ אימ, דעמ לעבעדיקנ, אָפצאָלנ, נעקאָמע נעמענ, ניט בארויקנ זיכ, ביז וואנענ

דער סוינע וועט ניט ליגנ אינגאַנצנ צעטראָטנ. פונ יענער זײַט פענצטער, איבערנ פּלאַצ, גייענ דורכ קאָלאָנעס און אָבאָזנ. סאָוועטישע סאָלדאַטנ גייענ איבער דער באַזיגטער דײַטשישער ערד, און ער ליגט דאָ גאָר אינ פּאַלאַטע, אינעמ פרעמדנ, צעגעריקטנ דײַטשישנ שלאָס. ער פּרוּווט זיכ איצט דערמאָנענ, ווי איז ער אַהער געקומענ. עפּעס געדענקט ער א מוירעדיקנ אויפרײַס, דעמ לייטענאַנט באָריסיוקס פּאָנעמ, נידעריק אָנגעבויגנ צו אימ, און מער גאָרניט...

שמינע איז אַראָפּגעקראָכנ פונ בעט, אָנגעטאָנ די שטעקשיכ, אָנגע־וואָרפנ אויפ די אַקסל דעמ לאַנגנ כאַלאַט, אויפגעהויבנ דאָס שטעקל און צוגעגאַנגענ צומ גרויסנ פענצטער. פאַרהויבנ אַנ עק פונ דער קאָלדרע, האָט ער דערזענ אַנ אַלפאַסטירטנ פּלאַצ, וואָס האָט זיכ געגרויט אינ דער נאַכט. איבערנ שאָסיי האָבנ זיכ אַלצ געצויגנ אָבאָזנ, אַרטילעריע, קאָלאָ־נעס סאָלדאַטנ.

שמינע האָט זיכ אײַנגעקוקט אינ דער אומענדלעכער מאַסע מענטשנ און טעכניק, און ער האָט א טראַכט געטאָנ, אַז זײַנ פּאָלק איז אויכ געוויס ערגעצ דאָ צווישנ דעמ גרויסנ שטראָמ, וואָס טראָגט זיכ צומ טײַכ אָדער. נאָכ דעמ, ווי דער פּאָלק איז מיט שלאַכטנ דורכגעגאַנגענ פּאָמערנ און איז אַרויס אויפנ ברעג פונעמ באַלטישנ יאַמ, ערגעצ לעבנ דאַנציג, נאָכ דעמ, ווי מאָסקווע האָט סאַליוטירט זײַנ דיוויזיע, וואָס איז געווענ אָפּגעמערקט אינעמ באַפעל פונעמ אויבער־הויפּטקאָמאַנדיר, וועט מענ זי איצט געוויס אַריבערוואַרפנ אויפנ פּלאַצדאַרמ פונ די שלאַכטנ פאַר בערלינ... ער האָט געטראַכט, אַז, עפּשער, וועט עמעצער פונ פּאָלק קומענ נאָכ אימ; אָבער וויאַזוי וועט מענ אימ גאָר אָפּזוכנ אינ דעמ הוּרהאַ, וואָס טוט זיכ אויפ די וועגנ, אַז דער שפּיטאָל האָט זיכ פאַר דער לעצטער וואָכ עטלעכע מאָל איבערגעצויגנ פונ איינ שטעטל אינעמ אַנדערנ, און ביז ער וועט צו וויסנ געבנ זײַנ אַדרעס, וועט, ווער ווייסט וויפל צײַט, אַריבער...

ער האָט זיכ שטילערהייט אַרויסגעשלײַכט פונ דער פּאַלאַטע און זיכ געלאָזט גלײַכ אַראָפּ די טרעפּ. אינ דרויסנ האָט דאָס קילע ווינטל אונטערגעכאַפּט די עקנ פונעמ לאַנגנ כאַלאַט, אָפּגעפרישט דאָס לײַב, צעפּאַטלט די האָר אויפנ קאָפּ. ער האָט זיכ אָנגעשפּאַרט אויפנ שטײַנ לעבנ דעמ אײַזערנעמ טויער און מיט קינע זיכ אײַנגעקוקט אויפ די מידע סאָל־דאַטנ, וואָס זײַנענ געגאַנגענ נאָכ די געלאָדענע וועגענער. „וואָס פאַרא טיילנ גייענ עס? וווהינ?" — האָט אימ געגעבערט דער געדאַנק, ער האָט גלײַכגילטיק ניט געקאָנט אײַנשטיינ. נאָר וויאַזוי פרעגט מענ גאָר אויזינס? מע וועט אימ דאָכ אָנקוקנ, ווי ווער ווייסט וועמענ, אויב ער

וועט זיכ ווענדנ צו אומבאקאנטע סאָלדאטנ מיט אזא נארישער פראגע, ער האָט זיכ אופגעהויבנ פונ שטיינ אונ איז צוגעגאנגענ צומ ראנד טראָ־טואר. עפשער וועט ער דערזענ א באקאנטנ צווישנ די קאָלאָנעס אונ אָבאָזנ.

שמיע האָט אָפגעשטעלט א יונגנ סאָלדאט, וואָס איז געגאנגענ לעבנ א שווער געלאָדענעמ וואָגנ אונ זיכ אָנגעהאלטנ באמ ווענטל, עטוואָס אונטערהינקענדיק.

— אָהאָ, קאָזאק! זונעניו, דו גייסט שוינ אפנ בוקסיר? אָנגעריבנ א פוס, הא? — האָט דער אלטער א שמייכל געטאָנ. דער באָכער האָט אפ אימ אופגעהויבנ צוויי פארוואונדערטע אויגנ אונ געמאכט א פּאָר שפאנ ווייטער.

— שטעל זיכ אָפ א רעגע... וועסט באוויזנ... — האָט שמיע צו אימ נאָכגעשריענ, — עפשער וועלנ מיר פארייכערנ, הא?

דער יונגער סאָלדאט האָט זיכ אָפגעשטעלט, גרויסהאלטעריש פאר־ריכט דעמ אווטאָמאט אפנ האלדז, ארויסגעשלעפּט פונ דער קעשענע א גראָבנ סיגאר אונ דערלאנגט דעמ מענטשנ איגעמ באלאט.

— ביסט מיכ מכבד מיט טראָפיינע? — האָט זיכ שמיע א קרימ געטאָנ, — אָט די פּאָלאָווע רייכער איכ ניט. אינ היטלערס מלוכע איז אלצ ערזאצ. די ניעשאָמע אפילע — אויכ ערזאצ... מיר'נ בעסער פארייכערנ אונדזער אָטעטשעסטווענע מאכאָרקע, — אונ ער האָט ארויסגעשלעפּט פונ דער קעשענע זיינ קיסעט אונ צעטראָטנ מיטנ פוס דעמ גראָבנ דייטשישנ ציגאר.

מע האָט פארדרייט ציגענע פיסלעכ. דער יונגער סאָלדאט האָט א רייב געטאָנ די צינדר־מאשינקע, נאָר זי האָט בא אימ עפּעס ניט גע־וואָלט ברענענ.

— זעט אויס, אויכ א טראָפיינע? — האָט שמיע כיטרע זיכ איינ־געקוקט אינעמ לענגלעכנ מידנ פּאָנעמ פונעמ רויטארמייער.

— ווי דענ, סטארינא... נאָר זי וויל ניט ברענענ, — האָט ער זיכ ווי פארענטפערט פארנ אומבאקאנטנ.

— דאָס איז אויכ ערזאצ, מעגסט זי ארויסוואַרפנ, — שמיע האָט ברייטלעכ ארויסגענומענ זיינ אייגענע מאשינקע, וואָס ער האָט אויסגע־מיסטרעוועט פונ א פּאטראָנ, איינ ריב געטאָנ מיטנ גראָבנ פינגער, אונ זי האָט גלייכ געגעבנ פייער.

— דו זעסט, אנ אָטעטשעסטווענע.

דער יונגער סאָלדאט האָט א שמייכל געטאָנ, אָפגעמאָסטנ מיט א דורכדרינגלעכנ בליק דעמ אלטנ.

— דאָ איז ערגעץ א שפּיטאָל?

— א שפּיטאָל, — האָט שמײַע ניט גערנ געענטפערט.

— אונ וואָס טוסטו דאָ?

— געקומענ צו דער שוויגער צוגאסט ראקעס עסנ, — האָט שמײַע אומצופרידנ א בורטשע געטאָנ. — זעסט ניט, אפ רעמאָנט אהער פאר־טראָגנ געוואָרנ.

— ביסט אינ א בוי־באטאליאָנ? פארינסט די וועגנ צי וואָס? שמײַע האָט בערוגעז אָנגעקוקט דעם יונג:

— אזוי רעדט ניט קיינ סאָלדאט מיט א גווארדיע־עלטערנ סער־זשאנט...

— אונ פונוואנענ זאָל איכ וויסנ אײַער טיטל, אז איר גייט אינ א כאלאט, — האָט דער באָכער זיכ אָנגערופנ מיט דערעכ־ערעצ.

— דו ביסט שוינ לאנג אפ דער מילכאָמע, סאָלדאט?

— דעם פערטנ כוידעש... אונ איר?

— מיט א מיטוואָכ מער... דאָס פערטע יאָר, — האָט שמײַע מיט א ביסעלע גײַווע געענטפערט. — נו, אונ ווײַט ליגט דײַנ וועג, קאָזאק?

— פונדאנענ ניט ארויסצוזענ, — האָט געשמייכלט דער סאָלדאט.

— נעמ, וויקל איבער ווי ס'געהער צו זײַנ די אָנעטשעס, וואָרעמ ביז דו וועסט דערגיינ קיינ בערלינ, וועט מענ דיכ דארפנ אפ א נאָסילקע טראָגנ... זאָג דעם סטארשינא דײַנעמ, ער זאָל דיכ פריער אויסלערנענ איבערוויקלענ די אָנעטשעס, אונ דערנאָכ זאָל ער דיכ שיקנ אפנ פראָנט.

— זאָרג זיכ ניט פאר מיר, — האָט דער באָכער מיט קאס געענט־פערט, — מײַנ סטארשינא דארפט איר ניט לערנענ.

— שא, בייזער זיכ ניט! אזא יונגער, אונ מיט אזויפיל האָנאָר. וועסטו ניט זאָגנ, וווהינ איר פארקערעוועט?

דער באָכער האָט מאמזעריש א ווונק געטאָנ צומ אלטנ:

— הע, הע, סטארינא, ווילסט מיכ כאפנ באמ וואָרט? קומ מיט אונדז, וועסטו זענ. ס'וועט אינגיכנ פריילעכ זײַנ, זײַ זיכער, — האָט ער א וואָרפ געטאָנ איבערנ אקסל אונ זיכ געלאָזט דעריאָגנ זײַנ פור.

— א צוציק! — האָט ניט אויסגעהאלטנ שמײַע. — די מילכ האָט זיכ נאָכ בא אימ ניט אויסגעטריקנט אפ די ליפּנ, אונ סע וויל מיכ לערנענ. — אונ ער האָט זיכ געלאָזט א קאעסדיקער גיינ צוריק אינ פּא־לאטע.

פונ יענער זײַט פענצטער איז שטיל געוואָרנ. דער אלטער איז צוגעגאנגענ צו זײַנ בעטל. ער האָט נאָכ ניט באוויזנ זיכ צולייגנ, ווי עס האָט זיכ איבעראנײַס געלאָזט הערנ דער גערויש פונ דורכגייענדיקע

קאָלאָנעס. ער איז צוגעגאַנגענ צום פענצטער אונ ווידער גענומענ אַרויסקוקנ אפנ פלאַצ. נייע אונ נייע אַבאַזנ אונ סאָלדאַטנ זײַנענ געגאַנגענ איבערנ וועג. שמעלע האָט דערפילט, ווי עמעצער האָט אים אָנגענומענ באַם אָרבל.

— אנו, קראַנקער, שלאָפנ, שלאָפנ!

ער האָט דערזענ דאָס געלע קורנאָסע מיידל מיט די גרויסע בלאָולעכע אויגנ, די פאַלאַטע־שוועסטער. א קורצע אונ דיקע, האָט זי זיכ אונטערגעצויגנ אפ די שפיצ פינגער, קעדיי בעסער צו זענ, וואָס עס טוט זיכ אינ דרויסנ.

— אנו, שלאָפנ! שלאָפנ! — האָט זי באַפעלעריש געזאָגט, — ווער האָט עס דערלויבט זיכ אופהייבנ פונעם געלעגער?

— באַרישניע, משעפע זיכ אָפ מיט גוטנ!

— דאָ זײַנענ ניטאָ קיינ באַרישניעס, — האָט זי אפ אים אומצופרידנ א קוק געטאָנ.

— נו, גוט, כאַווער יעפרייטער...

— אָט אזוי פאַרשטיי איכ, — האָט זיכ איר פול פוכקע פאָנעם צעשמייכלט, אונ זי איז גלײַכ צו אים מילדער געוואָרנ. — זעט נאָר, וואָס ס'טוט זיכ, מע הערט ניט אופ צו גיינ. ווו האָבנ זיכ בא אונדז גענומענ אזויפיל סאָלדאַטנ? שוינ פיר יאָר, אז מע שלאָגט זיכ, אונ מע גייט, אונ מע גייט, אזוי ווי מע וואָלט נאָרוואָס אָנגעהויבנ די מילכאָמע. אָט ווי מיר זײַנענ שטאַרק. וואָס זאָגט איר, פאַפאַשאַ? ס'איז שוינ געבליבנ ניט ווײַט ביז צו זייער בערלינ, אונ — א סאָפ. מיר'נ גיכ פאָרנ אהיים, — האָט די שוועסטער שטילערהייט צו אים גערעדט, מוירע האָבנדיק אופוועקנ די פאַרוווּנדעטע.

שמעלע איז פונ אירע ווערטער נאָכ מער צערייצט געוואָרנ.

— ווהינ גייענ זיי עס אלע? איר ווייסט ניט, פאַפאַניא? — האָט זיכ דאָס מיידל אלצ ניט געקאָנט באַרויִקנ.

— זיי גייענ צו דער שווייגער ווארעניקעס עסנ, — האָט שמעלע בייזלעכ איבערגעכאַזערט זײַנ באַליבט ווערטל אונ איז אָפגעגאַנגענ צו א צווייטנ פענצטער.

— דאָס גייט מענ אפ בערלינ, — האָט זי א זאָג געטאָנ, אזוי ווי צו זיכ, א פאַרטרוימטע אונ א שײַנענדיקע, קוקנדיק אפנ פלאַצ, פונ וואַנענ עטלעכע סאָלדאַטנ האָבנ צו איר געמאַכט מיט די הענט אונ עפעס געשריִענ.

— אלע גייענ אפ בערלינ, אונ מיר מיט דיר, פאַפאַשאַ, איז באַשערט, זעט אויס, זיצנ דאָ אינעמ דײַטשישנ שלאָס.

זי האט ניט געפילט, ווי מיט די ווערטער האט זי אים אינגאנצנ קאליע געמאכט די שטימונג און האט אים ארויסגעבראכט פונ די קיי־לים.

— דיר, קורנאסע, האט גאט אליינ געהייסנ זיצנ אינ פאלאטע אונ דערקוטשענ די פארוווּנדעטע מיט דעמ טערמאמעטער אונ מיט דער קליזמע... אונ איכ בינ א קאמאנדיר פונ א הארמאט אונ האב אוועק־געלייגט מער דײַטשנ, וויפל האר דו האסט אפנ קאפ... פארשטאנענ?

— שא, שטילער, קראנקער. איר וועט מיר אויפוועקנ די מענטשנ.

— מארוסיע, טײַערע, אנו, ברענג מיר נאר מײַנ אנטאנ, אבער גיכער! — האט שמײַע מיטאמאל א קער געטאנ דאס געשפרעכ.

— א כאלאט מיט שטעקשיכ האסטו, וואס נאכ פאר אנטאנ גייט דיר אפ?

— גיי, ברענג מײַנ אנטאנ פונ דער קלאדאווע, זאג איכ!

— וואס רעדט איר?

— איכ באפעל דיר!

— איר האט קיינ רעכט ניט, קראנקער, מיר צו באפעלנ. איכ בינ ניט מעכוייעוו אויסצופילנ אלצ, וואס די קראנקע וועט אײַנפאלנ אינ קאפ, — האט זי געזאגט אונ זיכ פונ אים אפגעקערט.

שמײַעס שווארצע, טאמיד יונגע אונ לעבעדיקע אויגנ, האבנ זיכ אײַנגעקוקט אינ דער אקשנטע, וואס איז שוינ צו אים געשטאנענ מיט א זײַט אונ געהייסנ, ער זאל גיינ שלאפנ.

— דו ווייסט, אז איכ בינ א גווארדיע עלטערער סערזשאנט?

— א? ווייס איכ, נאר וואס פארעדט איר מיר די ציינ? דא זײַט איר א קראנקער אונ הארפט אויספילנ אלצ, וואס די דעזשורנע שוועס־טער באפוילט אײַכ, אונ איר?

אינ דער רעגע האט שמײַע דערפילט, אז עמעצער ציט אים פאר דער פאלע פונעמ כאלאט. ער האט זיכ אומגעקוקט. זײַנ שכנ פעטראוו האט אים געווונקענ מיט אנ אויג, ווי אײַנער רעדט: „זאל זי גיינ, מע וועט זיכ אנ איר אויכ אנ אייצע געבנ“...

די שוועסטער האט נאכאמאל געהייסנ שמײַענ זיכ לייגנ אינ בעט ארײַנ אונ איז ארויס פונ פאלאטע. דעמאלט האט פעטראוו געזאגט:

— בא מיר צוקאפנס ליגט אנ אנטאנ. נעמ אונ גיי געזונטערהייט.

אין עטלעכע מינוט ארום האָט זיך שמײַע אומגעקוקט שוין פונעם פּלאַץ ווי ער זאָל וועלן פאַרגעדענקען דעם שלאָס, וווּ ער האָט פאַר־בראַכט די לעצטע וואָכן, און דער גרויסער שטראָם אַפּן ווען האָט אים אין זיך אַרײַנגעצויגן.

פאַרטאָג־צו איז ער שוין געזעסן אַף א וואַגאָן, וואָס האָט זיך פאַר־מעלעך געקײַקלט אין דער מוירעדיקער געדרענגעניש פון פּוריץ, מענטשן און מאַשינעס אַפּן שמאָלן דײַטשישן שאָסיי. פון דער ווײַט האָט זיך שוין דערטראָגן דער בייזער געברום פון שווערע קאַנאָנען. ווײַזט אויס, מע האָט שוין געשטורעמט די לעצטע פעסטונגען פאַר בערלין—דעם אָדער.

צוריק אַהיים

ער האָט זיי באַגעגנט אַף די אָנצאָליקע וועגן פון דײַטשלאַנד אין פאַרשיידענע פאָזעס: מיט אויפגעהויבענע הענט און צעעפנטע מײַלער, וואָס האָבן אָנשטאָט „הײַל!" געשריגן „קאַפּוט!". אָקאָרשט אַרויסגע־קראָכענע פון די לעכער און קעלערס מיט ווײַסע שמאַטעס אין די הענט און ראַכמאָנעס־צורעס, פול מיט געבעט: „נעמט אונדז אין געפאַנגענ־שאַפט". ער האָט זיי באַגעגנט איבערגעטאָנענע, פאַרשמירטע, קוויטיקע, די מונדירן מיט די בלעכלעך אַרויסגעוואָרפן אין די אָפּטרעטן און מיסטקאַסטנס; זיי האָבן זיך צוגעשאַרט צו דער אומענדלעכער קייט בוידן פון פּליטים, וואָס האָבן זיך אַרומגעשלעפּט אַף די וועגן און האָבן געציטערט פאַר יעדן רוסישן סאָלדאַט. ער האָט זיי באַגעגנט און געזען לעבעדיקע און טויטע. דײַטשן מיט פּירעקעכדיקע און געלע קעפּ, מיט קײַלעכדיקע אָנגעפּרעסטע מאָרדעס, און אויך דאַרע, שוואַרצע דײַטשלעך, וואָס זײַנען קלאָל ניט ענלעך געווען אַף יענע שיינע „ראַ־סעווע אַריער", וועלכע האָבן אַראָפּגעשמייכלט מיט צופרידענע צורעס פון די אילוסטרירטע זשורנאַלן, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט צעפּליקטע אַף אַלע וועגן פון דײַטשלאַנד. און איטלעכס מאָל, ווען ער האָט געטראָפן איינעם פון זיי, איז אים געשטאַנען פאַר די אויגן דער אָבער־יעפרייטער ווילהעלם מיטקע, וואָס האָט אים געפּאַקט אין דאַנבאַס מיט דער טשערע־דע. זײַנע בייכער פוילן שוין לאַנג אין דער ערד, נאָר שמײַע וועט אים קיינמאָל ניט מויכל זײַן. אײַ, וואָס פון זיי איז געבעך געוואָרן, פון די דײַטשישע יעפרייטערס! זיי האָבן דאָך אַזוי געוואָלט דורכפּירן שמײַען אַפּן זיג־פּאַראַד, געשפּאַנט אין א וועגעלע, איבער די בערלינער פּלעצער!

און איצט איז ער געגאַנגען, דער אַלטער רוסישער סאָלדאַט, איבער די וועגן — אין דער בערלינער ריכטונג, און דאָס האַרץ זײַנס האָט געפּלאַטערט פון פרייד און גליק. אַף די פּלייצעס איז געהאַנגען זײַן

סאָלדאַטסקע הענטל, די פּילאָטקע איז געווען פּאַרוקט אַף א זײַט, דאָס פּאַרברוינטע פּאָנעם איז געווען פּאַרשטויבט און צעווירעט פּונעם שווייס. די פּאַרוואונדעטע האַנט איז געהאַנגען אַף א בענדל, ער איז געגאַנגען און האָט ניט געקאָנט אָפּרײַסן דאָס אויג פּונעם מײַרעוו־ראַנד הימל, וואָס איז געווען פּאַרוואָלקנט פּון רויכן און סרייפעס. ערגעץ ווײַט־ווײַט האָט געברענט בערלין און זיך פּאַרבלינעט אינעם געהילכ פּון שווערע באָמבעס. דאָרט, פּאָרויס, אינעם סאַמע פּײַער דאַרף זיך ערגעץ שלאָגן זײַן פּאָלק. דאָרטן שטייען זײַנע פרײַנט, כאַווײרים. דאָרטן דאַרף ער־געץ שטיין און שיסן אַף בערלין זײַן האַרמאַט, דאָרטן דאַרף זיך גע־פינען זײַן ליבער זון, איציק... ער האָט אים שוין אזא צײַט ניט געזען, זיך צעשיידט בײַם א הייסער שלאַכט, און שפּעטער זײַנען נאָכ געווען פיל שווערע, בלוטיקע שלאַכטן... ווו ער איז פּאַרבליבן פּון דער באַטאַר־ריי? ווו איז ערגעץ איוואַן באָריסיוק, סידאָר דובאָסאָוו, וואַסיע ראַ־גאָוו — דער פּאַנצעריעגער?

דער פרילינג האָט זיך אויסגעשפּרייט אַף דער ערד מיט גרינע גראָזן און שמעקעדיקע טויען. אַף די ביימער האָבן זיך שוין די קנאָספּן צעלאָזט, און נאָר דער הימל איז ניט קיין פרילינגדיקער. א פּאָרויכערט־בלײַענער, מיט סרייפע־שײַן פּאַרבלאָזן, וויגט ער זיך פּון דעם מעכטיקן געברום פּון שווער־געלאָדענע באָמבאַרדירער און שטורמאָוויקעס. זיי גייען אָפּ און אָן אין ריכטונג אַהין, וווּהין עס ציִען זיך אַלע קאָלאָנעס, אַבאָזן, פּאָלקן. אַלע אײַלן אַהין, צו יענער שטאָט, פּונוואַנען עס זײַנען געקומען די פינצטערע פּאַרברעכער, די שווערסטע צאָרעס אַף דער וועלט.

דערנענטערנדיק זיך צו דער פראָנט־ליניע, האָט שמײַע אָפּטער אָנגעהויבן אַרײַנקוקן אין די באַלקעס, סעדער, דערפלעך, קעדיי צו פאַלן אַפן שפּור פּון זײַן פּאָלק. דער טאָג האָט זיך שוין גענומען אויס־לעשן, ווען ער איז אָנגעקומען פּון א קליין דערפל אין דער געדיכטעניש פּון א סאָד, ווו ער האָט געטראָפן אונטער די צעגרינטע ביימער די ווירטשאַפטס־טיילן פּון זײַן דיוויזיע. דאָ זײַנען פּאַרמאַסקירט געווען גאַנצע לאַגערן אײַנגעפּאַקעוועטע פּראָדוקטן, פוראַזש, און א שיר קאַסטנס מיט סנאַריאַדן, מינעס און קוילן. איינס נאָכאַנאַנד זײַנען אָנגעלאָדן געוואָרן אווטאָס און פורן מיט קריגס־מאַטעריאַלן, וואָס האָבן אײַלנדיק זיך אומגעקערט אין דער פּאָרשטאָט פּון בערלין, ווו די דיוויזיע האָט געפירט די שלאַכט.

באַקאַנטע סאָלדאַטן האָבן אַרומגערינגלט דעם גוואַרדיע־עלטערן סערזשאַנט, מע האָט אים אויסגעפרעגט, פּונוואַנען ער קומט, מע האָט

אים אָנגעהאָדעוועט, ארויסגעגעבנ הונדערט גראמ בראָנפנ, געשפאסט, ווי געווייבלעכ. ווענ ער פלעגט זיכ אהער אראָפּיאווענ, נאָר עפּעס האָט ער אינ די פענצטער, אינ די אויגנ פונ די סאָלדאטנ דערפילט מיטלייד צו זיכ, עפּעס האָט מענ מאָדנע אפ אימ געקוקט, ווי מע קוקט אפ א יאָסעמ. עפּשער איז דאָס דערפאר, וואָס מע פילט אימ מיט, וואָס ער איז פאר-וווּנדעט? באָר נייִנ, אינ אייניקע בליקנ האָט ער איבערגעלייענט עפּעס אנדערש. ער האָט אפילע מוירע געהאט צו פרעגנ, וואָס איז געשענ. אונ אפ אייניער פונ די ערשטע פורנ, וואָס האָבנ זיכ געלאָזט צו דער פאָדער-שטער ליניע, האָט ער זיכ אופגעזעצט אונ איז אוועקגעפאָרנ.

עס האָט שוינ אָנגעהויבנ טונקל ווערנ, ווענ ער איז צוגעפאָרנ צו זײַנ באטאריי, וואָס איז געשטאנענ צווישנ די ברוכשטיקער פונ א גאס. ער האָט נאָכ פונדערווײַטנס דערזענ זײַנ אלטנ פרײַנט סידאָר דובאסאָוו אונ ס'האָט אימ א טיאָכקע געטאָנ דאָס הארצ. דובאסאָוו איז געווענ נאס אונ פארשמירט, מע האָט אפילע דאָס פּאָנעם זײַנס ניט ארויסגעזענ. ער האָט געשאָכנ אינ א זעקסשטאָקיק הויז, וואָס איז שוינ געווענ צעלע-כערט פונ סנאריאדנ. ארומ איז געשטאנענ א געהילכ אפ טויב צו ווערנ.

— סידאָר! סידאָר! רו זיכ אָפּ א ביסל! — האָט שמײַע געפרוווט איבערשרײַענ דאָס געהילכ, נאָר ס'האָט אימ קיינער ניט געהערט. ווענ דובאסאָוו האָט זיכ אָפּגעקערט, אופגעהויבנ פונ דער ערד די פליאגע מיט וואסער אונ זי גענומענ צומ מויל, איז ער א געפּלעפטער געבליבנ שטיינ, דערזעענדיק זײַנ פרײַנט:

— סטאריגא! ס'איז דו? אליינ שמײַע גאזלענ! — האָט ער אויס-געשריגנ, צוגעגאנגענ צו אימ מיט זײַנ שווערנ, יעגערישנ גאנג, אימ ארומגענומענ אונ דרײַ מאָל א קוש געטאָנ. נאָכדעמ האָט ער זיכ צו-געזעצט אפנ קאסטנ פונ סנאריאדנ אונ דורכדרינגלעכ באטראכט דעמ גוואַרדיע עלטערנ סערזשאנט.

עפּעס האָבנ אלע ארטילעריסטנ געקוקט אפנ אלטנ מיט מיטגעפיל, ער קאָנ גאָר הײַנט אָט די מענטשנ ניט דערקענענ. וואָס קוקנ זיי אפ אימ מיט אזעלכע אויגנ?

— וואָס איז געשענ, סידאָר, זאָג, וואָס קוקט מענ מיכ אזוי אָנ?

— ס'ווײַזט זיכ דיר אויס. זיי האָבנ דיכ פּאָשעט לאנג ניט געזענ.

ס'איז געקומענ צו לויפנ א פארהאוועטער איוואנ באָריסיוק, זיכ ווארעמ געגריסט מיטנ קאָמאנדיר פונ דעמ ערשטנ הארמאט.

— גוואַרדיע עלטערער סערזשאנט, אָבער ווי קומסטו איצט אהער?

— פונעמ שפּיטאָל אנטלאָפנ, — האָט זיכ א שמייכל צעפלאָסנ אי-בער דעמ אלטנס פּאָנעמ. — וואָס זשע, איר וועט ארײַנגיינ די ערשטע

אינ בערלינ, אונ איכ וועל ליגנ, ווי א פּאַרעצ, אונ סאַניטאַרקעס וועלנ מיכ מוטשענ מיט זייערע רעצעפּטנ?

— באַלד וועלנ די פורנ גייג נאָכ סנאַריאַדנ, — האָט צעשטרייט א זאָג געטאָנ דער קאָמאַנדיר פונ דער באַטאַרײ. — פאָר מיט זיי, דאָרטנ וועסטו זיכ קאָנענ אָפּרוענ, די דײַטשנ קאָנטראַטאַקירנ...

שמײַע איז געבליבנ שטײנ א צעטומלטער. ס'איז אימ ניט געפעלנ אזעלכע רייד. ניט אנדערש, אז ס'איז עפּעס געשענ אזוינס, וואָס מע וויל אימ ניט אויסזאָגנ. א בייזע מאַכשאָווע איז אימ דורכ־געלאָפנ אינ מויעכ.

— וואָס טרײַבסטו מיכ אוועק, כאַווער גוואַרדיע לייטענאַנט, איכ וויל צו מײַנ האַרמאַט.

— מיט אײַנ האַנט? — האָט ער פאַרווונדערט געקוקט אופנ אַלטנ אונ זיכ גלײַכ אָפּגעקערט אָנ א זײַט, — נאָר אויב דו קענסט שיסנ — שיס, נעמ נעקאָמע אינ די הינט. — דער לייטענאַנט האָט אַראָפּגעווישט א טרער, וואָס האָט זיכ פאַרגאַנוועט אינ א ווינקל אויג, אונ האָט זיכ פּאַמעליכ געלאָזט גײנ צוריק צומ האַרמאַט, פונ וועלכנ ער האָט געשאָסנ אפ דער שטאָט.

דער אַלטער איז געשטאַנענ ווי צעמיישט. פאַרוואָס האָבנ זיכ אינעמ קאָמאַנדירס אויגנ געשטעלט טרערנ? פאַרוואָס איז ער אזוי גיכ אוועק־געגאַנגענ אונ קיינ וואָרט ניט געקאָנט זאָגנ? פאַרוואָס קאָנ אימ ניט קוקנ גלײַכ אינ די אויגנ דובאָסאָוו? פאַרוואָס קוקנ אפ אימ אַלע כעוורע מיט ראַכמאָנעס־אויגנ?

ער איז געשטאַנענ אונ זיכ אײַנגעקוקט אפ די פײַערנ, וואָס האָבנ געבושעוועט איבער דער שטאָט, נאָכדעמ איז ער צוגעגאַנגענ צומ טע־לעפאָניסט, וואָס איז געזעסנ אפ דער ערד, זיכ א רעגע אײַנגעהערט, ווי יענער רעדט. אונ א בעט געטאָנ אימ:

— דו קאָנסט מיכ פאַרבינדנ מיטנ באַאָבאַכטונגס־פּונקט?

דער טעלעפאָניסט, אנ אומבאַקאַנטער, שוואַרצכיינעוודיקער יונגער סאָלדאַט, ווײַזט אויס, ניט לאַנג געקומענ אפ דער באַטאַרײ, האָט פאַר־ווונדערט אָנגעקוקט דעמ אַלטנ.

— וועמענ דאַרפט איר דאָרטנ האָבנ, כאַווער עלטערער סערזשאַנט?

— גיב איבער דעמ קאָמאַנדיר פונ פּאָלק... ספּיוואַקנ...

— דעמ קאָמאַנדיר פונ פּאָלק? דעמ גוואַרדיע־פּאָלקאָווניק ספּיוואַק?

שמײַע האָט שטייענדיק לעבנ דעמ טעלעפאָניסט אפ די קני, זיכ אײַנגעקוקט אינ יענעמס פאַרשמירטנ, אויסגעמאַטערטנ פּאָנעמ אונ דער־זענ, ווי זײַנע אויגנ זײַנענ פײַכט געוואָרנ.

— דער גוואַרדיע-פּאָלקאָווניק ספּיוואַק איז היינט געפאַלנ אינ שלאַכט...

— וואָס האָסטו געזאָגט, וואָס האָסטו געזאָגט? — האָט שמייע אָנגעכאַפּט דעמ טעלעפאָניסט באַמ העמדל, — דער קאָמאַנדיר פונ פּאָלק איז אומגעקומענ?..

שמייענ האָט זיכ פאַרדרייט דער קאָפּ, אינ די אויגנ איז אימ געוואָרנ פינצטער. ער האָט זיכ אַראָפּגעלאָזט אַפ דער ערד אונ אַפ אַ קאָל זיכ צעוויינט. עס זיינענ צוגעלאָפנ איוואַנ באַריסיוק, סידאָר דובאַסאָוו, מע האָט אימ אויפגעהויבנ. זיי האָבנ ניט פאַרשטאַנענ, ווער עס האָט אימ אָנגעזאָגט די שווערע יעדיִע איצט, ווענ ער איז געווענ אַזוי מיד אונ צעבראָכנ.

— אַ גאָלדענער מענטש געווענ דער קאָמאַנדיר... איכ וועל אימ אייביק געדענקענ... — האָט דער יונגער טעלעפאָניסט ניט אויפגעהערט ריידנ צו שמייענ. — דער ערשטער אינ גרעסטנ פייער זיכ געוואָרפנ... פאַרנ פאַרסירנ דעמ דנעפּער האָט מענ אימ געגעבנ דעמ טיטל העלד פונ סאָוועטנפאַרבאַנד. צוויי טעג איז ער געגאַנגענ מיטנ טיטל, אונ בעשאַס דער אַטאַקע היינט אינדערפרי אומגעקומענ...

— שטילער, גיי אַפ דיינ אָרט... — האָט זיכ דובאַסאָוו אָנגערופנ צומ טעלעפאָניסט.

שמייע האָט פּלוצעמ אויסגעווישט מיטנ אַרבל די פאַרוויינטע אויגנ אונ זיכ געלאָזט גיינ צו זיינ האַרמאַט.

— דייגע ניט פאַר מיר, איכ וועל סיי ווי אינ ערגעץ ניט אַוועקגיינ...

— באַרויִק זיכ, — האָט איוואַנ באַריסיוק אימ געבעטנ, — דו ביסט מיט אַ קראַנקער האַנט... מיר האָבנ שוינ אָפּגעצאָלט פאַר זיינ טויט, מיר וועלנ פאַר דיר אויכ נעקאָמע נעמענ...

— ניינ, פאַר מיינ זונ וויל איכ אַליינ זיכ נוקעמ זיינ. — ווענ ער איז צוגעגאַנגענ צומ האַרמאַט, האָט אימ דובאַסאָוו שוינ געהאַט אָנגעלאָדנ, אונ שמייע האָט אויסגעשאָסנ אינ די הייזער, וואָס זיינענ געשטאַנענ ניט ווייט אונ פונוואַנענ די דייטשנ האָבנ געשאָסנ פונ קוילנוואַרפער אונ אַווטאָמאַטנ.

— דערלאַנגט אַהער סנאַריאַדנ! — האָט שמייע אויסגעשריִענ, אונ ביז דובאַסאָוו האָט אָנגעלאָדנ די צווייטע קויל, האָט ער פאַרזיכטיק אַראָפּגענומענ פונ די פּלייצעס זיינ סאָלדאַטסקע זעקל. מיט יעדער קויל, וואָס ער האָט אַרויסגעלאָזט אַפ דער שטאָט, האָט זיכ אימ געדאַכט, ווערט אימ גרינגער אַפנ האַרצנ, סע לייַנדערט זיכ דער ווייטעק, אונ

סידאָר דובאָסאָוו האָט קעסיידער איבעראַנײַס אָנגעלאָדן דעם האַרמאַט, ניט אָפּגעטראָטן פון זײַן פּרײַנט.

ביז טאָג איז געגאַנגען די שלאַכט, און אַז ס'איז אים גאָר שווער געוואָרן, שמײַען, און די פיס האָבן זיך אונטערגעהאַקט, האָט ער ווידער און ווידער זיך אײַנגעקוקט אין דער שטאָט, וואָס ווערט פאַרכלינעט אין פײַער, און עס האָבן זיך צו אים געיאָוועט נײַע קויכעס.

פּאַמעלעך האָט מען געקײַקלט דעם האַרמאַט פון קוואַרטאַל צו קוואַרטאַל. זיך אָפּגעשטעלט לעבן רוינען און באַשאָסן די הײַזער, פון וואַנען די רעשטלעך פון היטלערס ציקלאָפּטן כאַ!ל האָבן נאָך אַלץ געשטעלט אַ ווידערשטאַנד, ניט אַרויסגעוואָרפן קיין ווײַסע פאָן. פון מאָל צו מאָל האָבן פון אַהינטער די רוינען זיך אויפגעהויבן קלײנע גרופּעס עסעסאָווצעס און, איבערגײיענדיק אין אַטאַקע, מיט מעשוגנע ווילדע געשרייען זיך געלאָזט צו די האַרמאַטן, נאָר ניט ווײַט פון זיי גע־פאַלן, ווי אונטערגעשניטענע, אַף די שטײנער.

די לופט איז געווען אָפּגעסאַמט מיט רויך און טישאַד. ס'איז ניט געווען מיט וואָס צו עטעמען. שטיקנדיק זיך פון היץ, איבער ברוכשטיקער און רוינען, האָבן דורכן פײַער און בראַנד, טראָט נאָך טראָט זיך באַ־וועגט פאָרויס די רוסישע סאָלדאַטן, אַרויסשלאָגנדיק מיט קוילן און גראַנאַטעס די לעצטע פאַרשטעקטע דײַטשן. שמײַע איז געווען אַרײַנ־געטאָן אין זײַן שווערער און געפערלעכער סאָלדאַטסקער האַרעוואַניע, און ער האָט זיך אַ ביסל פאַרגעסן.

אַ דולע האָט זיך אָנגערוקט די נאַכט אין מעשוגנעדיקע פײַערן, וועלכע האָבן אַרומגעכאַפּט די שטאָט, וואָס אַף איר בראָך האָבן גע־וואַרט אַלע מענטשן אַף דער וועלט. אַ גרויסע מידקייט איז אים באַ־פאַלן, שמײַען, די וווּנדן האָבן זיך געלאָזט שטאַרק פילן, ס'איז אים שווער געוואָרן צו שטײן באַם האַרמאַט, די כאַווייריִם האָבן אים שוין וויפל מאָל פאַרגעלייגט, ער זאָל זיך אָפּרוען, נאָר ער איז פונעם האַרמאַט ניט אָפּגעטראָטן.

וואָס טיפער אין דער נאַכט, אַלץ רויטער איז געוואָרן דער הימל. די שטאָט מיטן הימל האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין אײן גרויסן פײַער־קנויל, דורך וועלכן ס'האָבן זיך בלויז אַרויסגעזען באַלויכטענע שטי־קער ווענט, בלינדע לעכער אַנשטאָט פענצטער און טירן און סילועטן פון די רוסישע סאָלדאַטן, וואָס זײַנען געגאַנגען פאָרויס איבער די רוינען. בערלין איז געווען אַרומגעכאַפּט מיט פלאַמען, און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זיי וועלן זיך קײנמאָל ניט אויסלעשן. טאָמיד וועט דאָ דער הימל זײַן פאַרסאַרפּעט, און די לופט אַזוי ביטער־שוואַרץ.

נאָך האַלבער נאַכט האָט זיך די שיסעריי עטוואָס איינגעשטילט, און ווי נאָר ס'האָט אין מיזרעך א בלאַנק געטאָן דער הימל מיט דער ערשטער מאָרגן־שיין, האָבן נידעריק איבערן הימל־רוים זיך צעזשומעט קליינע סאָוועטישע אעראָפּלאַנען, און ס'האָבן זיך פון זיי צעטראָגן די פרייד־יקסטע ווערטער פאַר אלע יאָרן פון דער מלחמה:

— בערלין איז געפאַלן!

— איבערן רייכסטאַג פלאַטערט די פאָן פון זיג!

— זיג! — האָט פאַרפולט די הערצער פון סאָלדאַטן. און דאָ, צווישן די רוינען, האָט שמיע זיך אָפּגעשטעלט, זיך אַרומגענומען מיט דובאַסאָוון, זיך געקושט מיט באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע סאָלדאַטן.

מע האָט זיך גענומען דראַפּען אַף די ברוכשטיקער: פונדאַנען האָט מען געקאָנט זען, צווישן די רויכן און פייערן, דעם רייכסטאַג, איבער וועלכן ס'האָט געפלאַטערט די סאָוועטישע זיגערישע רויטע פאָן. שמיע, באָריסיוק און סידאָר דובאַסאָוו זיינען געשטאַנען אַף א באַרג שטיינער, געקוקט אַף דער פלאַטערדיקער רויטער פאָן, און ס'האָט זיך זיי געדאַכט, אַז זי וואַקסט אַרויס פון די פלאַמען, וואָס פלאַקערן איבער בערלין. אין שמיעס אויגן זיינען געשטאַנען טרערן פון פרייד און פון צאַר.

— גוואַרדיע לייטענאַנט, — האָט זיך שמיע מיטאַמאָל געווענדט צו באָריסיוקן, — בא מיר אַרבעט ניט די האַנט... נעמ א שטיקל פּאַפּיר און שרייב אָן נאַטשאַלסטווע, מע זאָל דעם זון ברענגען צו קווורע אַף אונדזער ערד...

— זאָרג ניט, סטאַרינאַ, — באָריסיוק איז צוגעגאַנגען האַרט צו שמיען און אַרופגעלייגט אים די האַנט אַפן אַקסל. — ער האָט דיך, פּאַפּאַשאַ, דערמאָנט אין די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן, ער האָט אויך פאַרזאָגט, מע זאָל אים באַהאַלטן אין אונדזער ערד, זיין צוואָע וועט מען אויספילן, איך האָב שוין איבערגעגעבן...

איוואַן באָריסיוק האָט מיט די שוואַרצע אויסגעשמירטע דלאָניעס פאַרשטעלט די אויגן, פונקט ווי דאָס האָט געטאָן שמיע און סידאָר דובאַסאָוו.

מיט געזאַנג און געלעכטער, מיט פרייד און שטאָלץ זיינען רוסישע סאָלדאַטן פאַרביי־געגאַנגען צום רייכסטאַג. די אַרטילעריסטן האָבן זיך גלייך אומגעקערט צוריקגעצויגן, ניט געוואָלט פאַרשטערן די גרויסע סימכע, ניט געוואָלט, אַז די דייטשן, וואָס האָבן זיך געשלעפט אין אומענדלעכע קאָלאָנעס צו די זאַמל־פונקטן פון די געפאַנגענע, זאָלן זען, ווי עס טרויערן רוסישע סאָלדאַטן.

ערנעצ דאָ ניט ווײַט האָבנ זיכ צעשפּילט די האַרמאָניסטנ אונ גע־מאָלדנ, דער פֿאָלק זאָל זיכ גרייטנ אינ וועג אַרײַנ.

עמעצער האָט געבראַכט צו טראָגנ אַנ עמער וואַסער אונ אָוועקגע־שטעלט לעבנ שמײַענ. ער האָט זיכ אָנגעבויגנ, זשעדנע געטרונקענ דאָס קאַלטע מעכײַעדיקע וואַסער אונ געבעטנ דובאָסאָוונ דערלאַנגענ אַ האַנ־טעכ אונ אים אופגיסנ.

אינ אַלע זײַטנ האָבנ זיכ צעשפּילט האַרמאָשקעס, אונ עס האָבנ זיכ דערהערט רוסישע לידער. אַפ די צעמאָזאיקטע באַלקאָנענ, אַפ די פּלויטנ זײַנענ געהאָנגענ ווײַסע פֿענדלעכ.

שמײַע איז געגאַנגענ, טיפ פֿאַרטאָנ אינ זײַנע שווערע מאַכשאָווֹעס, אונ זעלטנ־ווענ אַפּגעהויבנ דעמ בליק.

— פּאַפּאַשאַ, קוק זיכ גוט אײַנ אינ דער שטאָט, — האָט איוואַנ באָריסיוק צו אים אַ זאָג געטאָנ, — אַז דו וועסט קומענ אַהיימ, דאַרפֿ־סטו האָבנ וואָס צו דערציילנ.

— פֿאַר דעמ זאָלסטו זיכ ניט זאָרגנ, — האָט זיכ אָנגערופֿנ שמײַע, — איכ וועל שוינ האָבנ וואָס צו דערציילנ קינדס־קינדער... אונ די שטאָט? — האָט ער אַ מאַכ געטאָנ מיט דער האַנט, — ניטאָ אַפ וואָס צו קוקנ... איינ אָרט געפֿעלט מיר דאָ, מער גאָרניט, — ער האָט אופגעהויבנ די אויגנ צומ רײַכסטאַג אונ באַוויזנ מיטנ פֿינגער אַפּנ דאַכ, וווּ עס האָט געפֿלאַטערט די פֿאָנ פֿונ זיג. — ס'איז דאָס איינציקע ווינקל אינ דײַטשלאַנד, וואָס געפֿעלט מיר...

אונטער די אַלטע ביימער, ניט ווײַט פֿונ די בראַנדענבורגער טוי־ערנ, האָט מענ זיכ אויסגעלייגט אַפּנ גרינעמ גראָז צוואַרטנ, ביז עס וועלנ אונטערקומענ אַלע באַטאַליאָנענ אונ באַטאַריעס. די זונ איז אופגעגאַנגענ, אונ שמײַע האָט אַראָפּגעשלעפּט די פֿאַרשטויבטע שטיול אונ אויסגעהאָנגענ אַפ די צווײַגנ טריקענענ די נאַסע אָנעטשעס.

די גאַסנ אונ דער ברוק זײַנענ שוינ געווענ פֿאַרפּלייצט מיט סאָל־דאַטנ אונ אָפֿיצערנ, מאַשינעס אונ פֿורנ. אַרומ אונ אַרומ האָט גע־קלונגענ דאָס רוסישע וואָרט אונ געלעכטער. אַפ די סטויפּעס אונ בײַ־מער, אַפ די ראָגנ פֿונ גאַסנ האָבנ די ראַדיסטנ אופגעהאָנגענ הויכ־רײדער, אונ פֿונ מאָסקווע האָט זיכ אַהער דערטראָגנ די גרויסע פֿרייד, דאָס וואָרט פֿונעמ פֿירער, וואָס האָט אינ דעמ שיינעמ פֿרילינג־באַגי־נענ באַגריסט זײַנע קריגער, זײַנ לאַנד, זײַנ פֿאָלק מיטנ גרויסנ יאָמטעוו, מיטנ פֿאַלנ פֿונ בערלינ.

פֿונ די קעלערס אונ באַהעלטענישנ זײַנענ אַרויסגעקראָכנ אַלצ נײַע אונ נײַע כאָפּטעס דײַטשנ. ווער ס'איז געגאַנגענ אינ מיליטערישנ, האָט

זיכ געלאָזט צו די פּלעצער, וווּ עס האָבנ זיכ געזאַמלט די געפֿאַנגענע. צווילע דײַטשנ האָבנ געזעענ, אַז קײנער טשעפּעט זײ ניט, איז מענ מיט די ווײַסע שמאַטעס אַפֿ די אַרבל — דער סימענ פֿונ קאַפּיטוליאַציע — צוגעגאַנגענ נעענטער צו די רוסישע סאָלדאַטנ, געבעטנ אַ שטיקל ברויט, אַ ציגאַר... עפּשער דאַרפֿ מענ עמעצנ פֿירנ באַווײַזנ די שטאָט, די גאַסנ? ביטע, מע קאָנ באַגלײטנ די הערנ רוסנ צו אונטער־דענ־לינדענ, צו פֿרידריכ־שטראַסע.

סידאָר דובאָסאָוו האָט זיכ אײַנגעקוקט אײנעמ לאַנגנ אויסגעטריקנטנ דײַטש מיטנ געלנ קאָפּ האָר אונ מיט אַ כאַניפֿע־שמײכעלע אַפֿנ פּאָנעמ, וועלכער האָט געבאַלעשט מאַמעש אַ טויווע טאָנ די רוסנ.

— פּריצ, — האָט ער זיכ צו אימ אָנגערופֿנ, — מיר דאַרפֿנ ניט קײנ באַגלײטער, מיר האָבנ צו אײַכ קײנ בערלינ געטראָפֿנ אָנ אַנ אונטער־פֿירער.

די אַרטילעריסטנ האָבנ געלאַכט, אונ דער דײַטש האָט זיכ פֿאַרקרימט.

— דו ווילסט אונדז באַווײַזנ די שטאָט? — האָט ניט אויסגעהאַלטנ דער לײטענאַנט באָריסיוק, — האָסט דענ פֿאַרגעסנ, אַז דער רוסישער סאָלדאַט איז שוינ אַמאָל געווענ אינ בערלינ. די שליסלענ פֿונ אײַער שטאָט ליגנ אינ מאָסקווע, אינ מוזײ...

דערזענ, ווי די רוסישע סאָלדאַטנ רײדנ אַזוי פֿרײַדלעכ מיט די בערלינער אײַנוווינער אונ גיבנ זײ נאָכ ברויט אונ פּאַפּיראָסנ, איז אַהער צוגעגאַנגענ אַ גאַנצ העדל מאַנצבלענ אונ פֿרויענ צולײגנ אַנ אויער. עפּעס אַ קלײנוווּקסיקער, דיקער דײַטש מיט רויטע פּאַרקיסנעטע אויגנ, מיט אַ גראָבנ ציבעק צווישנ די פֿאַרגעלטע צײנ, אינ אַ קורצ געלבלעכ אונ צעקנײטשט רעקל, אַפֿ וועלכנ עס האָבנ זיכ אָנגעזעענ סימאָנימ פֿונ אָפּגעשרויפֿטע היטלערישע בלעכלעכ, האָט מיט פֿאַרוווּנדערונג באַטראַכט די מעכטיקע רוסישע האַרמאַטנ. דערזענ די „קאַטיושעס", איז ער אינגאַנצנ געוואָרנ געפּלעפֿט, אונ די קלײנע פֿאַרלאָפֿענע אײגלעכ האָבנ זיכ צעשמײכלט:

— אײַ, גוט, רוס, — האָט ער געשאָקלט מיטנ קאָפּ, אונ מע האָט ניט געקאָנט וויסנ, וואָס איז גוט, — צי דער רוס, צי די האַרמאַטנ, צי דאָס שטיק ברויט, וואָס אַ סאָלדאַט האָט אימ דערלאַנגט.

— וואָס איז דיר געפֿעלנ געוואָרנ? — האָט שמײַע זיכ אויפֿגעהויבנ פֿונעמ אָרט, איז צוגעגאַנגענ אונ דורכדרינגלעכ זיכ אײַנגעקוקט אײנעמ דיקנ דײַטש.

— רוסיש געווער איז גוט... — האָט זיכ אָנגערופֿנ דער דײַטש. — איכ בינ אַנ אַלטער זאָלדאַט, נאָכ פֿונעמ ערשטנ קריג... ניכט גוט פֿירנ

קריג מיטן רוס, — האָט ער, ריידנדיק, געשפּריצט מיט סלינע אין פּאָנעם, און סאָלדאַטן האָבן זיך אָפּגערוקט פון אים.

— איך האָב אײַך געזאָגט, — האָט דער געלער פאַרגעזעצט, — דײַטשלאַנד וועט דעם קריג פאַרשפּילן... ווען מיר גייען צוזאַמען מיט ענגלאַנד און אַמעריקע...

דער דײַטש האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און איז אָפּגעגאַנגען אין אַ זײַט. נאָר, באַגעגנט זיך מיט די בייזע בליקן פון די סאָלדאַטן, איז ער פּלוצלינג צוגעגאַנגען צו שמײַען און מיטן געמאַכטן שמייכעלע צוגעגעבן: — איצט וועט שוין דער דײַטש ווערן קליגער, דער דײַטש מוז צוזאַמען מיט רוסלאַנד, — האָט ער געוויזן אַף די האַרמאַטן, — גוטע האַרמאַטן...

צווישן די דײַטשן האָט זיך אָנגעהויבן אַ קריגערײַ. זיי האָבן שיִער ניט צעפּאַטשט דעם געלן, לעמײַ ער רעדט נאָך וועגן מילכאָמע. שמײַע איז גרייט געווען דערשטיקן אים. קוים באַהערשנדיק זיך, איז ער אַרויס פונעם רעדל און גענומען אָפּטרייסלען דעם שטויב פון זײַנע קליידער. דער דיקער געלער דײַטש האָט כיטרע אָנגעקוקט דעם אַלטן, צעבייזערטן סאָלדאַט, און פלינק אַרויסגעכאַפּט פון דער קעשענע אַ קליין בערשטעלע, צוגעלאָפן צו אים און גענומען אים בערשטלען.

— דער רוס וועט געבן סיגאַרעטן... איך וועל גוט אויסבערשטלען... — האָט דער געלער מיט אימפּעט זיך גענומען צו דער אַרבעט. שמײַע האָט אים פון זיך אָפּגעשטויסן:

— גיי אַוועק, פּריץ! טראָג זיך אָפּ און ברענג מיך ניט אַרויס פון די כּיילים...

דער דײַטש האָט זיך אײַנגעבויגן, עפּעס אַ בורטשע געטאָן אונטער דער נאָז און זיך שנעל אָפּגעטראָגן אין שטאָט אַרײַן.

עס זײַנען געקומען די קיכן, און די סאָלדאַטן האָבן זיך געזעצט אונטער די ביימער עסן. מע האָט זיך ניט באַוויזן אַרומקוקן, ווי עס זײַנען אַהער אָנגעגאַנגען אויסגעהונגערטע קינדער, פרויען. זיי האָבן מיט קינע געקוקט אַף די קעסלען און אַרײַנגעשמעקט די געשמאַקע רייכעס פון די געקעכטסן. דער קעכער האָט צוגעטראָגן דעם גוואַרדיע עלטערן סערזשאַנט אַ קעסעלע פעטן באָרשטש, אַ האַלב ברויט, פלייש, נאָר ער האָט זיך איצט ניט געקאָנט צורירן צום עסן. קוקנדיק אַף די אויסגעהונגערטע קינדער, האָט ער צוגערופן עטלעכע מיידעלעך און יינגעלעך, זיי אַוועקגעזעצט לעבן זיך און צעטיילט צווישן זיי דאָס עסן. דאָס זעלבע האָבן געטאָן אויך אַנדערע סאָלדאַטן.

— גוואַרדיע עלטערער סערזשאַנט, — איז צוגעגאַנגען דובאַסאָוו

אונ זיכ צוגעזעצט לעבנ גוטנ־ברודער, — פארוואָס עסטו ניט? האָסט דאָכ זיי אלצ אוועקגעגעבנ...

— איכ קאָנ ניט זענ קיינ הונגעריקע קינדער... — האָט דער אל־טער א זאָג געטאָנ אונ זיכ פארצויגנ מיטנ ציגאר.

סידאָר דובאסאָוו האָט א פּאָר רעגעס געגעסנ, נאָכדעמ האָט ער אוועקגעלייגט דעמ לעפל אינ א זײַט, אונ אָנבייגנדיק זיכ צו שמײַען, ווי ער וואָלט אימ אײַנגערוימט א סאָד, געזאָגט:

— זייערע טאטעס האָבנ דאָכ דײַנ זונ דערהארגעט, אונדז אלע גע־וואָלט פונ דער וועלט אומברענגענ...

— איכ ווייס... — האָט שמײַע שווער אָפּגעזיפצט, — איכ האָב גערעכנט, אז ווענ איכ וועל ארײַנ אינ בערלינ, וועל איכ קיינעמ פונ זיי ניט שאנעווענ, נאָר די קינדער זײַנענ ניט שולדיק... מיר זײַנענ ניט קיינ דײַטשנ...

איבערנ ברייטנ טראקט, איבער אלע וועגנ איז געגאנגענ מיליטער דערשלאָגנ די לעצטע דײַטשישע פּאָלקנ, וואָס האָבנ נאָכ אינ איינִיקע וועלדער געשטעלט א ווידערשטאנד. די שטאָט איז נאָכ אלצ געווענ אײַנ־געהילט אינ א מוירעדיקנ רויכ. פײַער־צינגער האָבנ זיכ געהויבנ צומ הימל, זיכ געשפּרייט איבער די ווענט פונעמ אײַנגעהויקערטנ אונ צע־מאזיקטנ דײַכסטאג, איבער דעמ צעשאָסענעמ בראנדענבורגער טויער, איבער דעמ קאלעמוטנעמ טײַכל שפּרעע מיט די אופגעריסענע בריקנ...

שמײַע האָט זיכ אײַנגעקוקט אינ די רוינעס, אינ די סטארטשענ־דיקע פאררייכערטע ווענט פונ די בערלינער גאסנ אונ זיכ אָנגערופנ צו דובאסאָוונ:

— דו ווייסט, סידאָר, עטלעכע כורוועס וואָלט מענ באדארפט אי־בערלאָזנ דאָ אינ שטאָט, זיי זאָלנ זײַנ א וואָרענונג פאר די, וואָס וועלנ וועלנ פארגעסנ ווי מיר האָבנ זיי געשלאָגנ... האָסט געהערט, וואָס דער געלער דײַטש מיטנ בערשטל פּלאנעוועט שוינ וועגנ א נײַער מילכאָמע... איז זאָלנ טאקע אזוי בלײַבנ שטיינ אָט די כורוועס דאָ, אינ בערלינ, אונ ווער עס וועט אמאָל א טראכט טאָנ אָנ־הייבנ א נײַע מילכאָמע מיט רוסלאנד, זאָל ער זיכ מאטריעכ זײַנ אונ א קוק טאָנ אפ זיי.

סידאָר דובאסאָוו אונ אלע ארטילעריסטנ, וואָס זײַנענ געזעסנ אפנ גראָז, האָבנ אויסגעשאָסנ א פריילעכנ געלעכטער, וואָס האָט זיכ פאר־לוירנ אינ דער רוסישער ליד, וועלכע האָט זיכ געטראָגנ פונ די ראדיאָ־הויכריידערס אונ זיכ געשפּרייט איבער דער באזיגטער שטאָט.

פונעם בערלינער וואָקזאַל, וואָס איז געלעגנ אינ רויִנענ, איז גאַנצ-פרי אָפגעגאַנגענ דער ערשטער עשעלאָנ דעמאָביליזירטע צוריק אַהיים. דער גאַנצער אַרום איז געווענ פאַרפולט מיט הילכיקע קלאַנגענ פונ מיליטערישע אָרקעסטערס. דער צוג איז געווענ אַנ אומגעווייִנלעכער: די וואַגאָנענ אונ דער לאָקאָמאָטיוו זײַנענ געווענ באַצירט מיט רויטע פאָנענ אונ בלומענ. עס זײַנענ אַהער געקומענ גענעראַלנ, סאָלדאַטנ, אָפי-צערנ אַרויסבאַגלייטנ זייערע בעסטע מילכאָמע-פרײַנט, מיט וועלכע מע האָט דורכגעמאַכט אַזאַ גרויסנ, שווערנ אונ הערלעכנ וועג.

שמײַע איז געשטאַנענ באַם פענצטער פונ וואַגאָנ אונ געמאַכט מיט דער האַנט, זיכ געזעגנט מיט זײַנע שלאַכט-פרײַנט, געפרווט אינ דעמ גרויסנ טומל כאַפנ די לעצטע ווערטער, וואָס מע וויל אים נאָכ זאָגנ, אָפנ וועג. זײַנע אויגנ האָבנ געשײַנט. ער האָט ניט געוואָלט איצט קיינ טרערנ, נאָר זיי זײַנענ אומגעבעטענע גערונענ איבער זײַנ פאַרברוינט, אויסגעהאַרעוועט פּאָנעם, וואָס האָט איצט, אונטער די זונ-שטראַלנ, אויסגעזענ מיד אונ היימיש-פאַרזאָרגט. די גאַנצע ברוסט האָט בײַ אים שעמערירט מיט שלאַכט-מעדאַלנ אונ סאָלדאַטיש-פאַרדינטע אָרדענס.

דער וואָקזאַל מיטנ אוילעמ באַגלייטער איז שוינ לאַנג פאַרשווונדנ פונ זײַנע אויגנ, אונ ער איז נאָכ אַלצ געזעסנ באַם פענצטער אַ פאַר-טראַכטער, געקוקט אַפ דער גרינער, ניט-פאַרזייטער אונ מיט ווילדגראָז באַוואַקסענער ערד. אַפ יעדנ טריט אונ שריט האָבנ געשטעקט בלינדאַזשנ, דאָטנ, דזאָטנ, אָקאָפעס, ברוסטווערנ מיט אופגעריסענע דראָט-פאַרצוימונגענ. עס האָט זיכ געדוכט, די גאַנצע ערד איז איבערגעאַקערט פונ סנאַריאַדנ אונ מינעס. די וועגנ אונ שטעגנ זײַנענ פול פאַרוואַלגערט מיט ברוכשטיקער פונ טאַנקענ, האַרמאַטנ, פורנ, אַעראָפלאַנענ מיט גרויסע שוואַרצע האַקנקרייצנ.

דער צוג איז שנעל געפלויגנ איבער אָט די פרעמדע, אומהיימלעכע פעלדער, אונ סאָלדאַטנ האָבנ גערעדט וועגנ אַנדערע פעלדער, וועגנ אייגענע מענטשנ, וועגנ פרויענ אונ קינדער, וועגנ שטעט אונ דערפער, וואָס וואַרטנ אַפ זיי.

אינ איינעמ פונ די שיינע רוסישע סאָפ-זומער-טעג, האָט זיכ דער צוג אָפגעשטעלט אינמיטנ סטעפ אַפ אַ פּאָלוסטאַנאָק, אונ ס'איז אַרויס-געגאַנגענ פונ וואַגאָנ אַנ עלטערער סאָלדאַט מיט אַנ אונטערגעבונדענער האַנט אונ אַ סאָלדאַטסקע זעקל אַפ די פלייצעס. ער האָט ניט באַוויזנ זיכ אַרומקוקנ, ווי עס האָבנ זיכ צו אים אַ לאָז געטאָנ מיט אַ טומל אונ גע-ליאַרעמ קאָלאָניסטנ. אינ דער זײַט איז געשטאַנענ אַ שוואַרצכיינעוודיקע פרוי מיט באַזילבערטע האָר, וואָס האָבנ זיכ אַרויסגערוקט אַפנ שטערנ

פֿון אונטערן געקווייטלטן קאָפּ־טיכל. אין אירע אויגן האָבן אַקעגן דער זון געגלאַנצט טרערן, זי האָט פֿון גליק ניט געקאָנט אויסריידן קיין וואָרט.

— רייזל, האַ, רייזל, וואָס זשע שטייסטו בײַ דער זײַט? — איז שמעיע צוגעגאַנגען און אַרומגענומען זײַן פֿרוי, מיט וועלכער ער האָט זיך העכער פֿיר יאָר ניט געזען. — שלוימע אָוורוצקי, מע לעבט, האַ? גראָוולעך געוואָרן, טײַערער...

ס'איז צוגעפֿאָרן אַ פֿראַכט־מאַשין, און די קאָלאָניסטן מיטן גאַסט האָבן זיך אָוועקגעטראָגן מיטן אומענדלעכן בערסאַנער סטעפּ. די מאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט אין אַ באַרעוו דערפֿל לעבן אַ קליין ערד־שטיבל. דאָס האָט רייזל אויסגעגראָבן פֿאַר זיך מיט די קינדער אַ וווינונג, ווען זי האָט זיך אומגעקערט פֿון דער עוואַקואַציע און געטראָפֿן אַנשטאָט דער שטוב אַ קופּע אַש. דער אַלטער סאָלדאַט איז אַראָפּגעקראָכן פֿון דער מאַשין, זיך אײַנגעקוקט אין די סטאַרטשענדיקע קוימענס פֿון געברענטע הײַזער, אין די הורבעס ערד, ליים, שטיינער, אין די קליינע ערדשטיבלעך, וווּ עס האָבן זיך ווי־ניט־ווי אײַנגעאָרדנט די קאָלווירטניקעס. טרערן האָבן זיך אים געשטעלט אין האַלדז, נאָר ער האָט זיך געסטאַרעט זיי אײַנהאַלטן. ער איז געשטאַנען לעבן זײַן נאָכלע, אַרומגענומען די קינדער, וואָס ער האָט שוין קוים דערקענט. פֿון אַלע זײַטן זײַנען אַהער געלאָפֿן באַקאַנטע, נאָענטע אים באַגריסן.

עמעצער פֿון די ווײַבער האָט זיך צעוויינט אויף אַ קול, באַווײַזנדיק שמעיען פֿונדערווײַטנס אויף דער באַלקע, וווּ דער דײַטש האָט אויסגעקוילעט די איבערגעבליבענע זקנים, פֿרויען און קינדער פֿון דער קאָלאָניע. שמעיע האָט זיך גענומען אין די הענט, ער האָט טיף אָפּגעעטעמט און אַ קאָמאַנדעווע געטאָן:

— אַנו, ווישט אַלע אויס די אויגן! איך זאָל קיין טרערן ניט זען!.. מיר זײַנען אַלע פֿון טויט לעבעדיק. איר וואָלט געדאַרפֿט אַ קוק טאָן אויף זייער בערלין, אויף זיי אַליין, וואָס פֿאַר אַ פּנים זיי האָבן איצט... די באַנדיטן האָבן אונדז געוואָלט אײַנעמען? האָבן זיי שוין אײַנגענומען אַ מיסע־מעשונע. זיי וועלן שוין פֿאַרזאָגן קינדס־קינדער... פֿאַרשעמט ניט די געפֿאַלענע, שכייניִם! די ערד איז אינדזערע געבליבן? דאָס פֿאָלק לעבט? אונדזער ראַטנמאַכט לעבט? דער באַוווּסטער סטאַלין איז מיט אונדז — וועט אַלץ זײַן גוט. ווי זאָגט מען: אַבי די ביינער זײַנען גאַנץ, פֿלייש וועט שוין אָנוואַקסן...

שמעיע האָט אָפּגעטרייסלט פֿון זיך דעם שטויב, אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון די אַקסלען זײַן סאָלדאַטסקע זעקל, און דאָס ערשטע מאָל פֿאַר

אזויפיל יאָרנ זיכ אײַנגעוואַשנ מיט היימישנ וואַסער. רייזל האָט ארויס־געטראָגנ פונעמ ערדשטיבל א טישטעכ אונ אימ אויסגעשפּרייט אפנ גרינעמ גראָז. ער האָט ניט באַמערקט, ווי עס האָבנ זיכ געיאָוועט עטלעכע קריגלעכ מיט רויטנ יונגנ ווײַנ, ברויט, זאַלצ אונ א שטיקל דאַרע קעז. פונ אלע ערדשטיבלעכ אונ צעמאַזיקטע הײַזלעכ האָבנ קאָלווירטניקעס, סאָלדאַטקעס, וואָס האָבנ געוואַרט אפ זייערע מענער, געטראָגנ אהער, וואָס מע האָט נאָר געקענט, אונ מע האָט זיכ אויסגעזעצט אפנ גראָז צו דער סודע.

— נו, שמײַע־לעבנ, — האָט זיכ אָנגערופנ א שײַנעגדיקער שלוימע אוורוצקי אונ דערלאַנגט זײַנ אלטנ פרײַנט א קוואָרט ווײַנ, — אז מיר האָבנ דערלעבט אָט דעמ גליקלעכנ טאָג, קומט דיר טאַקע דער ערשטער בעכער. דו האָסט אימ ערלעכ פאַרדינט בא אונדז...

— וואָס עפּעס מיר? נאָר איכ האָב פאַרדינט? נו, אונ איר, מײַנע טײַערע, האָט דענ ניט אונטערגעשטעלט א פּלייצע, מיר זאָלנ זיכ דאָ באַגעגענענ אפ אונדזער ערד? נאָר וואָס קאָנ איכ מיט אײַכ טאָנ? פונ א לעכאַימ זאָגט זיכ קיינ סאָלדאַט קיינמאָל ניט אָפּ, באַזונדערס מיט אזא קאָמפּאַניע. — שמײַע האָט זיכ א שפּיגל געטאָנ אינעמ לויטערנ ווײַנ, זיכ א רעגע ארומגעקוקט אפנ צעמאַזיקטנ, פאַרברענטנ דאָרף, אפ דעמ צעטאָפּטשעטנ, פאַרוואָקסענעמ ווײַנגאָרטנ אונ זיכ אָנגערופנ:

— דאָס וויסטע פאַשיסטל האָט אונדז צעבראָכנ א שײַנ לעבנ, נאָר מיר האָבנ אימ צעבראָכנ דעמ קאָפּ. מע דאַרפ ניט אראָפּפאַלנ בא זיכ. מיר וועלנ אפסנײַ פאַרפלאַנצנ אונדזער ווײַנגאָרטנ. ער וועט זיכ צעוואַקסנ נאָכ ברייטער אונ פּרעכטיקער אלע סאָנימ אפ צעפּיקעניש! ווײַבער, שכײניִמ, וואָס זע איכ? טרערנ? הערט אופ! פאַרשטערט ניט אונדזער סימכע. העכער די קעפּ! מיר זײַנענ מענטשנ מיט שטאַרקע פּלייצעס. ניט צומ ערשטנ מאָל הייבנ מיר אָנ פונעמ אָנהייב. לעכאַימ, טײַערע! לאָמיר אויסטרינקענ אונ ניט פאַטערנ קיינ איבעריקע צײַט. א וועלט מיט אַרבעט וואַרט אפ אונדז. לעכאַימ!

אינהאַלט

ערשטער טייל

	זײַט
שמײַע גאזלען קערט װעלטן	3
פון טויט לעבעדיק	17
דאָס שטעטל אין פלאַמען	23
אין װעג ארײַן	43
א שיף אָן א רודער	58
אונטערגעשטעלט א פּלייצע	72
צװישן פײַער און װאסער	89

צװייטער טייל

צװיי כאסענעס מיט א געט	93
קאָלאָניסטן אײַלן צו פּערעקאָפּ	100
דער קאָמאנדארם און דער בלעכער	109
אין א מאזלדיקער שאָ	128
נאכעס פון קינדער	137
נאכעס פון קינדער און פון דער װעלט	143
סע זידט װי אין א קעסל	151
װען ס'איז געקומען דער פרילינג	155
פיר סוידעס, װיאזוי מע לעבט הונדערט מיט צװאנציק יאָר	165

דריטער טייל

זײַ געזונט, היימ!	171
א מעלוכישער איניען	182
דער אומגליק אף די שליאכן	194
װילהעלם טיטקע הוליעט אף אוקראינע	204
צװישן מענטשן און כײַעס	210
צוריק צװישן אייגענע	222
די פאָן פונעם פאָלק	230
אף לעבן און אף טויט	239
אייגער פון דער גרויסער מישפּאָכע	260
אין דער פרעמד	265
צוריק אהיימ	272

Г. ПОЛЯНКЕР

ШМАЯ РАЗБОЙНИК

(на еврейском яз.)

Редактор *Н. Левин.* Художник *А. Кобрин.* Техред. *А. Кантор.*

Подписано к печати 25/VI-48 г. Б 00236, Печ. л. 18. Уч.-изд. л. 14,55.
Формат бум. 84х108$^{1}/_{32}$ Тир. 5.000 экз. Зак. 45.

Типография Госиздательства „Дер Эмес", Москва, Старопанский пер., 1.